STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07538

KULTUR-TREGER FUN DER IDISHER LITURGYE

Elias Zaludkowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קולטור־טרעגער
פון דער
אידישער ליטורגיע

היסטאריש־ביאגראפישער איבערבליק
איבער חזנות, חזנים און דיריזשארן

פון

אליהו זאלודקאווסקי

KULTURTRÄGER VON DER JÜDISCHEN LITURGIE

By E. ZALUDKOWSKI

Copyright in U. S. A.
1 9 3 0.

By Rev. Prof. Zaludkowski
Detroit Mich.

— אייגנטום פון מחבר —
נאכדרוק שטרייננ פארבאָטן.

Made in Poland

גערוידמעט

מיינע טייערע עלטערן

אין ליבע און אכטונג.

אינהאַלט ●

נאָמען:	זייט:
הקדמה	XV—XIII
א.	
אַבּעלאָוו יעקב משה	180—179
אבראַס יהושע	71— 67
אגוטש פּייוול	178—177
אדעלסמאַן איזידאָר	254
אומאַניער (זינגער) זלמן	82— 78
אייבעשיץ יצחק	241
אייבראַמסאָן נתן	253—252
אבראַמים	251
אלטשולער (יאָשע סלאָנימער)	133—130
אלטערמאַן הלל	252
אפּטער עקיבא	221
אלפערט יוסף	252
אירזשאַנסקי אהרן	243
אסטראָווסקי	251
איכט יצחק	253
אייזנשטאַט דוד	251
אלבעק לעאָ	252
אלבערט יעקב	254
אלעווסקי דוד	253
אראָנאָף מנחם מענדל	254
בּ.	
באַכמאַן יעקב	192—191
באַם שבתי	190
בויער יעקב	196
בירנבוים עדוארד	198—197
בירנבוים אברהם בער	205—203
בלוישטיין אברהם	117—115
בלומענטאַל ניסן	43— 39
בלומענטאַל איזידאָר	170—168
בלינדמאַן ירוחם (ירוחם הקטן)	144—143
בעהר אהרן	13— 11
בעהר אדאָלף	140—138
בעיבטשוק יהודא ליב	233
בערלין משה	235
בערנגרין הענאָך	128—126
בערנשטיין שמואל יצחק	230
בערנשטיין אברהם משה	255

נאָמען:	זייט:
ברון בצלאל	210—209
בערמאן צבי	177—176
בערמאן יעקב	256
בערקאָוויטש (קאלעכניק) אברהם	255
באי שלמה	255
באלאג מרדכי	259
ביימעל יעקב	257
בלייבערג בנימין	258—257
בלום אליהו	257
ברוידא משה יונה	259—258
בריא ישראל	259
ברייטמאן יעקב	259
בראכמאַן צבי הירש	260

ג.

נאָמען:	זייט:
גאדים (מינקאָווסקי) מאָטל	225
גאָטליב יעקב (יאנקל דער הייזעריגער)	182—180
גאָרדאָן ירמיהו	222
גאָלדבערג אליעזר	228
גאלדשטיין מאָלי	186
גאָלדשטיין יוסף	124—120
גוזמאן יעקב	236—235
גוטמאן בעלא	211
גערַאוויטש אליעזר	168—163
גראסמאן גדליהו	234
גרינוואלד (טורעקער) משה	217—216
גאָלדבערג יהושע	262
גורעוויטש דוד	261
גויכמאן טובי'	267—266
גאנגורסקי יהודה ליב	261
גאָטבעטער יוסף	267
גאָטליב אהרן דוב	264
גאָטליב יצחק	266—265
גאָלדערבערג אשר	265
גאָרדאָן משה דוב	268
גארעליק נחום שלמה	263—262
גיבליכמאן יוסף	261
גלאנץ ליב	263
גליקשטיין יצחק	265—264
גרינשפאן (שלום אנאניוער) שלמה	266
גלאזער שמואל	267
גויכבערג זאב וואָלף	268—267
גראלל יהושע מרדכי	268

ד.

נאָמען:	זייט:
דובאָווסקי שמעון	228
דונאַיעווסקי א.	240
דויטש מאָריץ	67— 63
דאָווידאָוויטש צבי	270—269
דארסקינד יעקב	269
דאָווידסאָן יעקב	270
דארפמאן מתתיהו	271
דזשייקאָבסאָן יוסף	271
דיינאף שמחה	271—270

נאָמען:	זייט:
ה.	
האסט מארקוס	140—141
האַלפּערן ישראל שמחה	189
האלפּעריז יצחק הירש	208
היימאַן מרדכי צבי	232
היימאַן יצחק	113—115
העפּטער פּישל	190
הארעוויץ אהרן	272
הארענשטיין אברהם	272
האפּמאַן בן ציון (אפּענדיק)	276—277
האלפּערן מ.	272—273
העללער יוסף	274
הענלע מאָריץ	274—275
העלד פּאול	273—274
הערשמאַן מרדכי	275—276
הערשמאַן שלמה	276
הירשאָוו יצחק	277—278
הילמאַן מיכל מרדכי	278
ו.	
וואדאק מאיר	124—126
וואָהלמאַן משה	231
וואָלף וויליאם	234
וואסילישקער שמואל משה	230
וואסילקאָווער מאָטל	221
וואסערצוג (לאָמזער) חיים	84 —87
וויינטרויב (קאשטאַן) שלמה	47 —49
וויינטרויב הירש	49 —53
וויינטרויב משה	187
וויים יעקב ל.	220—221
וויים גרשון	118—120
ווינקלער שלמה	82 —83
וועלש שמואל	226
וויינמאַן שמואל	240
וואהל הערמאַן	283
וואָלקאָמירסקי נחום	278
וואסילקאָווסקי יעקב ליב	279
וויגאָדאַ שמואל	282—283
ווילדער זאב וואָלף	281—282
ווינאָגראַדאָוו יוסף	283—284
ווייסער יהושע	279—281
וויים מרדכי	282
וואלמאַן גרשון	284
וויינמאן יעקב	284
וועוריק גדליהו	282
ז.	
זאנטאַג משה	240—241
זאסלאַווסקי קלמן	242
זאקהיים חנוך זונדל	226—227
זולצער שלמה	32 —39
זינגער יוסף	141—143
זיסקינד נתן יעקב	108—110
זעלעם שמחה ראובן	224—225
זאיעץ משה יהושע	295—296
זאלודקאָווסקי (נח לידער)	285—290
זאלודקאָווסקי שאול ברוך	290

נאָמען:	ז י י ט:
זאלודקאָווסקי אליהו	293—290
זאלודקאָווסקי יוסף סיני	293
זאלודקאָווסקי יעקב	294
זאנענקלאר יעקב	294
זארניצקי משה	297
זייפערט מאיר	295
זיידעמאַן שמעון	296
זילבערטס זאוול	297—296
ח.	
חארלאפ יצחק יעקב	238—237
חאינאָווסקי דוד מרדכי	220—217
חארלאָפ אברהם דובער	298
חאסמאן דוד	299
חגי בערל	299
ט.	
טאַלנער יאָסעלע	176—172
טאראספאָליער זוסיע	241
טינטער מאָריץ	155—153
טוירנער אהרן	300
טעפער יעקב	300
י.	
יפה ישראל	215
יאַקאָווקין	229—228
יארעצקי מאיר	32—30
יאסעלעוויטש גרשון	245—244
יאמפאָלסקי משה	301
יאסינאָווסקי פנחס	302—301

נאָמען:	ז י י ט:
יעלסקי יהודה ליב	302
יפה בן ציון	301
יאָקעלע חזן	190
כ.	
כהן יוסף צבי	213
ל.	
לאווי ישראל	21—18
לאכמאן יצחק	130—128
לאָדזער לייזערקע	222
לאצארום אדאָלף	186—185
לובלינער גבריאל זעליג	242
ליאָן אשר	18—15
ליכטענשטיין אברהם יעקב	30—27
ליפנער לייזערקע	221
לידער מאיר	216
ליובערער לוי	242
ליפשיץ (זאסלאווער) יוסף	221
לעוואנדאָווסקי לואים	77—71
לעווענשטאם מאקס	45—43
לאכמאן	302
ליפיץ לואים	304—303
ליפנער חיים ליב	305—304
לעוו משה	305
ליאָוו לעאָ	307—305
לעווין יוסף	303
לעוויט בנימין זרח	307
אברהם יוסף לעווינסקי	308—307

נאָמען:	זייט:
לעווינסאָן משה	309—308
לייבסאָן משה יהודה	310—309
מ.	
מאהר — מאהר	242
מאהר רפאל	225
מארגאָלים שמאי	225
מארקסאָן ארנאָלד	138—137
מארקברייטער קאָפּל	15 — 13
מאטעינקא נחום	209
מלאווער חיים הייקל	222
מאראגאווסקי (זיידל ראוונער)	311—310
מיכאַלאָווסקי ישראל	172—170
מינסקער סענדער	26 — 21
מינקאָווסקי פּנחס	203—201
מינקאָווסקי אברהם	224
מאסטאוו גרשון ברוך	237
מאררים שלמה צבי	312—311
מאכטענבערג מאיר	315
מאַלדאַווסקי בן ציון	318—317
מאָרגענשטערן יוסף	317—316
מוזיקאַנט אברהם	317
מייזעלס ישעיהו	316
מייסאָן יעקב	314
מיטעלבערג מ.	313—312
מילער יעקב	314—313
מילמאַן חיים	318
מעלאמעדאָוו רפאל	312

נאָמען:	זייט:
מענדעלעוויטש מנחם	314
מרגלית יעקב	316—315
מיסאָנדזשניק שבתי	313
נ.	
נאָוואקאָווסקי דוד	194—193
נאווארארדקער בערל	233—232
נאומבערג שמואל	63 — 60
ניעסוויזשעסקי (זיסל ראזשענויער)	187
נאָוויק אלעזר	319
ניימאן משה	319—318
ס.	
סטראשונסקי יואל דוד (דער ווילנער בעל הבית'ל)	60 — 53
סטראד יואל זעליג (פּינסקער)	214
סמארגאָנער זימל	232
ספּיוואק (ניסן בעלזער)	146—144
ספּיוואק (יאַנקל סאראקער)	184—182
סקאָבעליאָוו מאיר בער	229
סקידלער יעקב	223
סוועט	244
סאכער מרדכי	321—320
סאקאַלאָווסקי ליב	323
סטאַלניץ נתן	322—321
סיראטא גרשון	323—322
סיגעל שמואל ש.	320—319

נאמען:	זייט:
סימאנהאָף יעקב יוסף	324
סעקונדא שלום	322
ספעקטאָר אפרים	320

ע.

נאמען:	זייט:
עפשטיין יצחק	214—213
ערסלער אלכסנדר	246—245
עלמאן ברוך	324
עלפאנד אהרן	325—324

פ.

נאמען:	זייט:
פאגעלנעסט שמעון	223
פאניעוויעזשער שמחה	223
פאָליאקאָוו אברהם	209
פאפפער שלמה	135—133
פוקס דן	213—212
פיזא יוסף דר.	95—94
פיסאק מאיר	211—210
פיינזינגער יהושע	136—135
פיינזינגער יחזקאל	206
פיינזינגער אברהם	189
פערעלעס משה	101—95
פערלצווייג רפאל	243
פליוך שמואל	223
פראגער חנן	222
פראָהמאן יעקב	238
פראכטענבערג אברהם	239
פרידמאן שמואל אהרן	239
פרידמאן מאָריץ	104—101
פאדלובני אברהם	244
פרידמאן אהרן	325
פאָזנער מאיר	328—327
פאלאָנסקי משה	325
פאמין מאיר	329—328
פוקסמאן אהרן	326
פיינזינגער מרדכי	330—329
פישקעס יוסף חיים	327—326
פעסין מענדל	326
פערלמוטער יהודה	326
פרעס יעקב יהודה	327
פערלצווייג אשר	328
פוקס שלמה	329
פעלדין יוסף	330

צ.

נאמען:	זייט:
צמחזאָן שלום צבי	247—246
צעריני=שטייפמאן	208
ציעקאנאָווסקי אברהם אפרים	224

ק.

נאמען:	זייט:
קאזאווסקי	237
קאיזער אליהו	226
קאנהארד יעקב ליב	187
קאנטאָר מנחם נחום	226
קאנטאָר פנחס	240
קאפלאן מרדכי אייזיק	229
קאפלאן בנימין נח	205
קארלינער ברוך	216—215
קאקאש יוסף	188

נאמען:	זייט:
קארניצער ליפמאן אליהו	189
קארעצקי משה	231
קאריצער פּיניע	233
קאָנסטאַנטינער ברוך	222
קארטשמאראוו לעאָן	151—153
קוריטיאנסקי משה בער	206—207
קופּער ישראל	220
קוידענאָווער פּייוול	222
קירשנער עמנואל	199—200
קעסטען שלמה	46 —47
קעללערמאַן אלבערט	234
קראנהויז ברוך דוד	146—148
קנעבעלמאן	243
קאָוועצקי שמואל	333
קאזימירסקי ראובן	332—333
קאצמאַן יצחק שמואל	334
קאצמאַן דוד	334
קאַמענעצקי ברוך	336
קארניאל אלתר יחיאל	330—331
קאנטאָר אברהם	336
קווארטין זבולון	331—332
קויפמאַן שמואל	333
קוסעוויצקי משה	337
קימעל בנימין דוד	336
קירכנער יצחק	335—336
קסענדזאָווסקי שניאור	337—339
קעניגסאַן גרשון לפידות	335
קרומסקי דוד	334—335
קרעטשמאר אליהו	332

נאמען:	זייט:
קריץ אהרן	339

ר.

ראבינאָוויטש (באם) משה	224
ראבינאָוויטש האחים	236
ראגאוו משה	227—228
ראזאָווסקי ברוך ליב	148—149
ראזענטאַל הירש יוסף	184—185
ראזענטאַל זיסקינד	233
ראזענבערגער גבריאל	178—179
ראזענהויפּט מאָריץ	150—151
ראזומני אפרים זלמן	207—208
ראזענצווייג יהודה ליב	189
ראצמאַן אהרן	225
ראפּאָפּאָרט יוסף	237
רימאַן יעקב	242
ריסיינער אברהם	223
רייכענבאַך שמואל	188
ראבינאָוויטש בן ציון	343
ראבעץ שלמה	339
ראבינקאָוו	343
ראזענבלאט יוסף	339—340
ראפּאָפּאָרט יעקב	340—341
ראם מ.	344
רוטמאַן ארי' ליב	341—342
רויטמאַן דוד	342
רומשינסקי יוסף	344
רייכלין אליעזר דוד	343
רובין דוד	231

נאמען:	זייט:
ש.	
שאוועלזאָן (ישראל	
מינסקער)	221
שאפּירא ליב	223
שאר ברוך	88 —93
שאר מאיר	198—199
שאר אַברהם	233—234
שווארץ איזידאָר	195
שווארץ שלמה	188
שווארץ ישראל	232
שולזינגער (אָדעסער)	
בצלאל	67
שטאַבינסקי דוד	200
שטאַרק יוסף	188
שטיינבאך יוסף	188
שטרעליצקי (דודל	
בראָדער)	187
שטראמבערג יוסף	235
שעכטער שמעון	231
שעסטאַפּאָל וואָלף	111—113
שיינפעלד אדאָלף	104—105
שמערל נחמן	241
שלאָסבערג ליב	161—163
שלעזינגער זיגמונד	244
שנערב גרשון	105—107
שפּילאנסקי פּנחס	235
שפּירא אברהם	117—118
שפּיצבערג משה	206

נאמען:	זייט:
שערמאַן פּנחס	347—348
שקאָלניק יצחק	230
שקאָלניק שמואל	236
שקאָלניק דוד	347
שקלאָווער ניסן	215
שקודער ישראל יעקב	26 —27
שאולזאָן אפרים פישל	346
שאפּירא יוסף	346—347
שווארץ יעקב	351
שטיינבערג דוד משה	345—346
שעכאט אברהם	345
שאפּירא מנחם מענדל	349
שאפּירא יצחק ליב	349—350
שאפּירא חיים ליב	350
שטערנבערג יוסף	349
שיינפעלד יוסף	348
שווארצמאַן יוסף	348
שערמאַן אברהם יצחק	350—351

פּראָפעסיאָנעלע חזנות	
און איר אנטשטייאונג	1 —10
אַלטע — אָדער	
געפיל — חזנות —	11 —13
חזנים מיט ריזיגע שטימעם	
(צי מעג א חזן זיין א מסדר	
קדושין?)	156—161

הקדמה.

נאָך אין דער פריסטער יוגנט האָב איך זיך ארומגעטראגן מיט דער פראגע: צי וועט זיך ניט געפינען איינער, וועלכער וועט זיך באַמיען צו פאראייביגן די נעמען פון די יעניגע, וועלכע האָבן זייער גאנצן לעבן מקריב געווען פארן מקדש מעט, וועלכע האָבן אָן אויפהער געשאפן פאר דער סינאַגאָגאַלער ליטורגיע און געזוכט אוועקצושטעלן די עבודת הקודש אויף דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה?

איך האָב אָפט וועגן דעם געשמועסט (נאָך אין דער צייט ווען איך בין געווען חזן אין ווארשע) מיט מיין פארשטאָרבענעם חבר און פריינט אברהם בער בירנבוים ז"ל, איך בין אָפט ספעציעל געפאָרן קיין לאָדז אים צו זען און האָב געזוכט אים צו באאיינפלוסן, אז ער זאָל זיין דער „מתחיל", צוזאָגנדיג אים מיין הילף און שטיצע, איך וואָלט דאָס זיכער ביי אים געפועלט, איז אָבער די מלחמה געקומען און אונזער אויפגאבע צושטערט. זייענדיג אין ראסטאָוו האָב איך אָפט וועגן דעם גערעדט מיטן פארשטאָרבענעם חזן אליעזר גערא־וויטש ז"ל און אין 1915 בין איך וועגן דעמזעלבן ענין געפאָרן קיין ניקאָלאיעוו צו מיין חבר און פריינט, דעם בארימטן מוזיקער און די־ריזשאָר בצלאל ברון ז"ל און בין מיט אים צוזאמען געפאָרן קיין אָדעס. דאָרט האָבן מיר עטלאכע טעג וועגן דעם זיך מיישב געווען

מיט די פאַרשטאָרבענע חברים פּינחס מינקאָווסקי און דוד נאָוואַקאָוו־סקי ז״ל, ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז תּיכף ווי די מלחמה וועט זיך פאַרענדיגן, זאָל מען זיך דערצו נעמען.

ביני לביני זיינען די דערמאָנטע גדולי הדור אָפּגעשטאָרבן און הגם איך האָב אָנגעקליבן פאַר דער גאַנצער צייט א היפּשן מאַטער־יאַל, האָב איך אָבער (ניט דערוואַרטנדיג פון קיינעם קיין שטיצע און הילף), זיך כמעט מייאש געווען דערפון.

ווען איך בין אָבער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און האָב אָנ־געהויבן צו פאַרעפנטלאַכן פון צייט צו צייט אַרטיקלען אינם „מאָרגן זשורנאַל" אין ניו יאָרק און אינם „אידישן עקספּרעס" אין לאָנדאָן (איינגלאַנד) איבער חזנים און דיריזשאָרן, האָב איך אָנגעהויבן צו באַקומען צענדליגער בריף פון חזנים, רבנים, דיריזשאָרן און סתּם אוהבי נגינה מיטן פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן פון די דערמאָנטע אַר־טיקלען א ספּעציעלן בוך. דאָס האָט מיר געגעבן פרישן מוט, אָנצו־גיין מיט דער, שוין פון לאַנג געווינשטער, אַרבעט. איך האָב דעם גאַנצן אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל פאַנאַנדערגענומען און האָב טעג און נעכט דערויף געאַרבעט ביז איך האָב עס געבראַכט אין אָרדנונג.

א גרויסע הילף איז אויפן דערמאָנטן געביט פאַר מיר געווען דער בוך „לעבנסבילדער בערימטער קאַנטאָרען" פונם באַרימטן בער־לינער חזן־מוזיקער אהרן פרידמאַן, אויך א ריי אַרטיקלען: אין דער „עסטרייכיש־אונגאַרישער קאַנטאָרען צייטונג", אינם ; „איזראַעלי־טישן פאַמיליענבלאַט", א ריי נאָטיצן אינם ווילנער „פּנקס", אינם פּראַגער „פּנקס" ווי אויך פערזענלאַכע איינדרוקן פון א ריי באַ־רימטע חזנים און דיריזשאָרן און נאָך אַנדערע.

איך רוף דעם בוך אָן מיטן נאָמען „קולטור־טרעגער פון דער אידישער ליטורגיע", ווייל איך געפין, אַז אין אַלע צייטן זיינען חזנים

און דיריזשאָרן געווען די יעניגע, וועלכע האָבּן מיט זייער קונסט און אומדערמידלאכער קולטורעלער און מוזיקאַלישער ארבּעט דערהאַלטן די ליטורגיע בּיים לעבּן.

איך האָף, אז מיין דאָזיגע לאנגיאָריגע ארבּעט וועט זיכער גע-ווינען אלזייטיגע אנערקענונג.

א. זאלודקאָווסקי.

פראָפעסיאָנעלע חזנות און איר אנטשטייאונג.

I

חזנות פארנעמט, כידוע, אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור — באַזונדערס אינם אידישן ישוב פון די מזרח און מערב לענדער — א זייער אַנגעזעענעם אָרט.

ווענן דער אָפּשטאַמונג פון דעם וואָרט „חזן" זאָגן זיך די פּי־לאָלאָגן ארוים פארשיידנאַרטיג. דער תּלמוד באַצייכנט דעם וואָרט „חזן" פאר א שמש אין א שול, זיין פּלאַץ איז אויפן בימה, וואו ער פלעגט לייענען די תּורה און אַנדערע תּפלות, ער איז אויך געווען דער פאָרזאָגער אָדער אויסטיימשער פון די תּפלות (ירושלמי, ברכות ט', י"ב). אַנדערע, ווידער, מיינען, אַז דער וואָרט „חזן" שטאַמט פונם העברייאישן אויסדרוק „חזה", זען, ווייל ער האָט געדאַרפט אויפזען און אויפהאַלטן די אָרדנונג אין טעמפּל ביים גאָטעס־דינסט.

גרעץ זאָגט, אַז דער חזן איז געווען דער אויפזעער אויף די קינדער, אַז זיי זאָלן ריכטיג לייענען די תּורה, מיטן טראָפּ, מיט די פּסקי הטעמים, ער פלעגט אויך מאַכן די ברכות התּורה מיט די יעניגע, וואָס האָבן די ברכות ניט געקענט מאכן. ער איז אויך געווען אַן איבערזעצער ביים חכם, ווען דער חכם פלעגט זאָגן די דרשה פארן עולם, מיט זיין שוואכער שטימע, מיט דער תּלמודישער טער־

מינאָלאָגיע און שווערע העברייאישע און אראמישע אויסדרוקן, פלעגט דער חזן ארויסשרייען די גאנצע דרשה אויף דער פאלקס־שפראך, כדי דאָס פאָלק זאָל בעסער פארשטיין.

דאָקטאָר קאָהוט אין זיין „ערוך השלם" זאָגט, אז דער וואָרט „חזן" שטאַמט פון פערסישן וואָרט „גהאטא" (זאָגן). סמאָלענסקי ווידער זאָגט, אַז דאָס שטאַמט פונם וואָרט „חרזן", ווייל די חזנים האָבן אין מיטלאַלטער פארפאסט פיוטים און חרוזים, האָט מען זיי גערופן פיטנים און חרזנים, און פון חרזנים איז געוואָרן חזנים.

דער גרעסטער טייל היסטאָריקער אָבער האָבן אנערקענט, אַז „חזן" שטאַמט פון אסירישן וואָרט „האזאני", וואָס מיינט, פירער אָדער אויפזעער.

די ראָלע פונם חזן איז געוואָרן גאָר באזונדערס וויכטיג נאָכן חורבן בית המקדש, ווען אינם גלות האָט דאָס מקריב זיין קרבנות נים געקענט דורכגעפירט ווערן, זיינען פון די רבנים (סופרים) איינ־געפירט געוואָרן תפלות וואָס זאָלן פארבייטן די קרבנות. די דאָזיגע תפלות פלעגן פאָרגעזאָגט אָדער פאָרגעזונגען ווערן פון די חזנים, אַזוי, אַז די חזנים זיינען גאָר גיך באַליבט און פאָפולער געוואָרן מיט זיי־ער געזאנג ביים פאָלק, וואָס האָט אויך ארויסגערופן אַ ביסל קנאה פון די רבנים אויף די חזנים מתורגמנים, און האָבן זיך אָפט באַנוצט מיט פאָלגנדער פראזע: „טוב לשמוע גערת חכם, משמוע שיר כסילים"... (פון דאַנען נעמט זיך דאָס ווערטל: „חזנים זיינען נאַראָ־נים"...) אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ קאַמף צווישן דעם „דבר ד'" און „קול ד'", און וואָס מער די רבנים (סופרים) האָבן געפּריידיגט זייער תורה, אלץ מער האָט דאָס פאָלק ליב באַקומען די עבודה, אזוי ארום איז די עבודה דאַמאָלסט געשטאַנען פריער פאר תורה, „ובכל מעשה אשר החל, בעבודת בית האלקים, ובתורה ובמצוה לדרוש לאלקיו בכל לבבו, עשה והצליח" (דברי הימים ב', ל"א). די רבנים אָבער, האָבן געוואגט צו באַלערן, אַז תורה איז פריער פאר עבודה, „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות פרק א'). דאָס פאָלק איז אָבער געגאנגען נאָך זיינע ליבלינגען, די

חזנים, און ריכטיג האָט זיך אויסגעדריקט דער מחבר פונם „היה עם פיפיות". („עיני עמך בם תלויות, ועיניהם לך מיחלות"), די דאָזיגע שפּאַלטונג צווישן רבנים און פאָלק איבער די אייגנשאַפטן פון די חזנים, דויערט, לײדער, נאָך ביזן היינטיגן טאָג — די ערשטע ווילן אויסדריקלאַך זען אינם חזן, דעם רעליגיעזן שליח צבור, ווי דער רש"ל דריקט זיך אויס (חולין פרק א' ס. מט) אינם נאָמען פון „טור", „חלילה להיות מלאכת השם אומנות או מטרה לראש", און איז דער־נאָך מוסיף און זאָגט, „אבל תרעומות, כי חזני הארץ הזאת, הם להנאתם, לשמע קולם הערב". אינם זעלביגן זינען, דריקן זיך אויך אוים כמעט אלע לעצטע פּוסקים און רבנים. דאָס פאָלק אָבער, וויל מ'זאָל אים זאָגן א שטיקל, מ'זאָל אים מאַכן וויינענדיג אָדער לאַכנ־דיג, און פאַר א גוטן זמרל פאַרגעסט ער אָפּט אָן אַלע רבנישע פּזמונים... די רבנים, פאַרשטייט זיך, האָבן פּראָטעסטירט און כמעט באַיקאָטירט די מוזיק, וואו זיי האָבן נאָר געקענט, „זמרא מנא לן דאסיר? — שרטט וכתב ליה: „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים" (גטין ח'), „משבטלה הסנהדרין, בטל השיר מבית המשתאות, שנאמר בשיר לא ישתו יין" (סוטה, מ"ח).

אויך נאָכן סידור פון רב עמרם גאון (אינם 9־טן יאָרהונדערט), ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז די ליטורגיע וואקסט מיט אירע פּזמונים, פּיוטים, שירים ורננים, האָבן זיי יעדער מאָל פּראָטעסטירט. דאָס פאָלק האָט זיי אָבער ניט געהערט.

דער ערשטער חזן, וועלכער האָט געשאַפן דעם נייעם פּיוט סטיל, איז געווען ר' אליעזר הקליר, וועלכער איז געווען חזן אָדער פּייטן אין יאָר 970 אינם שטעטל בארי אין איטאַליע. ער האָט (חוץ די ביז אים געשאַפענע פּיוטים, פּזמונים, גאולות, יוצרות, סליחות, הושענות, מאורות און נאָך אַנדערע) אויך באַרייכערט אונזער לי־טורגיע מיט נייע פאָרמען אין יוצר, קרובה, קינה, סליחה אופן און אַנדערע. נאָך אים זיינען ווערט, צווישן אַנדערע, צו דערמאָנען פאָלגנדע פּיטנים: ר' מאיר בר יצחק חזן אין וואָרמס (1060), מחבר פון „אַקדמות" אויף שבועות, ר' יוסף בר נתן ש"ץ דווירצבורג, ר'

יוסף בר יעקב אלקעלאי ש״ץ דסיציליא, ר׳ מרדכי בר שבתי ארוך חזן און סופר אין איטאַליע, אברהם בר יצחק בן משה החזן, ר׳ יצחק סאור (סוד) פון טולידא, שפּאַניע (1200), ר׳ משה הזקן, חזן און גרויסער געלערנטער אין 13־טן יאָרהונדערט אין לאָנדאָן, און נאָך אנדערע.

ס׳איז פון די שפּעטערדיגע כּדאַי צו דערמאָנען חזן סאַלאָמא ראסי פון מאַנטוא, איטאַליע, אין 16־טן יארהונדערט, וועלכער האָט פארפאסט אַ סך נייע געזאַנגען פאר דער ליטורגיע, אויך חזן און ראבינער לעאָן דע מודינא, פון ווענעציע, איטאַליע, דער מחבר פון דער תפלה „בת עמי לא תחשה״ פון יו״כ קטן.

בכלל אָבער איז ביזן 18־טן יארהונדערט חזנות געווען אַ תורה שבעל פה, און ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט איז געשאַפן געוואָרן א תורת חזנים שבכתב, דורך די גרויסע אקאדעמיש געבילדעטע חזנים, וועלכע האָבן די חזנות אַנטוויקלט צו א הויכער מדרגה פון קונסט און וויסנשאַפט.

II

נאָכדעם ווי מיר האָבן פארלאָרן אונזער נאַציאנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, האָט די אידישע מוזיק אָנגעהויבן אָפּצוריכטן גלות, צוזאמען מיטן אידישן פאָלק. די תלמודיסטן און רבנים האָבן די מוזיק גערודפט עד חרמה. „אוזנא דשמע זמרא תעקר״ (דער אויער וואָס הערט געזאַנג, זאָל אויסגעריסן ווערן). אמר רבא: זמרא בביתא, חורבא בסיפא (סוטה מ״ח). מיט איין וואָרט, — זינגען האָט ניט בלויז אופגעהערט צו זיין א קונסט, עס איז אויך געווען א פארברעך.

דאָס אידישע פאָלק אָבער, וואָס איז אינסטינקטיוו באגאבט פאר מוזיק, האָט זיך געבאָך געטוזט אליין קולטיווירן זיינע לידער און אויך זיינע פאָלקס־זינגערס. און זיין נאַטירלאכע ליבע צום געזאַנג

און צו דער מוזיק, האָט אינם פאָלק תמיד גובר געווען דעם פאַר־באָט פון די רבנים, ווייל די נאָטור לאָזט זיך, כידוע, ניט באַצווינגען.

די רבנים האָבן זיך באַנוגנט מיט תפלה אין זייערע קלויזן און בתי מדרשים. דאָס פאָלק אָבער, דער המון־עם, ביי זיי האָט די תפלה אָן רנה (געזאַנג) קיין שום טעם ניט געהאַט.

דאָרט אין די קלויזן און בתי מדרשים האָבן זיי זיך באַנוגנט מיטן נוסח התפלה, מיט די סקאַרבאָווע מעלאָדיעס וואָס די גאַנצע עדה האָט געזונגען פון אויסנווייניג, און די נוסחאות פון וועלכע מ'האָט ניט געטאָרט משנה זיין (צוואת רבי יהודה החסיד, ועוד כמה ספרי יראים), און הגם ווען ניט דער דאָזיגער בעל תפלה, מיט זיינע שטענדיגע מאָנאָטאָנע מעלאָדיעס, נוסחאות און שטייגער, וואָלטן מיר בכלל גאָר ניט געקענט האָבן קיין פרעטענזיעס אויף מראָדיציאָ־נעלע סינאַגאָגאַלע מעלאָדיעס און נגונים, אויף אייגענע אידישע מוזיק, אין דער אַלטער קלאַסישער צייט, איז אָבער דאָס ביסעלע זינגען געווען ווי א שטייענדיגער טייכל... (ניט אַהין און ניט אַהער)...

אין דער סינאַגאָגע אָבער האָט דער חזן אָדער דער ש"ץ דמתא, געמוזט יעדן גאָטעס־דינסט מיט עפּעס א נייעם ניגון אויפפרישן. זיין שטעלונג אַלס חזן האָט אים געצוואונגען צום דערמאָנטן ליבעראַ־ליזם אין דער מוזיק, און אָן דעם וואָלט ער אלס ש"ץ דמתא ניט גע־קענט אויפגענומען ווערן, ווייל דער וואָס האָט ניט געקענט אַליין עפּעס שאַפן און האָט געזונגען פרעמדס, איז גאָר ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, אָקעגן אָבער האָט דער חזן וואָס האָט אַליין קאָמ־פּאָנירט און ביי יעדער געלעגנהייט געשאַפן נייע זאַכן, באַקומען דעם טיטל „מחדש". אַזוי, אַז די גאַנצע מוזיקאַלישע קראַפט און באַגאַ־בונג פונם אידישן פאָלק איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דער שול, ווייל חוץ דער שול איז מוזיק, דאָמאָלסט אינם אַלגעמיינעם לעבן ניט דערלויבט געוואָרן, און אלע האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלאַכקייטן דעם גאָטעס־דינסט מיט שיינער מוזיק און געזאַנג צו באַפוצן.

ס'האָבן זיך אַזוי אַרום דערהאַלטן ביי אונז ביז איצט א סך שיינע מעלאָדיעס און נוסחאות, פאַר שבתים, ימים טובים, ימים

נוראים, תשעה באב, חנוכה, פורים, און אלץ צוליב זה אלי ואנוהו — התנאה לפניו במצוות (שבת קל"ג, נזיר דף ב').

אלע חכמי היופי, ווי: קאנט, שאָפּענהויער, לאצארוס, הענעל און אַנדערע, האָבן אָנגעשריבן גאנצע ביכער וועגן „הלכות יופי", וועגן די פארשענערונג פון דער רעליגיע, מיט צערעמאָניעס, פּלאַס-טיק, אַרכיטעקטור און נאָך אַנדערע זאכן, — זיי אַנטוויקלען אין זיי-ערע דערמאָנטע ווערק זייער אייגענע פילאָזאָפיע, טעאָריעס און מע-טאָדן. קומען זיי אָבער כמעט אלע צום באַשלוס, אַז דער צוועק פון דער פארשענערונג פון דער הייליגער מוזיק, פון דער עבודת אלקים, ביי אלע רעליגיעס, איז: צו פארטיימשן די הייליגע מליצה, וועלכע ווערט באַנוצט אין שול, און אויך אין אַלע אַנדערע קריסטליכע געבעט-הייזער, כדי דער המון-עם זאָל בעסער פארשטיין דעם אינ-האַלט פון טעקסט, זאָל פארנעמען בעסער די גרויסקייט פונם גלויבן, פון דער אמונה, זאָל ארויסרייסן זיך פון אלע ערדישע ליידנשאפטן, און זאָל פייאיג ווערן אָנצונעמען די געטלאכע אידייעס.

דאַריבער מאַקע מוז יעדער וואָס קאָמפּאנירט פארן גאָטעס-דינסט, זיך פארטיפן גאנץ רעליגיעז און שרייבן אין א געוויסער פאָרם וועלכע טראגט דעם נאָמען „קירכן סטיל" אָדער „סינאַגאָגען סטיל".

עס זיינען פאראן צוויי סאָרטן הייליגע געזאַנגען:

דער ערשטער איז — דער ליטורגישער געזאנג, און דער צוויי-טער — דער גייסטיגער געזאנג.

דער ערשטער איז א ספּעציפיש ריטועלער; דער צווייטער — אן אלגעמיינער. און אזוי ווי דער ערשטער איז אָבער באַגרעניצט פון דער צייט און פון דעם אָרט, אַזוי וויים ניט דער צווייטער ניט פון קיין צייט און ניט פונם אָרט.

בעת די ליטורגיע איז אָפּהייננגיג פון דער צייט, ווי למשל: איר קענט קיינמאָל, אין שול, ניט זאָגן איכהם אום שבועות, אָדער פאר-קערט, אקדמות אום תשעה באב. אלץ מוז געזאנט ווערן אין זיין צייט, — קענט איר אָבער גייסטיגע נגונים יע געברויכן צו יעדער צייט.

ווי אזוי זיינען אָבער געשאַפן געוואָרן די נגונים פאַרן שול? און ווי אַזוי זיינען חזנים געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע זינגער?

דער חזן איז, ווי היסטאָריש פעסטגעשטעלט, פון א שמש אָדער אויפזעער אין שול, געוואָרן שפּעטער דער פאָרזאָגער פון די תּפלות, און אָפט אויך א בעל קריאה, און, ניט ווילנדיג האָט ער אָנגעהויבן אונטערצוזינגען צוביסלאַך ביים דאַוונען אָדער ביים לייענען די תּורה, און פאָרזאָגנדיג די תּפלות מיט גרוים כונה און מיט אַ צע־וויטאָגט האַרץ פלעגט ער אַריינגיין אין אזא עקסטאַז, אַז ער פלעגט דערהויבן זיין שטימע און זיך פייערלאַך צוזינגען, און דערמיט אויס־דריקן די ערנסטע, אומעטיגע שטימונג פון זיינע שולחים, און די געמיינדעס האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז אַ חזן זאָל האָבן אַן אָנ־גענעמע שטימע, ווייל זאָגנדיג די תּפלות מיט אַ געשמאַקע שטימע און ספּעציעל אין די ימים נוראים, האָט זיך גאָר געשמאַקער און מיט מער התלהבות געדאַוונט.

ס'האָט זיך אזוי ארום אַנטוויקלט א געוויסער ניגון ביים דאַוו־נען, — מעלאָדיש זינגען אָבער האָט מען אָנגעהויבן ניט אין די תּפלות, נאָר אינם „מעביר זיין די סדרה", לייענען די הפטורה און לייענען די מגילות, צו וועלכע מ'האָט באַנוצט די טעמי הנגינה (טראָפּ), און צוזאַמען מיטן ניגון פונם טראָפּ האָט זיך אויך אינם פאַר־זאָגן פון די תּפלות אנטוויקלט א מין מוזיקאַלישע דעקלאַמאַציע (פון וועלכער ס'זיינען אנגב שפּעטער אַנטשטאַנען די סקאַרבאָווע טראַ־דיציאָנעלע נגונים). דורכן איינפירן דעם פּיוט, האָבן די חזנים אינם אָנהויב פונם מיטל־אַלטער אָנגעהויבן אַ סך צו זינגען ביים דאַוונען, ביי די שטיקער פּיוט האָט דער חזן געהאַט די מעגלאַכקייט זיך אָפּ־צושטעלן מיט נגונים און געזאַנגען, ווי זיין האַרץ און געדאַנק האָבן אים נאָר דיקטירט, ווייל די פּיוטים זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט פאַרן געזאַנג, ס'איז געווען אַ נייע זאַך... און ס'האָט קיינעם ניט געקימערט וואָס דער חזן טוט מיט זיי. פּיוט איז געווען דער שליסל פונם איינ־פירן פון דעם מעלאָדישן געזאַנג, און דער גרעסטער טייל חזנים פון יענער צייט זיינען אויך געווען רעליגיעזע דיכטער, פאַרפאַסער פונם

פיוט, און די דאָזיגע פּאָעטן־חזנים זיינען דאָס געווען די יעניגע, וועל־כע האָבן ניט בלויז מיט זייערע פּאָעמעס רייכער געמאַכט דעם דאַוו־נען, זיי האָבן אים אויך רייכער געמאכט מיט געזאנגען און מע־לאָדיעס, זיי האָבן פארפאסט ביידע זאכן — די פּאָעמע און די מוזיק.

די דערפינדונג פון בוך־דרוקעריי האָט אויך א סך צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פונם זינגערישן חזנות, ווייל כל זמן ס'איז קיין דרוק ניט געווען און ביכער האָבן געמוזט געשריבן ווערן מיטן האַנט, איז א סידור געווען א יקר המציאות, און די געמיינדע איז געווען אין גאנצן אָפּהייננגיג פונם חזן, וועלכער פלעגט פון זיין סידור זאָגן די תפלות און די גאנצע געמיינדע פלעגט נאָכזאָגן, און יעדע גע־מיינדע האָט געמוזט האָבן זייער חזן־פּאָרזאָגער.

נאָכדעם אָבער ווי דער דרוק איז דערפונדן געוואָרן און סדורים זיינען געוואָרן ביליג, האָט יעטווידער איד שוין געהאַט זיין סידור און מחזור, און איז שוין געוואָרן א זעלבסטשטענדיגער דאַוונער, און איז שוין ניט געווען אָפּהייננגיג פון חזן־פּארזאָגער, איז אינם חזנישן לעבן פארגעקומען אן אמתע צורודערונג, און זיין ראָלע אַלס „שליח צבור", אַלס פּאָרזאָגער פון די תפלות איז געוואָרן אן אויסגעשפּילטע, —האָט זיך דער חזן א נעם געטאָן צו מוזיק, צו אונטערהאַלטן דעם עולם מיט געזאַנג, און אונטערן איינפלוס פון דער דאַמאָלסדיגער ניי־ער צייט ווען נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אין גאנץ אייראָ־פּע, די מענטשהייט האָט זיך באפרייט פון די קייטן פון מיטל־אלטער און האָט זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן, האָבן די חזנים, נאָכן ביישפּיל פון די ארומוואנדערנדיגע איטאַליענישע זינגער (אויפגעגעבן אַלע זייערע אויפגאבן און פליכטן אין זייערע געמיינדעס), אָנגעהויבן ארומצופאָרן פון שטאָט צו שטאָט, געבנדיג זייערע דאַוונענס און קאָנצערטן מיט זייערע משוררים, פון וואָס עס האָט זיך, אגב, שוין דאַמאָלסט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער סינאַגאָגאַלער כאָר געזאַנג.

די איטאַליענישע שטעט ווענעציע און מאַדענא זיינען געווען

די ערשטע, וואו כאָר געזאַנג איז אין אָנהויב פונם 17־טן יאָרהונ־דערט איינגעפירט געוואָרן אין די שולן. די שטאָט פּראַג איז אינם דאָ־זיגן פּרט געגאַנגען נאָך ווייטער. מ'האָט אין דער נייער שול, (וועל־כע איז געבויט געוואָרן דורכן בארימטן נדבן רבי מרדכי מייזעל אין אר 1592), אריינגעשטעלט אן אָרגל און מ'האָט איינגעפירט כאָר־געזאַנג. און יעדן פרייטאָג אָוונט פלעגן געגעבן ווערן אין סינאַגאָגע רייכע קאָנצערטן. און אין יאר 1716 האָט מען אויך אין דער אַלט־נייער סינאַגאָגע אריינגעפירט אן אָרגל און מ'האָט אויך געגעבן קאָנ־צערטן אַלע פרייטאָג אָוונט. דאָסזעלבע האָט זיך אויך געגומען פּראַק־טיצירן אין א סך אַנדערע אידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד.

די פרומע אידן האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזעלכע קאָנצערטן ביים דאַוונען פון די חזנים מיט די משוררים, האָט אָבער דער המון עם, וועלכער פלעגט פון די דאָזיגע קאָנצערטן גרויס הנאה האָבן גע־זיגט אינם דאָזיגן פּרט, און פון אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט האָבן כמעט אַלע אידישע געמיינדעס אין מערב — און טיילווייז אויך אין מזרח־אייראָפּע, אויסגעהאַלטן על חשבון הקהל, ניט בלויז דעם חזן, נאָר אויך זיין „קאַפּעליע משוררים".

דער חזן איז אויך דער יעניגער, וועלכער האָט אין די פינסטע־רע יאָרן פון דעם לאַנגן גלות, הייליג אָפּגעהיט דעם פונק וואָס די לויים און נביאים פלעגן אינם פאָלק אָנצינדן, (דעם פונק פון ליבע צו דער פּאָעזיע פון דער מוזיקאַלישער קונסט), און האָט געזוכט מיט זיין געזאַנג דעם דאָזיגן פונק וואָס מער צו דערוואַרעמען, אז ער זאָל לייכטן וואָס מערער און אָנפילן די צווייטאָגטע אידישע הארץ מיט האָפנונג. און א דאַנק די חזנים האָט זיך דער דאָזיגער פונק נאָך דער עמאַנציפּאַציע אַנטוויקלט אין א גרויסע שיינענדיגע ליכטיגקייט און פונם ניצוץ איז געוואָרן א מאור גדול.

דאָס אידישע פאָלק האָט דערפאַר ארויסגעוויזן זיין דאַנקבאַר־קייט און אנערקענונג צו די חזנים, אלס ביישפּיל קען דינען דאָס איינאָרדנען פון די תפלות, אז ס'זאָל באַקוועם זיין פאַרן חזן צו דאַווּ־נען. מיר ווייסן, אז א שמיסע איז זייער א צאַרטע און איידעלע זאַך

און יעדער זינגער מוז נאָך א געוויסער שטימליכער אנשטריינגונג א ביסל אָפּרוען, כּדי די שטים־בענדער פונם געזאַנגס־אָרגאַן זאָלן באַקומען זייער פרישקייט צום ווייטערדיגן געזאַנגס־פאָרטראג. און ווען מיר באַטראַכטן דעם אַלטן (היימישן) מחזור, זעען מיר, אַז נאָך יעדער תּפלה וואָס דער חזן אָדער בעל תּפלה האָט צו זאָגן, קומט א לאַנגע תּפלה פאַרן עולם מתפּללים, און דאָס איז געמאַכט געוואָרן, אַז דער חזן זאָל האָבן א געלעגנהייט אָפּצורוען.

און ניט בלויז אין די תּפלות, נאָר אויך אין געוויסע מנהגי בית הכנסת איז געזאָרגט געוואָרן פאַרן חזנס שטימע, אַזוי געפינען מיר אין שולחן ערוך „החזנים לא יעורו, כּי עי״ז מאבדין קוליהן", וועגן מנהג אויפצובלייבן די נאַכט פון יום כּפּור אין שול, פּסקנט דער שולחן ערוך, אַז חזנים דאַרפן דאָס ניט טאָן, ווייל ס'קען נאָך שאַדן צו זייערע שטימעס.

דאָס אידישע פאָלק האָט געפילט וואָס די חזנים האָבן אין אַלע צייטן פאַר אים געטאָן, ער האָט זיך דערפאַר באַצויגן צו ד חזנים מיט גרויס דרך ארץ און דאַנקבאַרקייט.

אלטע, אָדער געפּיל - חזנות.

אהרן בעהר

די אלטע אַזוי גערופענע „געפּיל חזנות”, האָט געבליט און גע־שפּילט אַ באַדייטנדע ראלע אינם גייסטיגן לעבן פון יעדער אידי־שער שטאָט און שטעטל. הגם דער אַלטער אידישער חזן האָט, כמעט, קיין מוזיק ניט געקענט, איז ער דאָך געווען דער גלענצנדער זינגער, דער האַרציגער בעל־תפלה, דער זיסער אימפּראָוויזאַטאָר, און איז געווען בכח ארויסצורופן, מיט זיין אַרט דאַווענען אָדער זינגען, טרערן פון גייסטיגער פרייד ביי די צוהערער.

דער אידישער חזן איז געווען אין זיין אַרט דער אמתער „פריי־ער זינגער”. שוין דערמיט אַליין, וואָס ער איז ניט געווען געבונדן מיט קיין טעאָריעס, כללים און גרעניצן, ווי אַזוי מ'דאַרף זינגען, און ווי אַזוי מ'מעג שרייען... פריי איז ער געווען. ער האָט ניט באַדאַרפט מעסטן מיטן קאַמערטאָן די טענער, און געזונגען האָט ער, וואָס ער האָט געוואָלט און ווי זיין פאַנטאַזיע האָט אים דיקטירט, ווייל קיין געדרוקטע קאָמפּאָזיציעס האָט ער פאַר זיך ניט געהאַט, איז ער גע־ווען פריי, ווי אַ זינג פויגעלע, און גענומען האָט ער טענער אַזוי הויך, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, און ווי ווייט די כחות האָבן אים דער־לויבט... און ביי געוויסע מאָמענטן, — ווי, למשל, יום כפור צו דער

עבודה אָדער צו נעילה און נאָך אנדערע ערנסטע מאָמענטן — אי־בער די כחות, ממש ביז מסירת נפש...

אינם אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פונם 18־טן יאָרהונ־דערט, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפן חזנישן האָריזאָנט, און באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע, חזנים מיט מער אָדער ווייניגער מוזיקאַלישע בילדונג. איינער פון זיי איז דער באַוואוסטער בערלינער חזן, אהרן בעהר, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון דער עמאַנ־ציפּאַציע, ווען ביי די דייטשע אידן האָט זיך אָנגעהויבן א באַוועגונג אריינצוברייגען די סינאַגאָגאַלע געזאַנגען אין א וויסנשאַפטלאַכער פאָרם, און חזן בעהר האָט מיט זיין מוזיקאַלישן וויסן פיל אויפגעטאָן אויפן דאָזיגן געביט.

געבוירן געוואָרן איז אהרן בעהר אין דער דייטשער שטאָט באַמבערג, אין יאָר 1738. אין זיין יוגנט האָט ער ניט ארויסגעוויזן קיין באַזונדערע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן. צו 18 יאָר אָבער, האָט זיך ביי אים באַוויזן א שיינע שטימע, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט גאָר גיך אין א דראמאטישן טענאָר. ער לערנט זיך נאָכדעם זינגען ביים שטאָטישן אָרגאַניסט און הויבט אָן שאפן פארשיידענע נגונים, און פאָרט ארום דאַוונען און ווערט בארימט אונטערן נאָמען „דער באַמ־בורגער חזן״. צו 21 יאָר ווערט ער אָנגעשטעלט אַלס שטענדיגער חזן אין דער שטאָט פּאָדעבאָרן. ער בלייבט אָבער דאָרט ניט זייער לאַנג, און אין יאָר 1765 קומט ער אָן פאר א חזן אין דער בערלי־נער הויפּט־סינאַגאָגע (היידערייטער גאַס), און עטלאַכע יאָר שפּעטער דערשיינט פון דרוק זיינס א ווערק, פון איבער טויזנט מעלאָדיעס (איין־שטימיג, אָן באַגלייטונג און אָן טעקסט), און ווען ניט די אי־בערשריפטן איבער די מעלאָדיעס, וואָלט מען גאָרניט געוואוסט, אַז דאָס זיינען סינאַגאָגע־געזאַנגען, ווייל זיי קלינגען, אין אלגעמיין, ניט געגנוג אידיש, זיינען וויט פון נוסח און אַנטשפּרעכן ניט דעם גייסט פון דער עבודה. מיר געפינען דאָרט 24 נוסחאות אויף „לכה דודי״, 20 — אויף „מזמור שיר ליום השבת״, און פארשיידענע מעלאָדיעס פאר מעריב לשבת, פאר הלל און אַנדערע. מיר מוזן באַמערקן, אַז די דער־

מאַנטע נסחאות זיינען נאָך פרעמד פאר אונזער אויער, ביי יענער צייט אָבער, זיינען זיי מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן, און אהרן בעהר איז זייער באַליבט געווען ביי זיין געמיינדע, און מען דערמאָנט נאָך זיין נאָמען ביזן היינטיגן טאָג.

56 יאר איז ער געשטאַנען מיט גרויס כבוד אויף זיין פּאָסטן, און דעם 3־טן יאנואר 1821, איז ער געשטאָרבן, און געבראכט גע־וואָרן צו קבורה אין בערלין, באוויינט פון זיין געמיינדע און פון הונ־דערטער פריינט און פארערערס.

קאָפּל מארקברייטער.

חזן קאָפּל מארקברייטער, (וועמעס שטעלע עס האָט שפּע־טער פארנומען דער באוואוסטער חזן רעפאָרמאַטאָר שלמה זולצער) איז געבוירן געוואָרן אין ניקעלסבורג אין יאר 1768. ווען קאָפּל איז איינגאנצן אַלט זיבן אָדער אַכט חדשים, שטארבט אים אָפּ זיין פאָ־טער, און וועגן זיין דערציאונג בלייבט איבער פאר זיין אָרימער מו־טער צו זאָרגן. עס פארשטייט זיך, אז קיין רייכטימער האָט דער פאָ־טער ניט איבערגעלאָזן, און דעם קליינעם מאַרקברייטער קומט אויס צוזאַמען מיט זיין מוטער צו ליידן דחקות און נויט, ווילט זיך אָבער דער מוטער געבן איר קאָפּלען א גוטע אידישע דערציאונג, שפּאָרט זי טאַקע אָפּ פון איר לעצטן ביסן און דינגט א מלמד פארן קינד, און ווען ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאר, פאָרט די מוטער מיט אים קיין ווין, וואו די באריטמטע פילאַנטראפּן, די ברידער שמשון און יוסף ווערטהיימער פאראינטערעסירן זיך מיטן גורל פונם געראַטענעם קינד און לאָזן אים ווייטער אויסבילדן אויף זייער חשבון ביז זיין בר מצוה, אין יאר 1781, ווען דער 13־יעריגער מאַרקברייטער איז אָפּגע־פאָרן קיין פּראג צו לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה.

ער לערנט אין פּראג מיט גרויס התמדה און געווינט אַלעמענס אויפמערקזאמקייט מיט זיין לערנען אויפן קולכל און ווען דער ראַ־

קאצינער רב ר' יוסף דייטש, באַזוכט אַמאָל די פּראַגער ישיבה ווערט ער אויפמערקזאַם אויפן קליינעם מאַרקברייטער, און ער פאַראינטע־רעסירט זיך זייער מיט אים, ער נעמט אים צו קיין ראַקאָצין צו זיך אין הויז, וואו ער לערנט מיט אים ש"ס און פּוסקים און גיט זיך שטאַרק אָפּ מיט אים. ער דינגט אויך פאַר אים אַ לערער פאַר אַל־געמיינע לימודים, און אין יאָר 1791 באַשליסט מאַרקברייטער צו פאָרן צוריק קיין ווין, וועגלדיג שטודירן ווייטער העברעע לימודים.

אין ווין קומט ער אָן פאַר אַ הויז לערער ביים באַוואוסטן פּי־לאַנטראַפּ יעקב פּאָלאַק. ער לערנט מיט פּאָלאַקס קינדער העברייאיש און תּלמוד, און אין דער פרייער צייט לערנט ער אַלגעמיינע לימודים און שטודירט אויך מוזיק און געזאַנג. זיין שטימע אַנטוויקלט זיך זייער שיין, און ווען פּאָלאַק דערהערט אים אַמאָל זינגען, לייגט ער אים פאָר צו דאַווענען פאַרן עמוד, אין זיין ניי־אויסגעבויטן בית המדרש. מאַרקברייטער נעמט מיט צופרידנהייט אָן דעם דאָזיגן פאָרשלאַג, און ער מאַכט מיט זיין דאַווענען אַ גרויסן רושם אויף די מתפּללים. קיין חזנים אין ווין זיינען דאַמאָלסט ניט געווען, און די געשמאַקע מאַרקברייטערס שטימע אין פאַרבינדונג מיט זיינע העברייאישע ידיעות מאַכן אים אַ גרויסן נאָמען איבער גאַנץ ווין, אַזוי, אַז די שטאָ־טישע אידישע געמיינדע נעמט אים אויף (מיט אַ קורצע צייט שפּע־טער) פאַר חזן אין זייער שול, וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט נאָך גע־פונען אין אַ פּריוואַט הויז, אונטערן נאָמען „דער ווייסער שטערן".

און ווען עס איז שפּעטער דערלויבט געוואָרן, דער ווינער אי־דישער קולטוס געמיינדע דורכן קייזער פראַנץ דעם ערשטן, צו בויען אַ גרויסע ספּעציעלע שול, אויך ווען די שול איז איבערגעבויט געוואָרן, אין יאָר 1826, פאַרנעמט מאַרקברייטער מיט גרויס כבוד דעם אַמט פון אַ חזן. ער פאַרבלייבט אויך שפּעטער אויף זיין פּאָסטן אַלס חזן, ווען דער גאָטעס־דינסט ווערט אַ ביסל רעפאָרמירט, מיט אַ שיינעם כאָר און אַ שטענדיגן ראַבינער.

די געמיינדע פאַרגעטערט איר חזן און דריקט אים אויס ביי־

יעדער געלעגנהייט איר צופרידנהייט פאר זיינע לייסטונגען און זיין מתיקותדיגן דאווגען.

א גרויסער יום טוב איז פארגעקומען ביי דער ווינער געמיינדע דעם 11־טן דעצעמבער 1841, ווען מיט גרויס פאראד איז פארגע־קומען די פייערונג פון דעם 50 יאריגן יובילייאום פון זייער באליבטן חזן קאפל מארקברייטער. ער האט באקומען א סך ווערטפולע מתנות, און ביים באנקעט, וואס איז פארגעקומען אין שול, האט מארקבריי־טער צוזאמען מיטן כאר געזונגען אייניגע פון זיינע ספעציעל פאר־פאסטע געזאנגען, וועלכע זיינען מיט גרויסע אוואציעס באגלייט גע־ווארן פונם גאנצן גרויסן פארזאמלטן עולם. עס זיינען פיל רעדעס גע־האלטן געווארן פונם ראבינער און די פארשטייערס פון דער געמיינ־דע. און אלע האבן זיך גארניט געקענט אפלויבן פון מארקברייטערס גרויסע פארדינסטן פאר דער ווינער געמיינדע אינם משך פון זיין אמט אלס חזן.

איבערפולט פון שמחה האט זיך מארקברייטער דערנאך געווענ־דעט מיט אויפגעהויבענע הענט און האט מיט א טרערן־פארשטיק־טער שטימע אויסגערופן פאלגנדיגע עטלאכע ווערטער: איך דאנק און לויב דיר, פאטער אין הימל, פאר די פיל גוטס וואס דו האסט געטאן מיט מיר. מיין ליבער און געשעצטער געמיינדע דאנק איך פארן גרויסן כבוד וואס זיי טיילן מיר היינט צו צו מיין 50 יאריגן יובילייאום. איך וועל דאס קיינמאל ניט פארגעסן.

נאך זיבן יאר פארבלייבט מארקברייטער ערן־קאנטאר פון דער ווינער קולטוס־געמיינדע, און דעם 31־טן דעצעמבער 1848 הויכט ער אוים זיין לעצטן אטעם אין עלטער פון 81 יאר.

אשר ליאן.

נאך חזן בעהרס טויט, איז פאר דער בערלינער געמיינדע שווער געווען צו געפינען א פאסיגן קאנדידאט, פאר דער אלטער סינאגא־גע אין די היידערייטער גאס.

מערערע פּראָמינענטע חזנים האָבן געפּרובט זייערע כחות, און אַלע שבת פּלעגט אַן אַנדערער דאַווענען, ביז אין חודש סעפּטעמבער 1823, ווען דער באַרימטער שטרעליצער אויבערקאַנטאָר אשר ליאָן, האָט גענומען דעם עולם מיט שטורם מיט זיין מתיקותדיגן פּראָבע דאַווענען, און איז געוואָרן איינשטימיג אויסגעקליבן פאַר חזן אין דער דערמאָנטער שול.

חזן ליאָן, וועלכער האָט געשטאַט, ביי יענער צייט, פאַר אַ הויך מוזיקאַלישן און באַגאַבטן מענטשן, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1776 אין דער שטאָט צילץ, אין אויבערשלעזיע. שוין אַלס יונג קינד האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס חשק און פעיאיגקייטן צו מוזיק, און פּלעגט גיך אויפכאַפּן די מעלאָדיעס און נגונים, וועלכע ער פּלעגט הערן זינגען דעם חזן פון זיין געבורטס-שטאָט. זיינע עלטערן, דער-זעענדיג די פייאיגקייטן פון זייער גערעטענעם קינד האָבן געדונגען פאַר אים אַ לערער, וועלכער האָט געלערנט מיט אים עלעמענטאַרע מוזיק אויך שפּילן אויפן פּיאַנאָ, און ווען ליאָן האָט דערגרייכט זיין 17-טן יאָר אין יאָר 1803, האָט זיך באַוויזן ביי אים אַן אַנלאַגע אויף אַ טענאָר שטימע, ער פאָרט דאַמאָלסט קיין שטרעליץ צו לערנען שטימע בילדונג ביי אַ באַרימטן געזאַנג לערער, דורך אַ צופאַל האָט איינמאָל דערהערט אים זינגענדיג דער גבאי פון דער שטרעליצער סינאַגאָגע, און ער איז געוואָרן אַזוי אַנטציקט פון ליאָנס שטימע, אַז ער האָט אים געבעטן דאַווענען אַ שבת אין דער סינאַגאָגע, ליאָן נעמט אָן מיט פרייד די דאָזיגע איינלאַדונג, און רופט מיט זיין שבת-דיגן דאַווענען אַרויס אַזאַ גרויסן בייפאַל, אַז אויף מאָרגן, זונטאָג באַ-קומט ער אַ קאָנטראַקט אַלס שטרעליצער חזן, וואו עס עפנט זיך פאַר אים אַ נייע וועלט, נייע פּערספּעקטיוון און אַ ברייטע אַרבעטס-פעלד, ער אַנטוויקלט דאָ זיינע גרויסע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן, און שרייבט אויך אַ ריי סינאַגאָגאַלע מאָטיוון, פאַר געמיינדע און חזן, און אייניגע אויך פאַר פיר-שטימיגן כאָר, און די באַגייסטערונג פון די מתפּללים וואַקסט פון וואָך צו וואָך, און חזן ליאָנס נאָמען ווערט וויט און ברייט באַרימט אין גאַנץ דייטשלאַנד.

ווען, אין יאָר 1818, ווערט אין בערלין אויסגעבויט דער נייער מאָדערנער טעמפּל פון יעקב הערץ בעהר, ווערט חזן ליאָן גערופן צו פאַרנעמען דעם דאָזיגן פּאָסטן, און הגם ס'איז אים זייער שווער, נאָך אַ 15 יאריגן צוזאַמענזיין, מיט זיין געמיינדע, זיך פון איר צו שיידן, קען ער דאָך ניט ביישטיין דעם נסיון און נעמט אָן דעם חזנות פּאָסטן אין דער דערמאָנטער בערלינער געמיינדע. אויף וועלכער שטעלע ער פאַרבלייבט 5 יאָר, ביז יאָר 1823, ווען ער ווערט מיט גרויס כבוד אויפגענומען פאַר אויבערקאַנטאָר פון דער באַרימטער, אַלטער סינאַגאָגע פון היידערייטער גאַס אין בערלין, אַלס חזן אהרן בעהרס נאָכפאָלגער.

אשר ליאָן, ווי געזאָגט, האָט געשטמט אין גאַנץ דייטשלאַנד פאַר אַן אָפּהיטער פון אַלטן שטייגער חזנות, און האָט געהאַט הונדערטער תלמידים, וועלכע זיינען דערנאָך אויך געווען באַרימטקייטן אויפן חזנישן און אַלגעמיין מוזיקאַלישן געביט. ס'איז כדאַי צווישן אַנדע־רע, צו דערמאָנען פאָלגנדיגע תלמידים זיינע: מאיר יארעצקי, חזן לעווי, מירקין, הירש, דער באַוואוסטער דיריזשאָר לואיס לעוואַנדאָווּ־סקי און אַנדערע.

אָנקומענדיג אין דער אַלטער סינאַגאָגע אין בערלין, האָט אשר ליאָן, אנשטאָט די אַלטמאָדישע געזאַנגען, גענומען איינפירן אַ פיר־שטימיגן כאָר און אַן ערשטקלאַסיגן מוזיקאַלישן רעפּערטואר, וואָס ס'איז אים אויך גלענצנדיג געלונגען, און וואָס ס'האָט געבראַכט דערצו, אַז די צאָל מתפּללים אין שול איז פון שבת צו שבת געוואַקסן, און אַלע זיינען געווען אַנטציקט פון די הימלישע געטלאַכע תפילות און וואונ־דערלאַכן כאָר געזאַנג, און אשר ליאָן איז ממש פאַרגעטערט געוואָרן פון זיין געמיינדע און זיין גרויסע צאָל פריינט און פאַרערער.

אזוי גייט דאָס ביזן יאָר 1845, ווען חזן ליאָן הויבט זיך אָן פילן שוואך צוליב זיין עלטער צו קענען אויספירן זיין אַמט פול און גאַנץ, און ס'ווערט אויפגענומען דער באַרימטער שטעטינער חזן אברהם יעקב ליכטענשטיין פאַר חזן שני.

חזן אשר ליאָן האָט אָנגעהאַלטן זיין פּאָסטן ביז צו זיין לעצטן

טאָג און איז געווען זייער באַליבט און הויכגעשעצט ביי זיין געמיינדע, ביי חזנים קאָלעגן, און ביי זיינע הונדערטער פריינט און באַקאַנטע, ער האָט דערגרייכט אַן עלטער פון 87 יאָר. ער איז געשטאָרבן דעם 12-טן פעברואַר 1863 און איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביגער רו אויפן בית עלמין פון דער בערלינער אידישער קהלה, אין דער אַלטער שענהויזער אַליי, אין בערלין.

ישראל לאָווי (ישראלקע גלאָגויער).

ישראל לאָווי איז געבוירן געוואָרן אין דאַנציג אין סעפטעמבער 1773, ער האָט באַקומען אַ גרונטיגע בילדונג אין תלמוד ביי זיין פאָטער דעם גלאָגויער חזן, ביי וועמען ער האָט אויך באַקומען די עלעמענטאַרע אויסבילדונג אין מוזיק און געזאַנג, ער ווערט אָבער אַ יתום גאָר פרי, פארלירנדיג אין משך פון אַ יאָר זיין פאָטער און מוטער, און מיר זעען שוין דעם טאַלענטירטן לאָווי, אַלס אַ בחור'ל פון 13 יאָר, פיגורירן אַלס חזן אין פארשיידענע קהלות אין מעהרן, זאַקסן, בעהמען און בייערן, אַזוי פאָרט ער אַרום פון שטאָט צו שטאָט און איז אומעטום מרעיש עולמות מיט זיין שוין דאַמאָלסט גוט אַנטוויקלטער טענאָר (אַלטינאַ) שטימע, מיט איר זיסקייט און מיט זיינע קונסטפולע תפלות, ער פאָרט אויך צו די גרעסטע חזנים פון יענער צייט, און נאַשט ביי יעדן פון זיי צו ביסלאַך, ער שטודירט אויך חוץ חזנישע נגינה, די גרויסע ווערק פון די באַרימטע מוזיקער היידען און מאָצאַרט, זייערע אָפּערעס, סימפאָניעס און אָראַטאָריעס, און דערווערבט זיך גרויסע ידיעות אויפן געביט פון דער מוזיקאַלישער קונסט.

ס'ווערט אים אָבער מיאוס דאָס אַרומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט, דאָס שטענדיגע נע ונד זיין, און ער נעמט אָן אין יאָר 1799 די חזנות שטעלע אין דער שטאָט פריט אין בייערן, דאָ האָט ער מער מעגלאַכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין שטודיום, און נאָכקומען זיין

שטרעבונג צו בילדונג אין א ברייטערער מאָס. ער לערנט מיט גרויס התמדה, מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע, ער דערלערנט אויך גרינדלאַך די פראַנצויזישע און איטאַליענישע שפּראַכן, און פאַרפּולקאָמט זיך אויך אין שפּילן אויפן פּיאַנאָ, וויאָלין און וויאָלינטשעל, און מיט זיי־נע קאָנצערט רייזעס קיין מאַינץ, שטראַסבורג און לאָנדאָן, ווערט זיין נאָמען אין דער דאַמאָלסטדיגער קונסט־וועלט ווייט און ברייט באַרימט.

ס'איז כדאי איבערצוגעבן פאָלגנדיגן פאַקט, וועלכער וועט אין א געוויסער מאָס קענען כאַראַקטעריזירן לאָווין, אלס אַ מוזיקער און ערשטקלאַסיגער זינגער. געווען איז דאָס אַזוי:

די שטאָט נירענבערג געפינט זיך ניט ווייט פון דער שטאָט פּריט, אין נירענבערג האָבן צו יענער צייט קיין אידן ניט געוואוינט, און לאָווין האָט זיך פאַרוואָלט איינאָרדנען דאָרט א קאָנצערט מיט זיין קאַפּעליע משוררים, בכדי צו באווייזן דער קריסטלאכער וועלט, אַז אידן האָבן אויך גרויסע ידיעות אין מוזיק און געזאנג. דער קאָנצערט איז אדורך מיט א אויסערגעוויינלאַכן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג, און לאָווי אָרדנט איין פינף אַזעלכע קאָנצערטן אי־נעם נאָכן אַנדערן ביי פול געפּאַקטע הייזער, איינעם אַזא קאָנצערט האָט באַ־זוכט דער דאַמאָלסטדיגער קורפירסט מאקסימיליאן יאָזעף, און ער האָט איינגעלאַדן חזן לאָווין צו קומען זינגען אין קורפירסטלאַכן טע־אַטער אין דער שטאָט אשאפענבורג (ניט ווייט פון נירענבערג, אויך אין בייערן), אלס סאָליסט אין היידענס אראטאָריע „די שעפּפונג".

ס'ווילט זיך דאָ באַמערקן, אַז ביי יענער צייט, ווען דער אַנטי־סעמיטיזם האָט אין בייערן געהערשט מיט זיין פולסטער קראפט, איז דער דאָזיגער אויפטריט לאָווים געווען א געוואלדיגער אידישער נצחון, — א קליינינקייט א אידישער חזן זאָל אויפטרעטן אין קור־פירסטס טעאַטער, און האָבן אַזא קאָלאָסאַלן דערפאָלג? און דער עיקר, דאַרף באַמערקט ווערן, אַז זינט יענעם, חזן ליאָווים אויפטריט, האָט מען דאָרט געגומען קוקן אויף אידן גאָר מיט אַנדערע אויגן, און ביסלאַכוויז האָבן זיך אידן אָנגעהויבן צו באַזעצן אין נירענבערג,

וועלכע איז צולעצט געוואָרן איינע פון די שענסטע אידישע קהלות אין בייערן.

אין יאָר 1818 ווערט לאָווי פאררופן אַלס חזן קיין פאריז, וואו ער ווערט אויפגענומען מיט א לעבנסלאַנגלאכן קאָנטראקט, ער זאגט זיך אָפּ פון די אומצייטיגע פארשלאגן פון פארשיידענע טעאטערס אָנצוקומען צו זיי פאר אן אַרטיסט, און פארנעמט דעם דערמאָנטן פּאָסטן, אַלס חזן פון דער גרויסער פאריזער אידישער קהלה.

לאָווי טרעט אָפּט ארויס אויף קאָנצערטן מיט די גרעסטע זינגערס און זינגערינס פון יענער צייט, און מיט זיין וואונדערבאַרער טענאָר שטימע און זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות, וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט זיין אינטעליגענטער און קולטורעלער אויפפאסונג ווערט ער דער ליבלינג פון ברייטן פאריזער מוזיקאַלישן פּובליקום. לאָווי זינגט אָפּט איטאַליענישע און פראנצויזישע דועטן, צוזאַמען מיט דער דאַמאָלסט וועלט באַרימטער זינגערין קאַטאַליני, אין די סאַלאָנען פון די גראפן אַנדזשעלאם און מערלינס, ער איז געוואָרן אויך נאָנט באפריינדעט מיט די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן פון יענער צייט.

ווען ליאָווי פלעגט דאַוונען איז דער טעמפל געווען פול געפּאקט מיט א גרויסן עולם אין דרויסן, און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אז ניט קענענדיג אריינגעמען אין שול די גרויסע צאָל באַזוכערס, באַשליסט די געמיינדע צו בויען א נייע גרויסע שול, וועלכע ווערט געעפנט דעם 5=טן מערץ 1822.

לאָווי שאפט פארן נייעם טעמפל א שפּאָגל נייעם גאָטעסדינסט, ער שרייבט אַ ריי ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס פאר כאָר און אָרגל, אינהאַלטרייך און הויך מוזיקאַליש באַארבעט.

די דערמאָנטע וויכטיגע שאפונג פון א אידישן חזן אין סוף פון 18=טן און אָנהויב פון 19=טן יארהונדערט, באַווייזט אונז, אז די אידישע חזנים אין יענער עפּאָכע, זיינען ניט בלויז געווען, ווי די וועלט האָט אָנגענומען, — נאַטור זינגער אָדער נאַטור מוזיקער, — נאָר

זיי זיינען אויך געווען גוט באַקאַנט מיט די אַלגעמיינע מוזיקאַלישע און געזאַנגלאַכע קינסטלערישע געזעצן און פאָרם.

שבת דעם 7־טן יאַנואַר 1832 איז לאָווין נאָכן דאַווענען, אַהיים קומענדיג, ניט גוט געוואָרן, און ער איז קורץ נאָכדעם געשטאָרבן אין עלטער פון 59 יאָר.

זיין סינאַגאָגע־געזאַנג־ווערק, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, דורך דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע, אין יאָר 1862 (דרייסיג יאָר נאָך זיין טויט), שטעלט מיט זיך פאָר, אַן אָריגינעלע זאַמלונג פון פאַר־שיידענע סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס, און אַנדערע טראַדיציאָנעלע אידישע און חסידישע נגונים און טענץ.

פון זיינע חזנישע קאָמפּאָזיציעס איז זייער פּאָפּולער, און ווערט אין אַ סך אידישע שולן געזונגען ביז היינטיגן טאָג, דער „עף מאַ־דזשאָר", „לכה דודי", וועלכער ווערט ע"פ טעות גערופן, הלוים לכה דודי...

סענדער מינסקער (סענדער פּאַליאַטשעק).

אונטערן נאָמען „אַלטע, אָדער געפיל חזנות", מיינען מיר ניט בלויז די בעלי־תפלות און חזנים פון גאָר, גאָר אַלטן שניט, נאָר אויך די חזנות פון דער נאָנטער צייט צו דער רעפאָרם עפּאָכע, — די אַלטע חזנים וואָס האָבן שוין געדאַוונט פון נאָטן, מיט משוררים און מיט גרויסע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן אַליין קאָמפּאָנירט צו יעדער תפלה, און אַזעלכע האָבן מיר געהאַט אין יעדער גרעסערער אידי־שער קהלה, אמתע גאונים זיינען זיי געווען, ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז מענטשן, וואָס האָבן קיין ידיעה ניט געהאַט אפילו אין דער עלע־מענטאַרער מוזיק טעאָריע, האָבן דאָך געשאַפן פאַר דער שול בערג מיט קאָמפּאָזיציעס, שווערע קאָמפּאָזיציעס זיינען דאָס געווען, מיט כפול־שמונהדיגע, קאָרקבערעכערישע קאָלאָראַטור פּאַסאַזשן, וואָס אַ היינטיגער אָפּערע דיריזשאָר אָדער היינטיגע אָפּערע זינגערס, וואָלטן

פון זיי בשום אופן ניט געקענט ארויסקריכן. מיט דועטן, געוואלדיגע פוגעס און שטורמישע קאַנאָנען, און הגם עס האָט ניט שטאַרק גע־קלונגען, לפי חוקי הנגינה, איז עס אָבער געווען זייער אָריגינעל און פרימיטיוו אידיש.

אָט די זייגען געווען אונזערע אמתע מוזיקאַלישע קולטור־טרעגערס, אין א משך פון גאָר א לאנגער צייט, — ניט זייענדיג באאייגפלוסט פון וועלכער טעאטראַלער־פרעמדער מוזיק, האָבן זיי געצויגן די יניקה פונם פאָלק אליין, פון דער אידישער סביבה, פונם אידישן לעבן, פון זיין שטייגער זינגען און טראכטן, — זיי האָבן גע־שעפט פונם פאָלק, פונם אלטן גמרא ניגון, פונם אלטן נוסח, און האָבן דאָס פראדוצירט אין תפלות צוריק פארן פאָלק.

אָט די דאָזיגע חזנים זיינען געווען יארן לאנג, די איינציגע מו־זיק לערערס פאר טויזנטער יונגע אידישע מוזיקאַלישע טאַלאַנטן, פאר וועלכע דאָס אריינטרעטן אין א מוזיק שולע האָט, ביי יענער צייט, געהייסן א פארברעכן (און בכלל האָט די מוזיק שולע צו יענער צייט, ניט אומעטום עקזיסטירט) דער אידישער חזן איז געווען דער מוזיק פראפעסאָר פון זיין שטאָט, — האָט זיך געמאַכט א אינגל מיט א שיין קולכעלע, האָט מען אים געפירט צום חזן, און אויב ער האָט טאַ־קע געהאַט דעם אמתן טאַלאַנט, איז ער פון חזן ארויס א לייט.

די גרעסטע וועלט בארימטע ארטיסטן און אָפּערע קינסטלערס, הונדערטער קעניגלאכע הויף זינגערס, האָבן זייערע קאַריערעס גע־האַט צו פארדאַנקען נאָר דעם חזן פון זייער שטעטל, ביי וועלכן זיי האָבן פריער געזונגען, איידער זיי זיינען ארויס אין דער גרוי־סער וועלט.

די אלטע חזנים זיינען געווען מיט זייערע קאַפּעליעס משוררים די איינציגע פארזאָרגער פון שטאָט מיט נגינה און תפלה, און ניט בלויז פאר אידן אליין, נאָר אויך פאר דער קריסטלאכער אינטעלי־גענץ פון שטאָט, — וועלכע פלעגט, ניט האָבנדיג קיין אַנדער אָרט ביי יענער צייט, וואו צו הערן א שיינעם געזאַנג, — קומען אין שול אריין הערן זינגען.

און נים בלויז די גרויסע שטאָט, נאָר אויך די קלענערע שטעט־לאַך פון פראווינץ, פלעגט דער אלטער חזן מזכה זיין, פון צייט צו צייט, מיט אידישע נגינה, אַראָפּקומענדיג מיט דער גאנצער קאַפּעליע, צו דאַוונען א שבת, און פאַרן שטעטל איז דאָס געווען דער גרעסטער יום טוב, וועלכן זיי האָבן זיך נאָר געקענט פארשטעלן.

איינער פון דעם דערמאָנטן פאטריארכאַלן טיפּ חזן, מיט זיין אַלטער אייגנאַרטיגקייט איז געווען דער באַוואוסטער חזן סענדער פּאָליאַטשעק, באקאַנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען סענדער מינסקער.

געבוירן אין דער שטאָט גאמבין, אין פּוילן, אין יאָר 1786, וואו ער האָט באַקומען א שטריינג רעליגיעזע דערציאונג ביי זיינע פרומע עלטערן, איז ער אָנגעקומען פאר א משורר צום באַוואוסטן חזן ר' נחום ליב וויינטרויב (א פעטער פון דעם באַרימטן קעניגס־בערגער חזן, הירש וויינטרויב און א ברודער פון דעם אומפארגעסלאכן חזן אימפּראוויזאַטאָר שלמה וויינטרויב, באַרימט אונטערן נאָמען „קאַשטאַן").

סענדער זינגט א לייננגערע צייט ביי וויינטרויבן און נים קוקנ־דיג אויף דעם לעצטנס געוואלדיגער השפּעה, שאַפט סענדער שפּע־טער, אלס א זעלבסטשטענדיגער חזן, אַן אייגענע ריכטונג אין חזנות, וועלכע איז באַקאַנט געווען אין דער וועלט אונטערן נאָמען „סענ־דערס שטייגער", און וועלכע אונטערשיידט זיך פון דער אַזוי געשמאַ־קער און געפּילפּולער וואָלינישער גזאַנג־פאָרם, מיט איר טיפער מוזיקאַלישער און דורכדרינגלאכער אימפּראוויזירונג.

כדי סענדערן צו פארשטיין האָט מען אים געדארפט הערן עטלא־כע מאָל, ווייל זיין ארט חזנות איז געווען א העכערע און אן אריגינעל אינדיווידועלע, און איז נים געווען פאַרן געוויינלאכן צוהערער אַזוי באגרייפלאך, ווי דער וואָלינער שטייגער, וועלכער איז פייאיג צו רירן דעם הערער באלד ביים ערשטן מאָל.

דעם וואָלינער נוסח התפלה, מיט זיינע מעלאָדישע פיינע בוי־גונגען און ניואנסירונגען, קענען מיר פארגלייכן, צו דער אלטער אי־

פּאַליענישער מוזיק, סענדערס שטייגער אָבער, מיט זיינע טיפע מאָ־דולאַציעס און ברייטקייט — צו דער דייטשער מוזיק.

אזוי איז אין דער חזנישער וועלט באַקאַנט דער קאַמף פון סענ־דערן מיט די באוואוסטע ווילנער חזנים, בצלאל אָדעסער, ישראלקע שקודער, און נאָך אַנדערע, וועגן דעם אינהאַלט און מקור פונם נוסח התפלה. סענדער איז דאַמאָלסט אַנערקענט געוואָרן פאַרן זיגער אין דעם דערמאָנטן ויכוח, און זיינע אידייען זיינען איבער דער גאַנצער אידישער וועלט פאַרשפּרייט געוואָרן, באזונדערס האָבן זיין ריכטונג אָנגענומען זיינע תלמידים, די באוואוסטע חזנים: ישראלקע סובאַל־קער, לייזערקע לאָדזער, ברוך קאַרלינער און נאָך אַנדערע.

אין סענדערס צייטן איז די חזנות אַנערקענט געווען פאַר אַ קונסט פאַר אין פולן זין פון ווארט, — דער חזן האָט געמוזט זיין אַ פאַכמאַן און האָט מער ווי מיט זיין פאַך, זיך מיט קיין אַנדער זאַך ניט געדאַרפט פאַרנעמען. ער האָט ניט געדאַרפט זיין, ווי דאָס טרעפט היינט, אַ שוחט, מוהל אָדער בעל קורא, ער האָט נאָר געדאַרפט האָבן אַ שיינע שטימע און זיין מוזיקאַליש, פאַרשטיין פּירוש המלות און קענען נוסח התפלה, דערביי איז ער אויך ניט געווען געצוואונגען צו דאַוונען אַלע שבת. ס'איז געווען גענוג, אז דער חזן פלעגט דאַוונען איין מאָל אין חודש, שבת מברכים, אָבער ווי געזאָגט „מיטן קנאַק", ווייל צו יענער צייט, האָבן אידן זייער ווייניג באַזוכט קאָנ־צערטן אָדער טעאַטער פאַרשטעלונגען, און זייער גאַנצער פאַרגעניגן איז געווען די שול און דער חזן, און ס'פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע זיינען די פאָדערונגען פונם פּובליקום געווען גאַנץ אַנדערע, אין באַציאונג צום חזן, ווי עס איז ביי דער איצטיגער צייט. דער חזן, ביי יענער צייט, האָט געמעגט האָבן די שענסטע שטימע, האָט גע־מעגט האָבן די פיינסטע געשליפענסטע קאָלאָראַטור, און האָט געמעגט באַזיצן די פיינסטע טעאָרעטיש מוזיקאַלישע וויסנשאַפטן, איז ער אַנ־דערש ניט געווען אַנערקענט פאַר אַ אויטאָריטעט, סיידן ער איז געווען פון דער נאַטור מוזיקאַליש באַגאַבט, און איז געווען פּראָדוקטיוו גענוג, אויף צו קענען ליפערן פאַרן פּובליקום, אַלע מאָל נייע נגונים

און תּפלות, דערביי האָט דער חזן געמוזט זיין א בר אורין און א מעורב בדעת עם הבריות. ווי געזאָגט, האָט די דאַמאָלסדיגע אידישע וועלט מער געלייגט געוויכט אויפן אינהאַלט, ווי אויף דער פאָרם, — דערי-בער טאַקע זיינען חזנים און רבנים, נאָר דאַמאָלסט אנערקענט גע-וואָרן פאר אויטאָריטעטן, ווען די וועלט האָט אָנגעהויבן צו באוואונדערן זייער גייסטיגע שאפונג-קראפט.

און אן אויטאָריטעט ביי די דאָזיגע אומשטאנדן, איז שווער געווען צו ווערן, האָט אָבער סענדער מינסקער, דורך זיין אומדער-מידלאכער פלייסיגער ארבעט, אָפּזייענדיג איבער דרייסיג יאר מינ-סקער שטאָט חזן, זיך דערוואָרבן די אלגעמיינע ליבע פון זיין געמיינ-דע און איז אָנגערופן געוואָרן פון קאָלעגן חזנים מיטן נאָמען דער גאון השירה והזמרה.

וועגן סענדערן זאָגט מען, אַז ווען ער וואָלט געבוירן און דער-צויגן געוואָרן אין א מער קולטורעלער לאנד און אין א בעסערער סביבה וואָלט ער, ביי גוטע באדינגונגען, געקענט זיין א צווייטער מאָצאַרט אָדער בעטהאָווען.

ניט קענענדיג אליין קיין נאָטן, פלעגט ער שפּינען אין די גע-דאַנקען פארשיידענע מאָטיוון, מאַכן פארשיידענע ווארואציעס, מאָ-דולירן דורך כּלערליי טאָנארטן, און פלעגט דערביי תּמיד צוריק קומען צום אָנגעהויבענעם טאָן. די שטימע זיינע איז ניט געווען פון גאָר די אויסגעצייכנטע, זי איז אָבער געווען זייער געשמאַק און פון זייער גרויסן אומפאנג, די קאָלאָראטור איז אויך געווען א שווער טרעפיגע. ער איז אָבער אלס בעל תּפלה געווען אומפארגלייכלאך, און ווער עס פלעגט אים נאָר הערן דאַוונען, פלעגט ממש פארכישופט ווערן, די אינטאָנאַציע זיינע איז געווען ריין און קלאָר, זיין געהער אויסער-געוויינלאך שארף און אין אלגעמיין איז ער געווען א קינסטלער פון דער נאַטור.

ליידער איז פון זיינע אומצייליגע קאָמפּאָזיציעס גאָר ניט איבערגעבליבן, ווייל זיי זיינען ניט פארשריבן געוואָרן.

כּדאַי צו באַמערקן, ווי אזוי א קאָמפּאָזיציע איז, ביי יענער

צייט, ביי סענדערן בפרט, און ביי אלע חזנים בכלל, געשאפן געוואָרן. עס פלעגן זיך ארומזעצן ארום טיש אַלע משוררים און דער חזן פלעגט אָנהויבן א מעלאָדיע, וועלכע פלעגט אונטערגעכאַפּט ווערן פון די משוררים, מען פלעגט די מעלאָדיע עטלאכע מאָל איבערזינגען און אזוי ארום איז דאָס פארבליבן אין קאָפּ אויף אייביג.

סענדער איז געווען א גרויסער תלמודיסט, א גרויסער ירא שמים און איז געווען זייער באליבט און געשעצט ביי זיין געמיינדע. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1869, אין עלטער פון 83 יאָר.

ישראל יעקב שקודער.

איינער פון די בארימטסטע חזנים פון דער ערשטער העלפט פונם 19=טן יארהונדערט איז זיכער געווען דער שקודער חזן ר' ישראל יעקב, געבוירן אין יאר 1804 האָט ער שוין פון זיין פריסטער יוגנט אלעמען באוואונדערט מיט זיין גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט און איז מיט רעכט דאַמאָלסט אָנגערופן געוואָרן דער אויפגייענדיגער מוזיקאַלישער שטערן, איז אים אָבער, ווייזט אויס, ניט באַשערט געווען לאַנג צו דערפרייען אידישע הערצער מיט זיינע הימלישע תפלות און איידער ער האָט דערגרייכט זיין אמתע פארדינטע אנערקענונג איז ער אין מיטן רעכטן בליען, אינמיטן רעכטן אַנטוויקלען זיך דורך א אומגליקלאכן צופאל פון דער וועלט אַוועק אין עלטער פון 36 יאָר.

געשען איז דאָס אַזוי: אין יאר 1840 איז ער איינגעלאדן געוואָרן קיין ווילנע צו דאַוונען אין דער דאָרטיגער שטאָט=שול לכבוד משה מאָנטעפיאָרים באזוך, ביים אָנהויב פון קריאת התורה איז ער ארויסגעגאנגען לצרכיו און ווען ער האָט געדאַרפט צוריק ארייננקומען איז די איינגשאפט געווען אזוי גרויס, אַז מ'האָט געמוזט ארויסרופן פּאָליציי, ביז לביני האָט ער שטופנדיג זיך באַקומען א

שלעכטן קלאפּ אין האַרצן און איז דערפון אין 3 טעג אַרום גע־שטאָרבן.

אברהם יעקב ליכטענשטיין

ווען די בערלינער אידישע געמיינדע איז שטאַרק באאיינפלוסט געוואָרן פון משה מענדעלסאָנס רעפאָרמאַטאָרישע אידייעס, האָט די דערמאָנטע השפעה אויף דער אַלטער סינאַגאָגע אויף דער הײדעריי־טער גאַס קיין שליטה ניט געהאַט, ווייל בראש פון דער דאָזיגער קהלה איז געשטאַנען דער באַוואוסטער ראַבינער דר. מיכאל זאַקס, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן חזן אברהם יעקב ליכטענשטיין אָנגעווענדעט אַלע זייערע כחות, כדי אין דער דערמאָנטער סינאַגאָגע צו דערהאַלטן דעם אַלטן אידישן טראַדיציאָנעלן סידור התפלה. דער ערשטער האָט געזוכט צו ווירקן מיט זיין גרויסער רעדנער קראַפט און דער צווייטער מיטן וואונדערלאַכן אויסטייטשן די אידישע תפלות, וואָס ס'איז זיי אויך גלענצנדיג געלונגען. און עס איז ריכטיג, ווי יעלינעק פּלעגט זיך אָפּט אויסדריקן, אז געזאַנג איז די נשמה פון דער תפלה, זי איז פּיי־איג צו דערהויבן דעם הערער אין א העכערע הימלישע ספערע און ברייינגט דעם מתפלל אָפּט אריין אין גרוים השתפכות הנפש און התלהבות, אָנרירנדיג אָפּט די סטרונעס פון האַרצן, בפרט נאָך מיט דברים היוצאים מן הלב, וועלכע זיינען אויך נכנסים אל הלב — אויפן דאָזיגן געביט האָט זיך אַזוי ווי ראַבינער דאָקאָר מיכאל זאַקס, אזוי אויך גאַנץ באַזונדערס אויסגעצייכנט דער ליבלינג פון דער בערלינער אידישער געמיינדע חזן אברהם יעקב ליכטענשטיין

חזן ליכטענשטיין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1806 אין דער דייטשער שטאָט פרידלאַנד. זיינע עלטערן זיינען געווען סוחרים און האָבן זייערע דריי זין, פון וועלכע אברהם איז געווען דער אינגסטער, דערצויגן אינעם עכט אידישן רעליגיעזן גייסט.

פון זיינע עלטערע צוויי ברידער איז איינער געווען חזן־שוחט

אין דער דייטשער שטאָט ארטעלסבורג און דער צווייטער איז געווען ראבינער אין דער שטאָט שלאכוי, נעבן שטוטגארט.

פון זיין קינדהייט אָן האָט אברהם שוין באַוויזן גרויס תשוקה צו מוזיק און געזאנג. ער פארלאָזט די הויז פון זיינע עלטערן ווען ער איז אין גאנצן אַלט געווען 9 יאר און קומט אָן פאר אַ משורר'ל צום בארימטן קעניגסבערגער חזן חיים ליב קאָנראד און מיט זיין זיסער סאָפּראן שטימע געווינט ער גאָר גיך צו זיך די אלגעמיינע אויפ־מערקזאַמקייט פון דער גאנצער געמיינדע. דערביי לערנט ער אין דער פרייער צייט ביים חזן נאָטן לייענען און לערנט זיך ביי א לע־רער שפּילן פידל, ער מאַכט גרויסע פאָרשריט אין זיינע למודים, און זיין לערער באַוואונדערט זיינע גרויסע פעיאיגקייטן פאר וועלכע ער איז ממש אַנטציקט, און אליין זייענדיג, כנהוג, נים קיין גרויסער נגיד, נעמט ער דאָך קיין באַצאָלט נים און לערנט מים ליכטענשטיינען אומזיסט.

ליכטענשטיין דאַוונט צו זיין בר מצוה פארן עמוד, און אלע זיינען פול מיט התפעלות פון זיין גרויסן שטימלאכן און מוזיקאַלישן טאַלאַנט.

א קורצע צייט שפּעטער, ווען ס'בייט זיך ביי אים די שטימע און ס'באַווייזט זיך אַ שיינע אנלאגע אויף אַ באַס שטימע, פאָרט ליכטענ־שטיין צום באַרימטן גלאגויער חזן ישראל לעווי צו פארפולקאָמען זיך אינם חזנות פאך. ער קומט אָן צו אים פאר א משורר אין זיין כאָר און לערנט זיך ביי לעווין דעם חזנות פאך. לעווי לערנט אויך מיט אים שטימע־בילדונג, און ליכטענשטיינס באַס־באַריטאָן שטימע ווערט באַלד זייער באַרימט אין דער גאנצער פּראווינץ און ווען די פירערס פון דער תפארת בחורים שול אין פויזן דערהערן אים אַמאָל דאַווי־נענדיג נעמען זיי אים אויף פאר חזן אין זייער קהלה. (אין דער זעל־בער שול פלעגט דאַוונען הרה"ג ר' עקיבא אייגער זצ"ל.) פון פויזן פאָרט ליכטענשטיין קיין פראנקפורט אן־דער־אָדער צום דאָר־טיגן חזן לעווענהיים, ביי וועמען ער דערלערנט שחיטה און באַ־קומט אויך קבלה, און קומט אָן דערנאָך פאר חזן־שוחט אין דער

שטעטל שווערט, נעבן פראנקפורט. און אין יאָר 1833 קומט ער אָן פאר חזן אין דער גרויסער שול אין שטעטין. דאָ האָט ליכטענשטיין מער געלעגנהייט זיין שטימע אויסצובילדן און מער פלאץ זיך מיט זיין טאַלאַנט צו באווייזן. ער טרעט אָפּט ארויס מיט גרויס דערפאָלג אויף קאָנצערטן, געווינט אומעטום אַלגעמיינעם בייפאל און ווערט דער ליבלינג פון דער גאנצער שטאָט, און זיין נאָמען ווערט באלד באַרימט איבער גאנץ דייטשלאנד.

אין יאר 1845 ווערט ליכטענשטיין איינגעלאדן קיין בערלין צו דאַווענען אין דער דאָרטיגער אַלטער סינאַגאָגע, הײדערײטער גאַס, א שבת אויף פּראבע. (די שול האָט צוליב חזן ליאָן'ס קראנקהייט גע- זוכט אַ פּאסיגן חזן שני) און ליכטענשטיין האָט גערן די איינלאדונג אָנגענומען, און ער דאַווענט שבת, ארויסרופנדיג ענטוזיאזם. די געמיינדע פארלאנגט פון אים ער זאָל צושטעלן צייגנישן וועגן זיין אויפפירונג און וועגן זיין קענען די העברייאישע שפּראַך און זיינע מוזיקאלישע ידיעות, און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אַלץ צוגעשטעלט, איז ער אויפגענומען געוואָרן פאר חזן שני און האָט יעדן צווייטן שבת געדאַווענט מיט גרויס דערפאָלג, און ווען חזן אשר ליאן שטארבט אָפּ אין יאר 1863, פארבלייבט חזן ליכטענשטיין דער חזן ראשון פון דער דערמאָנטער שול.

אין דער זעלבער צייט איז דער דירינענט פון דער זעלבער שול געווען דער באַרימטער מוזיקער לואיס לעוואנדאָווסקי, און די באַציאונגען צווישן חזן און דיריזשאָר זיינען געווען אמת ברידערלא- כע, און אין שול האָט זיך געהערט דער הימלישער געזאַנג פון לע- וואַנדאָווסקים געטלאכן כאָר, און ליכטענשטיינס ריזיגע באַס-באַרי- טאָן שטימע, וועלכע איז געווען איינג פארבונדן מיט זיין גרויסן חזנישן טאַלאַנט האָט צוגעצויגן די גרעסטע מוזיקער און זינגער מיט וועלכע די שול איז ביים גאָטעסדינסט געווען פול געפּאקט און אלע פלעגן אויסדריקן זייער אנטציקונג. חזן ליכטענשטיין איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, דער ליבלינג פון דער בערלינער אידישער געמיינדע, און נאָך ביזן היינטיגן טאָג ווערט זיין נאָמען מיט גרויס כבוד דער-

מאָנט. ער האָט געדאַווענט פאַרן עמוד ביז צו זיין לעצטן טאָג. ער איז געשטאָרבן דעם 3־טן פעברואר 1880.

פרייטאָג, דעם 6־טן פעברואר, איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה באַגלייט פון טויזנטער מענטשן און באַוויינט פון זיינע טויזנ־טער פריינט און פאַרערערס אין גאַנץ דייטשלאַנד בכלל און פון זיין געמיינדע בפרט.

מאיר יאַרעצקי.

מאיר יאַרעצקי איז געבוירן געוואָרן דעם 6־טן פעברואר 1769 אין פויזן. דער פאָטער זיינער איז געווען א גרויסער תּלמודיסט און זייער א פרומער איד און האָט זיין קינד דערצויגן אינם זעלביגן גייסט. ער לערנט מיט אים אַליין אין זיין פרייער צייט אַלגעמיינע און אידישע לימודים, און דינגט פאַר אים דערנאָך אַ ספּעציעלן גמרא מלמד, און זיין גאַנצע האָפענונג איז צו זען זיין געראטענעם זון, אַלס רב. איז אָבער מאירקע, צו זיין 15־טן לעבנס־יאָר, צוליב זיין פאָטערס שלעכטן מאַטעריעלן צושטאַנד, געווען געצוואונגען זיך ארויסצולאָזן אין דער ברייטער וועלט, כדי זיין ברויט אַליין צו פאַר־דינען.

ער איז געקומען אין בערלין, וואו ער האָט געזוכט צו געפינען א מענגלאכקייט פאַר זיין עקזיסטענץ. און די נאַטור אליין איז אים דאָ צוהילף געקומען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן ביי אים א שיינע אנלאגע פאַר א טענאָר שטימע, און אזוי ווי ער האָט, נאָך אַלס קינד, געהאַט א גרויסע נויגונג צו מוזיק און געזאַנג, האָט ער באַשלאָסן דאָס איצט אויסצונוצן. ער ווענדעט זיך צום דאָמאָלסט באַרימטן אויבערקאַנטאָר פון דער סינאַגאָגע פון היידערייטער גאַס, חזן אהרן בעהר, וועלכער איז געווען באַרימט אלס דער „באַמבערגער" און ווען ער דערהערט יאַרעצקיס שטימע נעמט ער אים גלייך צו פאַר אַ משורר אין זיין כאָר. ער לערנט אים אויך אויס אין גאָר א קורצער

צייט נאָמען לייענען, ער בילדט אויך אויס זיין שטימע און לערנט מיט אים דעם חזנות־פאך. און ניט קוקנדיג, וואָס זיין פאטער, ביי וועלכן די געשעפטן האָבן זיך פיל פארבעסערט, האָט פון אים געפאָדערט ער זאָל צוריק קומען אהיים און זיך פארנעמען מיט מסחר, האָט יארעצקי, אפזייענדיג פיר יאר אין בערלין, וואו ער איז באאיינפלוסט געוואָרן פון קונסט און מוזיקאַלישער קולטור, זיך מער ניט געקענט צופאסן צום סוחרישן לעבן, ס׳האָט אים געצויגן צו דער סינאַגאָגע. ער קומט אהיים און שטודירט ווייטער מוזיק מיט נאָך מער ענערגיע, און האָט דערביי אויך אָפט די געלעגנהייט צו דאַווענען אין דער גרויסער פויזנער שול ביים עמוד, און רופט ארויס נאָך יעדן דאַווענען צו זיך דעם גרעסטן בייפאַל מיט זיין געשמאקער מענאָר שטימע און מוזיקאַלישן ארט דאַווענען. אפזייענדיג א קורצע צייט אין דער היים באַשליסט ער צו פאָרן קיין פראנקפורט ביי דער אָדער, מיטן צוועק אָנצונעמען די דאָרטיגע חזנות־שטעלע, — דאָ האָט אים געהערט דאַווענען א געוויסער סוחר, דוד בעהמע, פון האַלבערשטאַט, און נאָכן דאַווענען איז ער צו אים צוגעגאַנגען און אויסדריקנדיג אים זיין אנערקענונג, האָט ער אים געמאַכט א פארשלאג צו קומען אויף אַ פראבע קיין האַלבערשטאַט. יארעצקי האָט דעם פאָרשלאג אָנגענומען און נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט געדאַוונט דעם צווייטן שבת, האָט ער געהאַט אַזאַ גרויסן בייפאַל, אַז ער איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן פאר חזן אין דער האַלבערשטאַטער גרויסער סינאַגאָגע.

געוועזן איז דאָס אינם יאר 1799, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעפאָרמאַטאָרישע באַוועגונג, לויטן מוסטער פונם וויסנשאַפטלאכן קאָנסיסטאָריום. עס האָט זיך אין גאנץ דייטשלאנד געפילט אַ נויגונג פארן דערמאָנטן קולט, און הגם יארעצקי האָט זיך געהאַלטן ביי דער אַלטער טראדיציע, האָט ער עס דאָך פארשטאַנען צו קאָמבינירן אויף א קלוגן אופן, אזוי, אז דאָס אלטע טראדיציאָנעלע האָט פון דער רעפאָרם גאָר ניט געליטן. און ער איז אזוי באַליבט געוואָרן ביי זיין געמיינדע, אז זיי האָבן אים ממש פארגעטערט. יארעצקי ווייזט אויך אָפט ארויס זיין איבערגעבנהייט און טריישאפט צו זיין געמיינדע.

תּמיד איז ער געווען פון די עשרה ראשונים אין שול צום דאַווענען, און ווען ער פלעגט שטיין ביים עמוד און ספּעציעל אין די ימים נוראים, פלעגן אַלע באַצויבערט ווערן פון זיין וואונדערבאַרער מענאָר שטימע, פון זיינע הימלישע תּפלות און פון זיין קונסטפולן פאָרטראג. ער האָט אויך געפירט זייער א גליקלאכן פאמילע לעבן און האָט זיינע קינ־דער געגעבן א גוטע דערציאונג. ער איז אויך געווען א גרויסער מכניס אורח און איז שטענדיג גרייט געווען, מיט וואָס נאָר מעגלאך דעם צווייטן צו העלפן.

אין מאַי 1842, עטלאכע טעג פאר שבועות, איז ער פּלוצלונג קראנק געוואָרן, אָבער ניט קוקנדיג אויף זיין שוואכקייט, האָט ער ניט געוואָלט פארשטערן זיין געמיינדע דעם יום טוב, און איז געגאנגען דאַווענען. עס איז אָבער, ליידער, געווען זיין לעצטע תּפלה, און 11 טעג אין סיון, דריי טעג נאָך שבועות, האָט ער אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

זיין לויה, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער געמיינדע, איז געווען איינע פון די גרעסטע אין האַלבערשטאַט. די קראַמען זיי־נען א גאנצן טאָג געווען פארמאכט, אלס א צייכן פון טרויער און טויזנטער מענטשן האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביגער רו.

שלמה זולצער.

ווען דער פארשלאָפענער אידנטום, איז אין 18־טן יארהונדערט אויפגעוועקט געוואָרן, דורך משה מענדעלסאָן, צו בילדונג, צו לאנד־שפּראך, צו א בעסערן און פיינערן געשמאַק, און גאָר באזונדערס, ווען דער אידנטום האָט אָנגעהויבן צו באַקומען עמאַנציפּאציע אַלע מאָל אין אן אַנדער לאנד, און אנשטאָט די פארשימלטע געטאָ־קלייז־לאך און בתי מדרשים, זיינען אויפגעבויט געוואָרן נייע גרויסע טעמ־פּלען, האָט זיך אויך אין חזנישן לאגער אָנגעהויבן צו באַמערקן אַ טענדענץ צו קאָנסערווירן און דערפרישן די ליטורגיע דורך געזונטע

עסטעטישע מיטלען, און דער ערשטער עפּאָכע-מאַכער איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי דער בארימטער ווינער חזן סאַלאָמאָן זולצער, ער האָט די ליטורגיע פון איר לעטאַרגישן שלאָף אויפגעוועקט, איינפירנ-דיג דאָס זינגען מיט דער באַגלייטונג פון דעם אָרגל און איינפירנדיג ביי דער ליטורגיע אַנדערע רעפאָרמאַטאָרישע הילף מיטלען, די חזנות האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געבראַכט גרויסע קינסט-לערישע רעזולטאַטן, ווי מיר זעען עס ביי היינטיגן טאָג.

זולצער האָט אריינגעבראַכט אן אקאַדעמישן עלעמענט אין חזנות, און האָט די אַלטע חזנות אייראָפּייאיזירט, פאַרבייטנדיג דעם נאָמען חזן אויף קאַנטאָר, שטיצנדיג זיך אויפן באַוואוסטן קירכן-אָר-גאַניסט און וועלט-קאָמפּאָזיטאָר, סעבאַסטיאן באַך, וועלכער האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען קאַנטאָר, וואָס הייסט, די פאַראַנטוואָרטלאַכע פּערזאָן פאַר דער מוזיק, פאַרן „קאַנטוס”, און אזוי האָבי זיך גע-רופן אַלע אָרגאַניסטן און דיריזשאָרן פון דער קירך, און לויט זול-צערס מיינונג, האָט דער אידישער חזן, וועלכער איז געווארן די פאַר-אַנטוואָרטלאַכע פּערזאָן אינם אידישן טעמפּל פאַר אמתע מוזיק, פאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען קאַנטאָר.

שלמה זולצער איז געבוירן געוואָרן דעם 30-טן מערץ 1804 אין האהענעמס (דייטשלאַנד), זיין ריכטיגער פאַמיליע נאָמען איז געווען לעווי, און זיינע עלטערן שטאַמען פון דער שטאָט זולץ אין וויר-טענבערגער געגנט, נאָכן גירוש היהודים פון ווירטענבערג האָבן זיי זיך באַזעצט אין האהענעמס, און אין יאר 1809, האָבן זיי זייער נאָמען לעווי אומגעביטן אויף זולצער, צום אָנדיינק פון זייער געבורטס-שטאָט זולץ.

זיינע עלטערן האָבן בדעה געהאַט זייער געראַטענעם סאַ-לאמאָן צו דערציען פאַר א סוחר, צוליב פאָלגנדיגע צוויי סבות אָבער, וועלכע האָבן זיך מיטן קליינעם סאַלאמאָן, איינע נאָך די אַנדערע, געטראָפן, האָבן זיינע עלטערן, זייער לכתחלהדיגן באשלוס גע-ענדערט.

געווען איז דאָס אין יאר 1811, ווען דער טייך איז נאָך פיל

שנייען און רעגנס ארויס איבער די ברעגן. סאלאָמאן, ניט זייענדיג פארזיכטיג גענוג, איז גייענדיג פארביי טייך מיטגעריסן געוואָרן פון גוואלדיגן רייסנדיגן שטראם, זיין לעבן איז געווען אין גרויס סכנה, און קיינער האָט ניט געוואַגט אים צו ראטעווען. אָבער אַ פויער מיטן נאָמען קאַרל הוגלער, דערהערנדיג דעם קינדס פאַר-צווייפלטע קולות, האָט שטעלנדיג זיין אייגענעם לעבן אין סכנה, סאַ-לאמאָנען ארויסגעראטעוועט (הוגלער האָט שפעטער באקומען פון זולצערן אַ לעבנסלייגגלאכע חודשדיגע אונטערשטיצונג) — דאָס איז געווען איין סכנה

די צווייטע סכנה, האָט געטראָפן מיט עטלאכע וואָכן שפעטער, און געווען איז דאָס אזוי: ,

איינמאָל איז ער פארפאלן געוואָרן און איז ביז שפעט ביי נאַכט ניט אַהיים געקומען, און נאָך אַ לייגגערן זוכן האָט מען אים געפונען אַ שלאָפנדיגן אין שול, אויף זיין פאָטערס אָרט. זיינע על-טערן האָבן דאַמאָלס באשלאָסן, זייער געראטענעם סאלאָמאָן, אי-בערצוגעבן אינגאנצן לעבודת הבורא.

ס'איז אָבער כדאַי צו באמערקן, אַז זולצער, שפילנדיג זיך מיט קינדער, איז זיין בעסטער שפיל געווען, פון אלע קינדער צו-זאמענשטעלן אַ אידישע געמיינדע און זיך אַליין האָט ער באשטימט פאר פרנס און חזן, זיין זיידע, מענדל, האָט אויף סאלאָמאָנען נביאות געזאָגט, אַז ער וואקסט אַ גדול בישראל, און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. סאלאָמאָן קומט באלד דערנאָך אָן פאר אַ משורר צום חזן פון דער שטאָט ענדינגען, מיט וועלכן ער מאכט מיט פארשיידענע, לויט דער דאַמאָלסדיגער מאָדע, קונסט-נסיעות איבער פראנקרייך און עלזאס-לאָטרינגען.

אין יאר 1817 ווען סאלאמאן איז געוואָרן בר מצוה קומט ער צוריק קיין האהענעמס. לויט דער בקשה פון זיינע עלטערן און פריינט דאַווענט ער שבת פארן עמוד אין שול און האָט גרויס דערפאָלג, און אַזוי ווי די חזנות שטעלע איז דאַמאָלסט געוואָרן פריי, האָבן זולצערס עלטערן זייער געוואָלט, אַז זייער סאלאמאן זאָל די דאָזיגע שטעלע

אָננעמען, ס'זיינען אָבער געווען א סך קעגנערס, וואָס האָבן ניט גע־וואלט צולאָזן א אינגל פאר זייער חזן, עס האָט זיך אָנגעהויבן א שטיקל מחלוקת, און ס'איז דערגאנגען אזש צום קייזער פראנץ יאָזעף דעם ערשטן, וועלכער האָט באשטימט סאָלאָמאָנען פאר א חזן, נאָר בתנאי, אז ער זאל פאָרן 3 יאר שטודירן

זולצער פאָרט צו חזן אייכבערג צו דערלערנען בײ אים דעם חזנות פאך, (וועגן אייכבערגן דריקט זיך זולצער אוים אין איי־נער פון זיינע שריפטן, אַז ער איז געווען א איידעלע נשמה און א גרויכער מייסטער ביי וועמען ער האָט א סך געלערנט).

זולצער פאָרט דערנאָך צום דאַמאָלסט באַרימטן ציריכער חזן ליפמאן און ער מאַכט מיט אים אויך דורך עטלאכע קונסט־נסיעות מיט גרויס דערפאָלג, ער קומט צוריק אהיים צו זיינע עלטערן, אָבער זיין גרויס חשק צום לערנען, לאָזט אים אין דער היים ניט איינזיצן, ער פאָרט קיין קארלסרוע, וואו ער פארבלייבט א יאר שטודירן אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואַטאָריע.

צו 16 יאר נעמט זולצער אָן זיין חזנות־אמט אין האהענעמס, וואו ער האַלט אָן די חזנות 5 יאר מיט גרויס כבוד און צופרידנהייט, ער אָרגאניזירט א גוט געשולטן כאָר, אויך א שטרייך אָרקעסטער, וועלכער באגלייט דעם כאָר בײ ספעציעלע פייערלאכקייטן. זולצערס טאַלענט און געניאלע פייאינקייטן ווערן אנערקענט און אלזייטיג באַוואונדערט

זולצער בעט ביי זיין געמיינדע אן אורלויב אויף 8 וואָכן צו פארן קיין ווין, וואָס ס'ווערט אים באַוויליגט.

דעם 9־טן יאנואר 1826 פארלאָזט ער האהענעמס. נאָכדעם ווי די צייט פו זיין אורלויב האָט זיך שוין געענדיגט האָט די האהע־נעמסער געמיינדע דערהאַלטן א העברייאישן בריף פון זולצערן, מיט דער בקשה, אַז זיי זאָלן אים פריי לאָזן פון זיין אַמט, ווייל ער איז שוין אנגאזשירט אַלס חזן ראשון בײ דער גרויסער ווינער אידישער געמיינדע, און אלס ווינער חזן, מאָטיווירט ער, וועט ער האָבן די מעגלאכקייט אין זיין גרויסער קאָנטאָראלער טעטיגקייט צי געפינען

זיין עתיד. די האהענעמסער קהלה באדויערט זייער צו פארלירן זייער באַליבטן חזן האַלטן זיי עס אָבער פאר א גרויסן כבוד, וואָס זייער חזן און בן עיר, האָט דערגרייכט אַזאַ גרויסע מדרגה, ווי צו ווערן אויבערקאַנטאָר אין ווין. און זיי דערלויבן אים אָנצונעמען די ווי־נער שטעלע.

אזוי זעען מיר דעם 21 יאָריגן זולצער אַלס אויבערקאַנטאָר פון דער ווינער געמיינדע, וואו ער געווינט גאָר גיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאמקייט מיט זיין שטרעבן אַוועקצושטעלן די ליטורגיע אויף אַ הויכער ווירדיגער מדרגה, וואָס ס׳געלינגט אים אויך, אַ דאַנק דער הילף פונם באוואוסטן ראבינער יצחק נח מאנהיימער. וועלכער שטיצט זולצערן ביי אלע זיינע אונטערנעמונגען אויפן דערמאָנטן געביט.

דער באוואוסטער היסטאָריקער זיני דריקט זיך אוים אין זיין בוך „דער אורשפרונג און ענטוויקלונג דער סינאַגאָגען געזענגע" אזוי:

„די איינגע ראמען פון מיטלאלטער זיינען דורכגעבראכן גע־וואָרן און ווי פון א וואונדער שלאָף האָט אַ דערלייזנדיגער פרילינג דערוואכט און געבראכט דעם גענום פון נייע צייטן און פאר דער מו־זיק פון דער סינאַגאָגע גערופן צום לעבן נייע טענער, די געטלאכע השגחה איז געווען אינם געניום אין מענטשן געשטאַלט, וועמענס נאָמען איז געווען „סאלאמאָן זולצער".

ווי געזאָגט, האָט זיך זולצער גענומען צום נייעם אויפבוי פון אונזער חזנות, עס איז אָבער פאר איין מענטשן צו שווער געווען די דאָזיגע אַרבעט אליין דורכצופירן, האָט ער טאַקע איינגעלאַדן צו זיך נאָך אַנדערע בארימטע מוזיקאלישע פערזענלאַכקייטן, ווי קאַפעלמייסטער ריטמער פון זאפריעד, שובערט, פישהאָף און דרעק־סלער. זולצער לערנט אויך פיל ביי די דערמאָנטע מוזיקער און באזונדערס ביי זאפריעדן, און אין דער זעלבער צייט פון זיין שטוד־יום קאַמפּאנירט ער די נויטיגע געזאַנגען פארן גאָטעסדינגסט, ער זוכט אוים די אַלטע טראדיציאָנעלע געזאנגען און די פּאָפּולערסטע סינאַגאָגאלע מעלאָדיעס און ריטמיזירט און האַרמאָניזירט זיי אי־

בער לויט די חקי הנגינה, ער פאראייניגט זיך מיט די מעסיגע אידייען פון ראבינער דר. מאַנהיימער אינם פּרוב צו געבן נייע פארמען דעם גאנצן גאָטעס־דינסט. און דער ווינער גאָטעס־דינסט ביי יענער צייט ווערט באלד דער מאָדעל פאר גאנץ אייראָפּע.

זולצער האָט פארמאָגט א מעטאַלפולע און קלאנגרייך ווייכע שטימע, וועלכע האָט אין פארבינדונג מיט זיין קינסטלערישן פארטראג, צוגעצויגן אומגעוויינלאך פארכישופנדיג, און ס'האָבן זיינע תפלות באוואונדערט די גרעסטע מוזיקער, פירשטן און קינסטלער פון יענער צייט, און ריכטיג דריקט זיך אוים, אין דער צייטונג „דער קולטוס בעאַמטע" פון פעברואר 1890, דער באוואוסטער בודאַפּעסטער אויבערקאנטאָר מאָריץ פרידמאַן, וועלכער זאָגט, אז זולצער איז געווען די חזנים־שולע, ער איז געווען דער ערשטער אויפריכטיגער וועג־ווייזער, ער האָט געהאַט צו קעמפן מיט די פארזשאַווערטע, אלט־אידישע, ניט פאָרמירטע טראדיציאָנעלע סקארבאָווע נגונים, ביז ער האָט זיי געבראכט צו א געוויסער אָרדענונג און פאָרם. פראנץ ליסט איז געווען איינער פון זולצערס באגייסטערטע פארערערס, אויך קענען פארערכנט ווערן צו זולצערס פארערערס אין יענער צייט: דער קייזער פערדינאַנד, וועלכער פלעגט אָפט קומען פרייטאָג אין שול צו הערן זולצערס קינסטלערישע תפלות, — אויך דער ווינער פירשט ערצבישאָף פירקעט, וועלכער איז אמאָל געקומען מיט אַ באזוך צו זולצערן אַהיים, און זולצער האָט פאר אים פאָרגעזונגען, און דער בישאָף איז געווען אזוי אַנטציקט פון זולצערס שטימע און פארטראג, אַז ער האָט אים ארומגענומען און זיך מיט אים צוקושט.

נאָך זיין 25 יאריגער טעטיגקייט, האָט זולצער פארעפנטלאכט זיין ערשטן בוך „שירי ציון", וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים באגייסטערונג אין דער גאנצער מוזיקאַלישער וועלט. און באזונדערס ביי אלע אייראָפּייאישע אידישע געמיינדעס.

אין יאר 1866 פארעפנטלאכט זולצער א צווייטן „שירי ציון", וועלכער באהאנדלט נאָכמער די אלטע נוסחאות פון זיינע תלמידים

פון דער גאנצער וועלט, וואָס האָבן אים די דערמאָנטע נוסחאות פאָרגעזונגען, ער ווערט דערנאָך ערן־בירגער פון דער שטאָט ווין, און באקומט פארשיידענע אָרדנס און גאָלדענע מעדאַלן, ער באקומט אויך דעם טיטל פראפעסאָר פאר קונסט און וויסנשאַפט, און ווערט באשטימט פאר פראפעסאָר פאר מוזיק אין דער ווינער קאָנסערוואַטאָריע, ער באקומט אויך נאָך אַנדערע טיטולן, און ווערט ערן מיטגליד פון דער רעאַלער אַקאַדעמיע אין רוים.

דעם 24־טן מערץ 1866, צו זיין פערציג יאריגן אַמטירונג-יובילייאום, באקומט ער א סך ווערטפולע מתנות און בלומען קרענץ, מיט פארשיידענע אַדרעסן און באַגריסונגען, ס'ווערט אויך געגרינדעט א סטיפענדיע אויף זולצערס נאָמען אינם פאריין פון די ווינער מוזיק פריינט, און ער ווערט באערט מיטן טיטול פראפעסאָר פון מענער געזאַנג. דער 30־טער מערץ, 1874, דער 70־טער געבורטסטאָג זולצערס, איז געווען פאר דער ווינער קולטוס געמיינדע, און אויך פאר פארשיידענע אַנדערע קהלות, א גרויסער יום טוב, און הונדערטער באגריסונגען און ווינטשונגען זיינען אָנגעקומען צו אים פון גאָר דער וועלט.

זולצערס 50 יאריגער אמט־יובילייאום איז אויך געפייערט געוואָרן מיט גרויס פאראד, און באגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון דער גאנצער וועלט. אין אלע זיינע רעדעס האָט זולצער באטאָנט, אַז ער האָפט, אז דאָס נייע קאַנטאָראַט וועט זיך ניט באנוגענען נאָר מיט זיינע שירי ציון און דער קומענדיגער דור חזנים און מוזיקער וועט דאָס בריינגען ווייטער און ווייטער, און זיין וואונטש איז מקוים געוואָרן, סינאַגאָגעס וואָס האָבן ביז זולצערן קיין איין בלעטל נאָטן ניט געהאַט, פארמאָגן איצט רייכע ביבליאָטעקן פון ביכער און מאַניסקריפטן פון דער נייער אידישער מוזיק, א רייכע פלעיאַדע פון חזנים און דיריזשאָרן האָבן באַרייכערט אונזער גאָטעס־דינסט מיט עכטע אידישע און מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און מיר קענען ווירקלאך דערמיט שטאָלצירן.

זולצער איז פארבליבן נאָך 5 יאר טעטיג אויף זיין אַמט ביז

צום יאר 1881, ווען נאָך 55 יאריגער מעטיגקייט, האָט ער זיך צוריק־געצויגן אין רו. ער דאַווגט נאָך שבת דעם 2־טן אפריל מוסף און רופט ארוים באוואונדערונג ביי אלעמען מיט דער שיינקייט און קראפט פון זיין מתיקותדיגער שטימע, ער געזעגנט זיך מיט זיין גע־מיינדע און גיט איבער זיין אַמט, דעם באוואוסטן אויבער קאַנטאָר יוסף זינגער.

9 יאר האָט זולצער נאָך געלעבט אין זארגלאָזיגקייט און רו, און רייך אין כבוד, זאָט אין יארן, און גליקלאך צו זען ווי זיינע „שירי ציון" זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער גאנצער אידישער וועלט, האָט ער שבת דעם 17־טן יאנואר 1890 אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

דעם 20־טן יאנואר איז זולצער מיט גרוים כבוד געבראכט גע־וואָרן צו קבורה, דער ארון ווערט אריינגעטראגן אין זייטענשטעטען טעמפל וואו חזן זינגער זאָגט זולצערס „שמעו זאת כל העמים" און די ראבינערם דר. יעלינעק און דר. גודעמאַן מאכן א ווארימען הספד, אָנרופנדיג אים „והוא כהן לאל עליון", ער איז געווען פריסטער פון העכסטן גאָט. דער אָרון ווערט געטראגן אויף די הענט פון די פאר־שטייערם פון דער ווינער קולטום געמיינדע ביז צום צענטראל בית עולם, וואו חזן יוסף גאָלדשטיין זאָגט „הצור תמים פעלו".

אויף סאמטענע קישעלאך זיינען געטראגן געוואָרן פאר דער מטה, אַלע זולצערס אָרדנס און מעדאַלן און אויך זיינע „שירי ציון".

שוין 40 יאר ווי זולצער איז טויט, זיינע קאָמפּאָזיציעס לעבן אָבער, און וועלן נאָך אין א סך הונדערטער יאָרן ארום זיין דער שטאָלץ און דער וועג־ווייזער אין דער סינאַגאָגע־ליטורגיע.

ניסן בלומענטאל·

אין די פופציגער יארן פון 19־טן יארהונדערט, ווען די מערב־אייראָפּייאישע קולטור איז מיט אירע אסימילאטאָרישע אספיראציעס

אויך אין דער סינאַגאָגע־מוזיק אריינגעדרונגען, און עס האָט געהאַלטן אזוי ווייט אז אויך פאר די סינאַגאָגעס אין רוסלאַנד איז פאָרגעשטאַנען די סכנה, פון אַ פארגוואַלדיגונג פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע נוסחאות התפלה, — איז דעם באַוואוסטן חזן ניסן בלומענטאַל, געלונגען צו שאַפן רו און אָרדנונג אויפן דערמאָנטן געביט.

די מערב אייראָפּייאישע רעפאָרמירטע טעמפל־מוזיק, און גאָר באַזונדערס זולצערס דראַמאַטישע רעטשיטאַציע, וואָלט קיינמאָל אין די רוסישע סינאַגאָגעס ניט געקענט אריינדרינגען, ווען ניט בלומענטאַלס קינסטלערישער זינגען, וואָס האָט פאראייניגט דעם מערב קאלקיל מיטן מזרח סענטימענט.

ניסן בלומענטאַל איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט יאַסי, רומעניע, אין יאָר 1805, זיינע עלטערן האָבן אים געגעבן אַ גוטע דערציאונג אין אַלגעמיינע למודים, באַזונדערס אָבער אין תּלמוד, אויפן געביט פון וועלכן בלומענטאַל האָט אויך ארויסגעוויזן גרויסע פייאיגקייטן און זיינע עלטערן האָבן באשלאָסן אים צו דערציען פאר אַ טעאָלאָג. — האָט אָבער פארמאָגט דער קליינער בלומענטאל א שיינע שטימעלע און אויך ארויסגעוויזן גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק, וועלכע לאָזן אים ניט רוען. ער קומט אָן פאר אַ משורר ביים שטאָטישן חזן און באשליסט קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן, זיך אויסצובילדן פאר א חזן, און הגם, ער הערט ניט אויף צו לערנען תּלמוד און אויך אלגעמיינע למודים לערנט ער אָבער גלייכצייטיג אויך מוזיק און נעמט אונטערריכט אין שטימע־בילדונג.

צו 21 יאר זעען מיר אים שוין אַלס חזן אין בערדיטשעוו. ער שרייבט דאָרט א רייע פון זיינע שפּעטער זייער אָנגענומענע קאָמפּאָ-זיציעס און מיט זיין שיינער מעטאַלפולער שטימע און זיינע מתיקותדיגע תּפלות, ווערט ער בארימט ניט בלויז אין בערדיטשעוו, נאָר אויך איבער גאַנץ רוסלאַנד. ער קומט דערנאָך אָן פאר אַ חזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו וואו ער פארבלייבט ביזן יאָר 1841 און אין זעלבן יאָר, דעם 10־טן יוני, ווערט ער אויפגענומען פאר א חזן אין אָדעס, אין דער דאַמאָלסט נאָר־וואָס אויסגעבויטער בראָדער שול.

צו דער עפענונג פון דער דאָזיגער שול, וועלכע איז פארגעקומען דעם 20־טן יוני, איז געקומען דער דאַמאָלסדיגער אָדעסער גענעראַל גובערנאַטאָר גראף וואָראָנצאָוו, מיט זיין גאנצער סוויטע, די שול איז געווען פול געפאקט מיט אַ געקליבענעם עולם פון דער אָדעסער אידישער אינטעליגענץ און בלומענטאַל האָט אַלעמען איבערראַשט מיט זיין וואונדערבארן זינגען די דורך אים ספעציעל צוגעגרייטע תפלות און נגונים מיטן כאָר, גראף וואָראָנצאָוו האָט אים פערזענלאך אויך אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג און אַנטציקונג און דער גרויסער פארזאמלטער עולם האָט אים געמאַכט שטורמישע אָוואציעס.

בלומענטאַל געפינט אין אָדעס א ברייטע ארבעט פעלד, ער באַמיט זיך איינצופירן א גוטן גערעגלטן דאַווענען, אָפהיטנדיג דערביי די טראַדיציאָנעלע נוסחאות, זייער היסטאָרישן קינסטלערישן ווערט און זייער באַטייט.

ער שטעלט אַוועק א גוט איינגעשטודירטן כאָר מיט אַ גוטן פארשיידנאַרטיגן רעפערטואר און דער עולם צוהערערס ווערט אַנטציקט פון זיין קינסטלערישער און סטיליסטיש אויסגעהאַלטענער תפלה, וואָס האָט אויך געהאַט א שטאַרקע השפעה אויף די מתפללים, וועלכע האָבן ליב באקומען דעם שטילן איידעלן גאַטעסדינסט. בלומענטאַל ווערט אזוי ארום גאָר גיך באַליבט ניט בלויז ביי זיין געמיינדע, ניט בלויז אין גאנץ רוסלאנד, נאָר אויך איבער דער גאנצער וועלט.

בלומענטאַל איז אויך דער ערשטער, וועלכער האָט איי רוסלאנד געשאַפן דעם רייכן כאָראַלישן גאָטעסדינסט, און איז געווען דער גרעסטער און ווירדיגסטער שליח צבור פון יענער צייט. אים האָט אויך אָדעס צו פארדאנקען איר באַוואוסטזיניגקייט אין אידישער סינאַגאָגאַלער מוזיק. — זיין טעטיגקייט אלס חזן און מוזיקער, איז געווען א פארשיידנאַרטיגע; ער האָט געקליבן פארשיידענע מערב־אייראָפּייאישע געזאנגען, האָט זיי איבערגעזעצט און צוגעפאסט פאר דער סינאַגאָגע, ער האָט אויך געשאַפן א סך אייגענע זאכן און אלץ איז געווען אויסגעארבעט און דורכגעדרונגען אין ריינעם אידישן

גייסט, און עס איז דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז או־מעטום אָנערקענט געוואָרן פאַרן גרעסטן מייסטער פון יענער צייט.

ביי בלומענטאַלן שטייט פיוט און געזאַנג אין אייננסטער פאַר־בינדונג און האַרמאָניע צוזאַמען, — איז דאָך יעדערן באַקאַנט זיין „אתה יצרת", אָדער זיין וואונדערבאַרע „ספירה", „לכה דודים", ווי רייך אין אינהאַלט איז זיין „ונתנה תוקף" אין וועלכן בלומענ־טאַל גיסט אויס זיין אידישע נשמה פאַרן בורא עולם מיט אַזוי פיל התלהבות און השתפכות הנפש, באַזונדערס ביי די ווערטער „כי לא יזכו בעיניך בדין", וואָס זייער גלייכן איז זעלטן צו געפינען אין אונ־זער סינאַגאָגאַלער ליטעראַטור. — ער שרייבט הונדערטער קאָמ־פּאָזיציעס, וועלכע זיינען ניט געדרוקט, זיינען אָבער פאַרשפּרייט ווייט און ברייט, און ווערן עד היום, מיטן גרעסטן דערפאָלג געזונגען אין אַלע סינאַגאָגעס פון דער גאַנצער וועלט.

דער 4־טער יוני, 1891 (צום 50־יאָריגן יובילייאום פון בלו־מענטאַלס חזנישע טעטיגקייט אין דער אָדעסער בראָדער שול) איז געווען ניט בלויז פאַר אָדעס אליין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער חזנישער וועלט א גרויסער אומגעוויינלאַכער יום טוב, בלומענטאַל האָט באַקומען א סך מתנות און באַגריסונגען, די בראָדער שול האָט געגרינדעט אין דעם דאָזיגן טאָג א זייער וויכטיגן מוסד צדקה.

נאָכן דערמאָנטן יובל דערקלערט בלומענטאַל זיין געמיינדע אז ער פילט זיך, צוליב זיין שוואַכקייט, ניט מער פייאיג אָנצוהאַלטן ווייטער זיין אַמט אַלס חזן און ער רעקאָמענדירט פאַרן ממלא מקומו דעם באַוואוסטן (ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם) חזן און שריפטשטע־לער, פנחס מינקאָווסקי

דעם 25־טן יאַנואַר, 1902, איז גאַנץ אָדעס איבעראַשט גע־וואָרן פון דער טרויעריגער ידיעה וועגן בלומענטאַלס טויט. באַלד זיי־נען אַלע אידישע קראָמען צוגעמאַכט געוואָרן, אַלס א צייכן פון טרויער אויף א האַלבן טאָג, צו זיין לויה איז געגאַנגען גאַנץ אָדעס, אַלט און יונג, אידן און קריסטן. אַלע האָבן באַוויינט דעם גרויסן

פארלוסט, וואָס די אָדעסער אידישע קהלה האָט געהאַט דורכן טויט פון איר געליבטן חזן.

ביי דער לויה האָט חזן פּנחס מינקאָווסקי, געזונגען די געהעריגע פּסוקים און דער ראבּינער דר. פּאָמעראַנץ, האָט געהאַלטן א טיף רירנדיגן הספּד, אין וועלכן ער האָט באצייכנט בלומענטאַלס איידעלן כאראקטער, זיין גרויסע עניוות און זיין שטענדיגע גרייטקייט דעם צווייטן א טובה צו טאָן

מאקס (מרדכי) לעווענשטאם.

איינער פון די בארימטסטע חזנים פון דער ערשטער העלפט פון 19-טן יארהונדערט איז געווען חזן מאַקס לעווענשטאַם, געבוירן דעם 25-טן אָקטאָבער, 1814 אין טרעביטש (מעהרן), אלס קינד וויזט ער ארוים גרויסע פייאיגקייטן פאר אידישע למודים, און זיינע פרומע עלטערן האָבן גרוים חשק אים צו מאַכן פאר א רב, און כדי זייער דאָזיגן פּלאן צו פארווירקלאכן, שיקן זיי אים קיין פּראג צו לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה, וואו ער לערנט עטלאכע יאר מיט גרוים התמדה און מאכט אויך גרוים פארשריט אין אלגעמיינע למודים. ער באשליסט דערנאָך צו לערנען מעדיצין און צום דאָזיגן צוועק פּאָרט ער קיין גרוים קאנישא אין אונגארן. ער קומט אָן אלס סטו-דענט אין דאָרטיגן אוניווערסיטעט און פארדינט זיין לעבנס מיטל אלס לערער אין דער דאָרטיגער תלמוד תורה. עס אַנטוויקלט זיך ביי אים צו יענער צייט א שיינע טענאָר שטימע, א דאַנק וועלכער ער ווערט א אָנגעלייגטער גאסט אין די אינטעליגענטסטע אידישע קרייזן, וואו ער טרעט אויך אָפט ארוים אויף וואוילטעטיגע אָוונטן, זינגנדיג לידער. און ווען אין גרוים קאנישא ווערט פריי דער אמט פון א חזן אין דער דאָרטיגער סינאַגאָגע, באמיען זיך אלע זיינע פריינט און פארערערס, אז ער זאָל דעמדאָזיגן פּאָסטן באקומען, לעווענשטאַם האָט קיין חזנות נים געקענט, און דאָס ביסל וואָס ער האָט יא פאר-

שטאַנען אין תפלה איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אַלס קינד נאָך אָנגעהערט פון די חזנים און בעלי תפלה פון זיין געבורטס שטאָט, טרעבימש, האָט ער אָפן דערקלערט, אַז ער פילט זיך ניט פייאיג די דאָזיגע שטעלע אָנצונעמען, אָבער זיינע צאָלרייכע פריינט האָבן דורכאויס פארלאנגט, אַז ער זאָל פארבלייבן ביי זיי חזן. און ניט קוקנדיג וואָס ער האָט, זיינע פריינט צוליב, די שטעלע יאָ אָנגענומען, פארבלייבט ער אויף זיין שטעלע ניט לאנג, זיין שטרעבונג צו פאר-פולקאָמונג פון זיין שטימלאכן און מוזיקאלישן טאַלאנט ברייגנט אים אין יאר 1835 קיין ווין, וואו ער לערנט פלייסיג מוזיק טעאָריע און שטימע בילדונג אין דער פאָטערלאנד קאָנסערוואטאָריע, און דער-לערנט אונטער זולצערס איינפלוס, גרינטלאך דעם חזנות פאך. אין יאר 1840 ווערט לעווענשטאַם אויפגענומען פאר שטאָט-חזן אין פראג. צוליב אומבאוואוסטע סבות אָבער פארלאָזט ער גיך פראג און קומט אָן פאר אויבערקאַנטאָר אין נייעם טעמפל אין בודאַ-פעסט.

אָנקומענדיג אויפן דאָזיגן גרויסן פאָסטן, באַקומט ער א בריף פון זולצערן, אין וועלכן דער לעצטער ראט אים, ווי אזוי זיך אויפ-צופירן, און וועגן דעם אויפבוי פון דער ליטורגיע, לויט די נייע, דאַמאָלסט איינגעפירטע, דורך זולצערן כללים. פון דעם אַמאָליגן תלמיד לעווענשטאַם, וואקסט אינגיכן אויס לעווענשטאַם דער מיי-סטער. ער נעמט זיך ענערגיש און געוויסנהאפט צו פארמירן דעם גאָטעסדינסט אויפן זולצערשן אופן, און דאָס גיט זיך אים גלענצנד איין. ער שרייבט אויך צו דערזעלבער צייט א ריי אינטערעסאנטע אָריגינעלע קאָמפאָזיציעס, אין וועלכע עס פילט זיך דאָס אַלטע חזנות פארייניגט מיטן זולצערשן מאָדערניזם. מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז די דאָזיגע קאָמפאָזיציעס, וועלכע זיינען געווען געשריבן אין עכט אידישן גייסט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאר די בעסטע פון אַלע זיינע שאפונגען און זיינען פאררעכנט ביזן היינטיגן טאָג פאר פערלען אין דער סינאַגאָגע מוזיק.

דריי יאר פון אומדערמידלאכע ארבעט מאכט לעווענשטאַם

דורך אין בודאַפּעסט, און, הגם, ער איז ביי זיין געמיינדע זייער גע־אַכט, געפינט ער אָבער ניט די געווינטשטע באַפרידיגונג אין זיין שווערער ארבעט. די סבה דערפון איז, וואָס די געמיינדע האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוינען צו די נייע, דורך לעווענשטאַמען איינגעפירטע סינאַגאגאלע געזאנגען, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז לעווענשטאַם האָט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן אין יאר 1844. ער פאָרט ארום, לויט דער דאַמאָלדיגער מאָדע, אין פאַרשיידענע שטעט און האָט אומעטום גרויס דערפאָלג. ווען אין יאר 1847 איז פריי געוואָרן די חזנות שטעלע אין מינכען (בייערן) ווערט לעווענשטאַם נאָך אן אָפּגעהאלטענער פּראָבע אויפגענומען פאַר אויבערקאַנטאָר פון דער גרויסער מינכענער סינאַגאָגע. ער געפינט דאָ א פּרוכט־באר און מוזיקאַליש פעלד, געווינט נאָך אַ קורצע צייט אלזייטיגע אנערקענונג און ווערט זייער באַליבט ביי זיין געמיינדע. ער פירט דאָ איין א שיינעם רעגולמעסיגן גאָטעס־דינסט און זיין נאָמען קלינגט ווייט איבער גאַנץ אייראָפּע.

אויך אין מינכען, וואו לעווענשטאַם איז באַליבט געוואָרן, איז אים די ערשטע צייט אויסגעקומען צו פירן א שווערן קאַמף ביז עס איז אים געלונגען אלגעמיינע אַנערקענונג צו געווינען. — צו שטאָלץ איז ער געווען אויף זיין פאַך און זיין קונסט, און האָט גע־קעמפט און ניט געלאָזן זיך פון געוויסע עלעמענטן, פאַרפירן. דער גאַנצער לעבן זיינער איז באַשטאַנען פון אן אומאויפהערלאכן קאַמף פאַר קונסט און קולטור. ער האָט אָנגעשריבן איבער טויזנט קאָמ-פּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, ער האָט אָבער ניט זוכה געווען צו זען זיי אין דרוק. ער איז געשטאָרבן דעם 9־טן אַפּריל 1881.

זיין ווערק „זמירות לאל חי", וועלכעם אנטהאלט 4 טיילן קאָמ־פּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, זיינען אין יאר 1882 ארויסגעגעבן גע-וואָרן דורך זיין זון פראַנץ יוסף. דאָס דאָזיגע ווערק איז א זייער וויכטיגער ביישטראַג צו דער סינאַגאָגע ליטעראטור און זיינע זאכן ווערן עד היום געזונגען מיט גרויס דערפאָלג אין אלע סינאַגאָגעס פון דער גאַנצער וועלט

סאלאָמאָן קעטטען.

שלמה זלמן (סאלאמאָן) קעטטען, איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1814, אין דער שטעטל סעערעד, אין אונגארן, זיין פאָטער, ר׳ משה קעטטען, איז געוועזן בארימט אין גאנץ אונגארן און אויך אין דייטשלאנד אונטערן נאָמען „משה באַס״. דעם דאָזיגן נאָמען האָט ער באקומען, ווייל ער פלעגט אויסארבעטן די אלע אלטע געזאנג־פאָרמען און פלעגט מיט זיין באס שטימע נאָכקאָפירן עטלאכע אינ־סטרומענטן, ווי: דעם פאגאט, דעם קאָנטראבאס און נאָך אנדערע.

סאלאָמאָן באקומט פון זיין פאָטער א גרונטיגע דערציאונג אין עטלאכע שפראכן און ער ווייזט ארוים באזונדערן חשק צו העברייאיש און דייטש. ער לערנט אים אויך שפילן אויפן פידל, און גיט אים אוועק פאר א משורר צו באַרימטן חזן דודל בראדער אין בודאַפעסט, ביי וועלכן סאלאָמאָן זינגט א צייט מיט יארן. ער לערנט אויך שטימע בילדונג און אלגעמיינע מוזיק, פארפולקאָמט זיך אויך אין חזנות פאך און באשליסט שפעטער א חזן צו ווערן. צים דאָזיגן צוועק שטעלט ער זיך צוזאמען א כאָר און לאָזט זיך ארוים מיט זיי אויף קונסט נסיעות, דורך וועלכע ער דערווערבט זיך אויך זייער א גרויסן נאָמען אלס קינסטלער־חזן. ער דאַוונט אין גראסווארדיין און האָט אזא געוואלדיגן דערפאָלג, אז ער ווערט אויסגעקליבן פאר שטאָט־חזן. נאָכן אָפּזיין דריי יאר אין גראָסווארדיין, פאָרט ער ווידער ארוים מיט זיינע משוררים אויף קונסט נסיעות און קומט דער־נאָך אָן פאר חזן אין באיא (אונגארן), וואו ער פארבלייבט ביזן יאר 1848, ווען ער איז געצוואונגען, צוליב דער רעוואָלוציע, אונגארן צו פארלאָזן. דאָס איז געוועזן א פאָר טעג פאר פסח ווען ער שטעלט צוזאמען א קווארטעט און וואנדערט מיט זיי ארום אין פארשיידענע שטעט. ער קומט אָן אויף שבועות קיין פּרעסבורג און מאַכט אזא אויפרודער מיט זיין דאַוונען, אַז דער דאָרטיגער רב, וועלכער איז געוועזן א זון פון בארימטן גאון הר׳ משה חתם סופר, הייסט אים אויפרופן צו דער תורה מיטן טיטול „מורנו״ (א זעלטן גרויסער כבוד

ביי יענער צייט). נאָך שבועות פאַרלאָזט קעטטען פרעסבורג און וואַנ־דערט ווידער פון שטאָט צו שטאָט איבער אונגארן און אַנדערע שכנות־דיגע לענדער, ביז ער קומט אָן אין יאר 1850 קיין פויזן, און קומט אָן פאר א חזן אין דער נייער סינאַגאָגע פון דער „ברידער געמיינדע". אויף דער דאָזיגער שטעלע פארבלייבט קעטטען 5 יאר און זיין נאָ־מען ווערט בארימט איבער דער גאַנצער וועלט.

אין יאר 1855, ווערט קעטטען איינגעלאדן קיין פאריז, אָנ־צונעמען די חזנות שטעלע אין טעמפל „נאָטרדאַם דע נאַצארעט", און האָט מיט זיין פראַבע דאַוונען אזא געוואלדיגן דערפאָלג, אז ער ווערט אָנגעשטעלט פאר אויבערקאַנטאָר מיט אַ לעבנסלייַנגלאַכן קאָנ־טראקט.

חוץ זיין וואונדערשיינער באריטאָן שטימע, וועלכע האָט דער־גרייכט אן אומפאנג פון איבער צוויי און א האַלב אָקטאַווע, האָט חזן קעטטען פארמאָגט אן אויסערגעוויינלאכע קאָלאָראטור, איז געווען א זעלטן שיינער מענטש, און הויכגעבילדעט. ער איז אויך געווען זייער מוזיקאַליש און זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען געווען ריין מעלאָ־דיש, ער האָט זיך אָבער ניט געטרויט זיי אָפּצודרוקן, ווייל עס איז אים תמיד פארגעקומען, אַז ס'איז ניט רייף גענוג פארעפנטלאכט צו ווערן. און אזוי איז פון זיינע צאָלרייכע קאָמפּאָזיציעס פאר דער וועלט גאָרניט געבליבן. ער איז אויך געווען א מושלם בכל המעלות און האָט מיט זיין גוטן כאראקטער געוואונען די אלגעמיינע ליבע פון די, וואָס האָבן אים געקענט.

דעם 18־טן דעצעמבער 1889, איז חזן קעטטען געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאר, באוויינט פון זיין פאמיליע, זיין געמיינדע און זיינע טויזנטער פריינט און פארערערס.

שלמה ווייַנטרויב (קאשטאַן).

שלמה ווייַנטרויב, וועלכער איז באקאנט אונטערן נאָמען „קאשטאַן" און וועמענס פערלדיגע רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָ־

זיציעס מאַכן נאָך ביי היינטיגן טאָג דעם גרעסטן איינדרוק און ווערן מיט גרויס דערפאָלג געזונגען אין די גרעסטע סינאַגאָגעס פון גאָר דער וועלט, איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1781 אין דער שטאָט אַלט־קאָנסטאַנטין ביי ניט פארמעגלאכע עלטערן.

זיין פאָטער שמשון דער בעל תּפלה האָט נאָכן אָפּשטאַרבן פון זיין פרוי, איבערגעגעבן זיינע ביידע גראַטענע קינדער שלמה און נחום ליב, פאר משוררים צום דאַמאָלסט באַרימטן „קלמן דעם חזן" פון מאָהילעוו, וועלכער איז, לויט דער מאָדע פון יענער צייט, ארומגעפאָרן מיט זיין קאַפּעליע משוררים, דאַוונען פון שטאָט צו שטאָט. דער קליינער שלמהלע האָט געפונען גרויס חן אין די אויגן פון קלמן דעם חזן צוליב זיין שיינער און געפילפולער שטימע, און ער האָט אים געגעבן א צונאָמען „קאשטאַן" צוליב זיינע רויטע האָר. אונטער דעם דאָזיגן נאָמען איז ער שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער גאנצער וועלט, און ווערט אויך אַזוי דערמאָנט אין דער איצטיגער צייט.

אין א צייט שפּעטער ווען שלמהלע האָט באקומען אן אנלאג אויף אַ טענאָר שטימע, פארלאָזט ער קלמן דעם חזן און קלייבט אַליין צונויף א קאַפּעליע משוררים, מיט וועלכער ער פארט ארויס איבער דער ברייטער וועלט און דאַוונט אומעטום מיט גרויס דערפאָלג. ער קומט שפּעטער אָן פאר חזן אין דער שטאָט זאמאָשץ, און מיט א יאר שפּעטער ווערט ער חזן אין טיקטין. פון טיקטין קומט ער אָן קיין בריסק און פון בריסק קיין דובנאָ.

יוסף זינגער שילדערט די צייט פון קאַשטאַנס נסיעות מיט זיינע קונסטפולע תּפלות פאר א געוואלדיגע קולטור שאפנדיגע עפּאָכע, די השפעה פון וועלכער ס'לאָזט זיך נאָך פילן ביז היינטיגן טאָג און און צו דער היסטאָריע פון וועלכער מיר באַציען זיך נאָך איצט מיט גרויס רעספּעקט.

קאשטאַן איז אָן ספק געווען איינער פון די גרעסטע חזנים פון זיין צייט, מ'קען מיט רעכט זאָגן, אַז ער איז געווען כמעט דער איינ־ציגער, וועלכער האָט פארשטאַנען אזוי קינסטלעריש צו פאַריייניגן

דאָס ספּעציפיש אידישע מיטן מאָדערניזם און האָט זיך מיט זיינע צאָלרייכע רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס דערוואָרבן אַן אייביגן נאָמען.

6 טעג אין כסלו, אין יאר 1829, איז קאשטאַן נאָך א קורצער קראַנקהייט געשטאָרבן אין דובנא און זיין זון הירש איז איינשטימיג אויפגענומען געוואָרן פאר זיין ממלא מקומו.

הירש וויינטרויב.

הירש וויינטרויב איז געבוירן געוואָרן דעם 2-טן מערץ, אין יאר 1811 אין דובנא ביי זיין וועלט-בארימטן פאָטער, דעם דובנער חזן שלמה וויינטרויב, אָדער ווי די וועלט האָט אים גערופן „קאשטאַן”.

שוין אלס קינד פון 6 יאר וויזט הירש וויינטרויב ארויס זייער א גרויסן חוש און תשוקה פאר מוזיק און געזאַנג, און זיין גרויסער פאָטער גיט זיך מיט אים פערזענלאך אָפּ אין דער פרייער צייט און לערנט מיט אים מוזיק. נאָך אַ יאר לערנען ביים פאָטער שרייבט דאָס טאלענטירטע קינד אליין אַן א קאָמפּאָזיציע פאר כאָר מיט א שיינער סאָלאָ, וועלכע ער פירט אוים אליין מיט זיין וואונדערבארער און געפילפולער סאָפּראַן שטימעלע. דערזעענדיג דעם קינדס טאלאנט און וועלנדיג אנטוויקלען זיינע פייאיגקייטן, באנוגנט זיך דער פאָטער ניט מיט זיין פערזענלאכן לערנען מיט אים, נאָר ער דינגט פאר אים א ספּעציעלן מוזיק לערער, און הירש וויינטרויב מאכט אין זיינע למודים גרוים פאָרשריט.

אויף זיינע קונסט נסיעות, וועלכע שלמה קאשטאַן-וויינטרויב מאכט מיט זיינע משוררים איבער פארשיידענע שטעט אין פּוילן און ליטע נעמט ער, פאַרשטייט זיך, זיין געראטענעם הירשל אומעטום מיט זיך. ס'פאָרט מיט הירשלען אויך מיט אַ ספּעציעלער גמרא

מלמד, וועלכער לערנט מיט אים מעגלאך א שיעור און לערנט מיט אים אויך די העברייאישע שפּראך.

הירשעלע זינגט אויך מיט בײַ זײַן פאטער אין כאָר, און רופט ארויס באוואונדערונג בײַ אלע זײַנע צוהערערס מיט זײַנע קינסטלע־רישע אויספירונגען פון די סאָלאָס און מיט זײַן נאטירלאכן נשמה פארכאַפּנדיגן פארטראג. ער פארטרעט אויך אָפּט זײַן פאָטער אַלס חזן אין דער צײַט פון זײַן קראנקהייט, און ווײַזט שוין דאָמאָלסט ארויס מיט זײַן דאַוונען א גוואלדיגע שטרעבונג צו א רייגער קלא-סישער ליטורגיע, זײַנע קינסטלערישע אימפּראוויזאציעס אין פאר־בינדונג מיט זײַן ווייכער און אומפאנגרייכער לירישער טעיאָר שטי־מע, האָבן אין דובנא, ווי אויך אין אַנדערע שטעט ארויסגערופן באַ־וואונדערונג און אַנטציקונג.

נאָך זײַן פאטערס טויט ווערט הירש ווײַנטרויב אויפגענומען פאר שטאָט־חזן אין דובנא. — ער האַלט זיך שטרייַנג אין דער חזנות פון זײַן גרויסן פאָטער און פאָרט אויך ארום דאַוונען מיט אַ כאָר איבער שטעט און שטעטלאך אין רוסלאנד און עסטרייך.

קומענדיג קיין לעמבערג, וואו ער האָט מיט גרויס דערפאָלג געדאַוונט אין דער גרויסער שטאָט־שול, הערט אים דער קייזער פער־דינאַנד דער ערשטער, וועלכער דריקט אויס ווײַנטרויבן נאָכן דאַוונען זײַן פערזענלאכן דאַנק און באוואונדערט זײַן גרויסן טאלאנט.

ווײַנטרויב פארט נאָכדעם קיין ווין, וואו ס׳האָט זיך שוין דאַ־מאָלסט געלאָזט פילן אין דער סינאַגאָגע־מוזיק זולצערס השפּעה. זייענדיג אין ווין, ווערט ער פון זולצערס ריכטונג שטארק באגייס־טערט און אונטער דער השפּעה פון די נייע וואונדערלאכע וועגן, שרייבט ער אָן א ריי קאָמפּאָזיציעס אינם דאָזיגן גייסט, ניט בלויז פאַר כאָר־געזאַנג, נאָר אויך פארשיידענע קווארטעטן און קווינטעטן פאר אָרקעסטער.

ער פאָרט נאָכדעם קיין ברעסלוי, וואו ער טרעט אייף אין א געזעלשאפט פון מוזיקער אין א פּראגראם פון זײַנע פארשיידענע

באַרבעטונגען אויף רוסישע און טערקישע טעמעס, און רופט ארויס ביי אלע אָנוועזנדיגע גרויס באַוואונדערונג און פאראינטערעסירונג.

פון ברעסלוי פאָרט ער קיין פראנקפורט-אָדער, וואו אלע ווערן אנטציקט פון זיינע פארכישופנדיגע תפלות און געזאַנגען.

די דאַמאָלסד״גע פרעסע פון לעמבערג, ווין, ברעסלוי, פראנק־פורט, בערלין און אַנדערע שטעט קען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון ווייג־טרויבס קינסטלערישן דאַווענען. זיי שטעלן זיך באזונדערס אָפּ אויף די ריטמ״שע און דיסציפּלינירטע האַלטונג פונם כאָר און פון די שיינע געזאַנגען.

ווייגטרויבס באזוך אין בערלין און נאָך באזונדער זיינע תפלות, פון וועלכע אלע צוהערערס פלעגן ווערן אנטציקט און באגייסטערט, האָבן אים פארשאפט זייער א גרויסן נאָמען און ווען אין קעניגס־בערג איז פריי געוואָרן דער חזנות פּאָסטן, ווערט ווייגטרויב איינגע־לאדן צו דאַווענען דאָרט א שבת, אין יולי 1838.

וועגן ווייגטרויבס דאָזיגן פּראבע דאַווענען שרייבט די קעניגס־בערגער ,,הארטונגשע צייטונג" פאָלגנדיגס:

,,הער ווייגטרויב באזיצט אן אומפאנגרייכע טענאָר שטימע, וועלכע שטייט אין פארבינדונג ביי די העכסטע קאָדענצן מיט א גע־שמאק און וואויל־קלינגענדיגן פאלצעט. דער כאָר איז קינסטלעריש און גוט דיסציפּלינירט, די צונויפשטעלונג איז צום באוואונדערן. ער זינגט ריין און האַרמאָניש גוט קלינגענדיג. באוואונדערווערט זיי־נען אויך ווייגטרויבס פרייע רעטשיטאַציע און די אויסגעבילדעטע און דייטלאכע ארטיקולאציע, וועלכע ברייגגען צו א גוואַלדיגן רע־ליגיעזן עפעקט, פול מיט זאנפטע עלעגישע געפילן און עמפינדונגען פון דער אַזוי הימלישער פּאָעטישער ליטורגיע".

זיין דאַווענען מאכט טאַקע אן אומגעוויינלאכן רושם און ער ווערט איינשטימיג אויסגעקליבן פאר אויבערקאַנטאָר פון דער גרוי־סער קעניגסבערגער אידישער געמיינדע.

אין קעניגסבערג געפינט ווייגטרויב פאר זיך א ברייטן מוזי־קאַלישן ארבעט פעלד, ער לערנט דאַמאָלס ווייטער מוזיק ביים מוזיק־

דירעקטאָר סאָבאָלעווסקי און באַנוצט די ניי אויסגעלערנטע ידיעות פאַרן מוזיקאַלישן טייל פון דער סינאַגאָגע־ליטורגיע.

ער שרייבט אַ רײ 4־שטימיגע כאָרן אינם שטרייגן קאָנטראַ־פונקטישן סטיל און אויך רעטשיטאַטיוון פאַר חזן אַליין, און מיט זיין ניי געשאַפענעם קולט צים ער צו זייער אַ סך מתפּללים און ס׳קומען אויף הערן זיינע תּפלות פאַרשיידענע קריסטלאַכע מוזיקער, וועלכע ווערן אַנטציקט פון דער רייכקייט פון דער האַרמאָניע ביי דער לי־טורגיע. איינער פון די דאָזיגע באַזוכערס, וועלכער האָט בייגעוואוינט ווייַנטרויבס קינות־זאָגן מיטן כאָר אום תּשעה באָב, האָט אין אַ בריוו פאַר רעצענזיע זיך אויסגעדריקט, אַז די טיף־רירנדיגע פיר־שטימיגע, קאַנאָניש און מיט פוגעס באַאַרבעטע געזאַנגען, האָבן אים געבראַכט צו אַן אומבאַשרייבלאַכן ענטוזיאַזם און, זאָגט ער ווײַ־טער, ס׳וואָלט כדאַי געווען, אַז די דאָזיגע תּפלות זאָלן איבערגעזעצט ווערן אין דער דייטשער שפּראַך, און זאָלן אין די קירכן און אויך אין די קריסטלאַכע שולעס געזונגען ווערן.

ווייַנטרויב גיט אַרויס אַ ווערק אונטערן נאָמען „שירי בית ד׳״, וועלכעס ווערט פון דער קריטיק זייער וואַרים אויפגענומען. דאָס ווערק אַנטהאַלט 2 טיילן רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס. די רע־טשיטאַטיוון זיינען זייער שיין און גלאַט אָנגעשריבן ווי אַ קלאָרע אילוסטראַציע צום טעקסט. די קאָמפּאָזיציעס זיינען רייך אין פו־געס און פוגעטן, אימיטאַציעס און וואונדערבאַרע דרייסטע מאָדו־לאַציעס, ערטערווייז באַאַרבעט מיט קינסטלעריש־קאָנטראַפּונקטישע אַנווענדונגען.

אַ געוואַלדיג גרויסע פּאַראַינטערעסירונג רופט אַרויס אין דער חזנות וועלט דער דריטער טייל פון זיין ווערק, וועלכער איז גע־ווידמעט דעם אָנדיינק פון ווייַנטרויבס באַרימטן פאָטער און טראָגט דעם נאָמען „שירי שלמה״.

אינם דאָזיגן טייל, וועלכער איז געווען און איז אויך איצט דער גרעסטער מוסטער פון אידיש־מאָדערנער חזנות, געפינען מיר אַ שטיק פון אַלטן אידנטום, און ווען מ׳רעדט וועגן ווייַנטרויבס ווערק

(וועגן זיינע רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס) ווערן די ערשטע 2 טיילן כמעט ווי ניט געגומען אין באַטראַכט. די חזנישע וועלט האָט ס'רוב אנערקענט דעם דריטן טייל, דאָס הייסט, דאָס חזנות פונם אַלטן קאַשטאַן־ווײַנטרויב, וועלכע איז טיילווייז איבערהאַרמאָניזירט און אין ריטמישער געזאַנג־אַרט, דורך זיין זון אויסגעבעסערט און צום דרוק איבערגעגעבן געוואָרן. אזוי זיינען אלגעמיין פּאָפּולער ווײַנטרויבס „יהי רצון" פון ראש חודש בענטשן, דער „ומפּני חטאינו", „אתה יצרת", „כי כשמך", „אתה נותן יד" און „אתה הבדלת"! און נאָך צענדליגער ווערטפולע רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס, וועלכע פאַרנעמען אין אונזער ליטעראַטור דעם אויבן אָן.

אין יאר 1862 באַקומט ווײַנטרויב א קליינעם גאָלדענעם מעדאַל פאר קונסט, דעם 8-טן מערץ 1873 באַקומט ער פון קייזער ווילהעלם דעם ערשטן דעם טיטול „קעניגלאכער מוזיק דירעקטאָר" און אין יאר 1878, צו זיין 40־יעריגן יובילייאום אלס קעניגסבערגער אויבערקאַנטאָר, באַקומט ער באַגריסונגען פון דער גאנצער וועלט.

ווײַנטרויב דערפילט אָבער, אַז ער קען זיין אמט ווייטער ניט האַלטן און ער רעקאָמענדירט פאר א ממלא מקומו דעם באַוואוסטן חזן און מוזיקער עדוארד בירנבוים, וועלכער ווערט אויפגענומען.

דעם 23־טן דעצעמבער 1881 הויכט ווײַנטרויב אויס זיין פרומע און איידעלע נשמה, און ווערט דעם 26־טן מיט גרויס כבוד געבראַכט צו קבורה.

יואל דוד לעווענשטיין־סטראַשונסקי.

(דער ווילנער בעל הביתל)

יואל דוד לעווענשטיין־סטראַשונסקי, וועלכער איז באַקאַנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען „דער ווילנער בעל הביתל" איז געבוירן געוואָרן אין ליבוי (קורלאַנד) אין יאר 1816, זיין פאָטער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דער ליבויער חזן", און איז געווען איי-

נער פון די באַרימטסטע קלאַסישע חזנים פון יענער צייט, זיינע מתיקותדיגע נגונים האָבן געהאַט א גרויסע ווירקונג און געוואַלדיגע השפּעה אויפן קליינעם יואל דודן, וועלכער האָט, אַגב, שוין אלס קינד (פינף יאר אלט), אַלעמען איבעראַשט מיט זיין זיסער סאָפּראַן שטימע און גוט אַנטוויקלטן חוש השמיעה, ער פלעגט אויך אַליין גיט האָבנדיג קיין עלעמענטאַרע צוגרייטונג, און אָן א לערער, אויס־שפּילן פאַרשיידענע נגונים אויפן פידל, יודעי נגן פלעגן באַוואונדערן זיין גרויסן טאַלאַנט.

ווען יואל דוד האָט דערגרייכט זיין 10־טן לעבנס־יאר, איז זיין פאָטער ר׳ צבי הירש הלוי, „דער ליבויער חזן״, אויפגענומען גע־וואָרן פאר שטאָט חזן אין ווילנע, ער דינגט דאָ די בעסטע גמרא־מלמדים פאר יואל דודן, און גיט זיך אָפּ פערזענלאך מיט העכערע מוזיקאַלישע שטודיעס. יואל דוד לערנט אַלץ מיט גרויס התמדה, אָבער אָפּט, זיצנדיג ביי דער גמרא און האַלטנדיג אין מיטן לערנען, פלעגט ער זיך פלוצלונג פאַרטראַכטן און פלעגט אזוי ווי פון חלום, מיטאַמאָל אָנהויבן זינגען, און ס׳פלעגן זיך אָנהויבן גיסן פון זיין האַלדז אמתע מלאכים געזאַנגען, גאַרניט מעלמא הדין, אַלע פלעגן ווי פאַרכישופט ווערן פונם פערלדיגן סאָלאָוויי־טרעל, מיט וועלכן ער פלעגט פאַרכאַפּן ביי דער נשמה, און באַזונדערס פלעגן זיי אַנט־ציקט ווערן פון דער קלאָרקייט, פון דער ריינער אינטאַנירונג, און פון דער הימליש־רייכער קונסטפולער אימפּראַוויזאַציע, א חוצדעם איז ער געווען א זעלטן שיינע קינד, זיין ליכטיגער פּנים מיט זיינע געקרייזלטע שווארצע האָר, האָבן אויף זיך געוועגדעט אַלעמענס אויפ־מערק און ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס, פלעגן אלע באַוואונ־דערן דאָס אויסערגעוויינלאך שיינע קינד.

איינמאָל, שבת, נאָך קריאת התורה, ווען יואל דוד איז אלט גע־וואָרן 11 יאר, האָט זיין פאָטער אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ בייגקעלע ביים עמוד, אין דער ווילנער שטאָט שול, און אים געהייסן זאָגן „יקום פּורקן״ און „אב הרחמים״, יואל דוד האָט זיך באַלד צולאָזן אויף אַלע כלים, און דער טויזנט קעפּיגער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די

שול, איז געבליבן ווי פארגאפט, פונם אויסערגעווייגלאכן טאלאנט און פון זיין וואונדערלאכער שטימעלע, נאך „אב הרחמים״ האט ער געמוזט, אויפן פארלאנג פון גאנצן עולם, דאוונען אויך גאנץ מוסף, און די אידישע ווילנע, וועלכע האט שוין דאמאלס געשטמט אין דער בריימער וועלט, מיט איר גרויסער ליבע און איבערגעבנקייט צו אידישע נגינה בכלל, און צו סינאגאגאלע תפלה בפרט, איז גע־ווארן פונם קליינעם יואל דודן פול מיט התפעלות. וואו מ׳איז גע־גאנגען, וואו מ׳איז געשטאנען, האט מען נאר געהערט: ס׳ארא טייערע שטימעלע, ס׳ארא זיסקייט! די פרויען האבן זיך אנגעהויבן מיט אים צו בענטשן, זיין נאמען איז געווארן וויים און בריים בארימט, און ווילנע האט זיך מיט אים אנגעהויבן צו מתיחס זיין.

ס׳איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז דער דאמאלסדיגער באקאנטער ווילנער גביר און נדבן, ר׳ מרדכי רייגעס (מרדכי סטראשון) האט יואל דודן אזוי ליב באקומען, אז ער האט באשלאסן, צו נעמען אים פאר אן איידעם, פאר זיין עלטערער טאכטער, חנהלע.

יואל דוד, וועלכער איז דאמאלס אינגאנצן אלט געווען 13 יאר, האט נאך דער חתונה, געקריגן דעם נאמען „דער בעל הביתל״ און אונטערן דאזיגן נאמען „דער ווילנער בעל הביתל״ איז ער פאר־אייביגט געווארן ביי דער גאנצער וועלט.

אין יאר 1830, ווען דער ווילנער שטאט חזן ר׳ צב׳ הירש הלוי, איז נאך א שווערער קראנקהייט אפגעשטארבן, ווערט זיין זון יואל דוד, מיט גרויס אוואציעס, אויפגענומען אלס זיין פאטערס ממלא מקומו, מ׳באשטימט אים שכירות 4 רובל א וואך, (א געהאלט וואס איז ביי יענער צייט נים געווען געגוג אויף צו מאכן אן אנשטענדיג לעבן) אבער אזוי ווי די דירה און קעסט האט ער געהאט ביי זיין רייכן שווער, האט ער געלעבט גליקלאך, און האט זיך אפגעגעבן מיט פלייסיגן שטודיום.

ער פלעגט כסדר ארומגיין און זינגען, און פלעגט האלטן אין איין אימפראוויזירן די פארשיידענע, (אנגעהערטע ביי זיין פאטער), פיוטים, מאורות און אנדערע תפלות, ער פלעגט, דאוונענדיג אין

שול, אַלעמען באוואונדערן מיט זיין זיסן קול, און רייכער תפלה, מיט וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן א גרויסן נאָמען אין גאנץ ווילנע און אומגעגנט. שבת מברכים פלעגן זיך צונויפפאָרן פון אלע ארומי-גע שטעט און שטעטלאך, הונדערטער מענטשן, צו הערן דעם באַ-ליבטן יואל דודן.

אזוי זיינען אַוועק גליקלאכע 10 יאר, יואל דודס לירישער טענאָר האָט זיך פאר דער צייט, זייער גוט אַנטוויקלט, די שטימע איז געוואָרן אזוי בויגזאם, אז ער האָט מיט איר געקענט מאכן וואָס נאָר ער האָט געוואָלט, ער פלעגט מיט דער שטימע און זיין געשליפענער קאָלאָרא-טור אויסארבעטן קינסטלעריש די שווערסטע אימפראוויזאציעס, דערצו נאָך איז זיין שטימע געווען, פון אן אומגעוויינלאך גרויסן אומ-פאנג, קריסטאָל ריין, און יודעי נגן פון יענער צייט, האָבן דערקלערט, אַז אזעלכעס איז נאָך אין דער היסטאָריע פון געזאנג און מוזיק ניט געווען, די גרעסטע מוזיקער פון דער גאנצער וועלט, פלעגן ספעציעל פאָרן קיין ווילנע אים הערן, און אלע פלעגן אַנטציקט ווערן, און פלעגן באוואונדערן זיין אויסערגעוויינלאכן טאלאנט.

א גליקלאכער און צופרידענער צוזאמענלעבן האָט געהערשט צווישן אים און זיין פאמיליע, איין זאך האָט אָבער געשטערט זייער גליק, און דאָס איז געווען: אַלע 3 קינדער, וועלכע זיין פרוי האָט גע-בוירן, זיינען איינער נאָכן אנדערן אָפּגעשטאָרבן, דאָס האָט אים דערפירט צו א געוויסער מעלאנכאָליע, לאנג האָט ער קיין טרייסט ניט געקענט געפינען, ער האָט זיך אָן זיין דאָזיגן אומגליק אויף א ווײַלע פארגעסן, ווען ער פלעגט שפילן אויפן פידל, אָדער אויסזינגען פאַשיידענע מאָטיוון, און ספעציעל פון קינות, ער האָט זיך דאַמאָלס געפילט אין די עולמות העליונים און פלעגט, ניט בלויז אַליין אָן אַלץ פארגעסן, נאָר ער פלעגט אויך זיין פרוי און אירע עלטערן מאכן אָן אלץ פארגעסן.

אויף דער אַנדערער זייט גאס, אנטקעגן דער הויז, וואו יואל דוד האָט געוואוינט, פלעגן זיך אין די אָוונט שעהן לאָזן הערן פארשיידענע קלאנגען, פיאנאָ און אָפט אויך געזאַנג, יואל דוד פלעגט

שעהן לאנג אָפּשטיין, ביים אָפענעם פענסטער, ווען אלע אין הויז האָבן שוין געשלאָפן, און פלעגט זיך צוהערן צו די האַרמאָנישע קלאנגען, וועלכע ער פלעגט ממש איינשלינגען, און ווען די קלאנגען פון אַנטקעגנאיבערדיגן הויז פלעגן פארשווינדן, פלעגט ער די אלע אָנגעהערטע מעלאָדיעס נאָכזינגען, ניט דורכלאָזנדיג קיין תנועהלע, קיין קנייטשעלע, און פלעגט מיט זיין פּערלדיגער קאָלאָראטור ריכטיג נאָכקאָפּירן די שווערסטע אינסטרומענטאלע וואריאציעס, דער וואונדער איז נאָך גרעסער, ווען מיר וועלן דאָ באַמערקן, אז יואל דוד האָט קיין מוזיק ניט געקענט און האָט אפילו קיין נאָטן ניט געלייענט, האָט ער אָבער פארמאָגט א געוואלדיגן אומנאַטירלאכן כח השמיעה, און פלעגט איבערנעמען די שווערסטע זאכן, באלד פארן ערשטן מאָל.

איינמאָל איז דער באוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר מאָניושקא, פארבייגעגאנגען ביי יואל דודס פענסטער, פון וועלכן ער האָט דערהערט, ווי א וואונדערבארע שטימע זינגט נאָך אַ מעלאָדיע מיט אַלע וואריאציעס, וועלכע ער, מאָניושקא, האָט דאָ ניט לאנג קאָמפּאָנירט. ער איז געבליבן שטיין העכסט פארוואונדערט, און האָט ניט געקענט פארשטיין פון וואנען קען דער דאָזיגער זינגער די דערמאָנטע מעלאָדיע, אין דער צייט, ווען ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז ער האָט ערשט ניט לאנג די דאָזיגע מעלאָדיע אָנגעשריבן און האָט עס נאָך קיינעם ניט געוויזן, נאָכמער פארכישופט איז ער געוואָרן פון דער אָריגינעלער און ריכטיגער נאָכקאָפּירונג און פון דער קינסטלערישער אויספירונג, מאָניושקא האָט בשום אופן ניט געקענט אוועקגיין, און ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען אריינקומענדיג אין הויז האָט אים יואל דוד דערקלערט, אַז די נאָר וואָס פון אים געזונגענע מעלאָדיע, האָט ער געהערט שפּילן עטלאכע נעכט נאָכאַנאַנד, פון דער אַנטקעגנאיבערשטייענדיגער הויז, וואו עס האָט טאקע געוואוינט מאָניושקא גופא. מאניושקא לאדעט איין יואל דודן צו זיך אין הויז און בעט אים, ער זאל אים אָפּט באזוכן; יואל דוד ווערט, אזוי ארום, אן אָפּטער איינגייער ביי מאָניושקאן אין הויז, און מאָנ=

יושקא פאראינטערעסירט זיך מיט יואל דודס אומגאטירלאך גרויסן טאלאנט.

אין יאר 1841 ווען מאניושקא באשליסט צו פאָרן קיין ווארשע, בעט ער זיך איין ביי יואל דודן, ער זאָל מיט אים מיטפאָרן, פאר־זיכערנדיג אים, אַז ווארשא איז דער ריכטיגער פלאץ, וואו זיין טא־לאנט וועט ווערן אויפן בעסטן אופן אָפגעשאצט. יואל דוד לאָזט זיך איבעררײדן הגם, ס'איז אים גאנץ שווער צו פארלאָזן זיין פא־מיליע, ס'העלפן ניט די טרערן און תחנונים פון זיין געליבטער פרוי, ס'העלפן ניט די בקשות פון אלע זיינע פריינט, אַז ער זאָל קיין ווארשע ניט פאָרן, זיין גרויסע תשוקה צו מוזיק לאָזט אים ניט רועז, און אין א שיינעם פרימאָרגן, ניט געזעגענענדיג זיך אפילו מיט די נאָנטסטע, פארלאָזט יואל דוד ווילנע, און פאָרט קיין ווארשע.

אָנקומענדיג קיין ווארשע, הויבט זיך אָן פאר יואל דודן א נייער לעבן, ער שטודירט פלייסיג מוזיק, לערנט שטימע־בילדונג און מאָניושקא אליין לערנט מיט אים מוזיק טעאָריע, ער לערנט אויך מיט יואל דודן די פארטיע „יאנטעק" פון זיין אָפערע „האלקא" און האָפט זיך צו באווייזן מיט זיין דאָזיגן טאלענטירטן תלמיד אין דער דערמאָנטער אָפערע, אינם גרויסן ווארשעווער טעאטער.

יואל דוד, וועלכער איז געווען פון דער נאטור שטריינג רעלי־גיעז און דערצויגן אין אָרטאָדאָקסישן גייסט, איז געווען געצוואונגען צו ענדערן זיין קליידונג, אראָפּצונעמען זיין באָרד און פאות, און בכלל צו פירן א גאנץ אנדער לעבן, ס'פארשטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט דורכצומאַכן א שווערן אינערלאכן קאַמף צווישן רעליגיע, ווילנער חזן, — פון איין זייט — און קונסט, קאַריערע, — פון דער אַנדערער זייט.

נעזיגט האָט דאָס לעצטע, אָבער דאָס איז שוין געווען דער אָנהויב פון זיין טרויעריגן סוף.

געשען איז עס אַזוי: ביי מאניושקאָן האָט צוזאמען מיט יואל דודן, אויך שטודירט א יונגע פוילישע גרעפין, וועלכע איז געווען א וואונדערשיינע זינגערין, און איז דערצו געווען א זעלטענע שיינ־

הייט און זי האָט עס געדאַרפט זינגען די פּאַרטיע „האַלקאַ״ צוזא־
מען מיט יואל דודן אין דערזעלבער אָפּערע, זייערע אָפּטע באַגעג־
עניש און איר קאָקעטירן מיט אים, האָבן דערצו געבראַכט, אַז יואל
דוד האָט זיך אין איר פאַרליבט, און ניט אויף קאַטאָוועס. ס׳איז
ביי אים וואָס ווייטער געוואָרן אַ לעבנס פראַגע, און זי, פון איר
זייט, האָט זיך צו אים, אויך ניט גלייכגילטיג באַצויגן, דאָס האָט
אָבער אָנגעהאַלטן נאָר אַזוי לאַנג, ווי זי האָט אים געקענט אויס־
ניצן צו איר אייגענעם דערפאָלג.

נאָכן אויסערגעוויינלאַכן דערפאָלג, פון זייער ביידנס, מיט
רום געקרוינטן, אויפטריט, אין גרויסן וואַרשעווער טעאַטער, געפינט
יואל דוד, איינמאָל, אַריינקומענדיג צו זיין געליבטער, עפּעס אַ קריסט־
לאַכן יונגנמאַן, אונטערהאַלטנדיג זיך מיט איר גאַנץ היימיש אויף,
אַ פּאַר אים, ניט פאַרשטענדלאַכער שפּראַך, יואל דוד האָט אין זיין
נאַאיוויטעט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער דאָזיגער קריסט מוז געווים
זיין אַ גרויסער מוזיקער אָדער זינגער, ווייל אויב ניט דאָס, וואָס
פאַר אַ שייכות האָט זיין געליבטע מיטן דאָזיגן מענטשן? טרעפנ־
דיג אָבער דעם דאָזיגן קריסט עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד אין איר
הויז, — איינמאָל האָט ער זיי אפילו געטראָפן קושנדיג זיך, —
און ווען ער האָט איר דאָס פאָרגעהאַלטן, האָט זי אים קיין קלאָרע
תשובה ניט געגעבן. ווען ער איז שטאַרק צו איר צוגעשטאַנען, האָט
זי אים אָפן דערקלערט, אַז זי האָט אים ניט ליב, און אַז זי גייט
חתונה האָבן מיטן דאָזיגן קריסט, דער דאָזיגער ענטפער אירער, האָט
יואל דודן דערפירט צו משוגעת.

ס׳האָבן קיין שום מיטלען ניט געהאָלפן. זיין קראַנקהייט איז
געוואָרן וואָס אַ טאָג שטאַרקער און געפערלאַכער, מ׳ברייננגט אים
צוריק קיין ווילנע, וואו זיין פרוי ווענדעט אָן אַלע מיטלען אים גע־
זונט צו מאַכן, אָבער אַלץ איז געווען אָן דערפאָלג, די דאָקטוירים
הייסן אים פירן צוריק קיין וואַרשע, וואו ער איז נאָך גרויסע און
שווערע ליידן געשטאָרבן אום שבעה עשר בתמוז אין יאר 1850
אין עלטער פון 34 יאר.

מ׳דערציילט, אז עמלאכע שעה פארן טויט, איז יואל דוד גע־קומען א ביסל צו זיך און האָט מיט אן אויסערגעוויינלאך דורכגעדרונ־גענער קראפט און טיפער. אינערלאכער איבערלעבונג געזאָגט די תפלה „עודדנו בצדק משוי ממים". די טויזנטער מענטשן וואָס האָבן געווארט פארן הויז, וואו ער איז געלעגן, האָבן זיך געוואשן מיט בי־טערע טרערן.

שמואל נאומבערג.

שמואל נאומבערג איז געבוירן געוואָרן דעם 15־טן מערץ, 1817, אין דאַנווילאהע (אַ קליין שטעטל אין בייערן) וואו זיין פאָטער איז געווען חזן און שוחט. דער קליינער שמואל האָט זיך שוין אַלס קינד אויסגעצייכנט מיט זיין געוואַלדיגן אינטערעס פאר מוזיק און געזאנג. און זיין פאָטער האָט זיך פערזענלאך אָפּגעגעבן מיט זיין ערשטער מוזיקאַלישער דערציאונג.

אזוי ווי נאומבערגס פאָטער, ר׳ ברוך, אַזוי זיינען אויך זיין זיידע און עלטער זיידע געווען בארימטע חזנים. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער קליינער טאַלענטירטער שמואל, וועל־כער האָט פון קינדוויז אָן זיך אָנגעהערט מיט חזנות, האָט אונטער דער געוואַלדיגער השפעה פון זיין חזניש־מוזיקאַלישן יחוס, זיך פליסיג אָפּגעגעבן מיט לערנען מוזיק און די העברייאישע שפראך, און באשלאָסן זיך אויסצובילדן פאר א חזן.

ער לערנט ביי זיין פאָטער שחיטה, און נעמט שפּעטער אָן דעם פאָסטן פון א חזן־שוחט אין בעסאנקאן. ער פארבלייבט אָבער ניט לאנג אויפן דאָזיגן פאָסטן. ער פאָרט קיין שטראסבורג, וואו ער פארנעמט א פאָסטן אלס דירינענט אין דער דאָרטיגער שול. ער לערנט אויך מוזיק און האָט די געלעגנהייט זיך צו פארפולקאָמען אין חזנות און אויך אין אַנדערע מוזיקאַלישע און אלגעמיין קול־טורעלע וויסנשאַפטן. ער פאָרט דערנאָך קיין מינכען, וואו ער לערנט

מוזיק און געזאַנג ביים הויפּט קאַפּעלמייסטער לעהרער און חזנות — ביים אָרטיגן חזן מאיר קאָהן.

אזוי ווי אין אנדערע געמיינדעס אזוי האָט אין אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט אויך אין דער מינכענער געמיינדע זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע שטרעבונג אויסצופּיינערן און אויסצואיידלען די אידישע תּפלה דורך א געדעגלטן געזאַנג פונם חזן מיטן כאָר. ס'האָט עקזיס-טירט אין יענער צייט אין מינכען א פּאריין, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו דערהאַלטן און אונטערשטיצן דעם סינאַגאָגן כאָר. ס'פאַרשרייבן זיך אלס מיטגלידער די רייכסטע קינדער פון דער גע-מיינדע, די אָנפירונג פון וועלכע עס שטייט אונטער דער פּערזענ-לאַכער אויפזיכט פון חזן מאיר קאָהן, און נאוומבערג העלפט אים ביים איינשטודירן. ער העלפט אים אויך ביים ארויסגעבן זיין ווערק „מינכענער סינאַגאָגע-געזאַנגען".

נאוומבערגס נאָמען ווערט אין אַלע מינכענער מוזיקאַלישע קרייזן זייער באַרימט און געשעצט. ער פאַרבלייבט אָבער ניט לאַנג אין מינכען, און פאָרט קיין פּאַריז, וואו ער לערנט מיט גרויס חשק ווייטער מוזיק און געזאַנג, און האָט דעם גליק זיך צו באַפרײַנדן מיטן באַרימטן אָפּערן-קאָמפּאָזיטאָר הלוי, וועלכער האָט בכלל ליב געהאַט טאַלענטירטע מענטשן, און ער אונטערשטיצט נאוומבערגן בעצה ובמעשה.

אין יאָר 1843 איז נאוומבערגן אויף זיינער א פּערזענלאַכער בקשה איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג צו באַארבעטן א אידיש-ליטורגישע געזאַנג ווערק פאַר אַלע סינאַגאָגעס אין פראַנקרייך. און אין יאָר 1844, איין יאָר שפּעטער, האָט שוין נאוומבערג פאַרגעלייגט פאַרן איזראַעליטישן קאָנסיסטאָריום א טייל פון דער ארבעט אין מאַנוסקריפּט. אלס רעפערענט און עקספערט האָט פיגורירט דער באַרימטער אָפּערע-קאָמפּאָזיטאָר הלוי, וועלכער שרייבט צום קאָנסיסטאָריום פאָלגנדיגס: „דאָס ווערק פון הער נאוומ-בערג פאַרייניגט אין זיך אַלע ווינשנסווערטע אייגנשאַפטן, און איך האָף, אז דאָס וועט האָבן א גליקלאַכן איינפלוס אויף די רעליגיעזע

געזאנגען אין אונזערע סינאַגאָגעס. אַלע טראַדיציאָנעלע מעלאָדיעס זיינען פשוט, ווי א וואָקאַלער הימן באארבעט און עס איז צו זען פון דעם דאָזיגן ווערק נאומבערגס גרויסן טאַלאַנט, וועלכער וועט זיכער אין גיכן פון אלעמען ווערן אַנערקענט״.

צו יענער צייט איז דער באוואוסטער חזן ישראלקע גלאגויער (ישראל לאווי) געווען חזן פון דער פאריזער געמיינדע. ער האָט אויך אָנגעדרוקט א ווערק אין וועלכן עס גייען אריין פארשיידענע סינאַגאָגאַלע און אידישע פאָלק געזאנגען, אויך חסידישע לידער און טענץ. ער איז בכלל געווען א מענטש מיט גרויסער וועלטלאכער בילדונג און קולטור, און איז געווען כמעט דער ערשטער פון דער קולטורעלער עפּאָכע חזנים אין פראנקרייך. פון זיינע קאָמפּאָזיציעס איז ביז היינטיגן טאָג נאָך זייער פּאָפּולער דער ,,לכה דודי״ אין ,,עף מאדזשאָר״, וועלכער איז אגב באַקאנט אונטערן נאָמען ,,הלוים לכה דודי״. אין דער אמתן אָבער איז עס ישראל לעווים, וועלכער איז געשטאָרבן אין פאריז אין יאר 1832.

אין יאר 1847, ווערט נאומבערג אויפגענומען פאר אויבער-קאַנטאָר אין דער פאריזער געמיינדע. אין זעלבן יאר דרוקט ער אָפּ זיין ווערק אונטערן נאָמען ,,זמירות ישראל״, וואָס האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאנג אין דער גאנצער חזניש-מוזיקאלישער וועלט, מיט אירע אָריגינעלע און קינסטלעריש באארבעטע אלט-אידישע מעלאָדיעס. עס איז גאָר באזונדערס אינטערעסאַנט דער ,,אגודת-שירים״ אין וועלכן עס גייען אריין פארשיידענע אָריענטאלישע געזאנגען פון די פארטוגעזישע אידן פון אפריקאַנישן אָדער מאראָקאַנישן נוסח התפלה, די טעמי הנגינה און קריאת התורה פון די ספרדים, וועלכע האָבן זייער א גרויסן ווערט, אזוי ווי פון מוזיקאלישן, אזוי אויך פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

איינע פון נאומבערגס וויכטיגסטע אויפטועכצן, איז די זאמלונג פון חזן שלמה ראָססים קאָמפּאָזיציעס, וועלכע האָבן זייער א גרויסן היסטאָרישן ווערט, און וועלכע זיינען דורך נאומבערגן איבערהאַרמאָניזירט און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א ספּעציעלן ווערק

וועלכער געפינט זיך, אגב, אין א סך אידישע ביבליאטעק־ איבער דער גאנצער וועלט.

שלמה ראָססי איז געווען חזן אין מאנטאו (איטאליע) אין אָנהויב 16־טן יארהונדערט. ער האָט אָנגעשיבן זייער א סך קאָמ־ פּאָזיציעס, א טייל פון וועלכע ס'זיינען אָפּגעדרוקט געוואָר: אין יאר 1589, און א טייל אין יאר 1600, ביידע אין ווענעציא, — דאָס וויכ־ טיגסטע, אָריגינעלסטע און זעלטענסטע ווערק ראססים, וועלכע איז צום באדויערן, אזוי ווייניג באקאנט, זיינען — זיינע פארשיידענע העברייאישע געזאנגען, געדרוקט אין ווענעציא אין יאר 1620.

נאומבערג איז דורך זיינע גרויסע וויסנשאפטלאכע און מוזי־ קאלישע שאַפונגען בארימט געוואָרן אין דער גאנצער וועלט, און זיי־ נע קאָמפּאָזיציעס ווערן ביזן היינטיגן טאָג, געזונגען מיט גרעסטן דערפאָלג, אין אלע סינאַגאָגעס.

אין יאר 1879 באקומט נאומבערג דעם טיטל „אָפּיצער" פון דער פאריזער קונסט אַקאַדעמיע, און שטאַרבט פּלוצלונג דעם 1־טן מאַי.

די פאריזער קאָנסיסטאָריע, אויך אַ סך מיטגלידער פון דער אקאדעמיע האָבן בייגעוואוינט זיין קבורה. אויבער־ראבינער איזידאָר האָט געמאַכט א טיף־רירנדיגן הספד, אויך האָט דער באוואוסטער רב, רבי צדוק קאָהן אים מספיד געווען, זאָגנדיג, אַז נאומבערג איז ניט בלויז געווען דער גרויסער, געניאלער קינסטלער, נאָר ער איז אויך געווען אַן איידעלער און מאַראליש הויכשטייענדיגער מענטש, אַן אמתער „כהן במקדש ד'" — און ווען ס'וועלן אין דער היסטאָר־ יע פונם סינאַגאָגע־געזאנג דערמאָנט ווערן פארשיידענע בארימט־ קייטן, וועט דער נאָמען שמואל נאומבערג זיכער פארנעמען א אָנ־ געזעענעם אָרט.

משה (מאָריץ) דייטש.

מאָריץ דייטש איז געבוירן געוואָרן דעם 16־טן דעצעמבער 1818 אין ניקעלסבורג, מעהרן.

זיינע פרומע עלטערן האָבן אים געוואָלט דערציען אין טעאָ־לאָגישן גייסט, זיי נעמען פאר אים א ספּעציעלן לערער פאר העברייאיש, ער לערנט אויך א סך תּלמוד, פריער אין ניקעלסבורג, דערנאָך אין לייפּניק, אייזענשטאַדט און פּרעסבורג, וואו ער ווערט, א דאַנק זיינע אומגעהויערע פייאיגקייטן און געוואלדיגן חשק צום לערנען, באצייכנט פאר א „עלוי", און ווען ער קערט זיך אום צוריק אהיים, טרעט ער ארויס צו זיין בר מצוה מיט אַ גלענצנדיגער דרשה און רופט ארויס באוואונדערונג ביי אלעמען מיט זיין חריפות, ער האָט פארמאָגט אויך אַ זייער געשמאקע אלט שטימעלע, און האָט ארויסגעוויזן גרויסן טאַלאַנט צום דאַווענען, ער האָט אויך געהאַט די געלעגנהייט עטלאכע מאָל עס צו באווייזן אין דער סינאַגאָגע פון זיין היים-שטאָט ניקעלסבורג.

אין יאר 1839 פאָרט ער שטודירן קיין ווין, וואו ער ווערט באַ־איינפלוסט פון זולצערס קינסטלערישע חזנות, און פארמאָגנדיג שוין דאַמאָלסט א וואונדערבארן אנלאַג פאר א טענאָר שטימע באשליסט ער זיך אויסצובילדן פאַר אַ חזן. ער פאַרבלייבט אין ווין, וואו ער דערלערנט גרונטיג דעם חזנות־פאַך. זיין תּשוקה אָבער צו קונסט און מוזיק לאָזט אים ניט רוען, ער טרעט אריין, אין יאר 1841, אין דער ווינער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע ער פארענדיגט אלס זינגער און מוזיק לערער מיט אן אויסצייכנונג. ער קומט דערנאָך אָן פאר חזן שני אין זייטעשטעטען טעמפּל, אינם זעלבן, וואו זולצער איז געווען חזן ראשון, און פארבלייבט דאָרט ביז נאָוועמבער 1842, ווען ער ווערט איינגעלאַדן פאר חזן ראשון און כאָר דיריגענט אין דער ברעסלויער גרויסער סינאַגאָגע, ער געפינט דאָרט פאר זיך א ברייטן ארבעט פעלד, און באמיט זיך מיט זיין גאנצער קראַפט און ענערגיע אוועקצושטעלן די ליטורגיע אין דערזעלבער פאָרם, ווי ער האָט גע־לערנט און געזען ביי זולצערן. ער אָרגאַניזירט א געמישטן כאָר און שטעלט אוועק א קינסטלערישן רעפּערטואר, מיט וואָס ער הויבט אויף די תּפלה צו דער העכסטער מדרגה. ער לערנט אויך גלייכצייטיג די העברעע מוזיק־פארמעס ביי בוימגארטן, מאָזעפּיוס און זיידעל

(בארימטע פראפעסאָרן) און אין יאר 1845 געלינגט עס אים אָנצו-
קומען פאר א סאָליסט אין דער ברעסלויער זינג-אַקאַדעמיע, וואו ער
טרעט אָפט ארויס אין אָראטאָריעס און לידער און רופט ארויס ביי
אַלעמען באוואונדערונג מיט זיין גוט געשולטער דראמאטישער
טענאָר-שטימע, מיט זיין לעבהאַפטן און איידעלן זינגען.

דייטש פרוי, א טאָכטער פונם דאָמאָלס באוואוסטן משכיל
און גרויסן געלערנטן שמעון שאול פון פראג, מיט וועלכער ער האָט
חתונה געהאַט אין יאר 1851 איז אויך געווען א גרויסע מלומדת,
און האָט אים אַ סך מיטגעהאָלפן ביי זיינע ליטעראַרישע און מוזי-
קאלישע ארבעטן. זייער הויז איז געווען א בית ועד לחכמים וסופרים,
און זייערע קינדער, וועלכע זיינען אינם דאָזיגן גייסט און אין דער
דאָזיגער אַטמאָספערע דערצויגן געוואָרן, האָבן שפעטער פארנומען
אין דער געזעלשאפט א זייער אָנגעזעענעם אָרט.

אין יאר 1854 ווערט דייטש איינגעלאדן צו דאַוונען א שבת
אינם פאריזער קאָנסיסטאָרישן טעמפל, און ער רופט ארויס צו זיך
אלגעמיינע באגייסטערונג און אָנטציקונג, ניט קוקנדיק אָבער אויפן
דאָזיגן דערפאָלג, און אויפן פארלאנג פון דער פאריזער געמיינדע
צו אָנגאַזשירן אים פאר זייער חזן, נעמט ער דעם פארשלאָג ניט אָן
און פאָרט צוריק קיין ברעסלוי, וואו אמטירנדיק אלס חזן אין דער
גרויסער סינאַגאָגע, פארנעמט ער זיך גלייכצייטיק מיט לערנען גע-
זאנג און מוזיק. ער ווערט אויך מוזיק לערער פונם אידישן טעאָ-
לאָגישן סעמינאר, וואו ער פארבלייבט לערער העכער 30 יאר. ער
עפנט אין יאר 1859 א חזנים אינסטיטוט אין וועלכן ס'האָבן זיך
אויסגעבילדעט 130 חזנים, וואָס האָבן דערנאָך פארנומען זייער אָנ-
געזעענע שטעלעס אין דייטשלאנד, עסטרייך און אויך אין אנדע-
רע לענדער. דער דערמאָנטער חזנים-אינסטיטוט האָט זיך געהאַלטן
ביזן יאָר 1885, און ניט בלויז פאר חזנים האָט דייטש אויסגעביל-
דעט זיינע תלמידים, ער האָט זיי אויך שפעטער פארזאָרגט מיט
פאָסטנס, און א סך שולן, וועלכע האָבן געדארפט האָבן חזנים,

פלעגן זיך צו אים ווענדן, און ער פלעגט אלץ דערליידיגן אויפן בעסטן אופן און צו דער פולסטער צופרידנהייט פון אלעמען.

זיין 25 יאריגער אמטירונגס־יובל, וועלכער איז פארגעקומען אין יאר 1867, איז געווען ניט בלויז פאר דער ברעסלויער געמיינדע אליין, נאר פאר דער גאנצער חזנישער וועלט, א אויסערגעווינלאכער יום טוב, ער האט באקומען האנאר־דיפלאמען פון פארשיידענע געזאנג פאריינען אויך פארשיידענע ווערטפולע מתנות. צו זיין 40 יאריגן יובל אלס חזן אין ברעסלוי, וועלכער איז פארגעקומען דעם 20־טן נאוועמבער 1884, איז דייטשן דערלאנגט געווארן אן אדרעס פון די גרעסטע חזנים פון יענער צייט, מיט זולצערן בראש, ס'האט אים אויך גראטולירט א דעפוטאציע פונם אידישן טעאלאגישן סעמינאר, וועלכע איז באשטאנען פון פאלגנדיגע 3 פערזאנען: פראפעסאר גרעץ, דר. צוקערמאן און דר. ראסין. ס'האבן אים אויך באגריסט פארשיידענע געזעלשאפטן און גאר באזונדערס די פארוואלטונג פון דער ברעסלויער סינאגאגע.

אן אויסערגעוויינלאכער יום טוב איז געווען פאר דער ברעסלויער אידישער געמיינדע דער 16-טער דעצעמבער 1888 ווען ס'איז מיט אומבאשרייבלאכן ענטוזיאזם געפייערט געווארן דייטשס 70 יאריגער געבורטסטאג.

מאריץ דייטש, וועלכער איז געווען צוזאמען מיט אברהם גייגערן אן ערך 30 יאר טעטיג אין דער ברעסלויער געמיינדע האט צווישן די רעפארמאטארן פון דער סינאגאגאלער ליטורגיע פארנומען מיט זיין פילזייטיגקייט אן אייננארטיגע שטעלונג, און חוצדעם וואס ער איז געווען א אויסגעצייכנטער קינסטלער־זינגער און געפילפולער דאוונער, איז ער אויך געווען א גוטער לערער, א בארימטער קאמפאזיטאר און א גרויסער שריפטשטעלער.

ער האט פארפאסט און ארויסגעגעבן: אין יאר 1864, — צוועלף פרעלודיעם פאר ארגל און פיאנא, אין יאר 1867, — „דייטשע סינאגאגן און שול לידער”, אין יאר 1871, — זיין „פארבעטער שולע”, (א זאמלונג פון אלטע סינאגאגאלע אינטאנאציעס)

אין יאר 1880, — זיין הויפט־ווערק „ברעסלויער סינאַגאָגע געזאַנ־גען", וועלכע אַנטהאַלט 124 נומערן, (פאַרשיידענע קאָמפּאָזיציעס פאַר כאָר און סאָלאָ) מיט און אָן אָרגל, — אויך פאַרשיידענע לי־דער און אָרגל פּרעלודיעס. דעם 15־טן פעברואר 1892, ווערט דייטש קראַנק אויף אינפלוענציע, און שטאַרבט דעם 27-טן פעברואר דעמ־זעלבן יאר.

50 יאר האָט דייטש געקעמפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק, טרייַ איז ער געשטאַנען די גאַנצע צייט פון זיין חזנישער טעטיגקייט אויף דער וואך, אָנווענדנדיג זיין גאַנצע ענערגיע און מוזיקאַלישע קראַפט אָפּצוהיטן די טראַדיציאָנעלע גע־זאַנגען ביי דער תפלה און אויפצוהייבן די חזנות צו א געהעריגער הויכער מדרגה, און ס'איז אים גלענצנדיג אַלץ געלונגען, זיינע קאָמפּאָזיציעס ווערן אין די גרעסטע סינאַגאָגעס ביזן היינטיגן טאָג מיט גרויס דערפאָלג געזונגען.

בצלאל (שולזינגער) אָדעסער.

בצלאל דער חזן איז געווען איינער פון די באַרימטעסטע חזנים פון זיין צייט, ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א זעלטענער מתפלל מיט אַ אויסערגעוויינלאכער באַר־טאָן שטימע, ער איז פאַר פיל יאר געווען חזן פונם גרויסן בית המדרש אין אָדעס און איז דאָרט געשטאָרבן אין יאר 1860.

יהושע (פּיצע) אַבראַס.

פּיצע אבראַס איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו אין יאר 1820, וואו זיין פאָטער איז געווען חזן און אויך גמרא מלמד אין דער דאָרטיגער ישיבה. שוין אלס קינד, זעקס יאר אלט, וויזט דער

קליינער אבראם ארויס גרויס חשק צו מוזיק און געזאנג, און טרעט אָפּט ארויס אויף פארשיידענע פארוויילונג אָוונטן, וואו ער פארכישופט אלעמען מיט זיין געשמאַקער און שטאַרקער סאָפּראן שטימע.

צו יענער צייט קומט קיין בערדיטשעוו, דער גרויסער און באַרימטער חזן בצלאל אָדעסער (שולזינגער), וועמעס תפלות און געזאנגען האָבן ארויסגערופן ביי אלעמען באוואונדערונג, און געמאכט ציטערן אויך די פיין פילנדיגע נשמהלע פונם קליינעם פיצע, וועלכער באמיט זיך, נאָך בצלאלס דאַוונען, קומענדיג אַהיים, די אָנגעהערטע תפלות, מיט אַלע וואריאציעס און קינסטלערישע איבערגאנגען, גלייך נאָכצוקאָפּירן וואָס ס׳געלינגט אים, אַגב, אויסגעצייכנט, און ס׳מאכט זיך אים די געלעגנהייט, גאָר אינגיכן פארצוזינגען דאָס זעלביגע, פאר בצלאלן אליין.

דערהערנדיג פיצעס זיסע שטימעלע, ווערט בצלאל ממש ווי פארכישופט, און ער רעדט איבער מיט פיצעס עלטערן, אַז זיי זאָלן אים אָנטרויען דאָס טאַלענטירטע קינד און ער זאגט זיי צו, צו מאכן פון אים א לייט, — די עלטערן האָבן, לכתחלה, ניט געוואָלט הערן דערפון, נאָר דאָס קינד אַליין האָט מיט זיינע תחנונים און געוויינען אויסגעפועלט ביי זיי, אַז זיי זאָלן לאָזן אים פאָרן מיט בצלאלן קיין אָדעס. אָנקומענדיג אין אָדעס, גיט זיך בצלאל פערזענלאך אָפּ מיט לערנען אים, און נעמט אים אריין פאר א סאָלאָ זינגערל צו זיך אין כאָר.

און דאָ מוז באמערקט ווערן, אז זיין צונאָמען פיצע, האָט יהושע אַבראם צו פארדאנקען די גרויסע אידישע אָדעס, וועלכע פלעגט באלאגערן די גרויסע אידישע שול, אלע פרייטאָג און שבת, און באַוואונדערן דאָס פיצעלע זינגערל, און אזוי ווי קיינער האָט זיין ריכטיגן נאָמען ניט געוואוסט, האָט מען אים אָנגערופן „פיצע", און אונטערן דאָזיגן נאָמען איז ער אויך בארימט אין דער גאנצער חזני־שער וועלט.

א גרויסע קנאה האָט אַרויסגערופן אבראַסעס זינגען די סאָלאָס, וועלכע פלעגן אלעמען ווי פארכישופן, צו בצלאל דעם חזן מצד די

איבעריגע אָרעסער חזנים, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן איבער אים א רייסעריי און מחלוקת, איינער א געוויסער חזן ראטהויז, האָט פּיצען אויסגעדונגען, באצאָלנדיג זיינע עלטערן דרייסיג דוקאטן א יאר (אַ פּרייז וועלכן בצלאל האָט ביי זיין בעסטן ווילן, נים געקענט באַצאָלן) און פּיצע פארבלייבט עטלאכע יאר א זינגערל ביי חזן ראטהויז אין דער שטאָטישער שול.

אזוי זיינען אַוועק פּיצעס קינדער יארן, אָן באזונדערן אינטע־רעס און זאָרג פארן עתיד, א שנוי אין זיין לעבן איז געקומען מיטן פריצייטיגן טויט פון זיין פאָטער, פּיצע ווערט דאמאָלס דער איינציגער שפייזער פון זיין מוטער, און ער באמיט זיך איר לעבן זיסער צו מאַכן, איז ער אָבער שוין דאמאָלס אלט געווען 14 יאר און זיין קינדער שטימע האָט זיך אָנגעהויבן צו בייטן, איז ער גע־צוואונגען געוואָרן צו באזייטיגן זיינע אידעאַלן וועגן שטודירן מוזיק און באַקומען אלגעמיינע בילדונג.

ער קומט אָן, פאר א לערן־אינגל, צו א גאָלדשמיד, און בא־וויזט אויך אויף דעם געביט גרויסע פייאיגקייטן, ער ווערט, נאָך 2 יאר לערנען, א זעלבסטשטענדיגער פאכמאן.

אמאָל ביי דער ארבעט, האָט אים בצלאל דער חזן דערהערט פארבייגייענדיג פאר זיין פענסטער, זינגענדיג א ליד, און ער האָט גלייך דערקענט, אז דאָס מוז זיין זיין געוועזענער זינגערל פּיצע, הגם פּיצע האָט שוין געהאַט א אנלאג אויף אַ באריטאָן, האָט בצלאל אים דאָך גלייך דערקענט, נים קלערנדיג קיין סך, איז בצלאל אריינגעגאנגען און דערזעענדיג פּיצען ביי זיין ארבעט, האָט ער צו אים אַ געשריי געטאָן, „ווארף אַוועק די שמוציגע ארבעט, דאָס איז נים פאר דיר, דו מיט דיין שטימע און טאַלאנט, געהערסט זיך אָן צו גאָט און צו זיין פאָלק".

פּיצע האָט מיט גרוים פרייד, אָנגענומען זיין גרויסן רבים עצה, און גאָר אין גיכן באוואונדערט פּיצע אלעמען מיט זיין אויסערגע־ווייגלאך שיינער באריטאָן שטימע, זיינע סאָלאָס מאכן א אומגע־הויערן רושם, און זיין נאָמען ווערט, וויים און ברייט באריטט אי־

בער גאַנץ אָדעס און אומגעגנט, און ס'פאַראינטערעסירן זיך מיט אים עטלאכע אָנגעזעענע אידן, וועלכע באַשליסן, אָפּצושיקן אים קיין מילאַן, איטאַליע, אויסצובילדן דאָרט זיין שטימע. זיי באַשטימען אים צו שיקן א געוויסע סומע יעדן חודש, וואָס זאָל אים געבן די מעגלאכקייט אָן זאָרג, פאַרצווזעצן זיין שטודיום. פּיצע פאָרט אָפּ אין יאר 1840 קיין איטאַליע.

דורכפאָרנדיג בראָד, וואוהין פּיצע האָט געהאַט א רעקאָמענ־דאַציע בריף צום באַנקיר משה קאליר, און פאר וועלכן ער האָט גע־זונגען עטלאכע בצלאלס זאכן, האָט אים דאָרט אויך געהערט דער פּרנס פון דער טאַרנאָפּאָלער, גרויסער כאָר שול, וועלכער איז צופע־ליג געווען צו גאסט ביים דערמאָנטן באַנקיר, ער ווערט אזוי אנט־ציקט פון אבראַסעס שטימע, אַז ער לאָזט אים שוין נישט אָפּ, און ממש מיט געוואלד האָט ער אים געבראַכט קיין טאַרנאָפּאָל. ווען מ'האָט נאָר דערהערט זיין שטימע, האָט מען אים גלייך אָנגעבאָטן דעם חזנות פּאָסטן אין דער נאָר וואָס ניי אויסגעבויטער טאַרנאָפּאָ־לער כאָר שול.

א שווערער אינערלאכער קאַמף איז אין אבראַסעס האַרצן פאָרגעקומען, א קאַמף צווישן בילדונג און קאַריערע פון איין זייט און די ליבע צו זיין מוטער, (וועלכע ער וואָלט נאָר דאַן געקענט העלפן, ווען ער זאָל דעם טאַרנאָפּאָלער פּאָסטן אָננעמען), פון צווייטן זייט, — און דאָס לעצטע, דאָס הייסט, כבוד אם, האָט געזיגט.

ער נעמט אָן די חזנות שטעלע אין טאַרנאָפּאָל, וואו ער פאַר־בלייבט 2 יאָר חזן, ביזן יאר 1842, ווען ער ווערט אויפגענומען פאר חזן אין דער גרויסער לעמבערגער סינאַגאָגע, דאָ האָט ער די גע־לעגנהייט זיין חזניש־מוזיקאַלישן טאַלאַנט צו באַרייכערן און זייענדיג אונטער דער געוואלדיגער השפּעה פון זולצערס אלגעמיינע קולטי־ווירונג שאפונגען, און פון זולצערשן „שירי ציון", שרייבט אבראַם א ריי ווערטפולע און מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַ־טיוון, און זיין נאָמען ווערט אַלס עמינענטער אידיש־מאָדערנער חזן, באַריםט אין דער גאנצער וועלט.

אבראם פלעגט זיך באזונדערס אויסצייכענען מיט זיינע וואונ־דערלאכע סאָלאָס מיטן כאָר, זיין באריטאָן שטימע איז געווען פון א גאָר באזונדערער קוואליטעט, ווייך און בויגזאם, און ער פלעגט מיט איר אויסארבעטן אלע בויגונגען און „שטייגער זאָגאכצן", אין וואָס ער איז געווען א גרויסע אינדיווידואליטעט, א יחיד במינו.

אין יאר 1858, ווען ס'האָט זיך פארענדיגט בויען די פראכט־פולע „יעווריסקאיאַ סינאַגאָגא" אין אָדעס, ווערט פיצע אַבראם, אויסגעקליבן פארן איינציגן און בעסטן קאַנדידאַט אויף צו פארנעמען די חזנות שטעלע און ער פארבלייבט אויף זיין פּאָסטן ביזן יאר 1884, ווען דער גרויזאמער טויט רויבט אוועק דעם באַליבטן און באַרימטן חזן פיצע אבראם פון זיין קהלה.

אין זיין פערזענלאכקייט, איז פיצע געווען א אמתער מאַגנאַט, האָט געפירט א הויז א מלכות, האָט זיינע קינדער דערצויגן אויפן העכסט אריסטאָקראַטישן אופן, זיין טאָכטער איז געווען א גרויסע זינגערין, און זיין איידים איז געווען דער באריטמטער קייזערלאכער באַס באַריסאָוו.

פיצעס ווערק „זמרת יה", פארנעמט אין דער אידיש־חזנישער וועלט זייער א גרויסן אָרט, און זיינע רעטשיטאַטיוון און מעלאָ־דיש גוט קלינגענדיגע קאָמפּאָזיציעס ווערן געזונגען, אין אלע אידי־שע שולן פון דער גאנצער וועלט, מיט גרויס דערפּאָלג.

לואיס (אליעזר) לעוואנדאָווסקי.

לואיס לעוואנדאָווסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 3־טן אפּ־ריל, 1821 אין דער שטעטל וורעשן, אין פויזנער געגנט.

זיין פאָטער וועלכער איז געווען א דאַלמעטשער (איבער־זעצער) אין שטאָטישן געריכט הויז, פאר די דייטשע, פוילישע און העברייאישע שפּראכן, האָט אָפּגעשטאַמט פון א זייער שטריינג רע־ליגיעזע פאמיליע פון רבנים און אַנדערע כלי קודש, און איז געווען

א מקורב מיטן באוואוסטן גאון ר׳ עקיבא אייגער, מיט וועלכן ער האָט אויך געפירט א רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ, וועגן פאַרשיידענע שאלות און תשובות

לעוואַנדאָווסקי באַקומט זיין ערשטע עלעמענטאַרע דערציאונג, ביי זיין פאָטער, און ער ווייזט ארויס, שוין אלס קינד פון זעקס יאָר, גרויסע פייאיגקייטן אין משנה און גמרא, ווען ער דערגרייכט זיין 13־טן לעבנס יאָר, איבערראַשט ער מיט זיין בר מצוה דרשה, וועל־כע ער האָט אליין, אָן קיינעמס הילף, צונויפגעשטעלט, און אלע ווערן אַנטציקט פון זיינע גרויסע טעאָלאָגישע ידיעות.

ער ווערט אויך באאיינפלוסט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט געשמט אין פויזנער געגנט פאר א באַרימטן בעל תפלה, מיט פאַר־שיידענע סקאַרבאָווע און סינאַגאָגאַלע נגונים, אזוי פלעגט ער „צו־האַלטן" זיין פאָטער, צוזאמען מיט זיינע פינף ברידער, ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן, און ספּעציעל אין די ימים נוראים, אויך אין די תפלות פון טל און גשם, ער אינטערעסירט זיך אויך מ׳ט אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו מוזיק, און לערנט זיך אויך שפּילן אויף פידל און פיאַנאָ.

דער פּלוצלונגער טויט אָבער פון זיין באַליבטער מוטער, צו־שטערט לעוואַנדאָווסקיס זאָרגלאָזן קינדער־לעבן, און מיט דער ברכה פון זיין פאָטער, וועלכער בענטשט אים „ומצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם", פאָרט ער אָפּ קיין בערלין, וואו ער קומט אָן אין א גימנאַזיע, און לערנט אין זיין פרייער צייט אויך מוזיק, ער זינגט אויך אין כאָר פונם באַרימטן חזן אשר ליאָן, אין דער גרויסער שול אויף היידערייטער גאַס, וואו ער רופט ארויס באַוואונדערונג ביי אַלע מתפללים, מיט זיין געשמאַקפולער און ריינער סאָפּראַן שטימע. ס׳פאַראינטערעסירן זיך פאַרשיידענע אָנגעזעענע מענטשן מיטן גורל פונם יונגן טאַלענטירטן לעוואַנדאָווסקי, און גאָר באַזונדער פאַראינ־טערעסירט זיך מיט אים אַלעקסאַנדער מענדעלסאָן, (א אייניקל פונם באַרימטן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן) א גרויסער פילאַנטראָפּ, ליב־האָבער און פאַרערער פון קונסט, וועלכער האָט געהאַט אויפן מוזי־

קאַלישן געבית א גרויסע דערפאַרונג, און האָט אויך אַליין געשפּילט פידל, ער נעמט לעוואַנדאָווסקין אריין צו זיך אין הויז, און באַקענט אים מיט די גרעסטע מוזיקער פון יענער צייט, (וועלכע זיינען געווען אָפטע איינגייער אין מענדעלסאָנס הויז) ער שפּילט אויך אָפט דועטן צוזאמען מיט לעוואַנדאָווסקין, און ער באוואונדערט זיין ריינעם טאָן, זיין ריינע אינטאָנאַציע און זיין מוזיקאַלישע אויפפאסונג.

זייענדיג באאיינפלוסט פון דער קינסטלערישער אטמאָספע־רע, אין וועלכער ער האָט זיך אין מענדעלסאָנס הויז געפונען, באַשליסט לעוואנדאָווסקי זיך פול און גאַנץ איבערצוגעבן צום שטודירן מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע, ער שטודירט פלייסיג 2 יאר אין בערלינער אוניווערסיטעט, וואו ער הערט לעקציעס איבער: פאָרם, האַרמאָניע, איינפאכן און דאָפּלטן קאָנטראפּונקט און די פאָרם פון אָרקעסטרירונג, לערנט די אַלע דערמאָנטע למודים מיט גרויס התמדה, ביים באַרימטן פּראָפעסאָר מאַרקס, לערנט אויך מוזיק גע־שיכטע און אַקוסטיק ביי די פּראָפעסאָרן דאָווע און ־אָנס.

שטרעבט אָבער לעוואַנדאָווסקי אַנצוקומען פאר א שילער אין דער אַקאַדעמיע פאר קונסט, און ניט קוקנדיג אויף דער אַנטיסע־מיטישער טראַדיציע, וועלכע האָט אין דער אַקאַדעמיע געהערשט, אידן ניט אריינצונעמען, געלינגט עס דאָך לעוואַנדאָווסקין, א דאַנק מענדעלסאָנס פּראָטעקציע, אַנצוקומען דאָרט פאר א שילער, ער האַלט אויס גלענצנדיג דעם עקזאמען, לערנט ביי די פּראָפעסאָרן רינגענ־האַגען און גרעלל, צייכנט זיך אויס מיט זיין געוואלדיגער התמדה און פייאיגקייטן, און ווערט אינגיכן אַנערקענט פארן בעסטן שילער פון דער אַקאַדעמיע. ער שרייבט דאַמאָלס א קאַנטאַטע פאר סאלאָ, כאָר און אָרקעסטער, אויך שרייבט ער א סימפאָניע, און באקומט פאר דער דאָזיגער ארבעט, (וועלכע ווערט אויפגעפירט אין דער זינג־אקאדעמיע, אונטער זיין פערזענלאכער אָנפירונג,) דעם ערשטן פּריז, פּראָפעסאָר רינגענהאַגען דריקט אים אויס זיין צופרידנהייט און אַנערקענונג און באוואונדערט זיין טאַלאַנט אַלס דיריגענט.

אזוי ווערט לעוואַנדאָווסקיס טאַלאַנט פון אַלעמען אנערקענט,

ער ווערט אויך באַטראַכט פאַר אַ פייאיגן דיריזשאָר און גוטן מוזי־קער, און עס הויבן זיך שוין אָן צו פאַרווירקלאַכן לעוואַנדאָווסקיס אידעאַלן, צו קענען ארויסטרעטן עפנטלאַך פאַר דער וועלט אַלס אַ ערשט־קלאַסיגער מוזיקער, ווערט ער אָבער צוליב זיין אָנגע־שטריינגטער און אומדערמידלאַכער ארבעט אזוי שוואַך, אַז ער קען זיין בעט אין אַ משך פון 4 יאָר צייט ניט פאַרלאָזן, מ׳האָט אים שוין כמעט אָפּגעזאָגט זיין לעבן, האָט ער אָבער, אונטער דער אויפ־אָפּפערנדיגער אויפזיכט פון זיין געטרייער שוועסטער (פרוי שאָט־לענדער) און אַ דאַנק איר אָפּהיטן אים, צוריק אָפּגעלעבט און זיין געזונט צושטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן.

אָנהויבנדיג אַ ביסל קומען צו זיך, דערמאָנט זיך לעוואַנדאָוו־סקי אָן זיינע פרומע עלטערן, אָן די שבתדיגע זמירות ביים טיש, אָן דעם פאָטערס ימים נוראימדיגע תפלות, און ער טוט אַ נדר, אַז ווען גאָט וועט אים ארויסהעלפן אינגאנצן פון זיין קראַנקהייט, וועט ער זיין גאַנץ לעבן אָפּגעבן פאַר דער סינאַגאָגאַלער מוזיק און פאַר דער ליטורגיע.

אין יאָר 1840 זעען מיר שוין לעוואַנדאָווסקין פיגורירן אַלס דיריזשאָר פון דער סינאַגאָגע היידערייטער גאַס. (די זעלבע שול, אין וועלכער ער האָט אַמאָל געזונגען אַלס משורר) אזוי ווי ס׳האָט ביי יענער צייט, אין בערלין נאָך עקזיסטירט דער אַלטמאָדי־שער צונויפשטעל פונם כאָר, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ זינ־גערל, פונם חזן און אַ באַס, האָט עס לעוואַנדאָווסקין ניט געקענט צופרידנשטעלן, ער פאַרלאַנגט פון זיין געמיינדע, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן איינצופירן, די דאַמאָלס אזוי באַרימטע זולצערשע תפלה מיט אַ גרעסערן שטימען פערסאָנאַל אין כאָר. די געמיינדע אָנער־קענט די ריכטיגקייט פון לעוואַנדאָווסקיס פאַרשלאַג, און זיי שיקן אים, על חשבונם, קיין ווין צו זולצערן, צו שטודירן זיין „שירי ציון״ און דער איינגעפירטער גערעגלטער תפלה אין דער ווינער סינאַ־גאָגע.

לעוואַנדאָווסקי ברייגנט מיט זיך מיט זולצערס „שירי ציון״,

פירט איין, לויטן ווינער מוסטער א גרויסן גוט איינגעשטודירטן כאָר, און שרייבט אונטער זולצערס השפּעה א ריי ווערטפולע קאָמ־פּאָזיציעס. ער שרייבט אויך א ריי רעטשיטאַטיוון פאַרן באַרימטן חזן ליכטנשטיין, וועלכער איז, ניט לאַנג, נאָך לעוואַנדאָווסקים צו־ריקקומען פון וויען, אויפגענומען געוואָרן פאר חזן אין דערזעלבער שול, היידערייטער גאס, און וועלכער האָט געשמט מיט זיין אויסער־געוויינלאכער גרויסער באַס שטימע, און לעוואַנדאָווסקי איז אַנט־ציקט געווען פון זיין אידיש מוזיקאַלישן דאַוונען, זיי זיינען געוואָרן שטאַרק באפריינדעט, און זייער אַרבעטן צוזאַמען אויפן קינסטלע־רישן געביט האָט אריינגעבראַכט א פרישקייט און אויפלעבונג אינם קולטורעלן און מוזיקאַלישן לעבן פון דער בערלינער אידישער גע־מיינדע.

לעוואַנדאָווסקי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן ספּעציעל מיטן שטוד־יום פון חזנות־פאַך. ער אונטערנעמט א גרויסע טעטיגקייט אויפן דאָזיגן געביט, און גאָר גיך ווערן, כמעט, אַלע אידישע געמיינדעס אין גאַנץ דייטשלאַנד באאיינפלוסט פון זיינע רעטשיטאַטיוון און די אין 2 שטימען לייכט האַרמאָניזירטע געזאַנגען, די דאָזיגע גע־זאַנגען זיינען, אַגב, דורכגעדרונגען מיטן אַלט־אידישן נוסח התפלה, זיינען געוואָרן כמעט אין אַלע אידישע געמיינדעס אין דייטש־לאַנד אָנגענומען פאַר א אייגנטום פונם אידישן פאָלק, און זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר „מסיני" געזאַנגען.

די דאָזיגע רעטשיטאַטיוון און געזאַנגען זיינען פון לעוואַנ־דאָווסקין געשריבן און געזאַמלט געוואָרן אין א משך פון 25 יאָר, די ערשטע אויסגאַבע דערשיינט אונטערן נאָמען „קול רינה ותפלה" אין יולי 1871 אין בערלין. זיין ווערק „תודה וזמרה" האָט ער אָנ־געהויבן צו שרייבן אין יאָר 1866, ווען ער איז איבערגעגאַנגען פון דער סינאַגאָגע היידערייטער גאַס, אַלס דירעגענט אין דער „נייער סינאַגאָגע", (אָראַניענבורגער שטראַסע).

דאָס דאָזיגע ווערק אין 2 בענדער, ערשטער באַנד — פאַר שבת, און דער צווייטער — פאַר שלש רגלים און ימים הנוראים,

באשטייט פון די בעסטע טראַדיציאָנעלע און קינסטלעריש באַאַרבעטע קאָמפּאָזיציעס פאַר כאָר און אָרגל, די שיינע רייכע האַרמאָניע, דער שטימונגספולער אינהאַלט, די דאַנקבאַרע געזאַנג־לאַגע פון אַלע זינג שטימען, זיינען באַוואונדערונג־פול, עס פליסט אַ קוואַל פון קלאַנגפול שיינע און רייכע שטימע־פירונג אין אַלע זיינע קאָמפּאָ־זיציעס, אַז אויסנאַם, און ס׳איז גאָר קיין וואונדער, וואָס די דאָזיגע אומפאַרגלייכלאַך שיינע געזאַנגען זיינען מיט גרויס פרייד אויפגענו־מען געוואָרן, און ווערן געזונגען אין אַלע סינאַגאָגעס פון דער גאַנ־צער וועלט, און ווערן אַלזייטיג באַוואונדערט.

לעוואַנדאָווסקי באַקומט דעם טיטל „פּרייסישער קעניגלאַכער מוזיק דירעקטאָר" צו זיין 25 יאָריגן אַמטירונג יובילייאום, אַלס די־ריזשאָר פון דער גרויסער בערלינער אידישער געמיינדע. ער באַ־קומט אַ סך ווערטפולע מתּנות פון זיין געמיינדע, און באַגריסונגען קומען אָן פון אַלע סינאַגאָגע־געמיינדעס אין דייטשלאַנד, און אויך פון אַנדערע לענדער.

ביים אויסבילדן יונגע חזנים, מיט וועלכע לעוואַנדאָווסקי פלעגט לערנען דעם חזנות־פאַך, האָט ער זיך מער אָפּגעגעבן מיט די יעניגע יונגעלייט, וועלכע פלעגן קומען שטודירן מוזיק און געזאַנג אין דער בערלינער קאָנסערוואַטאָריע פון רוסלאַנד אָדער פּוילן, ער פלעגט דערביי דערקלערן, אַז ער פּריווילעגירט די לעצטע מער פון די דייטשן, ווייל זיי זיינען מוזיקאַליש באַגאַבט, — אַגב, פלעגט ער ביי די רוסישע און פּוילישע יונגעלייט אויספאָרשן פאַרשיידענע נוסחאות און טראַדיציאָנעלע מעלאָדיעס פון זייערע געגנטן, ער פלעגט דאָס אַלץ ביי זיך פאַרצייכענען, און אַ גרויסער טייל פון זיין „קול רנה ותּפלה" באַשטייט פון די דערמאָנטע פאַרצייכנונגען...

אַן אויסערגעוויינלאַכער יום טוב איז פאַר דער בערלינער אי־דישער געמיינדע געווען לעוואַנדאָווסקיס 50 יאָריגער אַמט־יובילי־אום, וועלכער איז פאַרגעקומען דעם 27־טן דעצעמבער 1890, די סינאַגאָגע „אָראַניענבורגער טעמפּל" איז געווען פול געפּאַקט, און ראַבינער דר. מייבוים, האָט געהאַלטן אַ געדאַנקענרייכע רעדע,

שילדערנדיג לעוואנדאָווסקים טעטיגקייט און זיינע גרויסע פאַר־דינסטן פאַר דער ליטורגיע אין דער סינאַגאָגע.

דער קינסטלערישער כאָר, אונטער באַגלייטונג פון אָרגל, זינגט א ריי וואונדערפולע און פּאָפּולערע קאָמפּאָזיציעס, כ'האָבן אָנ־טייל גענומען אזעלכע באריממטהייטן ווי: פּראָפעסאָר יאזעף יאָאַכים, פּראָפעסאָר קרויזע, די פּראָפעסאָרן ווירט און הויזמאַן, ס'האָט אויך אנטייל גענומען דער גרויסער פילהאַרמאָנישער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר זיגפריד אָקס.

רעדעס ווערן אויך דאָ געהאלטן פון דר. קארפּעלעס און פונם ראבינער פון דער נירענבערגער געמיינדע דר. לעווין, ס'זיינען אויך דערהאלטן געוואָרן טעלעגראמעס און ווינטשונגען פון דער גאנצער וועלט.

לעוואנדאָווסקי האָט אויך געפירט א גליקלאכן פאמיליע־לעבן, זיין פרוי איז געווען זייער מוזיקאַליש, און האָט מיט איר קינסט־לערישער באגאבונג זייער פיל מיטגעהאָלפן צו זיינע שאפונגען און באשטרעבונגען. זיי האָבן געהאט 2 קינדער, א זון און א טאָכטער, די טאָכטער האָט חתונה געהאט מיטן באוואוסטן פילאָזאָף און גע־היימען רעגירונגס ראט (יועץ הממשלה) פּראָפעסאָר דר. הערמאן קאָהען, און דער זון פון פּראָפעסאָר דר. אלפרעד לעוואַנדאָווסקי איז א באוואוסטער מעדיצינער און היגיעניקער.

דעם 3־טן פעברואר 1894, (דריי וואָכן נאָכן טויט פון זיין פרוי) איז לעוואנדאָווסקי געשטאָרבן, — צו זיין קבורה זיינען גע־קומען פארשטייערס פון אלע קהלות אין דייטשלאנד. ראבינער דר. מייבוים האָלט א הספד, וועלכער מאכט א געוואלדיגן רושם, און מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און צוווייטאָגטע הערצער, פארלאָזט דער גרויסער עולם מלוים דעם קבר פונם אומפארגעסלאכן קינסטלער לואיס לעוואנדאָווסקי, מיט דער איינציגער נחמה און פולן באַ־וואוסטזיין, אז אייביג וועלן זיינע הימלישע געזאנגען אָפּקלינגען אין אלע סינאַגאָגעס פון גאָר דער וועלט.

זלמן קאָנסטאַנטינער—אומאַניער.

ר׳ זלמן זינגער, וועלכער איז אין דער וועלט באַקאַנט אונ־טערן נאָמען זלמן קאָנסטאַנטינער, אָדער זלמן אומאַניער, איז גע־בוירן געוואָרן אין יאר 1810, אין דער שטאָט באַר, פּאָדאָליער גו־בערניע, וואו זיין פאָטער, ר׳ לייבוש בארער, איז געווען שטאָט־חזן. ער איז געווען אָנגעזען און באליבט ביי זיין קהלה און אוך אין דער גאנצער אומגעגנט. ער האָט דערצויגן זיין געראטענעם איינגעלע אינם שטרייננג־אָרטאָדאָקסישן גייסט, און אליין זייענדיג א חסיד, האָט ער געזוכט מיט דאָס זעלבע זיין זלמנען צו באַאיינפלוסן. ער לערנט אויך מיט אים גמרא ביז צו זיין בר־מצוה, און אזוי ווי ער האָט געהאַט א געשמאַקע שטימעלע, פלעגט זלמן אונטערהעלפן זיין פאָטער און האָט מיט אַ סאָלאָ זיך קונה שם געווען אלס א פיינער זינגערל, אלע האָבן אים ליב באקומען. ווען זיין קינדער־שטימעלע האָט זיך גענומען בייטן, האָט ער אָנגעהויבן צו פארלירן דעם חשק צום זינגען, און איז אָנגעקומען אין א קראם, מיטן געדאַנק זיך ארויפצוארבעטן פאר א סוחר.

אין עטלאכע יאר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט א טאָכ־טער פונם באוואוסטן מיוחסדיגן נגיד ב״ץ פון וויניצע (וועלכער האָט זיך בארימט מיט זיין יחוסדיגער אָפּשטאַמונג דערגרייכנדיג ביז עלי הכהן.) ער האָט געעפנט נאָך דער חתונה א זייפן־זידעריי, יועלכע איז אוועק אָן הצלחה, ער האָט געפטרט דעם נדן. און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן עתיד, האָט זיך אין אים גע־נומען דערוועקן דער געדאַנק, זיך א נעם צו טאָן צום מקור פון זיין אָפּשטאַמונג, און ער האָט זיך גענומען צו חזנות.

א שטימע האָט זיך ביי אים באוויזן נאָר א שיינע, נוסח התפלה האָט ער געקענט גוט, און ער קומט אָן פאר א חזן אין אַלט־קאָנסטאַנטין. דאָ האָט ער די געלעגנהייט צו דערלערנען לייענען נאָטן. א קאָפּ האָט ער געהאַט א גוטן, און ס׳איז אים ניט אָנגעקומען

זייער שווער דאָס צו דערלערנען, און ס'איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז אין א קורצער צייט נאָכדעם ווי ער האָט גרונטיג דערלערנט נאָטן, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פאַרפאסן אייגענע קאָמפּאָזיציעס. ער האָט צונויפגענומען א קאַפּעליע משוררים און אָנגעהויבן פּראווען זיין חזנות גאָר אויף א גרויסן שטייגער, — האָט ער אָבער, מיט זיין נאַטירלאכן מוזיקאַלישן געפיל דערטאַפּט, אז עפּעס פעלט אים, און דער דאָזיגער עפּעס לאָזט אים ניט רוען.

ער פאָרט דעריבער קיין אָדעס, וואו ער דערלערנט די העכערע כללים פון דער מוזיקאַלישער קונסט. ער לאָזט זיך אויך אויסבילדן זיין שטימע ביי א ספּעציאַליסט פון געזאַנג. ער טרעפט זיך דאָרט צונויף מיטן בארימטן חזן פּיצי אַבראַס, וועלכער איז דאַמאָלס נאָך אויך געווען גאָר א יונגערמאַן, און זיי לערנען א שטיק צייט ביידע צוזאמען, און ווערן גוט באפריינדעט.

אָפּזייענדיג עטלאכע יאר אין אָדעס, האָט זלמן צוריקקומענ־דיג אהיים, אָנגעהויבן שרייבן א ריי קאָמפּאָזיציעס, מיט וועלכע ער האָט אויף זיינע שפּעטערדיגע קונסט־נסיעות מרעיש עולמים געווען. ער לאָזט זיך ארויס מיט זיינע משוררים איבער דער וועלט, דורכמאַכנדיג א גוואַלדיג גרויסן שטח, ער באזוכט גאַנץ מאָלדאַוויע, וואלאַכיע, אונגארן און דערווערבט זיך אומעטום הונדערטער פריינט און פאַרערערס, וואו ער קומט נאָר דאַווענען, פילט זיך די גאַנצע אידישע באפעלקערונג אין א יום־טובדיגער שטימונג. דאָס וואָכע־דיגע אלטעגלאכע ווערט פאַרגעסן. זלמן דער חזן מיט זיין קאַפּעליע משוררים ברייגגען אריין א שטימונג, אַן אטמאָספערע פון כולו קודש.

צוריקקומענדיג אהיים פון זיין דערמאָנטער וועלט־נסיעה, באַ־קומט ער אַן איינלאַדונג צו קומען קיין אומאַן, קיעווער גובערניע, וואו ער נעמט אָן די חזנות־שטעלע אין דער גרויסער שול. ער פאַר־בלייבט דאָ עטלאכע יאר און שטעלט צונויף א פרישע קאַפּעליע משוררים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די שפּעטערדיגע וועלט-בארימטע חזנים: ניסן בעלזער, משה שפּיצבערג, בערל באַס

און נאָך עטלאכע באריממקייטן. ער לאָזט זיך מיט זיי ארויס אויף
בייע קונסט־נסיעות, און האָט אומעטום גרויס דערפאָלג.

ס'איז דאָ ווערט צו דערמאָנען א שיינעם עפּיזאָד, וואָס ס'האָט
זיך מיט אים איינמאָל געטראָפן׳

געווען איז עס אין דער צייט פון זיין נאָר־וואָס דערמאָנטער
קונסט־נסיעה, בערך א צוויי וואכן פאר ימים נוראים, ער האָט דאַ־
מאָלס געזאָלט דאַווענען מיטן כאָר אין די ימים נוראים אין א גע־
וויסער שטאָט אין אונגארן, און האָט שוין געהאַט כמעט איינגע־
זונגען דעם גאנצן רעפּערטואר. אין א געוויסן פרימאָרגן איז ער
אויפגעשטאַנען און האָט פונם גאנצן כאָר געפונען נאָר עטלאכע
אינגלאך. די איבעריגע משוררים האָט מען פון אים אָפּגערעדט און
זיי זיינען בייגאַכט אלע אַנטלאָפן. דאָ איז די צייט אַזוי קורץ, ס'איז
ביטער, וואָס טוט מען? האָט זיך אָבער זלמן דער חזן ניט פאר־
לוירן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און איינגעזונגען עטלאכע איינ־
שטימיגע מעלאָדישע נגונים און סאָלאָס, און האָט זייער שטאַרק
אויסגענומען מיטן דאַווענען. נאָך די ימים נוראים האָט ער צונויפגע־
שטעלט א נייעם כאָר און איז ארייגעפאָרן קיין ווין, וואו ער האָט
געהאַט דעם כבוד צו זינגען פארן קייזער פראנץ יאזעף. ער האָט
פארפאסט א ספּעציעלע קאָמפּאָזיציע אויפן קאַפּיטל „לשלמה"
(תהלים, ע"ב) און געמאַכט דערמיט א גוואלדיגן רושם.

ער נעמט אָן דערנאָך די חזנות-שטעלע אין יאַסי, וואו ער
פארבלייבט א סך יארן מיט גרויס כבוד׳

האָט זיך אָבער די אומאַניער קהלה פארבייענקט נאָך זייער ליבן
חזן, און אַז זיי האָבן דערזען, אַז זיי קענען זיך שוין ניט דערוואַרטן
אויף אים, האָבן זיי מיט ספּעציעלע שלוחים ארויסגעשיקט צו ר'
זלמן'ען אַ כתב חזנות, אונטערגעשריבן פון אַלע בעלי-בתים, מיט
זייער גוטע קאָנדיציעס, און מ'האָט אים אַראָפּגעבראַכט צוריק פון
יאַסי קיין אומאַן, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע און
פארבליבן דאָרט ביז צום סוף פון זיין לעבן.

זלמנ'ס הויז איז געווען אַ בית ועד לחכמים וסופרים, ווער

ס'האָט נאָר געשטערבט צו אַ ביסל השכלה, פלעגט אריינקומען צום חזן אין הויז. ר' זלמנ'ס קינדער זיינען אויך געווען משכילים און האָבן אַלע, אפילו די טעכטער, גערעדט אַ שיינעם העברייאיש און אויך אַ גראַמאַטישן רוסיש.

ר' זלמן איז אויך געווען אַ בעל מדות טובות, געווען אַ ער-לאַכער, אַפגעהיטער איד און אַ תלמיד חכם. ער האָט זיך אויך אויס-געצייכנט דערמיט, וואָס ער פלעגט אויף אַ שמחה (אַ חתונה, אַ ברית און נאָך אַנדערע שמחות) קיינמאָל ניט עסן. ער פלעגט אויך אַלע יאָר אויף מאָרגן נאָך שמחת תורה דינגען אַ גרויסע בויד און ארייןזעצן אין איר זיין גאַנצע קאַפעליע און אוועקפאָרן קיין טאַלנע, צו ר' דודל טאַלנער, אויף שבת בראשית, דאַוונען שבת און זינגען ביים רבי'ס טיש, און דער רבי ז"ל און אַלע מקורבים פלעגן זיך זייער משמח זיין. דער רבי האָט ר' זלמנען זייער ליב געהאַט, און ווען ס'פלעגט אַמאָל טרעפן אַ שטיקל מחלוקת צווישן די חסידים און דעם חזן, פלעגט דער רבי זיך תמיד איינשטעלן פאַר אים.

זלמן אומאַניער האָט קיינמאָל ניט געזונגען פרעמדע נגונים, אַלץ נאָר אייגענע. ער האָט אָנגעשריבן א סך הונדערטער רעטשיטאַ-טיוון און קאָמפאָזיציעס און האָט אַלץ געהאַפט, אַז ער וועט זוכה זיין צו זען זיי אין דרוק. זיין וואונטש איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. די שטאָט שול איז פאַראָרימט געוואָרן, די רייכע בעלי בתים האָבן פאַר זיך אויסגעבויט באַזונדערע קלייזלאַך, און ס'האָט זיך אים זייער שלעכט געלעבט אין די לעצטע יאָרן. ער האָט אויך געהאַט אויסצו-שטיין גרויסע צרות פון דער רוסישער רעגירונג, ווייל ער איז געווען אַ טערקישער אונטערטאַן זינט ער איז צוריקגעקומען פון יאַסי.

אין יאָר 1887 האָט ער געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער איז געפאָרן קיין טערקיי, וואו ער האָט אומגעביטן זיין פאַס, און איז אין אַ יאָר שפּעטער געקומען צוריק קיין אָדעס. אויף דער דאָזיגער נסיעה האָט זיך מיט אים געטראָפן פאָלגנדיגער צופאַל:

ער האָט מיט זיך געפירט זיין גאַנצן פארמעגן, וואָס איז באַ-שטאַנען פון עטלאַכע הונדערט רובל אין גאָלדענע מטבעות, וואָס ער

האָט געהאַלטן אין אַ לעדערנע בייטעלע. איינמאָל, שטייענדיג אויפן דעק און האַלטנדיג דאָס בייטעלע מיטן געלט אין האַנט, האָט זיך די שיף פּלוצלונג אַ בייג־געטאָן אויף אַ זייט, און דאָס בייטעלע איז ארויסגעפאַלן פון זיין האַנט גלייך אין ים אריין. ס'איז געוואָרן אַ געוואלד, א געשריי — אָבער דער ים גיט ניט מער צוריק, — און אזוי איז ער אָנגעקומען אַ צווייטאָגטער און אַ דערשלאָגענער קיין אָדעס.

אַ גליק וואָס זיינע אַ טאָכטער האָט דאַמאָלסט געוואוינט אין אָדעס, האָט זי אים געגעבן אויף הוצאות קיין אומאַן, וואו ער איז פארבליבן אַלס חזן נאָך עטלאַכע יאָר, ביז 1898, ווען ער האָט פאַר־לאָזן זיין שטעלע צוליב אַלטקייט און שוואַכקייט, און איז געקומען צו זיינע קינדער קיין אָדעס, וואו ער איז צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1900, געשטאָרבן אין עלטער פון 90 יאָר. אַ גרויסער קאַסטן פול גע־פּאַקט מיט נאָטן, זיינע אייגענע און פרעמדע, האָט זיך געפונען ביי זיינע קינדער אין אָדעס. זיי זיינען אָבער פארלוירן געגאַנגען אין די מהומות פון די לעצטע יאָרן

שלמה (סאלאמאן) ווינקלער.

דעם 17־טן פעברואר 1883 איז אין גלייוויץ, דייטשלאַנד, גע־שטאָרבן דער באַוואוסטער חזן סאלאמאָן ווינקלער, און ווי די צייטונג „דער אידישער קאַנטאָר" פון יאָר 1883 שרייבט, האָט גלייוויץ נאָך אַזאַ גרויסע לויה ווי נאָך חזן ווינקלער ניט געזען. פון דער דאָזיגער לויה, קען מען זען ווי גרויס און באַדייטנדיג חזן ווינקלער איז געווען. (ער איז באמת געווען אַ גרויסער חזן און אַ אדם גדול).

אַלס חזן איז ער געווען באַדייטנדיג אין זיין פאַך, און האָט זיך דערמיט אויסגעצייכנט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער טאָן־געבער אויף איינצופירן אין גלייוויץ און גאַנץ שלעזיע אַ גערעגלטע תפלה מיט כאָר געזאַנג, און ניט קוקנדיג וואָס אין בויטען האָט דאַמאָלסט

מיט זיין קינסטלערישן דאַווענען געשמ'ט דער דאָרטיגער חזן ווײַנ-טרויב, וועלכער ווערט נאָך היינט מיט גרויס רעספּעקט דערמאָנט, האָט דאָך ווינקלערס נאָמען ארויסגעגלאַנצט אזוי שטאַרק, אַז אַ סך האָבן אפילו געוואָגט צו זאָגן, אַז ער דאַוונט בעסער פאַר ווײַנטרויבן.

אויסגעצייכנט האָט זיך ווינקלער אויך דערמיט וואָס זיין ריזיגע באַריטאָן שטימע איז געווען גוט געשולט, און גאָר באַזונדערס דערמיט וואָס ער איז געווען זולצערס אַ תּלמיד, און פלעגט מיט זיין זינגען אַ סאָלאָ מיט כאָר און מיטן קינסטלערישן אויסטייטשן אַ רעטשיטאַטיוו ממש פארכשופן.

געבוירן געוואָרן איז ווינקלער אין פריעדעק, מעהרען, אין יאָר 1820. זיינע עלטערן האָבן גאָרניט געהאַט בדעה אים צו לאָזן זיך אויסבילדן פאַר אַ חזן. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר האָבן זיי אים אַוועקגעשיקט אין דער פּראָסניצער ישיבה, וואו ער האָט גע-לערנט ביז צו זיין בר מצוה און דערנאָך אָנגעקומען אין פּרעשבורג אין דער גימנאַזיע. און ווען ער האָט געענדיגט די גימנאַזיע איז ער געפאָרן קיין ווין שטודירן מעדיצין אינם דאָרטיגן אוניווערזיטעט. האָט אָבער דער גורל אזוי געוואָלט, אַז גראָד דאַמאָלסט ווען ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט, זיינען זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים די גאַנצע צייט געשטיצט, זייער פאַראָרימט געוואָרן און האָבן פארלאָרן די מעגלאַכקייט צו העלפן סאלאמאָנען צו זיין ווייטערדיגן שטודיום. האָט עס אים אָבער געגליקט אָנצוקומען פאַר אַ הויז-לערער צום באַרימטן חזן זולצער, וועלכער דערהערט אַמאָל סאלאַ-מאָנען זינגענדיג, און ווערט איבערראַשט פון זיין שטימע און פון זיין נאַטירלאַכער מוזיקאַלישער באַגאַבונג. ער פאַראינטערעסירט זיך מיט ווינקלערן און גיט אים אונטעררי כט אין שטימע בילדונג, דער-לערנט מיט אים דעם חזנות-פאַך און פארשאַפט אים דערנאָך די שטעלע אין גרויס-קאַנישאַ אין אונגאַרן, וואו ער פאַרבלייבט עטלאַכע יאָר און קומט דערנאָך אָן פאַר אויבער-קאַנטאָר אין גלייוויץ, וואו ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט בכבוד אַ משך פון 36 יאָר, ביז זיין טויט, אין יאָר 1883.

חיים וואסערצוג.

חיים וואסערצוג, וועלכער איז אין דער וועלט געווען באקאנט אונטערן נאָמען ר׳ חיים לאָמזער, איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט שיעראדז, קאלישער גובערניע, אין יאר 1822.

שוין אלס קליין קינד, באגייסטערט ער אלעמען מיט זיין אויסערגעוויינלאך שיינער סאָפּראָן־שטימע, און זיין פאָטער, דער שיעראדזער חזן, לערנט אים נאָטן לייענען, ער לערנט אים אויך אַנדערע למודים, און באַזונדערס גיט ער זיך מיט אים אָפּ, מיט לערנען אים גמרא און די העברייאישע שפּראַך, ווייזט אָבער דער טאַלענטירטער חיימל ארויס, גרויסע פייאיגקייטן אויפן געביט פון דער חזנות קונסט, אין יאר 1840 ווערט ער אויפגענומען, זייענדיג א בחורל אין גאנצן 18 יאר אלט, פאר שטאָט־חזן אין קאָנין, אין די זומער חדשים פאָרט ער ארום, לויט דער דאַמאָלסדיגער מאָדע, איבער אלע שטעט און שטעטלאך אין גאנץ פּוילן, און דאַוונט אלע שבת אין אן אנדער שטאָט, איבערראַשנדיג אַלעמען מיט זיינע גלענצנדיגע מתיקותדיגע תפלות און קאָנצערטן, און ווערט אין יאר 1843 אויפגענומען פאר חזן אין דער שטאָט נאָווידוואָר, וואַרשעווער גובערניע.

זיין אָפּפאָרן פון קאָנין האָט דאָרט אָנגעמאכט אזא רושם, אז מ׳איז געווען געצוואונגען ארויסצורופן מיליטער, כדי די אויפרעגונג און קריגערייען איינצושטילן.

וואסערצוג איז געווען כמעט דער ערשטער, וועלכער האָט איינגעפירט אין פּוילן דאָס זינגען מיט א פירשטימיגן כאָר, שיינע האַרמאָנישע געזאנגען. ער האָט אויך אַליין אָנגעשריבן א ריי ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען פון דער חזנישער וועלט מיט גרויס ענטוזיאזם אויפגענומען געוואָרן. ער האָט אויך געבראכט דערצו, אז מוזיק איז ביי אלע פּוילישע חזנים אָנערקענט געוואָרן פאר א „שפה חיה”, און האָט מיט זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות משפיע געווען אויף דער געגנוואַרט און אויך אויף דער צוקונפט. ער האָט זיך

אָבער באלד אָנגעשטויסן אויף אַ געוואלדיגע אָפּאָזיציע מצד די חסידים (פון וועלכע ס'איז, אגב, באשטאַנען כמעט די גאנצע נאָ־ווידוואָרער קהלה), וועלכע האָבן אים אָנגענומען פאר א רעפאָר־מאַטאָר, און זיי האָבן אים געגומען רודפן. האָט ער אָבער מיט זיין געוואלדיגער שיינער שטימע און גאָר באַזונדערס, מיט זיין הנהגה, געוואונען אין גאָר א קורצער צייט די ליבע און די אַלגעמיינע אנער־קענונג פון דער גאנצער שטאָט.

דאָס וואָס די שטאָט וואַרשע איז אזוי נאָנט פון נאָווידוואָר, האָט וואסערצוגן געגעבן די געלעגנהייט זיך דערוועריבן העכערע מו־זיקאלישע ידיעות. ער פאָרט רעגלמעסיג 2 מאָל א וואָך קיין וואַרשע, וואו ער לערנט מיט גרויס התמדה מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע, און נעמט אויך אונטערריכט אין שטימע בילדונג ביי די בעסטע פראפעסאָרן פון יענער צייט

פון נאָווידוואָר קומט ער אָן אין יאר 1856, פאר שטאָט חזן אין לאָמזע, און ער פארבלייבט דאָ 5 יאר, ביזן יאר 1861. אין זעלבן יאר, אין חודש נאָוועמבער, ווערט ער ארויסגערופן צו דאַוונען א שבת אין דער גרויסער שטאָט־שול אין ווילנע. ער נעמט גערן אָן די דאָזיגע איינלאדונג און ער איבערראשט מיט זיין דאוונען אזוי, אז באלד שבת צו נאַכט, ווערט אים ארויסגעגעבן א כתב חזנות, און וואָס א שבת ווייטער איבערראַשט ער אַלץ מער זיינע צוהערער, מיט זיין וואונדערבארער גוט־געשולטער שטימע און מיט זיין מתיקותדיגן דאַוונען, די שול איז תמיד, ווען ער דאַוונט, פול געפּאַקט און צייטנווייז זיינען געווען ביז פינף טויזנט מענטשן ביי זיין דאַוונען. עס פלעגן אויך קומען א סך קריסטן, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, ספּעציעל צו הערן אים זינגען, און זיין נאָמען ווערט באלד בארימט איבער דער גאנצער וועלט.

מען האָט אויך א סך מאָל געוואָלט איבעררייד, אז ער זאָל ווערן אן ארטיסט אין דער אָפּערע, באזונדערס האָט די איטאליעני־שע אָפּערע אין פּעטערבורג זיך פאראינטערעסירט מיט זיין שטימע און טאַלאנט, און האָבן אים פארזיכערט א גרויסן עתיד, — זייענ־

דיג אָבער שטריינג רעליגיעז, האָט ער זיך פון דעם כבוד אָפּגעזאָגט, און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן פאר דער אידישער קונסט און פאר דער שול.

די ווילנער אידישע קהלה האָט פארשטאַנען וואָס פאר אן אוצר זיי האָבן, האָבנדיג וואסערצוגן פאר א חזן, זיי האָבן אים פירשטלאך באהאנדלט, האָבן אים אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד און האָבן תמיד געזוכט אים ביי יעדער געלעגנהייט זייער דאַנקבארקייט ארויסצווייזן. זיי האָבן אים אויך געגעבן די מעגלאכקייט צו פאָרן קיין ווין, וואו ער פארפולקאָמט זיך אַלץ מער אין דער מוזיק קונסט.

קומענדיג צוריק קיין ווילנע, פארנעמט ער זיך מיט אויסבילדן יונגע באַגאַבטע זינגערס פאר חזנים, די צאָל פון זיינע תלמידים וואקסט פון טאָג צו טאָג, און דער גרעסטער טייל פון זיי פארנע־מען שפעטער אָנגעזעענע שטעלעס אלס חזנים אין פאר־שיידענע קהלות אין אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט.

אין יאר 1868 ווערט וואסערצוג ארויסגערופן קיין לאָנדאָן פאר חזן אין דער נאָרד־סינאַגאָג. אָנקומענדיג קיין לאָנדאָן, גיט מען אים א גראנדיעזן קבלת פנים, און נאָכן פּראבע דאַוונען, לייגט מען אים פאר דעם חזנות פּאָסטן מיט זייער גוטע באדינגונגען און א לעבנסלייכגלאכן קאָנטראקט און ער פארבלייבט לאָנדאָנער חזן. ער ווערט אויך דאָ באלד זייער באליבט און אנערקענט, נים בלויז ביי זיין געמיינדע אליין, נאָר אויך אין גאַנץ איינגלאנד, און מען באציט זיך צו אים מיט גרויס כבוד.

אין יאר 1878 פארענדיגט וואסערצוג זיין ווערק „ספר שירי מקדש”, און דרוקט עם אָפּ דעמזעלבן יאר. דאָס ווערק מאכט א גרויסן רושם מיט זיינע אלטע און מאָדערנע געזאנגען, און גע־ווינט די אָנערקענונג פון אזעלכע מוזיקער ווי: פּראפעסאָר זארעמ־בא פון פּעטערבורג, פון דעם בארימטן מוזיקער און אָרגאניסט פ. וועבער, פון דעם דירעקטאָר פון דער לאָנדאָנער מוזיק אקאדעמיע, דר. ווילדע און נאָך אַנדערע.

עס ווילט זיך דאָ פארצייכענען א שיינעם עפּיזאָד, וואָס האָט מיט וואסערצוגן פּאסירט. געווען איז דאָס אין יאר 1876, וואסערצוג איז דאַמאָלס געווען אויף אורלויב אין באד-עמס, דערפון איז געוואָר געוואָרן די ווילנער קהלה (וועלכע האָט וואסערצוגן ניט געקענט פארגעסן) און זיי האָבן ספּעציעל אראָפּגעשיקט צוויי מענטשן, צו פּועלן ביי וואסערצוגן, אז ער זאָל קומען קיין ווילנע. וואסערצוג האָט זיי צוגעזאָגט, און האָט זיי פארזיכערט, אז ווי נאָר ער וועט באשליסן דעם טאָג פון זיין פאָרן, וועט ער זיי מודיע זיין, ווען עס איז אָנגעקומען פון אים קיין ווילנע די ידיעה, אז ער פאָרט צו זיי, זיינען ארויסגעפאָרן אים אַנטקעגן א דעלעגאציע פון די שענסטע בעלי בתים ביזן דייטשן גרעניץ, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע, האָט מען אים באגעגנט מיט אן אָרקעסטער מוזיק און דער ראבינער, הרב ראבינאָוויטש, האָט אים באגריסט מיט א ספּעציעל פארפאסטן העברייאישן שיר אונטערן נאָמען „שיר לחיים". באלד איז מען צו אים צוגעפאלן מיט בקשות און תחנונים, אז ער זאָל שוין ניט פארלאָזן ווילנא, און זאָל ווידער פארבלייבן זייער חזן. מען האָט אים געוואָלט געבן א הויז מיט מעבל און א לעבנסלייננ-לאכן קאָנטראקט, האָט ער אָבער זייער פארשלאג ניט אָנגענומען און אָפּזייענדיג צוויי וואָכן אין ווילנא, וואו ער דאַוונט צוויי שבתים, און ווערט באשאָנקען מיט א סך ווערטפולע מתנות, אין זילבערנע און גאָלדענע זאכן, פאָרט ער צוריק אויף זיין שטעלע קיין לאָנדאָן.

דעם 24-טן אויגוסט 1882, איז וואסערצוג געקומען אַהיים נאָך א באזוך ביים רב הכולל דר. נתן אדלער, און עס איז אים פלוצלונג ניט גוט געוואָרן, און ער שטאַרבט, ניט קומענדיג צו זיך, אין עטלאכע שעה ארום.

צו זיין לויה זיינען געקומען טויזנטער פון זיינע פארערערס און דר. אשער, וואסערצוגס א פערזענלאכער פריינט, איז אים מספּיד, און אונטער די טרויעריגע קלאנגען פון זיין כאָר, ווערט ר' חיים לאָמזער געבראכט צו קבורה.

ברוך שאָר *)

איינער פון די פּאָפּולערסטע חזנים אין גאַליציע, איז געווען דער באַרימטער חזן ברוך שאָר.

ער איז געווען פון יענעם טיפּ חזנים, וואָס ווען מ'האָט זיי נאָר איינמאָל געהערט זינגען איז עס פאַרבליבן אויף אייביג אין זכרון. ברוך שאָר פלעגט מיטן אויסטייטשן די תפלות טיף אריינ־דרינגען אין דעם צוהערערס נשמה, און אפילו ניט־אידן, אדער אזעלכע וואָס פאַרשטייען ניט דעם פירוש המילות, פלעגן הערנדיג אים פילן ביי זיינע האַרץ־צונעמענדיגע תפלות דעם אידישן צער, עס פלעגט זיך הערן ביי אים, דער אנחת הגלות, און אָפטמאָל ביי זיינע איינגנאַרטיגע פריילאכע אידישע געזאנגען, פלעגט מען פילן די אידישע פריידן.

געבוירן אין לעמבערג, גאַליציע, אין יאר 1823, ביי זיין פאָ־טער ר' חיים משה (וועלכער איז געווען א חסיד, און אן אייניקל פונם „תבואות שור") האָט דער קליינער ברוכל באַקומען א שטריינג רעליגיעזע דערציאונג, ווי ס'האָט זיך געפירט ביי די „לער־נערס" אין יענער צייט, איז זיין מוטער געווען דער גאנצער מפרנס פונם הויז, דערפאַר פלעגט אָבער ר' חיים משה זיצן יומם ולילה צוזאמען מיט זיין ברוכלען, על התורה, מיט דער האָפנונג, אז ער וועט אויסוואקסן א מורה הוראה בישראל.

ברוכל פלעגט שוין אלס נאָך גאָר א קליין קינד, באַצויבערן אלעמען מיט זיין זינגען די שבתדיגע זמירות, אויך די פאַרשיידענע חסידישע נגונים, וועלכע ער פלעגט ביי א שמחה אויסזינגען מיט זיין זיסער אלט־שטימעלע, אלע פלעגן זיך אָפּשטעלן הערן זיין שיינעם קולכל, ווען ער פלעגט מיט זיין פאטער לערנען אויפן קול אין בית המדרש. ווען ער איז אלט געוואָרן 9 יאר, האָט זיך זיין תשוקה צו מוזיק און געזאנג אָנגעהויבן שטאַרק אנטוויקלען, ער

---

*) א טייל גענומען פון ה' שלום פערלמוטערס ארטיקל אינם חזנישן יובילעי־בוך.

פלעגט זיך אָפּט פאררוקן אין א ווינקעלע, און מיט פארחלומטע אויגעלאך, פארפאסן און אויסזיינגען פארשיידענע מאָטיוון, זיינע עלטערן האָבן איינגעזען, אז זייער ברוכל רייסט זיך צום עמוד, דערצו נאָך האָט אויף זיי שטאַרק געווירקט דער בארימטער אָדעסער חזן „בצלאל אָדעסער", וועלכער איז דאַמאָלס אויף זיינע קונסט־נסי־עות געווען אין לעמבערג, ווען ער האָט דערהערט ברוכלס זיסינקע שטימעלע, האָט ער געגומען איינרעדן זיינע עלטערן, אז זיי זאָלן ברוכלען צו אים אוועקגעבן און ער וועט אויסבילדן אים פאר א חזן, ברוכלס עלטערן האָבן באשלאָסן נאָך אַ קורצן ישוב הדעת אים אָפּצוגעבן פאר א תלמיד און משורר צו בצלאל דעם חזן.

צוויי יאר בלייבט ברוכל ביי חזן בצלאל, און קומט דערנאָך אָן פאר א משורר צום בארימטן חזן „ירוחם הקטן", און זינגט צוזאמען מיטן דערנאָך זייער בארימטן חזן פסח (פיישקע) כאטינער א לייג־גערע צייט ביי ירוחמען.

צו זיין בר מצוה קומט ברוכל צוריק קיין לעמבערג און דאַוונט אין דער גרוסער לעמבערגער שול פארן עמוד, און רופט ארויס מיט זיין דאַוונען אלזייטיגע באוואונדערונג. דער דאָזיגער דערפאָלג זיינער האָט געווירקט אויף אים אזוי שטאַרק, אז ער האָט באַ־שלאָסן זיך ארויסצולאָזן אין דער ברייטער וועלט צו שטודירן מוזיק און צו דערלערנען גרונטיג דעם חזנות־פאך.

אין דער שטאָט יאסי, אין רומעניע, וואו ער קומט אָן פאר א משורר ביים דאָרטיגן שטאָט־חזן, פאראינטערעסירט זיך דער גבאי פון שול, מיט ברוכס גרויסן טאלאנט, און שיקט אים אויף זיינע הוצאות קיין בוקאַרעסט צו שטודירן דאָרט מוזיק, ביי די בארימטע פראפעסאָרן פון דער רומענישער הויפט־שטאָט, א יאר שפּעטער, ווען ער איז אלט געוואָרן 18 יאר נעמט אים דער זעלבער גבאי פאר אן איידעם, נאָך דער חתונה פאָרט ברוך פון שטאָט צו שטאָט, און אלע דריקן אוים זייער התפעלות פון זיינע הימלישע תפלות און זיין שיינער שטימע. ער קומט אָן אין יאר 1846 פאר א חזן אין דער שטאָט כאטין, אין רוסלאנד וואו ער פארבלייבט 2 יאר, און שרייבט

פאר דער צייט אָן א סך אינטערעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס פון וועלכע זיין „לכו נרננה" צו סליחות, איז נאָך בארימט ביזן היינטיגן טאָג.

אין יאר 1848 קומט ער אן פאר א חזן אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק און מיט דריי יאר שפּעטער אין יאָר 1851, קומט ער אָן קיין יאַסי אלס חזן אין דערזעלבער שול, אין וועלכער ער האָט אַמאָל געזונגען אלס משורר. דאָ פילט ער זיך ווי אין דער היים, אין דער סביבה פון זיין שווער און פאמיליע, און שרייבט מתוך הרחבה זיינע בעסטע קאָמפּאָזיציעס, מיט וועלכע דער נאָמען ברוך שאָר איז בארימט געוואָרן אין דער גאנצער וועלט.

אין יאר 1855 קומט ער אן פאר א חזן אינם „ראמבאך טעמפל" אין בודאפעסט, וואו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד און איז ביי אלעמען באליבט און הויכגעשעצט. ער פארבלייבט דאָ ביזן יאר 1859, ווען ער ווערט אַנגאזשירט פאר חזן אין דער גרויסער לעמבערגער שטאָט־שול, וואו ער איז מרעיש עולמים מיט זיינע טיפזיניגע אימפּראוויזאציעס און אינהאַלטרייכע קאָמפּאָזיציעס אין א משך פון 31 יאר. אין יאר 1890 פארלאָזט ער לעמבערג, צוליב א סכסוך וואָס איז אויסגעבראכן צווישן אים און זיין קהלה. די סיבה איז כדאַי דאָ איבערצוגעבן.

ברוך שאָר האָט אָנגעשריבן א אידישע אָפּערעטע אונטערן נאָמען „שמשון הגבור", און איז צו איר ערשטער אויפפירונג געגאנגען אין טעאטער, דער עולם, דערזעענדיג זייער באליבטן חזן, האָט אים געמאַכט א שטורעמדיגע אָוואציע. די פרומע לעמבערגער אידן, פון וועלכע ס'איז באשטאַנען כמעט אינגאנצן זיין קהלה, האָבן ברוכס באזוך אין טעאטער באטראכט פאר א גרויסן חטא, און דער דאַמאָלסדיגער רב ר' איצעניו עטינגער, האָט געקנסעט ברוכן, מיט ניט צולאָזן אים גאנצע פיר וואָכן צום עמוד. דאָס האָט ברוכן זייער באליידיגט און ער האָט באשלאָסן אוועקצופאָרן קיין אַמעריקע. אין יאר 1891 איז ער אָנגעקומען פאר א חזן אין דער אַטאָרני סטרים־שול אין ניו־יארק, וואו ער איז פארבליבן אויף דער שטעלע 5 יאר מיט גרויס כבוד און ליבע. האָט אָבער די לעמבערגער קהלה

זייע שטאַרק געבײַנקט נאָך איר באַליבטן און חשובן חזן, און זי האָט געשיקט א ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין ניו יאָרק מיטן צוועק ר׳ ברוכן צוריקצובריינגען קיין לעמבערג, און ניט קוקנדיג אויף די תחנונים פון די גבאים און מתפּללים פון דער אַטאָרני סטריט שול, פאַרלאָזט ברוך שאָר אין יאר 1896 אמעריקע, און קומט צוריק אָן ביי זיין באַליבטער לעמבערגער קהלה, וועלכע מאַכט פאר אים ביי זיין אָנקומען א געוואַלדיגן קבלת פּנים, די לעמבערגער אידן זיינען איבערגליקלאַך צו האָבן זייער באַליבטן חזן ווידער ביי זיך.

ברוך שאָר שרייבט צו יענער צייט זיינע חבורים „בכור שור" אויף דער תורה, און „יתרון לחכמה" אויף קהלת. ער שרייבט אויך א ריי חזנישע קאָמפּאָזיציעס, צווישן אַנדערע זיינע „קינות לתשעה באב", די באַרימטע „מלכיות, זכרונות, שופרות", און נאָך אַנדערע.

ס׳ווילט זיך דאָ דערקלערן די הויפּט סבות פון ברוכס קינסט־לערישע ווירקונג און וואָס איז געווען די אייגנטימלאַכע גרויסקייט פון זיין קונסט אין פאַרגלייך צו אַנדערע חזנים פון זיין צייט.

ראשית, האָט זיין פּערזענלאַכקייט אליין, געמאַכט א געוואַלדיגן איינדרוק, זיין שיינער וואוקס, זיין פּרעכטיגע געשטאַלט זיינע קלוגע דורכדרינגנדיגע אויגן, אין וואָס ס׳איז געווען צו זען גרויסעס, געניאַלעס; והשנית, זיין זיסע און גוט געשולטע שטימע, זיין אויסערגעוויינלאַכע קאָלאָראַטור און זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות, אויך זיין איבערגעבנהייט צו אַלגעמיינער וויסנשאַפט און קולטור.

אין דער צייט ווען אנדערע חזנים האָבן ביים פּרייען רעטשי־טירן געברויכט פאַרשיידענע פאָלק־מעלאָדיעס אָדער אָפּערע אריעס, האָט ער געזוכט אין זיין אימפּראָוויזירן אָדער אין דער פרייער פאַנטאַזיע, צו געבן דעם ריינעם רעטשיטאַטיוו, דורכגענומען מיטן טראַדיציאָנעלן נוסח התפלה. עס איז קיין ספק ניט, אז אין דער צייט ווען דאָס רוב חזנים פון זיין צייט האָבן קיין נאָטן בכלל ניט גע־קענט לייענען, און פון דער העברערער מוזיקאַלישער קונסט קען דאָך גאָר קיין רייד ניט זיין, האָבן אָבער ברוכן, צו זיין דערפאָלג און וויר־

קונגס=קראפט, שטאַרק צוגעהאָלפן זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות און אויך זיין גרויסע שטימע (מיט וועלכער ער האָט, אגב, געוואוסט ווי אומצוגיין), זיינע מאָדולאציעס זיינען געווען צום באוואונדערן, זיין בייטן די טאָנארטן און ניט צוגעגרייטע איבערגאנגען אינם „שטייגער" זאָגן, פון דור און מאָל (מיידזשאָר און מיינער), פלעגן באצויבערן די גרעסטע מוזיקער וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט קומען אין זיין שול און באוואונדערן ברוך שאָרס קונסט.

זיינע משוררים פלעגט ער אָנרופן „מיין אָרקעסטער", און פלעגט ביים „זאָגן" דורכמאַכן מיט זיי אלע גרעסטע וואריאציעס, דערביי פלעגט דער כאָר מאכן פארשיידענע קלאנג=עפעקטן. ווי מיט צוגעמאכטע מיילער, אונטערן נאָז, און דערמיט פארשטעלן די קלאנגען פון אן אָרקעסטער. מיר וועלן דאָ אלס א ביישפיל געבן פאָלגנדיגן אילוסטרירטן פאקט:

אין זיין „צאינה וראינה" פון פסחדיגן פיוט, הויבט אָן דער באַס אונטערן נאָז, ווי א טראָמבאָן, אָן ווערטער, א מעלאָדיע אין „מאָל" (מיינאָר) און פארענדיגט מיט די ווערטער צאינה וראינה, און דריי אינגלאך כאַפּן אונטער „אונטערן נאָז" זייער הויך און פיאניסימאָ, א דריי=שטימיגע טאַנץ=מעלאָדיע, און „דור" (מיי= דזשאָר) אויף די ווערטער „משכיל שיר ידידים".

ברוך שאָר האָט אין פארשיידענע ערטער אין זיינע קאָמפּאָ= זיציעס ארויסגעוויזן אויפן דערמאָנטן אופן, זיינע גרויסע ידיעות אויך אויפן געביט פון דער קונסט פון אינסטרומענטאציע, — מיר ווילן דאָ דערמאָנען נאָך אַ שטעלע, — אין דעם „ממקומו הוא יפן ברחמים" פון זיין צווייטער קדושה, הויבט אָן דער באַס מיט א צו= געמאכטע מויל, גאנץ טיף „ערב" וואָס קלינגט אזוי ווי א וואלד= האָרן, באלד קומען צוויי אינגלאך, אלטן, „ובוקר", וואָס עס קלינגט אָפּ ווי א רוף צום אויפשטיין, ווייט ווי פון א וואלד (דעם טאָן „ובוקר" האָבן זיי געדארפט אָנזעצן מיט אַ ניט גאנץ צוגעמאכטן מויל, צווישן די ציינער, און א ביסל אונטערן נאָז). און די ווירקונג איז געווען אזוי ווי אינסטרומענטן וואָלטן דאָס אויסגעשפּילט.

ס'איז דערפאר ניט קיין וואונדער, וואָס די לעמבערגער קהלה האָט איר חזן אזוי ליב באַקומען און האָט „איינגעריסן" וועלטן, ווען ער איז אוועק פון איר קיין אַמעריקע, און די גאנצע פינף יאר, וואָס ברוך איז געווען אין אמעריקע, זיינען אין לעמבערג פאָרגעקומען צוליב אים די גרעסטע מחלוקת, מ'האָט קיין חזן ניט צוגעלאָזן אויף זיין אָרט, און ליהודי לעמבערג איז געוואָרן אורה ושמחה מיט זיין צוריקקומען און ס'איז געוואָרן אין דער קהלה שלום ושלוה.

ווען ברוך פלעגט דאַוונען מיט זיין כאָר פלעגט הערשן אין שול א טויטע שטילקייט, קיינער האָט ניט געוואָלט דורכלאָזן זיי־נע א תנועהלע, און מ'האָט מורא געהאַט אפלו צו אָטעמען. אזוי זיינען אוועק מער פון זיבן גליקלאַכע יאר.

איינמאָל, אחרון של פסח אין יאר 1904, ווען ברוך האָט דערגרייכט זיין 81־טן לעבנס יאר, האָט ער געדאַוונט זיין לעצטן דאַוונען און געשען איז דאָס: ביי זיין קאָמפּאָזיציע „ומפני חטאינו" ביי די ווערטער „אבינו מלכנו גלה", ווען זיין איידעלע האַרץ האָט געפּלאַצט, און ער הויכט אויס זיין כשרע נשמה ביים עמוד.

די לויה איז פארגעקומען אויף מאָרגן, אסרו חג, מ'דערציילט, אז אזא לויה האָט די שטאָט לעמבערג נאָך ניט געזען. טויזנטער מענטשן האָבן אים באגלייט צו זיין אייביגער רו. אַלע אידישע קראמען זיינען געווען צוגעמאכט א גאנצן טאָג אלס צייכן פון טרויער, און דער לעמבערגער רב ר' יצחק שמעלקעס האָט אים מספיד געווען, אָנהויבנדיג זיין הספד מיט די ווערטער „ברוך מקדש שמו ברבים".

ברוך שאָר האָט איבערגעלאָזן זעקס זין, אַלע באַרימטע חזנים, און איינער פון זיי ישראל שאָר, האָט אין יאר 1906 ארויסגעגעבן ברוכס ימים נוראימדיגן סידור, אונטערן נאָמען „נגינות ברוך שאָר", די קאָמפּאָזיציעס פון וועלכן עס ווערן מיט גרויס דערפּאָלג געזונגען אין אַלע אידישע סינאַגאָגעס פון דער גאנצער וועלט.

דר. יוסף פיזא.

ווען חזן מעלדאָלא, פונם האַמבורגער טעמפּל, איז אַלט און שוואַך געוואָרן און האָט שוין ניט געקענט נאָכקומען אין גאַנצן די פאָדערונגען פון זיין אמט, האָט די קולטוס קאָמיסיע פון טעמפּל באַשלאָסן צוצונעמען א חזן שני, וועלכער זאָל זיין קולטורעל און מוזיקאַליש געבילדעט, דער גורל אַז געפאַלן אויפן יונגן דאָקטאָר־פילאָזאָף יוסף פּיזא, וועלכער האָט מיט זיין פּראָבע־דאַווענען דעם ערשטן טאָג פּסח 1855 אַזוי צופרידנגעשטעלט זיינע הערערס, אַז ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר חזן שני, ס'איז אים פארגעלייגט געוואָרן, אַז ער זאָל זען אויך אויסצובעסערן דעם רעפּערטואַר און ער זאָל איבערנעמען די מוזיקאַלישע לייטונג פון כאָר.

יוסף פּיזא אַז געבוירן געוואָרן דעם 28־טן פעברואר 1824 אין אַלטאָנא, וואו זיין פאָטער, ר' משה פיזא, איז געווען חזן אין דער פּאָרטוגעזישער געמיינדע. ער שטודירט אין גימנאַזיע אין אַלטאָנא, און דערנאָך אין האַמבורג, נאָכן ענדיגן זיין שטודיום אין גימנאַזיע קומט ער אָן אין אוניווערסיטעט אין געטינגען און דערנאָך אין דער היידעלבערגער אוניווערסיטעט, וואו ער שטודירט פילאָזאָפיע, נאָכן פאַרענדיגן זיין שטודיום אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע, קומט ער אָן אַלס לערער אין אַלדענבורג, וואו ער אונטעררינכט צווישן אַנדערע אויך אינם הערצאָגס פּאַלאַץ, און קומט אָן אין יאָר 1854 פאַר א לערער פון שפּראַכן און ליטעראַטור אין דער שטיפּטונגס־שולע אין האַמבורג און אין א יאָר שפּעטער, ווי שוין דערמאָנט, ווערט ער אויפגענומען פאַר חזן שני אינם האַמבורגער גרויסן טעמפּל, און נאָכדעם ווי חזן מעלדאָלא איז אין יאָר 1859 אָפּגעשטאָרבן, פאַרבלייבט דר. פּיזא חזן ראשון.

ער ווערט גאָר אין גיכן זייער באַליבט און פּאָפּולער ניט בלויז ביי זיין געמיינדע נאָר אויך אין גאַנץ האַמבורג. דער נאָטעסדינסט האָט דורך אים און זיינע גרויסע מוזיקאַלישע לייסטונגען דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון רעליגיעזער קונסט. זיין שיינע און גוט גע־

שולטע באַם שטימע און זיין קלאַסישער דאַוונען האָבן צוגעצויגן ביי יעדער תפלה א פול געפּאַקטע שול. דער כאָר איז געווען וואונדער־באר צונויפגעשטעלט און האָט האַרמאָניש אויסגעצייכנט געקלונגען, די געמיינדע וויזט אים ביי יעדער געלעגנהייט ארויס צופרידנהייט און דאַנקבארקייט.

דאָקטאָר פּיזא האָט חוץ חזנות אויך אַנטוויקלט א פּילזייטיגע זשורנאַליסטישע און קאָמפּאָזיטאָרישע טעטיגקייט. אזוי ווערט ער אין יאר 1862 דער רעדאַקטאָר פונם „נאָרדדייטשן פאָלקסבלאַט" פון 1864 ביז 1871 איז ער רעדאַקטאָר פונם „פרייזישיץ". אין 1872 נעמט ער איבער די אָנפירונג פון דער פּאָליטישער צייטונג „רע־פאָרם". ער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אין פּארלאַמענט פון די האַמבורגער בירגערשאַפט, וואו ער איז געווען א מיטגליד פון 1863 ביז 1869. ער האָט אויך אָנגעשריבן א ריי גיט פארעפנטלאכטע קאָמפּאָזיציעס.

אין יאר 1878, ערב יום כפור, איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און ער איז אזוי אָפּגעלעגן א גאַנצן יאר ביזן 28־טן סעפּטעמבער 1879, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

משה פּערעלעס.

איינער פון די באַרימטסטע פּראַגער חזנים, אויף וועלכן די מו־זיקאַלישע געזעלשאַפט, און גאָר באַזונדער די פּראַגער אידישע קהלה איז זייער שטאָלץ געווען, איז דער אויבערקאַנטאָר מאָריץ פּערעלעס, וועלכער האָט נאָכן באַרימטן חזן און מוזיקער שטרויס פאַרנומען די חזנות שטעלע אין פּראַג און איז געשטאַנען מיט גרוים כבוד, א צייט פון 28 יאר.

חזן פּערעלעס, א געבוירענער פּראַגער, איז געווען א זון פון זייער בכבודיגע אָבער ניט פארמעגלאכע עלטערן, וועלכע האָבן זיך

ממש מוסר נפש געווען צו געבן זייער קינד א גוטע דערציאונג און אלגעמיינע בילדונג.

כדי צו דערלייכטערן דעם שווערן מצב פון זיינע עלטערן, איז פערעלעס אנגעקומען אלס געהילף אין א גרויסן מאנופאקטור געשעפט, און ווען קיינער איז אין געשעפט ניט געווען, פלעגט ער אויסזינגען די שענסטע מעלאדיעס און געזאנגען, וואס ער פלעגט זיך אנהערן שבת אין שול ביים דאווענען, אדער אין שטאטישן גרויסן טעאטער, וואו ער פלעגט, אפט פאר די לעצטע עטלאכע פעניג, קויפן זיך אן איינטריט־בילעט אויף דער גאלעריי, און דערין איז באשטאנען זיין גרעסטער פארגעניגן, צו קענען נאכקאפירן די אנגעהערטע אריעס און לידער. זיין גרויסער חשק, צו ווערן א זינגער, לאזט אים ניט רוען, ער פארלאזט דעריבער זיין היים־שטאט און פארט קיין ווין, מיט דער פולסטער האפנונג, דארטן צו דערגרייכן זיין ציל.

אין ווין קומט פערעלעס אן אין א פראדוקטן און לעדער געשעפט, וואו ער ארבעט פאר זיינע נויטיגע לעבנס מיטלען און לערנט זיך אין זיין פרייער צייט נאטן ביי אן ארגאניסט פון א קירך, אויך לערנט ער זיך שפילן אויפן ארגאן, אין א קורצער צייט שפעטער געלינגט אים אנצוקומען פאר א זינגער אין דער גרויסער שטאטישער סינאגאגע, אין זולצערס בארימטן כאר. זולצער פאר־אינטערעסירט זיך שטארק מיטן טאלענטירטן יונגן פערעלעס, און נאכדעם ווי זיין שיינער סאפראן האט זיך געגומען בייטן אין אן אנלאג אויף א באריטאן שטימע, לערנט זולצער אליין מיט אים דעם חזנות־פאך, און גיט אים אויך לעקציעס אין שטימע בילדונג, דורך פלייסיגן לערנען האט זיין שטימע זיך זייער גוט גענומען אנט־וויקלען — און זיין פראכטפולער באריטאן, וועלכער האט אין די העכערע טענער געקלונגען ווי א דראמאטישער טענאר, איז פון אלע־מען באוואונדערט געווארן.

ניט קוקנדיג אבער, אויף די גרויסע פאך קענטעניש, וועלכע ער האט זיך ביי זולצערן דערווארבן, ניט קוקנדיג אויפן קאלאסאלן דערפאלג וואס ער האט געהאט דורך זולצערס לערנען אים שטימע

בילדונג און אַלגעמיינע מוזיק, שטעלט זיך פּערעלעס דערמיט נאָך ניט איינגאנצן צופרידן, זיין נשמה דורשט נאָך העכערע פאַרשיידנ־אַרטיגע מוזיקאַלישע ידיעות, נאָך א סבה איז געווען אין זיין ניט פולקאָמער צופרידנהייט און דאָס איז, וואָס ביי יענער צייט האָט דער וואָס האָט ניט געלערנט אין פּאריז, ניט געהייסן קיין פאַכמאַן, ווייל פּאריז איז צו יענער צייט געווען דער הויפּט־צענטר פון דער מוזיקאַלישער וועלט, און אַלע באַגאַבטע מוזיקאַלישע יונגעלייט, וואָס האָבן געשטרעבט צו ערנסטער מוזיקאַלישער בילדונג, פלעגן דאָרט באַקומען זייער באַפרידיגונג אין א פולער מאָס.

דער דאַמאָלדיגער דירעקטאָר פון דער פּאריזער קאָנסער־וואַטאָריע, איז געווען דער באַוואוסטער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר שערוביני, דער באַרימטער זינגער מאַנועל גאַרציא איז געווען הויפּט געזאַנג־לערער, און זייביידע זיינען דאָס געווען די הויפּט־צוציאונג קראַפט פאַר טויזנטער יונגע טאַלאַנטן פון גאַר דער וועלט.

אזוי איז אין א שיינעם פרימאָרגן פּערעלעס אָנגעקומען קיין פּאריז, וואו דער באַרימטער חזן נאומבערג פאַראינטערעסירט זיך מיט אים, און שטיצט אים. נאָך א צוויי יאָריגן, פלייסיגן שטודיום, באַוואוסטזיניג און דערפאַרן אין אַלע כּללים און וועגן פון דער מו־זיקאַלישער קונסט, פאַרלאָזט פּערעלעס פּאריז, און קומט אָן צוריק קיין פּראג.

געווען איז דאָס אין יאָר 1847. פּערעלעס איז דאַמאָלס אינ־גאנצן 22 יאָר אַלט געווען. און ווען מאַקס לעווענשטאַם, דער חזן פונם גרויסן פּראגער טעמפּל, נעמט אָן די חזנות שטעלע אין מינכען, (בייערן), ווערט פּערעלעס נאָך זיינער אָפּגעהאַלטענער פּראָבע, איינשטימיג אויפגענומען פאַר חזן אינם פּראגער טעמפּל.

דאָ געפינט פּערעלעס פאַר זיך א ברייטע ארבעט־פעלד און האָט די מעגלאכקייט ארויסצוברייננגען אין דער פּראַקטיק זיינע רייַ־כע, טעאָרעטישע, מוזיקאַלישע ידיעות. דער גרויסער כאָר, און דער

גוטער מאַטעריעלער מצב פון דער שול האָבן אים דערצו צוגע־האָלפן.

איז ער אָבער א ביסל צו ווייט פארקראכן מיט זיינע רעפאָר־מאַטאָרישע אידייעס, זיינע קאָמפּאָזיציעס און אויך די גאנצע תפלה האָט געקלונגען צו פיל טעאַטראַליש, און דער אויער פון די פּראגער אידן, וועלכער איז געווען א סך יאָרן אָנגעהערט מיט די שיינע טראַ־דיציאָנעלע תפלות פון זייערע פריערדיגע חזנים, און באַזונדערס פון לעווענשטאַמס נוסח התפלה, און פון זייער געוועזענעם באַרימטן חזן אַנשל פּאַפּערס תפלות, האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוי־נען צו פּערעלעסעס ארט דאַווענען.

ס'קומט פאר צוליב דעם אַפּטע מחלוקת אין דער קהלה, פּע־רעלעס פאַרלאָזט פּראג און קומט אָן פאר חזן ראשון, אין גרויסן טעמפּל אין שטראסבורג, וואו ער רופט ארויס, מיט זיין ערשטן פּראָבע דאַווענען, א גוואַלדיגן ענטוזיאזם, דער גרויסער עולם מתפּללים מאכן אים אין שול גרויסע אָוואציעס און פאַרוואַרפן אים מיט פרישע לעבעדיגע בלומען, ווען ער פאַרענדיגט דעם דאַווענען און פאַרלאָזט די שול, דויערן נאָך אלץ די אָוואציעס און פון אלע זייטן באַגריסט מען אים מיט א הארציגן „יישר כחך".

זייענדיג אין שטראסבורג, ווערט פּערעלעס איינמאָל איינגע־לאַדן דורך דער פּאַריזער קולטוס געמיינדע צו פאַרטרעטן דעם קראַנק־געוואָרענעם חזן נאומבערג, ביי א געוויסער פייערלאַכקייט, זיין תפלה איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן, און די געמיינדע דריקט אים אויס איר הארציגן דאַנק, פּרעזענטירנדיג אים מיט אַ גאָלדע־נעם קידוש בעכער, אויסגעקריצט מיט העברייאישע בוכשטאַבן: „לזכרון מאת קהלת פּאַריז".

פאר דער צייט, וואָס פּערעלעס האָט פאַרלאָזן זיין שטעלע אין פּראג, האָט געקאָכט אין דער גאנצער געמיינדע ווי אין א קעסל, און די גרעסטע צאָל מתפּללים האָבן פאַרלאנגט, אַז מען זאָל ווידער איינלאַדן פּערעלעסן אַלס יערלאכן חזן, מחמת דער חזן פרעהליך, וועלכן זיי האָבן אויפגענומען, האָט זיי ניט צופרידנגעשטעלט. און

דערצו נאָך, האָט פערעלעס אלס א געבוירענער פראגער געהאַט זייער פיל פריינט און אָנהייגגער, אויך אַ גרויסע צאָל פארערערס פון זיין וואונדערלאכער שטימע און מוזיקאלישן טאַלאנט, און אזוי זעען מיר, פערעלעסן ווידער פיגורירן אלס אויבערקאַנטאָר און חזן פרעהליך אלס חזן שני אינם גרויסן פראגער שטאָטישן טעמפל.

אין פראג האָט פערעלעס זיך גענומען מיט נאָך מער קראפט ווי פריער צו רעפאָרמירן די תפלות און געזאנגען, און מערקווירדיג, דעם עולם האָט עס שטאַרק אימפאנירט, און ווען ער האָט געדאַוונט, פלעגט דער טעמפל זיין פול געפאקט, און אלע פלעגן אויסדריקן זייער אַנטציקונג: פון דער שיינער תפלה, פון פערעלעסעס געשמאקער און גוט געשולטער שטימע, פון זיין קינסטלערישן פארטראג און פון זיין אויסטייטשן די תפלות. ער האָט געהאַט פון דער נאַטור א געוואלדיגן כח דעם הערער צוצוציען מיט זיין געפילפולן זינגען. זיין נאָמען ווערט דערמיט זייער בארימט, און ער איז זייער באליבט ביי זיין געמיינדע, וועלכע גיבן אים אָפּ גרויס כבוד, ער איז אויך זייער באליבט אין אלע אידישע מוזיקאלישע קרייזן אין פראג.

וועגן פערעלעסעס קינסטלערישן זינגען, און ווי זיין פארטראג פלעגט ווירקן אויף פאבליום, שרייבט א באוואוסטער זינגער, אין דער „עסטרייך=אונגארישער קאַנטאָרן צייטונג" פון יאר 1891:

„ס'איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו זינגען צוזאמען מיט פערעלעסן אין א קווינטעט (סאָלאָ און קווארטעט) ביי א ספעציעלער טרויער פייערלאכקייט און פערעלעס האָט געזונגען די סאָלאָ, דער קווארטעט האָט עטלאכע טאַקטן געהאַט פויזע, און האָט דערנאָך געדארפט איינטרעטן צוזאמען מיט דער סאָלאָ, האָט אָבער פערעלעס מיט זיין סאָלאָ אזוי רירנדיג אויף זיי געווירקט, אז אָנשטאָט אָנצוהויבן צו זינגען, האָבן זיי זיך פאנאנדערגעוויינט. כאראקטעריסטיש איז, אז ווען פערעלעס האָט עס דערזען, איז ער, לכתחלה, אויף זיי אין כעס געוואָרן, ווען זיי האָבן אים אָבער דערציילט די סבה פון זייער ניט צופאלן אין טאַקט, האָט ער זיך פאנאנדערגעוויינט, בא-

טאָגענדיג. אַז דאָס זיינען ביי אים טרערן פון פרייד, זעענדיג, אַז מנגנים זינגערס פארשטייען אים".

פערעלעס האָט אויך אָנגעשריבן א ריי קאָמפּאָזיציעס, פון וועלכע עס זיינען באַריםט זיין „ושמרו" (אין סי מיידזשאָר). זיין „ד' מה אדם", „ובשופר גדול", „גשם" און נאָך אנדערע.

אין יאר 1863, האָט קאַפּעלמייסטער יוליוס זולצער, א זון פונם באַריםטן ווינער חזן שלמה זולצער, אויפגעפירט אינם פּראַגער שטאָטישן טעאַטער זיין ערשטע אָפּערע — „יאָהאַן פון נעאַפּאָל", און צו דער דאָזיגער אויפפירונג איז אראָפּגעקומען קיין פּראַג דער חזן שלמה זולצער, און ווען די פּראַגער קהלה האָט דערהערט, אַז דער גרעסטער גאון התפלה איז א גאַסט אין שטאָט, שיקן זיי צו אים א דעלעגאַציע מיט דער בקשה, ער זאָל זיי באַערן מיט אַ תפלה אין זייער טעמפּל. זולצער נעמט די איינלאַדונג אָן, און דאַווענט פרייטאָג צו נאַכט קבלת שבת און מעריב. ס'איז אוממעגלאַך ממש איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר וואָס פאר א רושם זיין דאָזיגע תפלה האָט געמאַכט. די שול איז געווען אָנגעפילט מיט טויזנטער מענטשן פון אינעווייניג און אויסנווייניג, און פערעלעס איז געווען איבערגליקלאַך צו האָבן זיין גרויסן רבי פאר א גאַסט, אויף וואָס ער האָט זיך קיינמאָל גאָרניט געריכט. ער כאַפּט זולצערס האַנט קושן נאָכן דאַווענען, און שרייט אויס: „איך דאַנק אייך, דאַנק אייך, טייערער רבי, פארן מיר צוגעטיילטן כבוד".

פערעלעס איז אויך געווען דיריגענט פון א גרויסן געזאַנגפאריין, און איז אויפגעטראַטן אין פארשיידענע עפנטלאַכע קאָנצערטן מיט גרויס. דערפאָלג. עס איז אויך געווען זיין אויפגאַבע אָפּצוהיטן און קולטיווירן די רעליגיעזע און וועלטלאַכע מוזיק. זיין הויז איז שטענדיג פול געווען מיט מוזיקער און זינגערס, וועלכע זיינען, אגב, געווען זיינע אינטימסטע פריינט און פאַרערערס. פערעלעס גרויסקייט האָט זיך באַזונדערס ארויסגעוויזן דעם 25-טן נאָוועמבער 1872, ווען עס איז מיט גרויס פּראַכט געפייערט געוואָרן זיין 25 יאָריגער אמט-יובילייאום, דאָ האָט מען געקענט זען די פריינט-

לאכע באציאונג צו אים מצד זיינע סך פריינט און מצד זיין געמיינדע, — די קאָלעגן חזנים האָבן אויף זייער חשבון, אָפּגעדרוקט פּערעלעסעס ווערק און האָבן ביי דער פייערונג אין טעמפּל געזונגען עטלאכע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס. עס זיינען אים אויך איבערגעגעבן געוואָרן א סך ווערטפולע מתנות און באגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון גאנץ עסטרייך־אונגארן, פון דייטשלאנד, בעהמען און נאָך אנדערע מדינות.

עטלאכע יאר פארבלייבט נאָך פּערעלעס מיט גרויס כבוד אויף זיין פּאָסטן און נאָך א שווערער קראנקהייט, אין יאר 1875, קען ער צוליב זיין שוואכקייט, מער זיין אַמט ניט אָנהאלטן. ער באקומט זיין געהאַלט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן און פארבלייבט „ערן קאַנטאָר" ביז ער הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם אין קרייז פון טויזנטער פריינט און פארערערס, אין פעברואר 1891.

משה (מאָריס) פרידמאַן.

איינער פון די טעטיגסטע און מוזיקאלישסטע חזנים פון אונגארן, אין דער ערשטער העלפט פונם 19־טן יארהונדערט, איז געווען דער בארימטער בודאפּעסטער חזן מאָריס פרידמאַן. געבוירן דעם 7־טן מערץ 1827 אין האָלישט, אונגארן, ביי פארמעגלאכע און אינטעליגענטע עלטערן, וועלכע האָבן דעם קליינעם מאָריס געגעבן אן אלגעמיינע אידישע קולטורעלע דערציאונג און האָבן פאר אים געדונגען א ספּעציעלן גמרא מלמד, ביי וועלכן ער האָט געלערנט עטלאכע יאר, ווען ער איז אלט געוואָרן 12 יאר, האָבן אים אַמאָל די גבאים פון שול דערהערט לערנענדיג אויפן קול, זיין געשמאקע סאָפּראַן־שטימעלע האָט אויף זיי געמאַכט אזא גוואלדיגן רושם, אז זיי לאדן אים איין צו דאַווענען א שבת פארן עמוד (א זעלטענע פריווילעגיע אין אונגארן, ביי יענער צייט) און ער רופט ארויס מיט זיין דאַווענען אלזייטיגע אויפמערקזאמקייט און אַנטציקונג.

דער צופאל האָט געוואָלט, אז ווען מאָריס איז אלט געוואָרן 13 יאר, זיינען זיינע עלטערן שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן, און האָבן קיין מעגלאכקייט ניט געהאַט, זייער באַגאבטן קינד, צו געבן א גרעסערע און בריימערע אויסבילדונג. מאָריס איז געצוואונגען צו פארלאָזן זיינע עלטערנס הויז, און פאָרט קיין בודאפעסט, וואו ער קומט אָן פאר א משורר צום באַרימטן חזן ר׳ דודל בראדער, וועלכער איז אַנטציקט פארן קליינעם פרידמאַן, און ער זאָגט אויף אים נביאות, אז ער וועט אויסוואקסן א גרויסער חזן. ר׳ דודל לערנט מיט אים חזנות און עצהט פרידמאַנען, אז ער זאָל זיך פלייסיג נע־מען לערנען מוזיק.

אָפּזייענדיג א יאר ביי ר׳ דודלען, קומט פרידמאַן אָן פאר א משורר צום חזן ראובן גאָלדמארק פון דער שטאָט דויטש־קרייץ, וועלכער מאכט פרידמאַנען פאר זיין חזן שני. ער אינטערעסירט זיך מיט פרידמאַנען זייער, און דורך זיין רעקאָמענדאציע, ווערט פרידמאַן אויך רעליגיע־לערער ביי זיין געמיינדע, אזוי ווי די שטאָט עדענבורג איז געווען ניט ווייט פון דויטש־קרייץ, פאָרט פרידמאַן 2 מאָל א וואָך קיין עדענבורג, און לערנט ביי די דאָרטיגע פּראפעסאָרן אלגעמיינע למודים און אויך מוזיק. צוליב זיין גוואלדיגער התמדה, ווערט פריד־מאַן זייער באַרימט אין עדענבורג, און ווען די דאָרטיגע חזנות שטע־לע ווערט אין יאר 1848 פריי, ווערט ער אויפגענומען פאר חזן־ראשון און רעליגיע לערער.

זיין תשוקה אָבער, צו העכערער און ווייטערער אויסבילדונג, לאָזט אים לאנג אין עדענבורג ניט פארבלייבן, און נאָך אָנדערהאלבן יאר אָפּזיין עדענבורגער חזן, קומט ער קיין ווין, וואו ער ווערט א מעגלאכער איינגייער און הויז־פריינט ביים באַרימטן חזן סאלאמאָן זולצער און ער לערנט ביי זולצערן גענוי אלע כללים, אויף אלע געביטן, פון דער חזנישער קולטור און קונסט.

אין יאר 1850 קומט פרידמאַן אָן פאר אויבערקאַנטאָר אין דער שטאָט פינפהויז, ביי ווין, ער אָרגאניזירט באלד א כאָר, פירט

איין א גערעגלטן זולצערישן גאָטעסדינסט, און ווערט דורכדעם באַ־ליבט ביי דער גאנצער געמיינדע.

פרידמאַן טוט אויך א סך אויף אויפן אלגעמיינעם קולטורעלן געביט, ער גרינדעט א רעליגיע־שולע, און איז טעטיג אינם געזעל־שאפטלאכן און קולטורעלן לעבן פון זיין געמיינדע, און ווען ס'ווערט, אין יאר 1857, פריי די חזנות שטעלע אין דער לעאָפּאָלד־שטאָט־סינאַגאָגע אין ווין, ווערט פרידמאַן איינשטימיג אויפגענומען פאר א חזן, זאָגט ער זיך אָבער אָפּ אָנצונעמען דעם פּאָסטן, ווייל אין דער זעלבער צייט איז ער אויך ארויסגערופן געוואָרן קיין בודאפּעסט, און אזוי ווי ס'האָט אים געצויגן צו זיין היים־לאנד, האָט ער אָנגענו־מען די שטעלע אין בודאפּעסט.

דאָ עפנט זיך פאר פרידמאַנען א ברייטע ארבעט־פעלד אויף אלע געביטן פון קולטורעלן שאפן, ער גיט דאָ אויך ארויס זיין ווערק, באקאנט אונטערן נאָמען, „איזראעליטישע טעמפּל געזאנגען", און א ריי אנדערע ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע צייכענען זיך באַ־זונדערס אויס מיט זייער אויסגעהאַלטענעם סטיל, און מיט דער ביי געשאפענער פאָרם.

ער גרינדעט אויך א חזנים שולע, וועלכע גיט ארויס צענדליגער באַרימטע חזנים און דיריגענטן, און מאַכט זיך זייער באליבט, מיט זיין שטענדיגן שטרעבן, אויסצופיינערן און אויסצובעסערן די תפילה. ער שטייט תמיד אין פארבינדונג מיט אַלץ וואָס האָט א שייכות צו קולטור, און זיין נאָמען ווערט בארימט אין דער גאנצער וועלט, ניט בלויז אלס שליח צבור און הויך־מוזיקאלישע פערזענלאכקייט, נאָר אויך אלס א זייער אינטעליגענטער, קולטורעלער מענטש און כלל טוער.

ער באשעפטיגט זיך אויך מיט שרייבן ארטיקלען אין פארשיי־דענע צייטונגען, איז דער גרינדער און פאָרזיצער פונם קולטוס־באַאַמטן פאריין און געזאנג־פראָפעסאָר אינם רבנים־סעמינאַר.

צו דער פייערונג פון זיין 25־יאריגן אמט־יובילייאום, אלס אויבערקאנטאָר פון דער בודאפּעסטער אידישער געמיינדע, באַ־

קומט ער באגריסונגען פון דער גאנצער וועלט און א סך ווערטפולע מתּנות פון די מיטגלידער פון זיין געמיינדע.

נאָך 8 יאר איז פרידמאן געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און דעם 29-טן אויגוסט 1891, האָט ער אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה, און איז דעם 31-טן אויגוסט געבראכט געוואָרן צו קבורה, באַגלייט און באוויינט פון טויזנטער פריינט און פארערערס.

נאָך ביזן היינטיגן טאָג, ווערט פרידמאנס נאָמען, מיט גרויס כבוד דערמאָנט, און זיינע פארשיידענע טראדיציאָנעלע געזאנגען, ווי צו חתונות, בריתן און הלויות מתים, ווערן נאָך עד היום געזונגען אין בודאפעסט, און אין אלע איבעריגע אידישע קהלות אין אונגארן.

אדאלף שיינפעלד.

חזן אַדאָלף שיינפעלד איז געבוירן געוואָרן דעם 21-טן פעברואר 1828 אין ניישטאט (אונגארן) ביי זיין פאָטער דעם דאָרטיגן חזן, ביי וועלכן ער האָט אויך באַקומען זיין ערשטע דערציאונג אין אלגעמיינע למודים און אויך אין געזאנג און מוזיק, נאָך זיין בר מצוה שיקט אים זיין פאָטער צום חזן סאלאמאָן קעסטען קיין גראס-ווארדיין, וואו דער קליינער שיינפעלד דערווערבט זיך פארשיידענע קענטענישן. נאָך 5 יאר אָפּזיין ביי חזן קעסטען, נעמט אים דער לעצטער מיט אויף זיינע קונסט-נסיעות, ער זינגט אויך ביי קעסטענען אין כאָר די גאנצע צייט, וואָס ער איז געווען חזן ביי דער „ברידער געמיינדע" אין פויזן, און ווען קעסטען קומט אָן פאר חזן אין פאַריז, ווערט שיינפעלד אויפגענומען אויף קעסטענס אָרט אלס חזן אין דער ברידער געמיינדע אין פויזן. שיינפעלד איז געווען א שליח צבור אין פולן זינען פון וואָרט און האָט אין זיין צייט פארנומען דעם אויבן-אָן אין יענעם געגנט אלס הויכגעשטעלטער חזן און הויך-קולטורעלער מענטש, איז אָפּגעשטאַנען 40 יאר אלס חזן אין פויזן און איז געווען זייער באליבט ניט בלויז ביי זיין געמיינדע, נאָר אויך אין גאנץ דייטשלאנד. ער האָט פארמאָגט א שיינע, ברייטע באַ-

ריטאָן שטימע איז געווען גוט מוזיקאַליש, און האָט זיך א דאַנק זיין ענערגיע און אזערנעם פליים ארויפגעארבעט אויף דער העכ־סטער מדרגה און איז געווען אנערקענט פאר איינעם פון די בעסטע חזנים אין דייטשלאנד. זיין פארטראג איז געווען א וואונדערבארער און האָט געמאכט אויף די צוהערערס א גרויסן רושם. ער האָט אויך אָנגעשריבן פארשיידענע קאָמפּאָזיציעס, פון וועלכע ס'צייכנט זיך באזונדערס אויס „דאָס בונדעסליד" פאר סאָלאָ, כאָר און אָר־קעסטער. דער גאָטעסדינסט איז ביי אים צונויפגעשטעלט געוואָרן פון קאָמפּאָזיציעס פון די בעסטע מייסטער חזנים און דירינענטן פון יענער צייט און האָט געדינט פאר א מוסטער פאר א סך אנ־דערע סינאַגאָגעס אין פויזן און אומגעגנט.

ער האָט געלעבט זייער א גליקלאכן פאמיליע לעבן און איז בכלל געווען א זעלטן גוטער מענטש.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדערס פון דער הילפסקאסע פונם דייטשן חזנים־פארבאנד, און גרויס איז געווען דער טרויער דעם 14־טן פעברואר 1892, ווען ס'איז באוואוסט געוואָרן, אז חזן שיינפעלד איז שוין מער ניטאָ, און ביזן היינטיגן טאָג טרויערט פויזן נאָך אים.

גרשון שנערב.

גרשון שנערב איז געבוירן געוואָרן דעם 3־טן פעברואר 1828 אין טאול, פראנקרייך, ווען ער האָט דערגרייכט זיין 13־טן לעבנסיאָר קומט ער אָן פאר א תלמיד אין דער ישיבה פונם בארימטן רב הרב משה לוי אין מערציג, וועלכער איז געווען באקאנט אונטערן נאָ־מען ר' משהלע מערציג.

מיט גרויס חשק און התמדה לערנט דער קליינער גרשון און געפינט באזונדערן חן אין די אויגן פון זיין גרויסן רבי. ר' משהלע גיט זיך אָפּ מיט אים, מער ווי מיט די איבעריגע ישיבה בחורים

און לערנט מיט אים יעדן טאָג א ספּעציעלן עקסטרע שיעור, ווען עס באַווייזט זיך שפּעטער ביי שנערבן אן אנלאג פאר א באַריטאָן שטי־מע באַשליסט ער צו שטודירן און צו נעמען לעקציעס אין שטימע בילדונג, כדי זיך שפּעטער אויסצובילדן פאר א חזן. ער פאַרלאָזט אָבער ניט די ישיבה און לערנט פלייסיג תלמוד און פוסקים, און ווען די מערציגער קהלה דערהערט אים אַמאָל דאַווענען פארן עמוד אין דער ישיבה, ווערן זיי אזוי נתפעל פון זיין שיינער שטימע און געשמאַקן דאַווענען, אז זיי לייגן אים פאר די חזנות שטעלע אין זיי־ער שטאָט־שול.

שנערב האָט גערן אָנגענומען דעם דאָזיגן פאָרשלאַג. ער ווערט מערציגער חזן און זיין נאָמען ווערט וויט און ברייט באַרימט אי־בער גאַנץ עלזאַס און לאָטרינגען, און ספּעציעל ווערט ער באַרימט מיט זיין חריפות און בקיאות אין ש״ס און פוסקים, כמעט אלע רבנים פון דער אומגעגנט האָבן זיך אין די פאַרפלאָנטערטסטע שאלות ותשובות געווענדעט צו אים, און ער פלעגט אַלץ, לייכט און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, פאַרענטפערן.

האָט אָבער שנערב געוואָלט, איינאָרדענען זיין אַמט אויך אויפן מוזיקאַלישן וועג מיט כבוד און צום דאָזיגן צוועק שטודירט ער אַליין אייַן מיט זיין כאָר א ריי מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און באַמיט זיך צו מאַכן דעם גאָטעסדינסט עפעקטפול ווי נאָר מעגלאַך, און זיין מי איז נעקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, די שול איז תמיד, ווען ער האָט גערדאַוונט, געווען פול מיט מתפללים, און די ליטורגיע איז דער־הויבן געוואָרן צו דער העכסטער און פיינסטער קינסטלערישער מדרגה.

זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס זיינען אויך געווען דורכגעדרונגען מיטן טראַדיציאָנעלן נוסח התפלה (אינם אלטן אידישן גייסט), און זיינען גערן געהערט געוואָרן און האָבן געוואונען אַלגעמיינע אנער־קענונג. און ס׳איז גאָר ניט קיין וואונדער, וואָס שנערבס נאָמען אַלס חזן און דיריגענט איז באַלד באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער אומגעגנט, און דער „מערציגער חזן״, אונטער וועלכן נאָמען ער

איז ביי אלעמען באליבט געווען ווערט ארויסגערופן אין א ריי גרויסע שטעט צו דאַווענען שבתים מיטן כאָר, ער געווינט אומעטום פריינט און אָנהייגגערס פון זיין טאַלאנט.

נים קוקנדיג וואָס ער פלעגט אָפט מאכן נסיעות מיטן כאָר אין פארשיידענע שטעט, פלעגט ער אָבער אויך נים דורכלאָזן אַ טאָג אָן לערנען תלמוד און אנדערע וויכטיגע למודים. דאָס האָט נאָך פארגרעסערט די ליבע צו אים פון אלע אָרטאָדאָקסישע אידן און ער ווערט אומעטום זייער ווארים אויפגענומען און מ׳גיט אים אָפ גרויס כבוד, ער שרייבט אויך א ריי ארטיקלען איבער פיוט און נסחאות התפלה אין פארשיידענע אידישע ציימונגען ווי: „לבנון", „איזראעליט" און אין דער העברייאישער ציימונג „המגיד" וואו ער באווייזט זיינע גרויסע ידיעות אין דער העברייאישער שפראך און אין די ארטיקלען ווייזט ער ארויס זיין שארפן גייסט און פיעמעט. ער שרייבט צו אלע ספעציעלע פייערלאכקייטן פארשיידענע שירים און קאָמפּאָנירט זיי אויך אליין.

זיין דאָזיגע טעטיגקייט בינדט אים פעסטער צוזאמען מיט זיין געמיינדע, ער איז אויך געווען א גרויסער עניו און האָט נים ליב געהאָט, ווען מ׳פלעגט אים זאָגן שבחו בפניו, פלעגט אָבער ליב האָבן אָפּצוגעבן יעדערן כבוד און לויבן פאר די קלענסטע קלייניג־קייט.

תשעה באב אין יאר 1892 הויכט חזן גרשון שנערב אויס זיין לעצטן אָטעם, און ווערט באוויינט פון דער גאנצער מערציגער באפעלקערונג סיי אידן סיי קריסטן. אלע קראמען זיינען פארמאכט געוואָרן פאר א גאנצן טאָג אלס צייכן פון טרויער און ס׳האָבן מספיד געווען די רבנים: דר. באספריינד פון טריער, דר. מיכאל לעווי און דר. בלומענשטיין פון לוקסעמבורג.

נתן יעקב זיסקינד.

נתן יעקב זיסקינד איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1831 אין וואָלאָזשין, רוסלאנד. האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע חזנים, וואָס האָבן מיט זייער אומגאַטירלאַכער זיסקייט אין זינגען, געפאַנגען טויזנטער הערצער, זיין ברייטע שטימע און זיין כח, אריינצודרינגען אין יענעמס נשמה, פלעגן דעם הערער אריינברייננגען אין גרויס התפעלות.

ער לערנט יארן לאנג אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, און דערווערבט זיך גרויסע תלמודישע ידיעות, ווען עס קומט די צייט, צו קלערן עפעס וועגן אַ שטיקל תכלית, קומט אים צו הילף זיין שטימע, וועלכע געפינט חן אין די אויגן פונם באַרימטן ווילנער חזן יהושע פיינזינגער. ער נעמט אים צו פאר אַ משורר און לערנט מיט אים דעם חזנות־פאַך, זיסקינד צייכנט זיך אויס מער פון אַלע אַנדערע משוררים, מיט זיין רייכער פאנטאַזיע, מיט זיין לייכטער אויפפאסונג און מיט זיין מוזיקאַלישער באַגאַבונג. פיינזינגער לאָזט אים אָפט דאַווענען פארן עמוד מיטן כאָר, יעדער מאָל האָט זיסקינד גרויס בייפאל ביי זיינע צוהערערס, און ווערט אין שטאָט זייער באַליבט, ער פאַרגעסט אויך ניט צו לערנען יעדן טאָג א פאָר בלאַט גמרא, ער לערנט אויך ביי א שטאָטישן מוזיקער געזאַנג און נאָטן און אינטערעסירט זיך וואָס מער מיט די חדושים אין חזנות, אין וועלכע ער באַמיט זיך צו ווערן אַ ספעציאַליסט. זייענדיג אַ גרויסער מתמיד פון דער נאַטור, איז ער מיט זיין ווילנער שטודיום ניט אין גאַנצן צופרידן, ס'ציט אים צו העכערער קונסט, צו העכערע למודים, און צום דאָזיגן צוועק פאָרט ער קיין דייטשלאַנד, קומט אָן אין דער האַמבורגער קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער פארטיפט זיך אין די העכערע מוזיקאַלישע און אַלגעמיינע למודים, און איבערראַשט, אין אַ קורצער צייט שפעטער, מיט זיין שיינער שטימע און מיט זיינע גרויסע ידיעות אויפן מוזיקאַלישן און חזנישן געביט.

ער קומט אָן פאר אַ חזן אין אלטאנא, ביי האַמבורג, וואו ער

פארבליבן אָבער ניט לאַנג, ווייל דער האַמבורגער סינאַגאָגע־פאַר־באַנד, האָט אים צוגענומען פאַר אויבער־קאַנטאָר אין דער הויפּט סינאַגאָגע.

דאָ עפנט זיך פאַר זיסקינדן א ברייטע ארבעט־פעלד, זיינע באמיאונגען אוועקצושטעלן דעם גאָטעס־דינסט אויף אַ הויכער מדרגה, ווערן געקרוינט מיט דערפאָלג, אויך איז זיין שטימע געוואָרן אַ סך גרעסער, און זיין פאַנטאַזיע ביים דאַווענען רייכער. זייענדיג פולקאָם פארטרויט מיטן געזאַנג רעפּערטואַר פון דער סינאַגאָגאַלער ליטעראַטור, שטעלט ער אַוועק אַן ערשטקלאַסיגן כאָר, און דער גאָטעסדינסט ווערט פון אַלעמען באוואונדערט, די צאָל מתפּללים וואַקסט פון שבת צו שבת, און אַלע באַוואונדערן דעם הימלישן גע־זאַנג פונם חזן מיטן כאָר, די אַנערקענונג און די באַגייסטערונג מצד דער געמיינדע צו זייער באַליבטן חזן שטייגט העכער און העכער, און אזוי ווי דער באַרימטער אַנטאָן רובינשטיין האָט אַמאָל קומענדיג קיין אָדעס, געזאָגט צו זיינער אַ שוועסטער, (אַ באוואוסטע געזאַנג לערערין) „שיק דיינע תּלמידים אין דער סינאַגאָגע זיי זאָלן הערן חזן באכמאַן, וועלן זיי וויסן ווי אזוי צום זינגען”, אזוי פלעגט אויך דער באַרימטער דירעקטאָר פונם שטאָט־טעאַטער אין האַמבורג, מאַעסטראָ פּאָליני, שיקן זיין אָפּערן זינגער, אין דער סינאַגאָגע צו הערן זיסקינדן און צו לערנען פון אים ווי אזוי מ׳דאַרף זינגען.

פּאָליני אַליין פלעגט אויך אָפט קומען אין דער סינאַגאָגע, צו הערן זיסקינדן, און פלעגט תמיד זיין פול מיט התפּעלות, פון זיין וואונדערלאַכער שטימע און פון זיין קינסטלערישן פאָרטראַג.

ניט קוקנדיג אויף די פארשיידענע פאָרשלאַגן וואָס זיינען אים געמאַכט געוואָרן, צו ווערן אַ אָפּערן זינגער, איז זיסקינד דאָך געבליבן טריי צו זיין אויפגאַבע אַלס חזן בישראל, און האָט תמיד געזוכט ארייננצוברייננגען לעבן און פרישקייט אין דער ליטורגיע, דורך פארשיידענע נייע שאַפונגען און סטיליסטיש אויסגעהאַלטענע געזאַנגען. דערצו האָבן אים זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות אַ סך צוגעהאָלפן און אַלע זיינע קאָמבינאַציעס, אויפן דערמאָנטן וועג, זיינען אים

העכסט געלונגען און זיינען פון די פּאַרשטייערס פון דער געמיינדע תּמיד אונטערשטיצט געוואָרן.

צו זיין 40 יאָריגן אַמט יובילייאום, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 31־טן מערץ 1906, האָט די געמיינדע אויפגעפאָדערט אלע מיטגלידער פון דער סינאַגאָגע אָנטייל צו נעמען אין דעם גרויסן יום טוב, פון זייער באַליבטן אויבער־קאַנטאָרס יובילייאום. זיסקינד באַקומט אַ סך ווערטפולע מתנות און אַ באַגריסונגס־אַדרעס פון דער סענאַט קאָמיסיע פאר וויסנשאַפט און קולטור, אויך באקומט ער אַ דאַנק־אַדרעס פון זיין געמיינדע, פאר זיין פרוכטבאַרער טעטיגקייט אַלס חזן פון דער געמיינדע, אין אַ משך פון 40 יאָר צייט.

ביים באַנקעט, וועלכער איז דורך דער געמיינדע איינגעאָרדנט געוואָרן, זינגט זיסקינד עטלאַכע ספּעציעל פאַרן דאָזיגן אָוונט קאָמפּאָנירטע לידער, און ניט קוקנדיג אויף זיין 75 יאריגן עלטער, באַוואונדערט ער נאָך אַלעמען מיטן יוגנטלאַכן כישוף פון זיין אויסער־געוויינלאַכער שטימע. פילט זיך אָבער זיסקינד, נאָכן דערמאָנטן יובל שוין ניט פייאיג צוליב זיין עלטער און שוואכקייט זיין פאָסטן צו האַלטן, און ער גיט זיך אָן אין דעמיסיע, ער פארבלייבט אָבער ערן־חזן, און באַקומט זיין געהאַלט, ביז זיין לעצטן לעבנסטאָג.

אַכט יאָר געניסט נאָך זיסקינד אין פולער רו און גליקלאַכן שטילן לעבן, די פרוכט פון זיין פיל יאָריגער ארבעט, ביז אַפּריל, 1914, ווען דער גרויזאַמער טויט רויבט אַוועק דעם ליבלינג פון דער האַמבורגער אידישער געמיינדע, וועלכער ווערט באַוויינט פון זיינע טויזנטער פריינט און פאַרערערס, פון זיין געליבטער פאמיליע און קאָלעגן חזנים.

צו זיין לויה זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון אַלע קולטור אינסטיטוציעס אידישע און קריסטלאַכע, ראַבינער דר. שפּיצער האָט אים מספּיד געווען און דער טויזנט קעפּיגער עולם מלוים פאַרלאָזן מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און מיט אַ טיפן וויי דעם קבר פון זייער באַליבטן שליח צבור.

זאב וואָלף שעסטאַפּאָל

(ווערלוועלע כערסאָנער)

וואָלף שעסטאַפּאָל, אָדער ווי די וועלט האָט אים גערופן ווערלוועלע כערסאָנער, איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סקווירע, קיעווער גובערניע, אין יאָר 1832.

שעסטאַפּאָל איז געווען אַ געבוירענער טאַלאַנט, אַ קינד פון ניט פאַרמעגלאַכע עלטערן, זינגט ער שוין צו זיין 8־טן לעבנס־יאָר אַלס משורר, ביי די גרעסטע חזנים, און מיט זיין זיסער אַלט שטימע פאַרכישופט ער די הערערס, באַזונדערס מיט זיין קינסטלעריש אינדיווידועלן זינגען, ווען ער ווערט 12 יאָר אַלט שאַפט ער שוין אייגענע קאָמפּאָזיציעס, די חזנים אָבער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן כמעט ניט געקענט לייענען קיין נאָטן, האָבן מיט אַ געוויסער קנאה זיך באַצויגן צום יונגן טאַלאַנטירטן זינגערל, וועלכער האָט שוין דאַמאָלס געשמט פאַר אַ „נאָטן פרעסער", האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך, און האָבן אָפּגעלאַכט פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, האָט אָבער שעסטאַפּאָל געפונען, אינם באַוואוסטן אָדעסער חזן ניסן בלומענטאַל, אַ הייסן פריינט און אָנהייגער.

בלומענטאַל, וועלכער איז דאַמאָלסט אינגאַנצן 3 יאָר געווען חזן אין דער נייער אָדעסער בראָדער שול, און האָט געהאַלטן אין רעגולירן און אויספיינערן דעם גאָטעסדינסט, האָט אין שעסטאַפּאָלן געפונען אַ גרויסן מיטהעלפער, ער נעמט אים אַריין צו זיך אין כאָר און שעסטאַפּאָל געפינט זיך ביי בלומענטאַלן אין הויז, ווי אַ אייגן קינד, ער גיט זיך מיט אים אָפּ, לערנענדיג אים מוזיק טעאָריע און אויך חזנות, שעסטאַפּאָל, וועלכער פלעגט אויך זיין אַן איבערשרייבער פון בלומענטאַלס קאָמפּאָזיציעס, האָט אין זיך די זעלבע איינגעזאַפּט, און גיך שרייבט שוין שעסטאַפּאָל אַ ריי קאָמפּאָזיציעס אויף בלומענטאַלס שטייגער, די דאָזיגע קאָמפּאָזיציעס ווערן אויך געזונגען אין דער בראָדער שול, און אויך אין אַנדערע אָדעסער שולן מיט דערפאָלג, בלומענטאַל לאָזט אים אויך אָפט דאַווענען פאַרן עמוד, און

עס אַנטוויקלט זיך ביי אים אַ שיינע קלאַנגפולע לירישע שטימע, ניט פון גרויסן פאַרנעם אָבער מוזיקאַליש און געשמאַק פאַרן אויער.

ווען שעסטאַפּאַל איז אַלט געוואָרן 21 יאָר, רעקאָמענדירט אים בלומענטאַל פאַר אַ חזן אין כערסאָן, וועלנדיג זיך אָבער פאַרפולקאָמען פולשטענדיג אינם חזנות פאַך, בעט שעסטאַפּאַל ביי זיין כערסאָנער געמיינדע, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן צו פאָרן אויף אַ געוויסע צייט, צו זולצערן קיין ווין, די אינטעליגענטע כערסאָנער געמיינדע שיקט אים אויף אירע אייגענע הוצאות קיין ווין, וואו זולצער פאַראינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אים און לערנט אים אַליין דעם מאָדערנעם חזנות סטיל, ער לערנט מיט אים אויך די רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאַזיציעס פון זיין „שירי ציון". אָפּזייענדיג מער פון אַ יאָר צייט אין ווין, קערט זיך שעסטאַפּאַל אום צוריק צו זיין געמיינדע אין כערסאָן, וואו ס'ווערט פאַר אים געמאַכט אַ גרויסער קבלת פנים, ווען ער דאַווענט דעם ערשטן שבת איז די באַגייסטערונג געוואַלדיג גרויס, די שול ווערט פאַרהילכט פון די געשרייען — „יישר כחך".

שעסטאַפּאַל אַנטוויקלט אין כערסאָן אַ גרויסע טעטיגקייט, ער שטעלט אַוועק אַ גוט איינגעשטודירטן כאָר, אויף דעם ווינער זולצערישן שטייגער, ער פירט איין אַ גערעגלטן גאָטעס-דינסט, וועלכער האָט, אגב, געדינט פאַר אַ גוטן מוסטער פאַר אַלע אַנדערע אינטעליגענטע געמיינדעס אין גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע האָבן דעם זעלבן מין גאָטעס-דינסט גענומען איינפירן ביי זיך. שעסטאַפּאַל שרייבט אַ ריי ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס, מיט וועלכע ער ווערט באַרימט איבער דער גאַנצער חזנישער וועלט.

צווישן אַנדערע, זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן, זיין „מן המצר", זיין „צווייטע קדושה" און נאָך אַ סך אַנדערע, וועלכע אַנטציקן נאָך עד היום.

שעסטאַפּאַל איז אויך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די ערשטע חזנים אינם 19-טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט אויסגעפּיינערט און רעגולירט די תפילה און האָט דערצויגן דעם פּאַרטויבטן אויער פון פאָלק, צו אַן עסטעטיש, איידעלן זינגען. ליידער זיינען זיינע זאַכן

ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן, און אַ סך פון זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל שעסטאַפּאַל איז אינמיטן פון זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט, אין זיין בליענדיגסטער יוגנט, אָפּגעשטאָרבן, און האָט אפילו די גע־לעגנהייט ניט געהאַט זיינע אַלע קאָמפּאָזיציעס צונויפקלייבן.

יצחק היימאַן.

חזן יצחק היימאַן איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע חזנים אין האָלאַנד.

געבוירן דעם 7־טן דעצעמבער 1834 אין ביאַליסטאָק, וואו זיין פאָטער דער באַרימטער „ר׳ פּנחס חזן", איז געווען שטאָט־חזן, און ביי וועלכן דער טאַלאַנטירטער יצחקל באַקומט זיין ערשטע מוזיקאַלישע און אַלגעמיין קולטורעלע דערציאונג, זינגט ער אויך ביי זיין פאָטער אין כאָר. צו זיין בר מצוה דאַוונט ער פאַרן עמוד אין דער שטאָט־שול, און אַלע באַוואונדערן דעם יונגן איצעלע.

נאָכן דאָזיגן דערפאָלג, לאָזט זיך דער יונגער היימאַן אוועק אין די ווייטע מדינות צו לערנען מוזיק. ער פאָרט איבער פאַרשי־דענע שטעט אין אונגאַרן, עסטרייך און דייטשלאַנד, און רופט אומעטום ארויס פאַראינטערעסירונג. צו זיין 17־טן לעבנס יאָר ווערט ער חזן אין דער שטעטל פּילנע, פּויזנער געגנט, און האָט דאָרט חתונה מיטן דאָרטיגן ראַבינער געמינגערס אַ טאָכטער, און קומט אָן, מיט אַ יאָר שפּעטער, פאַר חזן אין דער שטאָט גרוידענץ, וואו ער פאַרבלייבט אויך נאָר איין יאָר און ווערט אויפגענומען פאַר חזן אין דער שטאָט גנעזען. (אזוי ווי פּילנע, אזוי זיינען אויך גרוידענץ און גנעזען, פּראָווינץ שטעט אין פּויזנער געגנט).

אין יאָר 1854, ווען דער באַרימטער חזן שלום פרידע, באַ־קאַנט אונטערן נאָמען „שלום דער חזן" פון אַמסטערדאַם, האָלאַנד, שטאַרבט אָפּ, באַקומט חזן היימאַן אַן איינלאַדונג פון דער אַמ־סטערדאַמער קהלה, — ער דערמאָנט זיך, וואָס זיין פאָטער פלעגט

אום זאָגן, ווען ער איז נאָך אַ קליין קינד געווען, „מײַן קינד, דו וועסט נאָך אַמאָל, מיט דײַנע פֿעאיגקייטן, זײַן אַמסטערדאַמער חזן". ער פֿאָרט קײַן אַמסטערדאַם, וואו ער דאַוונט אַ שבת אויף פּראָבע, נעמט שטאַרק אויס און פֿאַרבלײַבט אַמסטערדאַמער חזן. זײַן נאָמען ווערט באַלד באַרימט איבער גאַנץ מערב אייראָפּע, און זײַנע קאָמפּאָזיציעס ווערן געזונגען מיט גרויס דערפֿאָלג אין אַלע שולן איבער גאַנץ האָלאַנד.

היימאַנס הויז האָט זיך גערעכנט פֿאַר איינע פֿון די פֿיינסטע און מוזיקאַלישסטע אין אַמסטערדאַם (זײַנע קינדער זײַנען אַלע געווען מוזיקאַליש) חוצדעם האָט זיך די פֿאַמיליע היימאַן אויסגעצייכנט מיט פֿיינער אידישער אויפֿפֿירונג און זייער הויז האָט געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ „בית פּתוח לרוחה", זיי זײַנען געווען באַליבט, ניט בלויז בײַ זייער געמיינדע נאָר אויך אין גאַנץ האָלאַנד.

ווען היימאַן האָט אין יוני 1881 געפֿייערט זײַן 25 יאָריגן אַמטס-יובילייאום האָט אין זײַן שמחה אָנטייל גענומען כּמעט די גאַנצע אַמסטערדאַמער אידישע באַפֿעלקערונג, וועלכע האָבן באַשאָנקען זייער באַליבטן חזן מיט רײַכע מתּנות, באַגריסונגען זײַנען אָנגעקומען פֿון אַלע זײַטן פֿון דער גאַנצער וועלט.

צום דאָזיגן יובילייאום האָט היימאַן אָנגעשריבן עטלעכע קאָמפּאָזיציעס, און זייער אַ שיינעם אַ קאַפּעלאַ כאָר, מיט אַ רײַכע פֿוגע אויפֿן קאַפּיטל ק"נ אין תּהלים, וועלכער דער כאָר פֿון סינאַגאָגע האָט געזונגען מיט גרויס דערפֿאָלג, דער יובילאַר האָט אויך געזונגען עטלעכע סאָלאָס און האָט באַקומען גרויסע אָוואַציעס פֿונם גרויסן פֿאַרזאַמלטן עולם.

אויך אין יאָר 1896, צו זײַן 40-יאָריגן יובילייאום, האָט חזן היימאַן באַקומען באַגריסונגען פֿון דער גאַנצער וועלט. ער האָט באַקומען אויך מתּנות פֿון זײַן געמיינדע און פֿון זײַנע אַ סך פֿרײַנט און פֿאַרערערס און זײַן ווערק „שירי תּודה לאל", וועלכע ער ווידמעט דער קייזערין ווילהעלמינע, זײַנען פֿון גרויסער מוזיקאַלישער באַדײַ-

טונג. עס זיינען אויך באַרימט זיינע פּסאַלמען און זיינע אַנדערע סינאַגאַגאַלע געזאַנגען.

דעם 24-טן מאַי 1906, האָט די אַמסטערדאַמער קהלה גע־פּייערט מיט גרויס פּאַראַד דעם 50 יאָריגן אַמט-יוּבּילייאום פון זייער באַליבטן חזן יצחק היימאַן, און אין אַלע צייטונגען, ווי אין האָלאַנד אַזוי אויך אין דייטשלאַנד, אונגאַרן און אַנדערע לענדער זיינען דערשינען גרויסע אַרטיקלען מיט חזן היימאַנס בילד, פול מיט לויב-געזאַנגען פארן באַליבטן און געשעצטן יוּבּילאַר.

חזן היימאַן האָט געלעבּט איבּגאַנצן נאָך 3 חדשים נאָכן דאָזיגן יוּבּילייאום. ער איז געשטאָרבּן פּלוצלונג דעם 16-טן אויגוסט 1906.

און עס האָט זיך גאָר קיינעם ניט געוואָלט גלויבּן, אַז דער באַ־ליבּטער שליח-צבור, וועלכער האָט נאָך ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבּן, אַלעמען איבּערראַשט מיט זיין זיסער און שיינער שטימע און מיט זיינע הימלישע תפילות, איז שוין מער ניטאָ, טויזנטער מענטשן האָבּן אים, דעם 19-טן אויגוסט, באַגלייט אין זיין אייבּיגער רו, און האָבּן באַוויינט דעם גרויסן געטלאַכן מאַן, וועלכער איז אין אַ משך פון איבּער 50 יאָר, געווען דער „שליח צבור” פון דער גרויסער אַמסטער־דאַמער קהלה. ביזן היינטיגן טאָג ווערן אין האָלאַנד געזונגען ביי פּאַרשידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס, די איינגעוואָרצלטע היימאַנס מעלאָדיעס, וועלכע ווערן דאָרט באַטראַכט ווי אַ סקאַרבּאָווער נאַציאָ־נאַלער אייגנטום.

אברהם בלוישטיין.

דער נאָמען בלוישטיין איז מיטן חזנות-פאַך אין דייטשלאַנד זייער איינג פאַרבּונדן, ער איז געווען אַ באַפּרייער און דערלייזער, אַ בּויער און פירער אין עולם החזנות. בלוישטיין האָט צונויפגעזאַמלט די פאַר־לוירענע און צוריסענע אברים פון חזנות און זיי צונויפגעשמאָלצן אין אַ קיים פון איינגער ברידערשאַפט. די חזנות איז ביז אים געווען

צושפּאָלטן און צוריסן, דער חזן איז געווען אזוי ווי אַ בּלינדער, וועלכער האָט געמוזט, אָן יעטווידער שטיצע, אויסטרעטן פאַר זיך זיין וועג און מיט פארמאַכטע אויגן נאָכקומען אַלע אומגעלומפּערטע פּאָדערונגען און פאַרלאַנגען פון זיינע ברויטגעבערס, און אזוי ווי דער בּלינדער האָט קיין האָפנונג דורכשלאָגן זיך אין לעבן, ווי נאָר דורך נדבות און רחמנות פון די מיטמענטשן, אזוי האָט אויך דער חזן, קיינמאָל זיך נים דערוועגט ארויסצוטרעטן אין דער עפנטלאכקיים, אין אַ פּאַרטיידיגונגס קאַמף פאַר זיינע אייגענע רעכט און פאַר זיין עקזיסטענץ. ער האָט, אזוי ווי דער בּלינדער, זיך באַנוגנט מיטן ביינדל, וואָס די בני רחמנים פלעגן אים צוווארפן, און הגם די דייטשע חזנות איז פאַר בּלוישטיינען אויך געווען צונויפגעפלאָכטן פון אַ קראַנץ פון פאַרשיידנארטיגע גוטע חזנים און קאָמפּאָניסטן, איז אָבער קיינעם נים איינגעפאַלן אזא געדאַנק, ווי צו גרינדן א חזנים פארבאַנד, אָן אזוי גערופענעם, פאַד־אָרגאַן, וועלכער זאָל ביי יעטווידער געלעגנהייט פאַרטיידיגן די גייסטיגע און מאַטעריעלע נויטן פון די חברים-חזנים. די דאַמאָלסדיגע לאגע דערמאָנט אונז דעם ווערטל פון תּלמוד: „וואָס נוצט דער שיינער אויסערלאכער פּאַלאַץ, ווען ער איז פאַר־מויערט פון אלע זייטן און האָט קיין טיר נים, דורך וועלכער מען זאָל קענען אריינקומען אינווייניג"... און באמת, זיינען, אזוי ארום, הונ־דערטער טאַלאַנטן פארלוירן געגאנגען, ווי אויפן מוזיקאַלישן, אזוי אויך אויפן ליטעראַרישן געביט.

אברהם בלוישטיין איז געבוירן געוואָרן אין מאַי, 1836 אין רינא, זיינע עלטערן, וועלכע זיינען געווען זייער פרומע מענטשן, האָבן פאַר זייער געראָטענעם אברהמלען גערונגען די בעסטע גמרא מלמדים און האָבן אים דורכויס געוואָלט לאָזן אויסבּילדן פאַר א רב, זיינען זיי אָבער ביידע פּלוצלונג געשטאָרבן, און אברהמעלע, וועלכער האָט פאַרמאָגט א זיסע אלט שטימעלע, קומט אָן פאַר אַ זינגערל צום שטאָטישן חזן, ער קומט דערנאָך אָן פאַר א משורר אין דער ווילנער שטאָט־שול, וואו ער דערלערנט דעם חזנות פאַך און קומט דערנאָך אָן פאַר א חזן אין לאָמזשע, זיין תּשוקה צום

ווייטערדיגן לערנען, לאָזט אים אָבער לאַנג ניט איינזיצן אין לאָמ־זשע און ער פאָרט קיין דייטשלאַנד, וואו ער ווערט אויפגענומען פאר א חזן אין גנעזען, דאָ דערלערנט ער העכערע מוזיקאַלישע וויסנ־שאַפטן און קומט דערנאָך אָן פאר אויבערקאַנטאָר אין בראמבערג, וואו ער פארנעמט זיך מיטן געדאַנק צו פאראייניגן די דייטשע חזנים אין א חזנים-פארבאנד. דאָס איז אים געלונגען א דאַנק זיין גוואלדיגער ענערגיע און אונטערנעמונגס גייסט צו גרינדן דעם ביז צום היינטיגן טאָג עקזיסטירנדיגן „דייטש איזראעליטישען קאַנטאָ־רען פארבאנד” — די דייטשע חזנות בליט אויף גייסטיג און מאַ־טעריעל אין פולן זינען פון וואָרט.

40 יאר איז בלוישטיין פארבליבן מיט גרויס כבוד און באליבט־קייט אויף זיין שטעלע אין בראמבערג און איז געשטארבן דעם 17־טן פעברואר 1914, אין 78־טן לעבנס יאר, באַוויינט און באדויערט פון זיין געמיינדע און פון אלע זיינע קאָלעגן חזנים אין דייטשלאַנד, וואו דער נאָמען בלוישטיין וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן.

אברהם שפירא.

חזן אברהם שפירא איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1833 אין קארעליץ, מינסקער גובערניע, זיינע עלטערן זיינען געווען זייער אָרים און האָבן אים נאָר געקענט געבן די ערשטע עלעמענטאַרע דערציאונג. אָבער ווען ער איז אלט געוואָרן 8 יאר, האָט ער שוין געהאַט א נאָמען אין שטאָט מיט זיין זיסער שטימעלע, ער האָט זיך ביי יעדער געלעגנהייט געחזנט, און איז אָנגערופן געוואָרן „דער קליי־נער חזנדל”.

צו 10 יאָר זעען מיר אים שוין דאַוונענדיג פאָרן עמוד אין די פארשיידענע ארומיגע שטעטלאך, וואו זיין איינגעבוירענער טאַ־לאַנט רופט ארויס ביי יעדערן גרויס באַוואונדערונג, צו זיין בר מצוה

דאַוונט ער מוסף אין דער שטאָטישער שול פאַרן עמוד, און די התפעלות איז געווען אין לשער.

צו 18 יאָר קומט ער אָן פאַר אַ חזן אין לובלין, וואו „ס'קאָכט מיט אים די וועלט" און אין עטלאַכע יאָר שפּעטער קומט ער אָן פאַר אַ חזן אין טשענסטאָכאָוו וואו ער פאַרבלייבט אַ קורצע צייט און קומט אָן פאַר אַ חזן אין ברעסלוי, וואו ער דערוועררבט זיך גאָר גיך אַ זייער גרויסן נאָמען, דורך זיינע זיסע תפילות, און גאָר באזונדער מיט זיין שיינער רעליגיעזער הנהגה און גוטן אידעאַלן כאַראַקטער. ער דערלערנט אויך דאָרט פּולקאָם מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע און שרייבט אָן א ריי קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון.

33 יאָר איז ער געשטאַנען אויף זיין לעצטן פּאָסטן, באַליבט און געאַכט פון זיין געמיינדע, פון זיינע קאָלעגן פריינט און פאַר-ערערס ביזן יאר 1903, ווען ער האָט אויפגעגעבן זיין אַמט, ווײַלכן ער האָט צוליב זיין עלטער שוואַכקייט ניט געקענט מער אָנהאַלטן.

גרשון ווייס.

דער באַוואוסטער בוקאַרעסטער חזן גרשון ווייס, איז געבוירן געוואָרן אין מישקאָלטס, אונגאַרן, אין יאָר 1836. זיין פאָטער, דער דאָרטיגער באַרימטער שטאָט-חזן, ר' מאיר ווייס, האָט דעם קליינעם גרשונען געגעבן א גרונטיגע דערציאונג אין אידישע און אַלגעמיינע למודים, און הגם זיין לכתחילהדיגער באשלוס איז געווען אים צו מאַכן פאַר אַ סוחר, האָט זיך אָבער ביי גרשונען באַוויזן אַ אויסער-געוויינלאַך שיינע אנלאַג פאר א באַריטאָן שטימע, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט זייער גיך. ער פאַרט קיין טעמעסוואר און קומט אָן פאַר אַ משורר ביים דאָרטיגן חזן, וואו ס'קומט אים אַפּט אוים צו דאַוונען ביים עמוד, וואָס ס'רופט ארוים צו אים די אַלגעמיינע אויפמערק-זאמקייט און פאַראינטערעסירונג.

דער באַקאַנטער פּרנס ר' ליב פרענקל נעמט אים פאַר אַ איידים, פאַר זיין געראָטענער טאָכטער, גרשון קומט אָן פאַר אַ חזן באַלד

נאָך דער חתונה אין טעמעסוואר, נאָכן טויט פון זיין פאָטער ווערט ער אויפגענומען אין מישקאָלטס אַלס ממלא־מקומו פון זיין פאָטער. ער פארבלייבט אָבער אויף דער דאָזיגער שטעלע ניט לאנג, און קומט אָן פאַר אַ שטאָט־חזן אין גראָסוואַרדיין, באַנוגנט ער זיך אָבער ניט מיטן דאָזיגן דערפאָלג, און אזוי ווי ער פילט, אז אים פעלן די נויטיגע מוזיקאַלישע ידיעות, פאָרט ער קיין ווין צו זולצערן, וועלכער פאַראינטערעסירט זיך זייער מיט אים און לערנט אים שטימע־בילדונג און די אלגעמיינע כללים פון מאָדערנער חזנות. ווייס האָט באוויזן אַ באַזונדער גרויסן טאַלאַנט אינם נאָכקאָפּירן זולצערס אַרט זינגען, ער האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן זולצערס שטימע און דאָס לעצטע איז אים געלונגען אויפן פיינסטן אופן. די עסטרייכיש־אונגאַרישע קאנטאָרן צייטונג פון 1904 שרייבט, אַז דאָס פענאָמענאַלע נאָכקאָפּירן זולצערן איז ווייסן זייער געלונגען. ווען ער פלעגט זינגען אָדער דאַווענען, האָט מען געמיינט, אַז זולצער זינגט דאָס, אזוי ענלאך האָט עס געקלונגען, — מיט זיין דאָזיגן טאַלאַנט האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען און איז דערנאָך איינגעלאַדן געוואָרן פאר אויבערקאַנטאָר אין דער גרויסער נייער סינאַגאָגע אין בוקארעסט.

40 יאָר איז ווייס געשטאַנען אויף זיין דאָזיגן פאָסטן, מיט גרויס כבוד, אין משך פון דער דאָזיגער צייט האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען ווי אַן ענערגישער עסקן בצרכי צבור. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר „כל דכפין” און יעדער וואָס איז געווען אין אַ נויט פלעגט תמיד אין זיין הויז געפינען טרייסט, שטיצע און האָפענונג.

צו זיין 25־יאריגן אַמט־יובילייאום, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליגט טויזנטער מענטשן האָט ער באַקומען אַ סך באַגריסונגען און קאָסטבאַרע מתנות.

דעם 23־טן אַפּריל, 1904, קורץ נאָך דער פייערונג פון זיין 40־יאָריגן יובילייאום, האָט ווייס נאָך אַ קורצער אָבער שווערער קראַנקהייט אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה. דעם 26־טן אפּריל איז פאָרגעקומען די לויה, וועלכע האָט, ווי די צייטונגען פון דאַמאָלסט

האָבן געשריבן, צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אין דער היסטאָריע פונם בוקאַרעסטער אידנטום. טויזנטער מענטשן האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביגער רו, דעם גאַנצן וועג פון דער לויה-פּראָצעסיע זיינען די קראָמען געווען פאַרמאַכט אַלס אַ צייכן פון טרויער.

יאָזעף (יוסף) גאָלדשטיין.

חזן יוסף גאָלדשטיין איז געווען איינער פון די באַגאַבטסטע און באַרימטסטע ווינער חזנים. ער איז געווען אַ אויסערגעוויינלאַכער זינגער און האָט באַזעסן מוזיקאַלישע פייאיגקייטן, וועלכע האָבן אים פאַר-שאַפט גרויסן רום. ער איז געווען איינער פון די געציילטע גליקלאַכע חזנים, וואָס תמיד האָט די זון פאַר זיי העל געלויכטן מיט גליק ברייננגענדיגע שטראַלן. זיין נאַטירלאַכער גרויסער טאַלאַנט, זיין שטימע האָט אים געדינט ביז צו זיין לעצטן לעבנס-טאָג.

אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען, מיט גרויס כבוד, אַ משך פון 50 יאָר צייט, אַלס שליח צבור, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ זעלטן גוטער מענטש אין יעדער פּרט, האָבן אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, אים זייער ליב געהאַט, און זיין געמיינדע און זיינע טויזנטער פריינט און פאַר-ערערס האָבן אים ממש פאַרגעטערט.

געבוירן געוואָרן איז יאָזעף גאָלדשטיין דעם 27-טן מערץ 1837, אין דער שטאָט קעצסקעמעט, אין אונגאַרן, שוין אַלס קינד, 6 יאָר אַלט, זעען מיר, דעם קליינעם יאָסעלע, זינגענדיג ביי זיין פאָ-טער, דעם באַקאַנטן חזן שמעלקע פון נויטרא, אין זיין כאָר, וואָס איז געווען דער ערשטער גרונטשטיין צו גאָלדשטיינס שפּעטערדיגער גרויסער חזנישער קאַריערע. זיין פאָטער, דערזעענדיג יאָסעלעס גרוי-סע תשוקה צום זינגען, גיט אים אָפּ זיין בעסטע צייט, לערנענדיג מיט אים די עלעמענטאַרע מוזיק טעאָריע, אויך אידישע און וועלטלאַכע למודים, ליידער אָבער, שטאַרבט שמעלקע דער חזן אָפּ, ווען יאָזעף איז אינגאַנצן 10 יאָר אַלט געווען. און דאָ הויבט זיך אָן פאַר גאָלד-

שטיינען א זייער שווערע אויפגאבע, צו ווערן דער גאנצער מפרנס פון זיין מוטער און די 9 קליינע קינדער. ער פאָרט קיין באנסוויץ צום דאָרטיגן חזן, וואו ער האָפט עפעס צו פארדינען מיטן זינגען אין כאָר. באַציט זיך אָבער דער חזן ניט גאַנץ גוט צו גאָלדשטיינען, און ער באַשליסט צו פאָרן צוריק צו זיין מוטער, ווען ער קומט צוריק קיין נויטרא, רופט די קהלה אַן אסיפה און באַשליסט צו דערלייכטערן די טרויעריגע לאגע פונם פארשטארבענעם חזנס צאָלרייכע, פאריתומטע פאַמיליע, אויפנעמענדיג יאָסעלען פאר אַ חזן אין זייער קהלה.

גאָלדשטיין פארבלייבט עטלאכע יאר חזן אין נויטרא, לאָזט זיך ארויס, לויט דער דאַמאָלסדיגער מאָדע אויף קאָנצערט נסיעות, ווערט אומעטום אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם, ווען ער דאַווענט אין ווין, אין דער גרויסער פוילישער שול, האָט ער אזא געוואלדיגן בייפאַל, אז נאָכן דאַווענען האָט מען אים געמאַכט אין שול שטורמישע אָוואציעס מיט אויסגעשרייען „יישר כחך”. (א זעלטענע זאך ביי יענער צייט, דערצו נאָך אין אזא אָרטאָדאָקסישער שול, ווי די פוילישע אין ווין.)

ציט עס אָבער דעם קליינעם גאָלדשטיין צו ווייטערער און העכערער מוזיקאלישער אויסבילדונג. צום דאָזיגן צוועק פאָרט ער קיין פראג, צום דאַמאָלס בארימטן חזן קערנער, זיין פאָטערס א געוועזענער יוגנט פריינט, און פארבלייבט ביי אים ביז צו זיין 15-טן לעבנס-יאר, ווען ער קומט אָן פאר א חזן שני אין דער שטאָט נייזאַלץ. ער פארבלייבט דאָ 2 יאר, און עס אַנטוויקלט זיך ביי אים א וואונדערבארע טענאָר שטימע.

איינמאָל האָט אים געהערט זינגען דער דירעקטאָר פונם בודאַפעסטער גרויסן טעאטער, איז ער אזוי אַנטציקט געוואָרן פאר גאָלדשטיינס שטימע, אז ער אַנגאזשירט אים אין דער אָפּערע פאר אן ערשטן טענאָר, ווען עס דערהערט זיין שטימע דער באוואוסטער ווינער מוזיק מעצענאַט הערמאן מאָריץ אַדלער, פאראינטערעסירט ער זיך זייער מיט אים, דינגט פאר אים די בעסטע פראָפעסאָרן און לאָזט אים אויסבילדן אויף זיין חשבון. אָפּלערנענדיג 2 יאר ביים

באריממן פראפעסאָר מארקעזי, ווערט ער איינגעלאדן, אלס ארטיסט, אינם ווינער קייזערלאכן טעאטער, נעמט ער דאָס אָבער ניט אָן, ווייל ער וויל פאָרן זיך לערנען קיין איטאַליע. ווען ער קומט אָן אין דער שטאָט פאדוא, נעמט אים ארום אזא בייגקעניש נאָך זיין מוטער און נאָך זיינע ברידער און שוועסטערס, אַז ער באַשליסט זיך אומצוקערן צוריק, צו זען זיין פאמיליע, איידער ער פאָרט ווייטער שטודירן.

צופעליגקייטן שפּילן אָפט אינם מענטשלאכן לעבן א באַ־דייטנדיגע ראָלע, דער צופאַל וואָס האָט זיך געטראָפן מיט גאָלד־שטיינען, האָט אויך געהאַט א גרויסן באַטייט פאר זיין עתיד, פאר זיין ווייטערדיגער קאריערע.

פאָרנדיג צוריק פון איטאַליע האָט זיך גאָלדשטיין אָפּגעשטעלט אין ווין אויף עטלאכע טעג, ווען ער דערהערט, אז עס האָט זיך אויסגעבויט דער נייער לעאָפּאָלדשטאָט טעמפּל, דערוועקן זיך אין אים די געפילן פון זיין יוגנט־ליבע און באַגייסטערונג פאר דער סי־נאַגאָגע, ער באַשליסט צו דאַוונען א שבת אויף פּראָבע. ער ווענדט זיך צום באַוואוסטן ראבינער דר. יעלינעק, וועלכער ווערט אַנטציקט פון גאָלדשטיינס וואונדערבארע שטימע, און פון זיין איינגעבוירע־נער אינטעליגענץ, ער רעקאָמענדירט אים פאר די פאָרשטייערס פון דער געמיינדע, וועלכע לאדן אים איין צו דאַוונען א שבת. גאָלד־שטיינס נאָמען ווערט דורך זיינע לאנדסלייט וואָס געדיינקען אים נאָך פון דער היים, אלס שמעלקע דעם חזנס יאסעלע, זייער פּאָפּו־לער געמאַכט און ווען ער דאַוונט שבת איז די שול איבערפולט פון טויזנטער מתפּללים וואָס זיינען געקומען פון אלע זייטן ווין, צו הערן דעם געניאלן חזן. גאָלדשטיין האָט געהאַט אזא גרויסן ביי־פאַל, אז שבת צו נאַכט איז צונויפגערופן געוואָרן א ספּעציעלע אסיפה, און ער איז אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיג, פאר אויבער־קאַנטאָר פון לעאָפּאָלדשטאָטער טעמפּל.

אזוי איז עס גאָלדשטיינען געלונגען, זייענדיג נאָך גאָר יונג, צו פארנעמען איינע פון די שענסטע חזנות שטעלעס, וואו ער האָט

אויך געהאַט פאַר זיך די מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זיינע אויסער־געוויינלאַכע פיאַיגקייטן, און מיט זיין וואונדערבאַרער טענאָר שטימע האָט ער יעדן פאַרכישופט אַזוי, אַז גאָר אין גיכן איז זיין נאָמען געוואָרן באַרימט פאַר איינעם פון די בעסטע חזנים פון זיין צייט.

גאָלדשטיין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דער־וועגט איינצופירן צוריק די אַזוי גערופענע אידיש־פּוילישע נגונים אין דער סינאַגאָגע, ניט קוקנדיג וואָס זולצערס השפעה האָט דאַמאָלס געווירקט פאַרן מאָדערניזם, ניט בלויז אין ווין אַליין, נאָר אויך אין גאַנץ מערב אייראָפּע, ער האָט געהאַט ביים המון אַ גרויסן נצחון איבערן זולצערן. און געלונגען איז עס אים נאָר אַ דאַנק זיין מעכטיגער, ברייטער און בויגזאַמער טענאָר שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט קענען אַרויסברענגען אַלע קונצן פון דער אַלט־אידישער חזנות.

זיין פרייע צייט האָט גאָלדשטיין אויסגענוצט מיט אומאויפהער־לאַכן שטודיום, צו זיין 60־טן לעבנס־יאָר, אין יאָר 1897 דערשיינט זיינס אַ ווערק אונטערן נאָמען „שירי ישורון״, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון אַלטע נוסחאות, גוט האַרמאָניזירט, די קאָמ־פּאָזיציעס פון וועלכע עס ווערן אויפגענומען ווי אַן אבן טוב, אין אַלע חזניש־מוזיקאַלישע קרייזן.

שבת, דעם 2־טן פעברואַר 1898, האָט די ווינער קולטוס גע־מיינדע געפייערט חזן גאָלדשטיינס 40 יעריגן אַמט יובילייאום. דער טעמפּל איז געווען דעקאָרירט מיט פרישע בלומען, און איז געווען פול געפּאַקט מיט אַ טויזנט קעפּיגן עולם מתפללים.

חזן גאָלדשטיין דאַוונט פאַרן עמוד מיטן כאָר, די באַגייסטע־רונג פון די דאַוונערס דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ביי הוצאת הספר, באַגריסט דער ראַבינער דר. שמידל, האַלטנדיג דעם ספר התורה אין דער האַנט, חזן גאָלדשטיינען צו זיין יובילייאום, אין נאָ־מען פון דער גאַנצער געמיינדע, מיט אַן אינהאַלטסרייכער רעדע, מאַכנדיג דערביי אַ פּאַראַלעל, צווישן די צוויי גרעסטע ווינער חזנים, זולצער און גאָלדשטיין, און פאַרענדיגט מיט פאָלגנדיגע ווערטער:

„דו, וואָס דו האָסט טויזנטער הערצער דערפרייט און האָסט מיט דיינע תפלות תמיד דערהויבן די מתפללים אין א הימלישער ספערע, דו, וועמעס באַצויבערנדיגע שטימע האָט ניט איינמאָל גע־מאַכט ציטערן און גלייכצייטיג פרייען דאָס האַרץ פון דיינע צו־הערערס, דו וועסט קיינמאָל ביי דער געמיינדע ניט פארגעסן ווערן און תמיד וועלן מיר געדיינקען דיינע אויפטועכצן אויפן געביט פונם אויפבליען דעם גאָטעסדינסט, און פון דערהויבן דעם אידישן גייסט".

— אין נאָמען פון דער גאנצער געמיינדע ווינטשט ער חזן גאָלד־שטיינען, ער זאָל זוכה זיין נאָך א סך יארן אָנצוהאַלטן זיין פלאַץ, צום גליק און כבוד פון דער גאנצער ווינער אידישער געמיינדע.

לײדער, איז אָבער דר. שמידלס וואונטש ניט מקוים גע־וואָרן, ווייל שבת, דעם 18-טן יוני 1899, איז גאָלדשטיינען, קומענ־דיג אהיים פון שול, פלוצלונג ניט גוט געוואָרן און ער איז אויפן אָרט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיג זיין באליבטע געמיינדע און זיינע טויזנטער פארערערס אין טיפן טרויער. ווין באווייינט נאָך ביז היינ־טיגן טאָג דעם פריצייטיגן טויט פונם באליבטן און הויכגעשעצטן שליח צבור.

מאיר וואדאק.

אין יאר 1902 איז אין ווין געשטאָרבן דער באוואוסטער חזן מאיר וואָדאַק, דער פארפאסער פון א וויכטיגן חזנישן ווערק אונטערן נאָמען „המנצח" (א זאמלונג פון פארשיידענע נוסחאות התפלה און אַנדערע וויכטיגע סינאַגאָגאַלע געזאנגען).

חזן וואָדאַק האָט זיין גאנץ לעבן מקריב געווען פאר דער ריינער קונסט, דער סטיל פון זיין שרייבן איז געווען א ספעציפיש־אידישער, האָט ער זיך אָבער, אין עטלאכע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, געהאַלטן נאָנט צום מאָדערניזם, און די חזנישע וועלט האָט אים

אַנערקענט פאר אַן ערנסטן פאכמאַן, פאר אַן אינטעליגענטן קולטור־טרעגער אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטורגיע, וועלכער האָט פאר די קומענדיגע דורות איבערגעלאָזן זיינע איבערלעבונגען, שאפונגען און איינדרוקן און האָט זיך דערוואָרבן גרויסע פארדינסטן אויפן געביט פון דער דערהאַלטונג פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע מאָטיוון.

ניט קוקנדיג אָבער אויף זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות, אויף זיין גלענצנדיגן געזאַנג טאַלאַנט, זיינע וואונדערלאַכע שטים־לאַכע באַגאַבונגען און אַנדערע קולטורעלע אייגנשאַפטן, איז עס אים, צוליב זיין עניוות און באַשיידנקייט, ניט געלונגען צו פארנעמען די ריכטיגע און, לויט זיינע פייאיגקייטן, פּאַסיגע חזנות שטעלע. האָט עס אים אָבער ניט געשטערט, צו געווינען דעם אמתן גרויסן נאָ־מען, אלס געבילדעטער חזן און מוזיקער, ער איז געווען זייער פּאָפּו־לער און באַליבט אויף אַלע זיינע שטעלעס, וועלכע ער האָט אין עטלאַכע חשובע קהלות פארנומען.

געבוירן אין יאָר 1838 אין דער שטאָט האַליטש, אין אונגאַרן. זעהן מיר אים שוין, אַלס אַ קינד פון 10 יאָר, פּאַרנעמענדיג דעם חזנות פּאָסטן אין דער שטאָטישער געמיינדע, ווען ער דערגרייכט זיין 15־טן לעבנס־יאַר קומט ער אָן פאר א חזן אין דער שטאָט גאַיאַ, אין מעהרען. — דאָ אַנטוויקלט ער זיינע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן, ער גרינדעט אויך אַ מענער געזאַנג־פאַריין און אָפּזייענדיג עטלאַכע יאָר, מיט גרויס כבוד, אויף דער דערמאָנטער שטעלע, ווערט ער אויפ־גענומען פאַר אַ חזן אין דער שטאָט געדינג, וואו ער אַנטוויקלט אַ ברייטע מוזיקאַלישע און אַלגעמיין-קולטורעלע טעטיגקייט, ער שרייבט דאָ אַ גרויסן טייל פון זיינע קאָמפּאָזיציעס און זיין נאָמען ווערט ווייט און ברייט איבער דער וועלט, באַרימט און אַנערקענט.

19 יאָר איז ער געשטאַנען מיט גרויס כבוד אויף זיין שטעלע אין געדינג, אָבער צוליב זיין שוואכן געזונט־צושטאַנד האָט ער גע־מוזט אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון זיין חזנישער טעטיגקייט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאר אים א שווערער קאַמף פארן עקזיסטענץ, ער פּאַרט

קיין ווין, וואו קאַלענ־חזנים דערהאַלטן אים ביים לעבן, העלפנדיג אים צו פאַרשפרייטן זיין חזנישן סידור, פון וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געצויגן זיין ביסל אָרימע חיונה.

ער איז געשטאָרבן אין ווין, אין גרוים נויט, אין יאָר 1902, אין עלטער פון 64 יאָר.

הענאך (היינריך) בערגגרין.

היינריך בערגגרין, דער באַרימטער חזן פון האַנאָווער (דייטשלאַנד), איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1838 אין וואַרשע, וואו זיין פאָטער איז געווען אַ באַוואוסטער בעל-תפלה.

אין זיין פריסטער יוגנט ווייזט בערגגרין שוין אַרוים גרוים חשק צו מוזיק. ער זינגט אַלס אַ 8 יאָריגער אינגל ביי זיין פאָטער אין כאָר, לערנט מיט גרויס התמדה שפּילן אויפן פידל, צו וואָס ער ווייזט אויך אַרוים באַזונדערס גרויסע פעאיגקייטן, און, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס זיינע עלטערן שטרעבן אים צו געבן אַ תלמודישע אויסבילדונג, ציט אים דאָך צו מוזיק און געזאַנג, אַזוי אַז צו 13 יאָר דאַוונט ער שוין אין פאַרשיידענע שולן אין וואַרשע און אומגעגנט מיט זיין פאָטערס משוררים און געווינט אַלגעמיינעם ביי־פאַל ביי אַלע זיינע צוהערער.

ווען דער באַרימטער פידל־ווירטואָז וויעטאַן האָט אים געהערט שפּילן, איז ער אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז ער האָט באַשלאָסן אים צו לערנען אומזיסט. בערגגרין האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריט אין פידל־שפּילן, און ער איז אויפגעטראָטן אויף קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, איז ער איינגעלאַדן גע־וואָרן פאַר אַ מוזיק-לערער אינם ווילנער רבנים־סעמינאַר. ער פירט איין אין דער דאָרטיגער שול אַ געדעגלטן גאָטעס־דינסט און ווערט דער ליבלינג פון ווילנע. פאַרבלייבט ער אָבער דאָ ניט לאַנג און פאָרט קיין וואַרשע, וואוהין ער איז אַרויסגערופן געוואָרן צום דאָרטיגן גרויסן

טאַטער און אָנגענומען די שטעלע פֿון אַ ערשטן פֿידלער אין אָרקעס־
טער. ער זינגט אויך אינם כאָר פֿון דער דאָרטיגער דײַטשער שול
און אַלע באַוואונדערן זײַן ריזיגע באַס־שטימע, ווען דער קאַפּעל־
מײַסטער פֿון דער וואַרשעווער אָפּערע, דער איטאַליענער קוואַרטיני
דערהערט אים אַמאָל זינגענדיג, ווערט ער אַזוי אַנטציקט, אַז ער
נעמט אים מיט, אויף זײַנע הוצאות, קיין מײַלאַנד (איטאַליע), וואו
ער ווערט נאָך אַ צוויי יאָריגן שטודיום אַנגאַזשירט אַלס אָפּערן־
אַרטיסט אינם מײַלאַנדער באַרימטן „לאַ סקאַלאַ", — זאָגט ער זיך
אָבער אָפּ פֿון דער דאָזיגער קינסטלערישער קאַריערע, ניט וועלנדיג
מצער זײַן זײַנע פֿרומע עלטערן, בײַ וועלכע זײַן דאָזיגער שריט
וואָלט הייסן ערגער, ווי ער וואָלט געשטאָרבן, און ער באַשליסט
צו ווערן אַ חזן.

ער פֿאָרט דאַמאָלס קיין אָדעס און קומט אָן פֿאַר אַ דיריזשאָר
און באַס־זינגער צום באַוואוסטן חזן פּיצי אַבראַס, בײַ וועמען ער
דערלערנט אויך גרונטיג דעם חזנות-פֿאַך. ער פֿאָרט דערנאָך קיין
ווין, וואו זולצער אַליין לערנט מיט אים אַלע כללים פֿון דער מאָדער־
נער חזנות, און אין יאָר 1864 קומט ער אָן פֿאַר אַ חזן אין פּויזן,
וואו ער פֿאַרבלײַבט 2 יאָר, נאָכדעם קומט ער אָן פֿאַר חזן אין טעפּ־
ליץ. ער פֿאַרבלײַבט דאָרט ביזן יאָר 1870, ווען ער ווערט אַרויסגע־
רופֿן אין דער גרויסער געמיינדע סינאַגאָגע אין האַנאָווער. דאָ האָט
בערגגרין געפֿונען פֿאַר זיך אַ ברייטע אַרבעטס־פֿעלד און ער האָט
אײַנגעפֿירט אַ שיינעם , מאָדערנעם גאָטעסדינסט און זײַן נאָמען
ווערט אַלזײַטיג באַרימט און באַליבט.

ער האָט געשריבן אַ רײ קאָמפּאָזיציעס, פֿון וועלכע ס'זײַנען
באַזונדערס באַקאַנט זײַן „טל" און זײַן „יהי רצון", אויך זײַן
„מעוז צור ישועתי". חזן בערגגרין פֿאַרנעמט אויך צו יענער צײַט אַ
שטעלע פֿון אַ מוזיק און געזאַנג-לערער, און צענדליגער באַרימטע
דײַטשע חזנים און לערערס האָבן אים צו פֿאַרדאַנקען זייער קאַריע־
רע און אויסבילדונג.

דעם 23־טן דעצעמבער, 1889, איז חזן בערגגרין פּלוצלונג

געשטאָרבן אין זיינע בעסטע, בליענדיגסטע יארן, און איז באוויינט געוואָרן פון זיין געמיינדע און פון זיינע סך פריינט און צאָלרייכע תלמידים.

יצחק לאכמאן.

יצחק לאכמאן איז געבוירן געוואָרן דעם 13=טן מאי 1838 אין דובנא, וואָלין. זיין פאָטער איז געווען א גרויסער תלמודיסט און האָט אויך זיין זון דערצויגן אינם זעלביגן גייסט. זיינען אָבער לאכ-מאַנס עלטערן פרי אָפגעשטארבן און זיינער א פעטער נעמט אים אויף צו דערציען. לאכמאַן איז דאַמאָלס עלף יאר אלט געווען. חוץ אידישע למודים, איז ער אויך געווען באגאבט מיט אַ וואונדערבארער קלאנגפולער סאָפּראן שטימעלע. ווען דער בארימטער חזן זלמן או=מאַניער האָט אים געהערט זינגען, אויף זיין דורכפאָר אין דובנא, האָט ער אים גענומען פאר א משורר אין זיין כאָר, לאכמאַן האָט פארבישופט אלע זיינע הערערס מיט זיינע סאָלאָס און מיטן נאַטיר=לאכן קינסטלערישן פאָרטראג. ער קומט דערנאָך אָן פאר א משורר צום בארימטן פיצי אַבראס, מיט וועלכן ער מאַכט פארשיידענע קונסט=נסיעות איבער רוסלאנד און פוילן און זינגט דערנאָך א גע-וויסע צייט ביי בצלאל אָדעסער.

לאכמאן לערנט ביי די דערמאָנטע חזנישע גדולים די קונסט פון אלט=אידישער חזנות און ניצט תמיד אוים זיין פרייע צייט אויף לערנען, אזוי ארום דערווערבט ער זיך גרויסע ידיעות אין דער העבריי=אישער שפראך, אין מוזיק און געזאַנג און ווערט דורכדעם אן אָנגע=זעענער מיטגליד אין דער העברעער אינטעלעקטועלער אידישער גע-זעלשאפט. לאכמאן באטראכט אָבער דאָס זינגען אין כאָר פאר א צייטווייליגע זאך. ער שטרעבט צו דערגרייכן זיין ציל, צו ווערן א שליח צבור, צום דאָזיגן צוועק פאָרט ער קיין דייטשלאנד וואו ער דאָפט צו באקומען א העברעע מוזיקאלישע און אלגעמיין קולטורע=

לע אויסבילדונג, וואָס ס׳געלינגט אים אויפן בעסטן אופן. ער קומט שפּעטער אָן פאר חזן אין דער שטאָט בערנט, וואו ער האָט חתונה און א דאַנק זיין שיינער אויפפירונג, זיין פּרעכטיגער ברייטער באַריטאָן שטימע און שיינעם פּארטראג ווערט זיין נאָמען, אין גאָר אַ קורצער צייט, באריממ אין דער גאנצער אומגעגנט און ער ווערט אויפגענומען פאר חזן אין סטאָלפּ וואו ער אַנטוויקלט א גרויסע מוזיקאַלישע און געזעלשאפטלאכע טעטיגקייט. ער לערנט אויך גרונטיג די דייטשע שפּראך און איר ליטעראטור. אָפּזייענדיג 4 יאר אין סטאָלפּ, וואו ער האָט געוואונען די ליבע, אכטונג און אַנערקענונג פון דער גאנצער געמיינדע, קומט ער אָן אלס חזן אין לויענבערג וואו ער פארבלייבט ביזן יאר 1873, ווען ער נעמט אָן די חזנות שטעלע אין הירבען, איינע פון די גרעסטע שטעט אין בייערן, וואו ער ווערט באַלד באליבט ביי דער גאנצער באפעלקערונג און פארבלייבט דאָרט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ער דערווערבט זיך דאָ ברייטע ידיעות אויף אלע געביטן פון מוזיק און קולטור, און שרייבט א ריי וויסנשאפטלאכע ארטיקלען אינם „אידישן קאַנטאָר" און אין דער „עסטרייכיש אונגארישער קאַנטאָרען צייטונג", וועלכע רופן ארויס מיט זייער אינהאַלט און פאָרם גרוים אויפזען.

לאכמאן האָט תמיד געזוכט צו שאַפן א באזיס פאר די ספּעציפיש אידישע געזאנגען, דערקלערנדיג, אין זיינע צאָלרייכע ארטיקלען די פארשיידענע פאָרמען און נוסחאות אין זייער אָפּשטאַמונג. ער פארעפנטלאכט אויך א חזנישן סידור אונטערן נאָמען „עבודת ישראל", וועלכער ווערט אויפגענומען מיט גרוים פרייד אין אלע מוזיקאַלישע קרייזן. ער איז געוואָרן דערמיט זייער פּאָפּולער אין דער חזנים וועלט.

צו זיין 25 יאריגן יובילייאום, וועלכער איז פארגעקומען דעם 6-טן אפּריל 1898, איז אָנגעקומען א גרויסע צאָל באגריסונגען פון דער גאנצער וועלט. ס׳זיינען אויך דערשינען גרויסע לויב-אַרטיקלען אין אלע צייטונגען איבער לאכמאַנס פרוכטבאַרער טעטיגקייט און

איבער זיינע גרויסע פארדינסטן אויף אלע געביטן פון אידישער קולטור, די קריטיק רופט אים אָן מיטן נאָמען... „דער גאנצער מענטש, אינם פולן זינען פון איידעלסטער באדייטונג". זיי רימען זיינע גרויסע העברייאישע, מוזיקאלישע און אלגעמיינע ידיעות.

זיינע פארשיידענע שאפונגען אויפן געביט פונם אלטן און מאָדערנעם סינאַגאָגאלן געזאנג קענען מיט רעכט פאררעכנט ווערן צו א קאטעגאָריע פון גרויסע לייסטונגען און גרויסן קענען, זיי זיינען געשריבן פון דער האנט פון א פאכמאַן. איז אָבער לאכמאַנען ניט באשערט געווען צו שניידן מיט פרייד, אויף די עלטערע יארן, דאָס, וואָס ער האָט פארזייט מיט טרערן אין דער יוגנט, דער גרויזאמער טויט, וועלכער איז געקומען פלוצלונג דעם 15-טן מאי 1900 האָט אין דעם געהאַט א האַנט... ער ווערט געבראכט צו קבורה באוויינט און באדויערט פון דער גאנצער געמיינדע, פון אלע זיינע פריינט און פארערערס און פון אלע קאָלעגן חזנים.

ר' יוסף (יאָשע סלאָנימער) אלטשולער.

יאשע סלאָנימער איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1839 אין ווילנא, זיין פאָטער איז געווען א פרוש אין ר' אהרן זעליג לוניטשערס קלויז. ער האָט געוואָלט זיין געראטענעם יאסעלען דערציען אינם טעאָלאָגישן גייסט מיט דער האָפנונג אים צו מאַכן פאר א רב. ציט עס יאסעלען אָבער פון זיין פריסטער קינדהייט צו נגינה, ער פארלאָזט דערפאר ווילנא און קומט אָן אין דער שטעטל פיקעלן אין קורלאנד צו זיין מוטערס א קרוב. ער לערנט דאָרט א צייט תלמוד און תנ"ך אין בית המדרש, זינגט ביים דאָרטיגן באריסטן חזן „ר' שלמה דער קלוגער" אין כאָר, דאווענט אָפט פארן עמוד און רופט ארוים אלגעמיינעם בייפאל מיט זיין אויסערגעוויינלאכער זיסער סאָפראַן שטימעלע. ער דערלערנט שחיטה, האָט דערנאָך חתונה

פאר ר' שלמהס א מאַכטער און ווערט חזן־שוחט אין א נאָנטער שטעטל, וואו ער פארבלייבט אָבער ניט לאנג, ניט קענענדיג סובל זיין דאָס קליינשטעטלדיגע לעבן, ער פארט אַוועק קיין בערדיטשעוו צום בארימטן חזן ירוחם הקטן, וועלכער נעמט אים אויף אין זיין גרויסן כאָר און זאָגט אויף יאָשען נביאות, אז ער וועט נאָך אמאָל ממלא מקומו זיין.

יאָשע לערנט מיט גרויס התמדה מוזיק און אינטערעסירט זיך גאָר באזונדערס מיט ירוחמס אַרט חזנות, וועלכע ער באמיט זיך צו נאָכ־קאָפּירן, אָנגעזאפּט מיט אַ רייכער אַרט חזנות און נגינה קומט ער אָן פאר אַ חזן קיין זשאַגער, ער פארבלייבט דאָ עטלאכע יאר און קומט דערנאָך אָן אַלס שטאָט־חזן אין סלאָנים. דאָ האָט יאָשע א געלעגנהייט זיך וואָס ווייטער אינם חזנות פאך צו אַנטוויקלען, זיין נאָמען ווערט באלד בארימט אין דער גאנצער אומגעגנט, פון אלע זייטן פון ליטע און פוילן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען צו אים תּלמידים, וועלכע פאר־נעמען שפּעטער די גרעסטע חזנים שטעלעס אין גאר דער וועלט.

יאשע איז געווען זייער באליבט אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט צוליב זיין גרויסער בקיאות אין ש"ס און פוסקים. ער האָט געקענט, כמעט, גאַנץ משניות אויסווייניג, פלעגט זיצן ימים ולילות על התורה ועל העבודה. אַלס חזן האָט ער פארנומען גאָר א באזונדער אָרט. ער איז געווען אייגנאַרטיג אין זיין דאַווענען און פלעגט תּמיד שטרעבן, באזונדערס אין זיינע צאָלרייכע קאָמפּאָזיציעס, צו זיין אָריגינעל, ביי און אויף דער העכסטער מדרגה פון קונסט. דער סלאָנימער רב, הרה"ג ר' אייזיקל חריף ז"ל, האָט אים זייער ליב גע־האָט, און האָט געזאָגט אויף אים, אז ניט נאָר איז ער א שליח צבור הגון, נאָר מיט זיין פּרומקייט און זיינע גרויסע תּלמודישע ידיעות, האָט ער אויך געקענט זיין א רב.

18 יאר איז יאשע מיט גרויס כבוד אָפּגעשטאַנען אין סלאָנים און איז געווען באליבט ביי אלע שיכטן פון דער אידישער, און אויך ניט אידישער, באפעלקערונג, און קומט אָן אין יאר 1888 אלס חזן אין גראדנא. ס'איז כדאי דאָ צו באַמערקן א זעלטענעם פאל, וואָס

וועט אין א געוויסער מאָס, כאַראַקטעריזירן די באַציאונג פון די גבאים צום בית מקדש מעט, ביי יענער צייט.

געווען איז דאָס אַזוי: חוץ יאשען איז אויף דער גראָדנער חזנות געווען נאָך א קאַנדידאַט, נאָך גאָר א יונגערמאַן, וועלכער איז געווען פאַר יאשען א שטאַרקער קאָנקורענט, דאָס איז דער פאָטער פונעם שרייבער פון די שורות, דער באַרימטער חזן הר״ר נח לידער, (איצט שטאָט חזן אין קאַליש, פוילן), וועלכער האָט מיט זיין פּראַבע דאַוונען געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגן רושם, אַז דער עולם האָט זיך פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, און גענומען שטורמיש אַפּלאָדירן נאָכן שמע ישראל פון דער צווייטער קדושה. ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס ר׳ נח לידער האָט מער בייפאַל געהאַט, איז, צוליבן פאַמשן בראַוואָ אין שול פאַרוואָס די גבאים האָבן זיך איבערגעשראָקן, מורא האָבנדיג ס׳זאָל זיך ניט איבערחזרן, יאשע פאַרבליבן גראָדנער שטאָט-חזן.

יאשע האָט אָנגעהאַלטן די חזנות אין גראָדנא מיט גרויס כבוד און נאָך 20 יאָריגער איבערגעגעבענער טעטיגקייט איז ער דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1908 אין עלטער פון 69 יאָר.

זיין זון אהרן אַלטשולער איז א באַרימטער חזן און מוזיקער, און זיינע איידימס זיינען: דער עלטערער; שמואל יוסף קאַנטאָר, געוועזענער חזן־שוחט אין פאַרשיידענע אידישע שטעטלאך אין רוסלאַנד, ווי: סוויסלאָטש, דערעטשין, קאַלוואַריע און נאָך אַנדערע, געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. זיין צווייטער איידים איז דער באַוואוסטער חזן שלמה חיים רעזניק, (א זון פונם באַוואוסטן גאון און ראש ישיבה פון סלאָנים און סובאַלק הר״ר צבי הירש רעזניק זצ״ל, באַקאַנט אונטערן נאָמען „ר׳ הירשל מייטשעטער״) האָט געלערנט אין סלאָנימער און אַנדערע ישיבות, געזונגען ביי יאשען און דערנאָך חתונה געהאַט מיט זיינער א טאָכטער. געווען 9 יאָר חזן-שוחט אין זשעלודאָק, און דערנאָך אין גראַיעווע ביזן אָנהויב פון דער מלחמה, ווען ער האָט פאַרלאָזן פוילן און אָנגעקומען אַלס חזן אין וולאַדימיר, אין רוסלאַנד. פון דאָרט איז ער געקומען קיין אַמעריקע, צו זיין

ברודער, דעם באוואוסטן רב הרה"ג ר' מנחם מענדל רעזניקאָוו, און געפינט זיך איצט אין ניו יארק מיט זיין פאמיליע.

שלמה פאפּפּער.

שלמה פאפּפּער איז געבוירן געוואָרן דעם 19-טן יולי 1839, אין דער שטאָט יוטשאפּ, אין בעהמען. זיינע עלטערן זיינען געוועזן חשובע סוחרים, און האָבן זייער שלמהלען אויך געוואָלט מאַכן פאר א סוחר, האָט ער זיך אָבער ארויסגעוויזן פאר ניט פּייאיג צו מסחר, און האָט אויסגעקליבן פאר זיין קאַריערע דעם לערער-פאך. ער פארט מיטן דאָזיגן צוועק צו זיינעם א ברודער, א חזן אין פּיסעק, און קומט אָן פאר א שילער אין דער אָרטיגער רעאל-שולע, פארענדיגנ-דיג דאָרט זיינע למודים מיט דערפאָלג, פאָרט ער קיין פראג, צו פארפולקאָמען זיך אויפן פעדאַגאָגישן געביט. ער קומט דערנאָך אָן פאר א לערער אין דער שטאָט בודוויז, פארבלייבט אָבער ניט לאנג אויף דער שטעלע, מחמת ס'האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט א גרויסע באַריטאָן שטימע, באַשליסט ער זיך אויסצובילדן פאר א חזן. צו דער דאָזיגער אונטערנעמונג שטיצט אים אויך זיינער אן עלטערער ברודער, וועלכער איז געוועזן חזן אין דער שטאָט קוטענ-פּלאן. ער נעמט שלמהן אריין אין זיין כאָר און לערנט מיט אים נאָטן, אויך חזנות, שטודירט מיט אים איין א גוטן רעפּערטואר און רעקאָמענדירט אים אַלס חזן אין דער שטאָט טאכוי, וואו ער ווערט אויך רעליגיע-לערער, און איז צוליב זיינע געוויסנהאַפטע און גוטע לייסטונגען און אויך צוליב זיין ערנסטע באציאונג צו זיין אַמט, זייער באַליבט ביי דער גאנצער געמיינדע.

אָפּזייענדיג 3 יאר אין טאַכוי, ציט עס אים אין דער גרויסער וועלט, וואו ער וויל באַרייכערן זיינע מוזיקאַלישע נייגונגען און דער-לערנען די העברייאישע שפּראך. ער פארט קיין מינכען, וואו ער קומט אָן פאר א תּלמיד צום באַרימטן חזן לעווענשטאַם, און לערנט

שטימע־בילדונג און מוזיק טעאָריע ביי אַנדערע באַריממע מוזיקער. ער ווערט אויך, א דאַנק זיין נאַטירלאכער געבוירענער אינטעליגענץ און זיין פיינעם באַנעמען, א גערן געזעענער מיטגליד אין די באַ־רימטסטע קולטורעלע קרייזן.

ער דאַווגט אויך אָפט מיט לעווענשטאמס כאָר, און אלע ווערן באגייסטערט פון זיין וואונדערלאכער און גוט־געשולטער באַריטאָן שטימע. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען 3 יאר אין מינכען, וואו ער האָט זיך דערוואָרבן גרויסע ידיעות אויף אַלע קולטורעלע געביטן, קומט ער אָן, מיט די בעסטע רעקאָמענדאַציעס: פונם מינכענער ראבינער דר. אויב, פון אויבערקאַנטאָר לעווענשטאַם און פונם פאָר־שטאַנד פון דער מינכענער קולטוס געמיינדע, דעם 15־טן יוני, 1865, פאר אויבערקאַנטאָר אין דער שטאָט אפענבאַך, וואו ער אַנטוויקלט אברייט-קולטורעלע טעטיגקייט, מיט וואָס ער געווינט אויך די ליבע און הויכשעצונג פון דער גאנצער געמיינדע.

נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעשטאַנען 4 יאר אין אָפענבאַך, קומט ער אָן אין יוני 1869 פאר אויבערקאַנטאָר אין פראנקפורט־מיין אין דער וועסט־ענד סינאַגאָגע, מיט 2 יאר שפּעטער, אין יאר 1871, ווערט ער אויפגענומען פאר אויבערקאַנטאָר אין דער הויפּט סינאַ־גאָגע פון דער פראנקפורטער איזראעליטישער געמיינדע, וואו ס'עפנט זיך פאר אים א ברייטע ארבעט-פעלד. ער זוכט מיט אַלע מעגלאכ־קייטן אויסצופיינערן, אויסצובעסערן דעם גאָטעס־דינסט, ווערט א דאַנק זיין שיינער שטימע און געפילפולן פארטראג, באַליבט ביי דער גאנצער געמיינדע און געווינט אלזייטיגע אַנערקענונג.

פאַפּער איז אויך געווען א מיטגליד פונם פראנקפורטער אָראטאָריע־געזאנג־פאריין. ער טרעט אָפט ארויס אלס סאָליסט אויף עפנטלאכע קאָנצערטן, די מוזיקאַלישע קריטיק קען זיך גאָרניט גע־נוג אָפּלויבן פון זיינע גרויסע מוזיקאלישע פייאיגקייטן, פון זיין סימ־פּאַטישער און בויגיגער באריטאָן שטימע און פון זיין איידעלן און מתיקותדיגן פארטראג.

חוץ זיין געוואלדיגע איבערגעבנקייט צום פאך, האָט זיך פאַפּ־

פער באזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין שטענדיגער גרייטקייט צו העלפן און שטיצן אלע די, וואָס האָבן זיך אין דעם גענויטיגט. א ברידערלאַכע אויפנאָם פלעגט יעדער נויט־באדערפטיגער געפינען אין זיין הויז. ער פלעגט אויך מיטהעלפן אין דער ארבעט פארן חזנים־פארבאנד, אין וואס ער האָט תמיד גענומען אן אקטיוון אָנ־טייל, איז געווען באליבט, ניט בלויז אין פראנקפורט, נאָר אויך ביי אלעמען ווער ס׳האָט אים נאָר געקענט חוץ פראנקפורט.

ליידער איז ער נאָך א קורצער אָבער זייער שווערער, קראנק־הייט אין זיינע בעסטע בליענדיגסטע יארן אָפּגעשטארבן, דעם 27־טן דעצעמבער 1889, איבערלאָזנדיג אין טיפן טרויער, חוץ זיין אַלמנה און איינציגן זון, אויך די גאנצע אידישע באפעלקערונג פון פראנק־פורט־מיין.

יהושע׳קע פיינזינגער.

יהושעקע פיינזינגער איז געווען פאררעכנט אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט פאַר איינעם פון די אויפגייענדיגע שטערנס אין דער חזנים וועלט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1839, אין פּלונ־גיאן ביי זיין פאָטער, דעם באַרימטן חזן אליעזר פיינזינגער, וועלכער האָט אים דערצויגן אין שטרייגג אָרטאָדאָקסישן גייסט. ווען ר׳ אליעזר האָט באַמערקט זיין זונס גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק, האָט ער מיט אים געלערנט נאָטן און די נויטיגסטע כללים פון דער מוזיק טעאָריע און אים ארייגגענומען פאַר א זינגערל אין זיין כאָר. דאָ האָט יהושעקע געהאַט די געלעגנהייט צו דערלערנען די אַלטע טראַדיציאָ־נעלע נגונים, וועלכע האָבן אַרייגגעדרונגען טיף אין זיין יונגער נשמהלע.

ביי יענער צייט פלעגן די חזנים דערלויבן זייערע טאַלאַנטירטע משוררים צו אימפּראָוויזירן, ביים דאַווגען, זייערע אייגענע פאַנטאַ־זיעס און געדאַנקען, וועלכע האָבן געדינט פאַר אן אינטראָדוקציע

צו פאַרשיידענע תפלות און געזאַנגען. און ווען ס'איז יהושעקען איינ־מאָל געגעבן געוואָרן אזא מין אויפגאבע, האָט ער עס אויסגעצייכנט דורכגעפירט.

אין יאר 1858 קומט ער אָן פאר א חזן אין לענטשיץ, פוילן, וואו ער פאַרבלייבט 2 יאָר און קומט דערנאָך אָן קיין קאלא, (ביידע קאַלישער גובערניע), וואו ער פאַרבלייבט אָבער ניט לאַנג, ער קומט אָן פאר שטאָט־חזן אין וולאָצלאַוועק וואו זיין נאָמען ווערט באַרימט ניט בלויז אין גאַנץ פוילן, נאָר אויך כמעט אין דער גאַנצער וועלט. ער שרייבט אָן א ריי קאָמפּאָזיציעס פון וועלכע ס'צייכנען זיך גאָר באַזונדערס אויס זיינע שבתדיגע ספירה יוצרות (צווישן פסח און שבועות) מיט וועלכע ער האָט געוואונען דעם גרעסטן בייפאַל. אין יאָר 1868 ווערט ער ארויסגערופן קיין ווילנע צו פארנעמען די דאָר־טיגע חזנות-שטעלע אין שטאָט־שול אַלס ממלא מקומו פונם באַ־רימטן חזן חיים וואסערצוג (חיים לאָמזער), וועלכער איז דאַמאָלס אַוועק, אַלס חזן קיין לאָנדאָן.

אין זיין וואונדערבאַרער פענאָמענאַלער טענאָר שטימע און באַזונדערס אין זיין פערלדיגער קאָלאָראַטור און איינאַרטיגן קינסט־לערישן פאָרטראג איז געלעגן א מין מוזיקאַלישע פארכישופונג. די הערערס פלעגן ווערן פאַרגאַפט ווי אונטערן איינדרוק פון אַ הימ־לישער נביאות און ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס ער איז געווען דער ליבלינג פון ווילנע און איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אין דער דאַמאָלסדיגער חזנות וועלט.

ליידער איז אָבער דער דאָזיגער חזנישער שטערן גאָר גיך אויסגעלאָשן געוואָרן. פיינזינגער איז נאָך אַ קורצער אָבער שווערער קראנקהייט געשטאָרבן אינם אידישן שפּיטאָל אין בערלין, דעם 19-טן מאַי, 1872, און געפונען דאָרט זיין אייביגע רו אויפן אידישן בית־עולם אין דער שיינהויזער אַלייע.

ארנאָלד מאַרקסאָן.

אַרנאָלד מאַרקסאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 10־טן פעברואַר, 1839 אין סובאַלק.

ער האָט שוין אַלס קינד ארויסגעוויזן גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק און געזאַנג. און קומט אָן פאַר אַ זינגערל צום סובאַלקער חזן, דעם באַרימטן ישראלקע יפה, און פאָרט שפּעטער קיין ווילנע צו וואַסערצוגן, ביי וועמען ער האָט די מעגלאַכקייט געהאַט צו דער־לערנען דעם חזנות פאַך. ער פאַרבלייבט ביי וואַסערצוגן ביזן יאָר 1862, ווען זיין גרויסער חשק צו ווייטערדיגער בילדונג ברייִנגט אים קיין בערלין. דאָ באַקומט ער אַ העכערע אויסבילדונג אין מוזיקאַלישע און אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. ער לערנט אויך שטימע־בילדונג ביים באַוואוסטן געזאַנג פּראָפעסאָר מאַטיום און מיט זיין פענאָמענאַלער טענאָר שטימע רופט ער ביי אַלעמען ארויס פאַרוואונדערונג. ס'איז אים פאָרגעלייגט געוואָרן אַ שטעלע אין דער אָפּערע, האָט זיך אָבער מאַרקסאָן קאַטעגאָריש דערפון אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיג, אַז זיין שטימע און קונסט וויל ער נאָר אָפּגעבן צו גאָט און זיין פאָלק. ער קומט אָן פאר א חזן אין דער שול „שוחרי הטוב“, וואו ער פאַר־בלייבט 8 יאר, קומט אָן דעם 1־טן אַפּריל 1870 פאר חזן אין דער סינאַגאָגע היידערייטער גאַס, וואו ער אמטירט צוזאמען מיטן באַ־רימטן חזן ליכטענשטיין. ווי ליכטענשטיין אזוי איז אויך מאַרקסאָן, זייער באַליבט געווען ביי דער געמיינדע. דער לעצטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סימפּאַטישער שטימע, מיט זיינע רייכע פאַנטאַזיעס און מיט זיין אייגנאַרטיגן געפילפולן ארט דאַווענען.

אין יאר 1872 פאָרט מאַרקסאָן ספּעציעל אויף עטלאַכע וואָכן צו זולצערן קיין ווין, צוריקקומענדיג קיין בערלין, באַמיט ער זיך איינצופירן דעם גאָטעסדינסט לויט זולצערס מאָדעל, וואָס ס'געלינגט אים אויך אין אַ געוויסער מאָס.

מאַרקסאָן האָט זיך אויך באַמיט אָוועקצושטעלן די ליטורגיע אויף אַ הויכער וויסנשאַפטלאַכער מדרגה, א גרויסע הילף באַקומט ער

פונם באַרימטן געלערנטן מוזיקער, פּראָפעסאָר וויליאם וואָלף, וועל־כער פאַרעפנטלאַכט א ווערק אונטען נאָמען: „די אויסוואל אלטער העברייאישער סינאַגאָגען־מעלאָדיען פיר דאס פּיאַנאָפאָרטע", דאָס דאָזיגע ווערק, וועלכע רופט ארויס באוואונדערונג מצד דער קריטיק און ווערט אויפגענומען פון אלע מוזיק־ליבהאָבער מיט גרויס ענ־טוזיאזם, דינט אים פאר א מאַטעריאל צו זיינע מוזיקאלישע ארבעטן און פאַרשונגען.

דער 25־יאריגער יובילייאום פון מאַרקסאָנס אמטירונג אלס חזן איז פון זיין געמיינדע געפייערט געוואָרן דעם 1־טן אפריל 1895 מיט גרויס גלאַנץ און פּראַכט. ס'זיינען אויך אָנגעקומען א סך באַ־גריסונגען פון גאַנץ דייטשלאַנד און ער באַקומט צאָלרייכע מתנות פונם פאָרשטאַנד און מיטגלידער פון זיין סינאַגאָגע.

מארקסאָן האָט נאָכן דאָזיגן יובילייאום געלעבט איינגאנצן נאָך 5 יאר און שטאַרבט דעם 20־טן אָקטאָבער 1900. אין זיין לויה האָבן זיך באַטייליגט אלע בערלינער חזנים, דער פאָרשטאַנד און כמעט אלע מיטגלידער פון זיין סינאַגאָגע און פּראָפעסאָר מייבום האָט אים מספּיד געווען.

אברהם (אדאלף) בעהר.

דער באַרימטער חזן פון דער פּאַריזער סינאַגאָגע „רי דע לא וויקטואר", אַדאָלף בעהר, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין א דאָרף נעבן וואַרנא, קאָוונער געגנט, אין יאר 1840, האָט ביז צו זיין 22־טן יאר גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן מוזיק אָדער געזאַנג. זיינע על־טערן זיינען געווען זייער אָרים, אזוי, אז ס'האָט פּשוט אָפט אויס־געפעלט אין הויז דער טרוקענער שטיקל ברויט. אברהם איז תמיד געזעסן אין בית המדרש און געלערנט מיט גרויס התמדה, ער האָט זיך דערוואָרבן גרויסע ידיעות אין ש"ס און פּוסקים, לומדים האָבן אויף אים נביאות געזאָגט, אז ער וואקסט א גדול בישראל, זיין

וועלטלאַכע אויסבילדונג האָט ער באַקומען דורכדעם, וואָס ער פּלעגט, באַהאַלטענערהייד, קומענדיג פון בית המדרש אַהיים, לייענען די אַזוי גערופענע ספרים חצונים ווי: מאַפּו, גאָרדאָן, לעווינסאָן און נאָך אַנדערע. (זאַכן וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר אפּיקורסות).

דער צופאַל האָט אָבער אַזוי געוואָלט, אַז אַ געוויסער חזן, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן דעם דאָרף, האָט דערהערט בעהרן לערנענדיג אין בית המדרש אויפן קול און האָט באַוואונדערט דעם קרעפּטיגן טעמבער פון זיין שטימע. ער האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט און איז אין אָוונט, נאָכן לערנען, געקומען צו בעהרן אַהיים, צו פאַרהערן זיין שטימע, ער איז נתפּעל געוואָרן פון דער שטימע און פון בעהרם מוזיקאַלישן געהער. ער רעדט אים צו, אַז ער זאָל זיין טאַלאַנט, כל זמן ס'איז ניט שפּעט, ניט פאַרנאַכלעסיגן און ער עצהט אים, אַז ער זאָל אוועקפאָרן צו אַ חזן אין אַ גרעסערע שטאָט און זאָל אָנקומען פאַר אַ משורר, לערנען נאָטן און לאָזן אויסבילדן זיין שטימע. אונזער אַברהמען איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן, בפרט נאָך, אַז דער אָרטיגער חזן, הערצע, ביי וועלכן אַברהם פּלעגט זיין אַ יוצא ונכנס, האָט אים שוין פון לאַנג דאָס זעלבע געעצהט, און ניט לאַנג קלערנדיג, לאָזט זיך אַברהם אוועק קיין ווילנא, צום באַרימטן חזן וואַסערצוג, און קומט אָן צו אים פאַר אַ משורר. ער לערנט אויך ביי וואַסערצוגן נאָטן און מאַכט גרויסע פאַרשריט. ער דערלערנט אויך גרונטיג דעם חזנות פאַך, שטימע-בילדונג, מוזיקטעאָריע און לערנט אויך שפּראַכן. ער פאָרט דערנאָך קיין וואַרשע צום באַרימטן חזן ווייס, וועלכער נעמט אים אויף אין זיין כאָר ווי אַ אַבן טוב און לערנט מיט אים די מאָדערנע חזנות. צו דערזעלבער צייט נעמט בעהר לעקציעס אין שטימע-בילדונג און ווערט, מיט זיין שיין זינגען, פון אַלעמען באַוואונדערט. ווען עס ווערט פריי די חזנות-שטעלע אין דער גרויסער סינאַגאָגע „רי דע לאַ וויקטואַר" אין פּאַריז, ווערט אַראָלף בעהר, נאָך אַן אָפּגעהאַלטענער זייער געלונגענער פּראָבע, אויפגענומען פאַר אויבערקאַנטאָר, און האַלט דעם אַמט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן מיט גרויס כבוד, אַכטונג

און מיט א גרויסן נאָמען אין דער גאנצער חזנישער וועלט. — געשטאָרבן איז ער אין יאר 1913.

מרדכי (מארקוס) האסט.

מאַרקוס האַסט, דער באַרימטער אויבערקאַנטאָר פון דער לאָנדאָנער „גרעיט סינאַגאָג”, איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן יאנואר 1841, אין פּראגא, נעבן ווארשא. זיינע עלטערן זיינען געווען פארמעגלאך און האָבן אים געגעבן א גוטע דערציאונג אין תּלמוד, העברייאיש און אויך אין אַנדערע שפּראכן, נאָך אַלס יונגער בחור האָט ער געקריגן דעם נאָמען „דער פּראגער עילוי”. האַסט האָט אויך ארויסגעוויזן א גרויסע נייגונג צו מוזיק און געזאַנג, אזוי ווי ער האָט פארמאָגט א שיינע שטימע איז ער אָנגעקומען פאר א משורר צום באַרימטן פּראגער חזן משה מיכל סלאָנימסקי, ביי וועמען ער „כאפּט דעם שניט” פון חזנות און קומט דערנאָך אָן פאר א חזן אין דער יאנושער שול אין ווארשע, וואו ער פארבלייבט 8 יאר, פאר דער צייט לערנט ער שפּילן פּיאנאָ, שטימע בילדונג און מוזיק טעאָריע ביים באַרימטן פּראפעסאָר קעלער.

אין יאר 1862 קומט ער אָן אַלס חזן אין טהאָרן (דאַמאָלס דייטשלאנד) וואו ער באפריינדט זיך מיטן דאָרטיגן באַרימטן ראבי־נער ר' צבי קאַלישער. ער פארבלייבט אָבער דאָרט נישט לאַנג און קומט אָן אלס חזן אין ברעסלוי, וואו ער פארבלייבט זעקס יאר און באפריינדט זיך מיטן באַרימטן חזן מאָריץ דייטש און מיטן ראבי־נער טיקטין, ווען אין לאָנדאָן איז פריי געוואָרן די חזנות שטעלע אין דער „גרעיט סינאַגאָג”, ווערט האַסט, דורך ראבינער טיקטינס א רעקאָמענדאַציע צום לאָנדאָנער רב הכולל ד״ר נתן אַדלער, ארויס־גערופן קיין לאָנדאָן אויף פּראָבע. ער האָט מיט זיין שיינער טענאָר שטימע און געפּילפּולן פארטראג ארויסגערופן אַלגעמיינע באוואונדע־רונג און איז אויפגענומען געוואָרן דעם 4־טן יוני 1871 מיט א

לעבנסלייגגלאכן קאָנטראקט פאר אויבערקאַנטאָר. האָט אַנטוויקלט דאָ א ברייטע מוזיקאלישע און געזעלשאפטלאך קולטורעלע טעַטיגקייט. ער שרייבט א ריי קאָמפאָזיציעס און רעפּשיטאַטיוון און גיט ארויס אין יאר 1879 א חזנישן סידור, אונטערן נאָמען „סדר העבודה", וועלכער ווערט אויפגענומען אין איינגלאנד און אויך אין אַנדערע לענדער ווי אן אבן טוב. ער שרייבט אויך אָן אין 1876 א קאנטאטע, אונטערן נאָמען „באסטאניא" און צוויי אראטאָריעס: „אזארא" און „משהס טויט", — די ערשטע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 23-טן אָקטאָבער 1884 אין גלאזגאו און די צווייטע — א קורצע צייט שפעטער אין לאָנדאָן, און ביידע מיט דערפאָלג. זיינע א דריטע אָראטאָריע „חורבן ירושלים", וועלכע ער האָט פאַרענדיגט קורץ פאר זיין טויט, געהערט אויך צו זיינע בעסטע שאַפונגען. ער שרייבט אויך א ריי פסאלמען און הימנען און קורץ נאָך זיין 40 יאריגן יובילייאום אַלס חזן פון דער „גרעיט סינאַגאָג" אין לאָנדאָן איז מארקוס האָט דעם 28-טן אויגוסט 1911 געשטארבן.

יוסף (יאָזעף) זינגער.

דער בארימטער ווינער אויבערקאַנטאָר יאזעף זינגער (זולצערס שטעלפארטרעטער) איז געבוירן געוואָרן דעם 10-טן אָקטאָבער 1841, אין איליניק, אונגארן ביי זיין פאָטער דעם באוואוסטן חזן „ישראל-קע אילינקער". יאזעף האָט נאָך קליינערהייד דערלערנט די עלעמענטארע מוזיקאלישע און חזנישע ידיעות. זיננט שפעטער ביי די בארימטע חזנים דודל בראד און איציקל קאָנאריק און דערוווערבט זיך אזוי ארום, נאָך אין זיין פריסטער יוגנט, גרויסע ידיעות אינם אַלטן חזנות, וואָס ס'האָט אים שפעטער פיל ארויסגעהאָלפן צו זיין גרויסן נאָמען, וועלכן ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער חזנות וועלט.

ער לערנט זיך אין דער רעאַל שולע אין נירטו, וועלכע ער פאַרענדיגט אַלס לערער, פאָרט דערנאָך קיין פראג, וואו ער לערנט שטי-

מע־בילדונג אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואַטאָריע, ביי פּראָפעסאָר פּאָגעל, ווערט דערנאָך אויפגענומען פאַר א זינגער אינם לאַנדעס טעאַטער. ער פאַרבלייבט אָבער דאָרט ניט לאַנג און קומט אָן אין 1866 אַלס חזן אין בויטהען (אויבער-שלעזיע) אַלס ממלא מקומו פונם באַרימטן חזן מרדכי פּרץ ווײַנטרויב, רופט אַרויס באַוואונדע־רונג ביי די הערערס מיט זיין פּראַכטפולער, גרויסער באַריטאָן שטימע און מיט זיין זיסן, געפילפולן זינגען. ער טרעט אויך אָפּט אַרויס, אַלס סאָליסט אין אָראַטאָריעס און די קריטיק קען זיך גאָר ניט געגנוג אָפּלויבן פון זיינע קונסטפולע לייסטונגען, — ער פאַרבלייבט דאָ אַכט יאָר, וואו ער ווערט זייער באַליבט ביי דער אַלגעמיינער אי־דישער, און אויך ניט־אידישער באַפעלקערונג און קומט אָן אין 1874, אַלס חזן אינם נייעם טעמפּל אין נירענבערג. דאָ האָט זינגער א געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיין קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט און שרייבט א ריי ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס פאַר קאָנטאָר, כאָר און אָרגל. ער שרייבט אויך א סך אַרטיקלען איבער מוזיק אין די אָרטיגע צייטונגען און תמיד ווען ער האָט געדאַוונט, איז די שול געווען פול געפּאַקט און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס פלעגן זיצן די מתפללים פאַרגאַפט, אונטערן איינדרוק פון זיינע הימלישע תפלות. ווען די ווינער קולטוס געמיינדע האָט אויף זולצערס וואונטש (צוליב זיין עלטער) געזוכט אַ פּאַסיגן קאַנדידאַט אויף צו פאַרנעמען די דאָזיגע הויכע שטעלע, האָבן זיי קיין בעסערן שטעל־פאַרטרעטער ניט גע־קענט געפינען ווי זינגערן, אַזוי זעען מיר שוין זינגערן, שבועות 1881 אַלס חזן פון דער זייטענשטעטען-סינאַגאָגע אין ווין.

פאַר זינגערן האָט זיך דאָ אָנגעהויבן א ניי לעבן פון פרוכט־באַרער טעטיגקייט און חוץ די צאָלרייכע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער האָט פאַרן טעמפּל געשריבן, חוץ זיינע אָפּטע אויפטרעטונגען אַלס סאָליסט, אין פאַרשיידענע קאָנצערטן און אָראַטאָריעס, האָט ער אויך געשריבן צאָלרייכע וויסנשאַפטלאַכע, זייער ווערטפולע אַרטיקלען אינם „אידישן קאַנטאָר" און אין דער „עסטרייכיש־אונגאַרישער

קאנטאָרן צייטונג", אין וועלכע ער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א טיכטיגן פאָרשער און שארפזיניגן דיינקער.

30 יאר איז זינגער געשטאַנען אויף זיין פאָסטן, טריי און איבערגעגעבן צו גאָט און צו זיין פאָלק און איז געשטארבן אין יאר 1911.

ירוחם הקטן.

ירוחם בלינדמאן, וועלכער איז באקאנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען „ירוחם הקטן", איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1798. דעם צונאָמען „הקטן" האָט ער באקומען דערפאר, וואָס ער איז געווען פון קליינעם וואוקס. ער האָט אָבער שוין פון קינדרווייז אָן ארויסגעוויזן גרויסע פייאיגקייטן אין דער קונסט פון אלטער חזנות און האָט מיט זיך נאָך אַלס קינד, אַ גרויסן נאָמען דערוואָרבן אין דער אידישמוזיקאלישער וועלט. זיין ערשטע חזנישע יניקה האָט ער באקומען ביי די באוואוסטע חזנים בלומענטאל און שעסטאַפּאָל. און די, וועלכע געדיינקען ירוחמען, זאָגן, אז ער האָט אין אלע פּרטים איבערגעשטיגן זיינע רביים. מיט זיינע רייכע אימפּראוויזאציעס און מיט זיין אויסערגעוויינלאכער לירישער טענאָר־שטימע, אויפגערודערט א וועלט און פון אלע זייטן רוסלאנד פלעגט מען קומען הערן דעם דאָזיגן „וואונדער פונם 19־טן יארהונדערט".

ירוחם איז בכלל געווען א וואונדערבארער מענטש און חוץ וואָס ער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם, איז ער אויך געווען אן אריסטאָקראט אין פולן זינען פון וואָרט. ער איז אויך געווען זייער מוזיקאליש, האָט אָנגעשריבן א וועלט מיט קאָמפּאָזיציעס. ביי וועלכע דער סקארבאָווער נוסח איז שטריינג אָפּגעהיט געוואָרן און ניט בלויז אין תפלה, נאָר אויך אין סאָלאָ-געזאַנג מיטן כאָר, האָט זיך ירוחם אויסגעצייכנט. אין איינזינגען מיטן כאָר פלעגט ער קיינעם ניט טרויען. דאָס האָט ער אַליין אליין געטאָן. און חוץ זיינע אייגענע שאַ-

פונגען פלעגט ער אויך ס'רוב זינגען בלומענטאלס. דער הימלישער געזאַנג פון זיין כאָר איז פון אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן, זיינע שבתים און ימים-טובים זיינען געווען קאָנצערטן פון העכערער רעליגיעזער געזאַנג-קונסט, פלעגן פון אַלעמען אויפגענומען ווערן מיט גרויס ענטוזיאַזם. אזוי זיינען באַרימט זיינע קונסט-נסיעות איבער רוסלאַנד און עסטרייך, מיט וועלכע ער האָט זיך באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט פאַרנומען עטלאַכע חזנות-שטע- לעס, די ערשטע אין פּאָלטאַווע, דאָרט איז ער פאַרבליבן אינגאַנצן צוויי יאָר, געקומען דערנאָך קיין מאַרגאָפּאָל, וואו ער איז פאַרבליבן אַן ערך פון ניין יאָר, און שפּעטער אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

צו זינגען ביי ירוחמען איז געווען פאַררעכנט פאַר א גרויסע זכיה, און דערפאַר מאַקע האָבן ביי אים געזונגען די בעסטע זינ- גערס, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען שטעלעס אַלס באַרימטע אָפּערע-זינגערס אָדער גרויסע וועלט-חזנים. די וואָס געדיינקען ירוחמען, זאָגן, אַז א שטימע האָט ער געהאַט פון אן אויסערגעוויינ- לאכער גרויס, אָן א גרענעץ און אָן אן ענד. און ווער עס האָט אים נאָר איינמאָל געהערט דאַוונען, האָט עס אין לעבן ניט געקענט פאַרגעסן. עס איז אין זיין יעדן זאַץ און יעדן וואָרט געלעגן א וועלט מיט מתיקות און אָריגינעלע קונסט.

געשטאַרבן איז ירוחם אין בערדיטשעוו, וואו ער איז אָפּגעווען איבער 50 יאָר אַלס חזן, אין עלטער פון 93 יאָר, אין יאָר 1891.

ניסן בעלזער.

נאָך ירוחמען פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אין דער פּלעיאַדע פון די חזני הרגש אין לעצטן יאָרהונדערט דער מיט וועלט-רום גע- קרוינטער בערדיטשעווער חזן, ניסן ספּיוואַק, וועלכער איז באַרימט אין דער וועלט אונטער די נעמען „ניסן בעלזער", „ניסן קישינעווער"

און „ניסן בערדיטשעווער". די דאָזיגע נעמען האָט ער באַקומען צו־ליב די שטעט, אין וועלכע ער איז געווען חזן.

ניט קוקנדיג אויף זיין פּאַראַליזירטער שטימע, פלעגט ניסן דאָך, מיט זיין האַרציגן זינגען און גלענצנדיגער אימפּראָוויזאַציע און תּפלה, ארויסרופן טרערן פון גייסטיגער פרייד ביי די מתפּללים. ניט קוקנדיג, וואָס ער איז געווען א קנאַפּער ידען אין האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט, האָט ער דאָך געשאַפן פאַר דער שול א וועלט מיט שווערע קאָנטראַפּונקטישע קאָמפּאָזיציעס. שווערע פיר־שטי־מיגע נגונים זיינען דאָס געווען מיט דועטן, פוגעס און וואַריאַציעס, און הגם עס האָט ניט שטאַרק געקלונגען לפי חוקי הנגינה, זיינען זיי אָבער געווען זייער אָריגינעל, מעלאָדיש און האָבן געקלונגען פרי־מיטיוו אידיש.

די קאָנטאָרן סאָלאָס פלעגן ביי אים אויספירן, מיט אים צו־זאַמען (און אָפטמאָל אליין), טענאָרן און באַריטאָנען, צווישן וועל־כע עס האָבן זיך אָגב געפונען אזעלכע באַוואוסטע ריזן־שטימען, ווי נחום מאַטעינקא (וועלכער איז שפּעטער געווען חזן אין פּאָלאַקאָווס שול אין מאָסקווא) און דער העלדן טענאָר אלקנה (שפּעטער חזן אין בראָד) און נאָך אַנדערע. אַלע זינגערס האָבן עס באַטראַכט פאַר א גרויסן גליק צו קענען זינגען אין ניסנס „קאָנסערוואַטאָריע". ניסן אַליין איז געווען א מייסטערהאַפטער כאָר־דיריגענט, און זיין כאָר איז געווען אן אמתע סימפאָניע, וועלכע פלעגט אַלעמען פאַרכישופן. ניסנס ערשטע חזנות איז געווען אין בעלז, און פריער איז ער געווען א משורר ביי די חזנים זלמן קאָנסטאַנטינער און ירוחם הקטן, ביי וועלכע ער לערנט זייער פיל און נעמט אלץ איבער זייער גיך מיט זיין שאַרפער גמרא־קעפּל. ווען ער נעמט די שטעלע אין בעלז, האָט ער חתונה פאַר ירוחמס א פלימעניצע. ער לערנט אויך נאָך דער חתונה מוזיק, פאַרפולקאָמט זיך אין דער האַרמאָניע און די־ריגירט דערנאָך מיט אן אָרקעסטער עטלאַכע פון זיינע, דאָרט אָנ־געשריבענע, קאָמפּאָזיציעס, זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן קלינגען אי־בער גאַנץ רוסלאַנד. ער קומט דערנאָך אָן קיין קישינעוו און פון

קישענעוו אין דער אלט-שטאָטישער שול אין בערדיטשעוו, וואו ער פארבלייבט כמעט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ניסן איז אויך ארומגעפאָרן איבער דער וועלט אויף קונסט-נסיעות און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און האָט מרעיש עולמים געווען מיט זיינע וואונדערבארע קאָמפּאָזיציעס און מיט זיין קינסטלערישן באַר-געזאנג. א שטענדיגער קאַמף איז אָנגעגאנגען צווישן ירוחם הקטן און ניסן בעלזער. די דאָזיגע צוויי גדולי-החזנים פון יענער צייט, האָבן זיך בשום אופן נים נעקענט איינטיילן מיט דער בכורה... ביידע זיינען זיי געווען גרויס און וועלט-בארימט. ביידע אנשים מלומדים, תלמידי חכמים און קעמפער פאר העברעער קונסט. מיטן אָפּשטארבן פון די ביידע (באזונדערס מיט ניסנס טויט) איז אָפּגעשטאָרבן די עלטסטע אידישע קאָנסערוואַ-טאָריע, די גרעסטע אומאייגננוציגע אינסטיטוציע פאר אידישער קונסט.

ניסן איז געווען אן איבערגעגעבענער סאדיגורער חסיד און איז אויך געשטאָרבן אין סאדיגוריע עטלאכע יאר פאר דער לעצטער וועלט-מלחמה.

ברוך דוד קראנהויז.

ברוך דוד קראנהויז, אין דער וועלט באקאנט אונטערן נאָמען „ברוך דוד קערטשער“, איז געבוירן געוואָרן אין א שטעטל אין מאָהילעווער געגנט. ער האָט נאָך אלס קינד אָנגעהויבן צו דאַווענען פארן עמוד, און ווען עם האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים א טענאָר-שטימע, איז ער אָנגעקומען פאר א משורר צו בלומענטאלן אין אָדעס, ביי וועמען ער האָט דערלערנט אויך גרונטיג דעם חזנות פאך. ער פארט שפעטער ארוים מיט פיצי אבראם אויף זיינע קונסט-נסיעות און דאָס האָט געהאט א גרויסע פעולה פאר דער אַנטוויקלונג פון זיינע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן און זיין דראמאטישן טענאָר.

הגם זיין שטימע איז ניט געווען פון די גאָר גרויסע, דערפאַר אָבער איז זי געווען פון א זעלטענער קוואַליטעט, ווייך און בויגזאַם און ער האָט פאַרמאָגט א זעלטן שיינעם קאָלאָראַטור. ער קומט דערנאָך אָן אַלס חזן אין קערטש, פון וואַנען זיין נאָמען ווערט באַרימט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איידער ער איז אָנגעקומען קיין קערטש, איז ער געווען א יאָר ביי ווינטרויבן אין קעניגסבערג, ביי וועמען ער האָט זיך פאַרפולקאָמט אין אידיש-מאָדערנער חזנות און וועמען ער פלעגט זייער גוט נאָכקאָפּירן.

אין קערטש האָט ברוך דוד געגומען אַנטוויקלען א גרויסע מוזיקאַלישע טעטיגקייט און פלעגט מרעיש עולם זיין מיט זיינע קונסטרייכע תפלות און מיט די קאָמפּליצירטע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער פלעגט מיטן כאָר זינגען. פון קערטש קומט ער אָן קיין האָמעל, וואו ער פאַרבלייבט אָבער ניט לאַנג און קומט אָן אין ווילנא, אין „טהרת הקודש". צוליב א סך סכסוכים פאַרלאָזט ער אויך אינגיכן ווילנא און קומט אָן קיין פּעטערבורג אַלס חזן אין דער דאָרטיגער קאָר-שול. ער פאָרט דערנאָך אַרום אויף קונסט-נסיעות איבער גאַנץ רוסלאַנד און האָט אומעטום דעם גרעסטן בייפאַל. ער קומט דערנאָך צוריק קיין האָמעל, וואו ער ווערט אויפגענומען אַלס חזן אין דער דאָרטיגער קאָר-שול, וועלכע איז, אגב, ספּעציעל פאַר אים גע-דונגען געוואָרן אין א פּריוואַטער הויז, און ברוך דוד פאַרבלייבט שוין אין האָמעל ביזן סוף פון זיין לעבן. אַזוי ווי ביי ירוחמען און נִיסן בעלזער, אַזוי האָבן ביי ברוך דודן געזונגען די בעסטע זינגערס פון יענער צייט. פון די שפּעטער געוואָרענע אָפּערע-זינגערס און חזנים איז כדאי צו דערמאָנען: דעם אָפּערע-טענאָר מיכאַילאָוו (וועמענס אידישער נאָמען איז געווען זעלצער) און אויך דעם באַ-רימטן חזן ארי' ליב רוטמאַן און נאָך אַנדערע.

געשטאָרבן איז ברוך דוד אין האָמעל, אין עלטער פון 60 יאָר. מען דערציילט, אז פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט וידוי מיט אַזוי פיל שטימלאַכער קראַפט און אינערלאַכער איבערלעבונג, אז דער גאַנ-צער עולם, וואָס איז געווען אין און אַרום זיין הויז, האָט זיך גע-

וואשן אין טרערן. זיין פריצייטיגער טויט איז שטאַרק באַדויערט געוואָרן פון דער גאַנצער חזנישער וועלט.

ברוך ליב ראזאווסקי.

ברוך ליב ראזאווסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1841 אין דער שטעטל נאליבאקי, ווילנער געגנט. זיין פאָטער און אויך זיין זיידע זיינען געווען חזנים און ווען ברוך ליב האָט שוין קינדורייז געגומען ארויסווייזן גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק און געזאנג, האָט זיין פאָטער באַשלאָסן אים צו דערציען פאר א חזן. ער לערנט מיט אים אָבער פריער א לאנגע צייט אליין און שיקט אים דערנאָך אין מירער ישיבה, וואו ער דערווערבט זיך גרויסע ידיעות אין ש"ס און פוסקים. ווען ער דערגרייכט זיין 18־טן יאר שיקט אים זיין פאָ־טער קיין פעטערבורג, אין דער נאָר וואָס געעפנטער קאָנסערוואַ־טאָריע, וואו ער ספעציאליזירט זיך אין געזאנג און קאָמפּאָזיציע. ברוך ליב האָט אפילו אין פעטערבורג זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זיין לאנגער קאַפּאָטע, און איז געווען געקליידט ווי א ישיבה-בחור. דאָס האָט אים אָבער גאָר ניט געשטערט צו זיין גאָנט באפריינדט מיטן דירעקטאָר, דעם באַוואוסטן אַנטאָן רובינשטיין; צו זיין דער באליבטסטער תלמיד פונם בארימטן געזאנג־פּראָפעסאָר רעפּעטא צוזאמען מיטן בארימטן פּיאטר טשאַיקאָווסקי, מיט וועלכן ער האָט אויך אינאיינעם געגומען לעקציעס אין קאָמפּאָזיציע ביי פּראָפעסאָר זארעמבא.

פארענדיגנדיג זיין שטודיום אין פעטערבורג און באַזיצנדיג גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות און א שיינעם, הגם ניט זייער גרויסן, לירישן טענאָר, פאָרט ברוך ליב, אין יאר 1870, צו זו־לצערן קיין ווין, און דערנאָך צו ווייגטרויבן קיין קעניגסבערג, ביי וועמען ער פארפולקאָמט זיך אינם חזנות־פאַך. באזונדערס פּראָדוקטיוו איז געווען זיין שטודיום ביי ווייגטרויבן, וועמען ראזאָווסקי באַמיט זיך

נאָכצוקאָפּירן און וואָס ס׳געלינגט אים אויך אויפן בעסטן אופן. ער האָט אינטערפּרעטירט ווײַנטרויבס שאַפונגען אַזוי קינסטלעריש אַז ער איז געוואָרן פון אַלעמען באַוואונדערט. ער קומט אָן, אין יאָר 1871, אַלס חזן אין דער דאַמאָלס נאָר וואָס אויפגעבויטער סינאַגאָגע אין ריגאַ און פאַרבלײַבט דאָרט ביזן סוף פון זײַן לעבן.

אכט און פערציג יאָר איז ער געשטאַנען אויף זײַן פּאָסטן, באַליבט און געאַכט פון דער גאַנצער געמיינדע און מיט אַ גרויסן נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט. אין זײַן פרייער צײַט פלעגט ער תּמיד שטודירן. ער פלעגט אויך טעגלאַך לערנען תּלמוד און וועלטלאַכע וויסנשאַפטן און האָט זיך גאָר באַזונדערס אינטערעסירט מיט נאַטור וויסנשאַפט. ער האָט אויך געשאַפן אַ סך אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס, רײַך אין אינהאַלט און פאָרם. זײַנע מעלאָדישע און פײַן מאָדולאַטאָרישע רעטשיטאַטיוון האָבן אַרויסגערופן אַ סך אויפזען און זײַן ווערק „ימים הנוראימדיגע קאָמפּאָזיציעס" וואָס איז, נים לאַנג צוריק, דורך ראַזאַווסקים זון, אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז זיכער אַ וויכטיגער און נוצלאַכער בײַטראַג צום אַלגעמיינעם אוצר פון דער סינאַגאָגאַלער ליטעראַטור.

צו זינגען בײַ ראַזאָווסקין אין כאָר, איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן כבוד, האָבן טאַקע פון אַלע זײַטן רוסלאַנד געשטראָמט די בעסטע זינגערס קיין רינאַ, און אַ סך פון זיי זײַנען שפּעטער געוואָרן וועלט באַרימט אַלס חזנים אָדער אָפּערע זינגערס, גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי: יאָזעף שוואַרץ און הערמאַן יאַדלאָווקער, כדי צו פאַרשטיין וויפל אַ זינגער האָט געלערנט, זינגענדיג בײַם גרויסן מײַסטער ראַזאָווסקי.

ער איז אויך געווען דער ליבלינג פון דער שטאָט ריגאַ, וואו מ׳האָט אים ממש פאַרגעטערט און זײַן געמיינדע קען זיך נאָך עד היום נים טרייסטן, נאָך זײַער אַזוי באַליבטן שליח צבור, וועלכן דער גרויזאַמער טויט האָט בײַ זיי אַוועקגערויבט אין יאָר 1919.

מאָריץ ראָזענהויפּט.

מאָריץ ראָזענהויפּט איז געבוירן געוואָרן דעם 14=טן מערץ 1841, אין יעסבערג, נעבן קאַססעל, (דייטשלאַנד) וואו זיין פאָטער איז געווען א לערער אין דער שטאָטישער רעאַל=שולע און נאָכדעם ווי ער האָט באקומען פון זיין פאָטער די נויטיגסטע עלעמענטארע פאָרבילדונג, איז ער אַנגעקומען פאר א שילער אין דער רעאַל=שולע. ער האָט קינדווייז נאָך ארויסגעוויזן א גרויסע נייגונג צו מוזיק און געזאנג און אויסגעצייכנט מיט זיין געשמאקער סאָפּראַן שטי=מע פארשיידענע וועלטלאכע און אויך חזנישע מעלאָדיעס, מיט וועלכע ער האָט אין זיין געבורטס-שטאָט זיך ביי אלעמען זייער באליבט געמאכט. אָבער הגם מאָריצן האָט געצויגן צו חזנות, האָבן דאָך זיינע עלטערן געוואָלט, אז ווען ער וועט פארענדיגן זיין שטוד=יום אין דער רעאַל=שולע, זאָל ער אַנקומען אין דער אקאדעמיע פאר אלגעמיינע וויסנשאפטן, — צוליב זייער שווערער פינאַנסיעלער לא=גע אָבער, האָבן זיי, דעם דערמאָנטן געדאנק, געמוזט אויפגעבן, ראזענהויפּט פאָרט, נאָכדעם ווי ער האָט פארענדיגט די רעאַל=שולע קיין פראנקפורט=מיין, וואו ער קומט אָן פאר א געהילף-בוכהאַלטער אין א גרויסן געשעפט, און גיט זיך אָפּ, אין זיין פרייער צייט, מיטן שטודיום פון מוזיק, ווען ער דערגרייכט זיין 18=טן לעבנסיאר, באַ=שליסט ער זיך אויסצובילדן פאר א חזן.

ער פאָרט קיין שטראסבורג צום בארימטן חזן לעווי, ביי וועמען ער דערלערנט דעם חזנות פאך, דאַוונט דערנאָך אין מעץ, אין טהיאָנוויל און אנדערע שטעט, מיט גרויס דערפאָלג, און קומט אָן אין יאר 1861, אַלס חזן און רעליגיע=לערער אין דער שטאָט קאָבעם, וואו ער האָט א געלעגנהייט ארויסצווייזן זיין חזנישן טאלאנט און צו אַנטוויקלען זיינע מוזיקאלישע פייאיגקייטן. ער אָרגאניזירט א שיינעם כאָר און שטודירט איין א גוטן רעפערטואַר. אַלע באַוואונ=דערן דעם שיינעם גאָטעסדינסט און ראזענהויפּט ווערט זייער באַ=ליבט ביי זיין געמיינדע.

אין יאר 1864 ווערט ער ארויסגערופן אין דער שטאָט ספּעיער, וואו ער ווערט, נאָך אַן אָפּגעהאַלטענער פּראָבע אויפגענומען פאר אויבערקאַנטאָר. ער פירט דאָ איין א מער גערעגלטן, מאָדערנעם גאָטעסדינסט מיט אַ מענער־כאָר און אָרגל, ער לערנט אויך דאָ די האַרמאָניע און אינסטרומענטאַציע און מאכט אויפן דאָזיגן געביט גרויסע פאַרשריט אזוי, אז נאָך אַ 2 יאריגן פליסיגן שטודיום שרייבט ראזענהויפּט אַן א ריי אינטערעסאַנטע חזנישע קאָמפּאָזיציעס. ער אָרגאַניזירט אויך אין דער סינאַגאָגע א געמישטן כאָר און ווען ער דאַוונט איז שטענדיג די סינאַגאָגע פול געפּאַקט, ער גיט אויך ארויס א ווערק פון זיינע צאָלרייכע קאָמפּאָזיציעס, אונטערן נאָמען „שירי אוהל יעקב" אין דריי טיילן: ערשטער טייל — אין יאר 1879, — צווייטער טייל — אין יאר 1887, און דער דריטער טייל — אין יאר 1895.

ווען יוסף זינגער איז אין יאר 1881 אויפגענומען געוואָרן אלס ממלא מקומו פון זולצערן אין ווין, איז ראזענהויפּט איינשטימיג אויסגעקליבן געוואָרן פון דער נירענבערגער גרויסער קהלה, אלס ממלא מקומו פון זינגערן, ער שטייט אויף זיין שטעלע אין נירענבערג 19 מיט אַ האַלבן יאר, און איז זייער באַליבט, געשעצט און געאַכט פון דער גאנצער קהלה און באקומט אַ נאָמען איבער גאנץ דייטשלאנד, אַלס אן ערשט־קלאסיגער געלערנטער חזן און מוזיקער.

ער איז געשטאָרבן נאָך א קורצער, אָבער שווערער קראנקהייט, דעם 16־טן נאָוועמבער 1900.

לעאָן קארטשמאַראָוו

דער בארימטער אונגארישער חזן לעאָן קארטשמאַראָוו, איז געבוירן געוואָרן דעם 18-טן מאַי 1842, אין כערסאָן (רוסלאנד), ביי זיין פאָטער, דעם דאַמאָלס באוואוסטן חזן, לוזי כערסאָנער.

שוין קינדווייז ווייזט קאַרטשמאַראָוו ארויס גוואַלדיגע פייאיג־קייטן אויפן געביט פון מוזיק און געזאנג און ער באַקומט פון זיין גרויסן פאָטער די ערשטע דערציאונג און אויסבילדונג אין חזנות. ער זינגט אויך ביי זיין פאָטער אין כאָר און צייכנט זיך אויס מיט זיינע סאָלאָס, ער לערנט אויך ביי זיין פאָטער נאָטן לייענען, שטו־דירט זולצערס „שירי ציון" און נאָך אַנדערע ווערק, ער לערנט אויך די העברייאישע שפּראַך און קומט אָן צו זיין 17־טן לעבנסיאר אַלס חזן אין טריעש (אונגארן) וואו ער פארבלייבט א קורצע צייט, ער איז אויך דערנאָך חזן אין די אונגארישע שטעט טעמעסוואר און שפּעטער אין סעגעדין, איז אומעטום געשטאַנען מיט אַ גרויסן נאָמען, געווען זייער באליבט מיט זיין שיינער שטימע און מתיקותדיגן דאַוו־נען. אַלע האָבן אַנערקענט קאַרטשמאַראָווס גרויסע לייסטונגען פאר דער סינאַגאָגע און זיין גרויסן שעפּערישן גייסט אין אידישער תפלה, מיט וועלכער ער פלעגט פארכישופן די הערערס און בא־זונדערס מיט זיין נאטירלאכן קינסטלערישן פארטראג. זיין נאָמען ווערט מיט רום געקרוינט איבער גאַנץ אונגארן און ווען ס'איז אין 1865 פריי געוואָרן די חזנות שטעלע אין נאגי־קאנישא, ווערט קארטשמאראָוו, נאָך אַן אָפּגעהאַלטענער, זייער געלונגענער פּראָבע, אויפגענומען דאָרט פאר אויבערקאַנטאָר.

ער אָרגאַניזירט דאָ א שיינעם כאָר און שטודירט איין אַן ערשט־קלאסיגן רעפּערטואר. ער שרייבט אויך א ריי זייער געלונגענע קאָמפּאָזיציעס, ביי דער אויפפירונג פון וועלכע, ער געווינט די אַלגעמיינע אנערקענונג פון דער גאנצער געמיינדע. ער זינגט אויך ס'רוב זולצערס זאכן, אין וועלכע ער ווייזט זיך ארויס פאר א גע־זאנג־קינסטלער פון עמינענטער באדייטונג און פאר א גרונטיגן קענער פון דער סינאַגאָגע ליטורגיע, ער האָט זיך אויך באַשעפטיגט מיט געבן לעקציעס אין געזאנג און שטימע-בילדונג און האָט אויס־געבילדעט א ריי באַקאַנטע אונגארישע חזנים.

זיין 25 יאריגער יובילייאום אלס חזן אין נאַגי־קאנישא, וועל־כער איז פאָרגעקומען דעם 11־טן יאנואר 1890, איז דורכגעפירט

געוואָרן מיט גרויס פייערלאַכקייט און באַגריסונגען זיינען אָנגעקו־
מען פון זיינע סך תּלמידים און פאַרערערס איבער גאַנץ אונגאַרן,
און איז באַשאָנקען געוואָרן מיט צאָלרייכע ווערטפולע מתּנות פון
דער פאַרוואַלטונג און מיטגלידער פון זיין געמיינדע, נאָך גרעסער
איז געווען דער יום טוב פון קאַרטשמאַראָווס 40 יעריגן יובילייאום,
ווען ס׳ווערן אים אויסגעדריקט אין אַלע צייטונגען דאַנק און פאַר־
ערונג, און ס׳ווערן אים געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס ביים באַנקעט
וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דער געמיינדע, דעם 25־טן דע־
צעמבער 1905.

אין יאָר 1911 פאַרעפנטלאַכט קאַרטשמאַראָוו אַ חזנישן
סידור, אונטערן נאָמען „שירי בית יוסף״, אין וועלכן ער ווייזט זיך
אַרויס פאַר אַ גוטן פאַכמאַן און מוזיקער, און וועלכער איז פון אַלע
קאָלעגן־חזנים מיט גרויס פרייד און באַגייסטערונג אויפגענומען
געוואָרן.

50 יאָר איז קאַרטשמאַראָוו אָפּגעשטאַנען אויף זיין פּאָסטן
אין נאַגי-קאַנישאַ, וואו ער איז געווען באַליבט און הויכגעשעצט ביי
דער גאַנצער באַפעלקערונג. ער פאַרט אין דעצעמבער 1915 מיט אַ
וויזיט צו זיינע ביידע טעכטער קיין ווין, און האָט בדעה זיך אין ווין
צו באַזעצן און זיין שטעלע אויפצוגעבן, איז אים אָבער ניט באַשערט
געווען, מוציא צו זיין דעם דאָזיגן געדאַנק זיינעם מן הכח אל הפועל,
ווייל אָנקומענדיג קיין ווין איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן
דעם 31-טן דעצעמבער דעם זעלבינן יאָר.

מאָריץ טינטער.

מאָריץ טינטער איז געבוירן געוואָרן דעם 23־טן סעפּטעמבער
1843, אין אויסטערליץ (מעהרען), זיינע עלטערן זיינען געווען זייער
פאַרמעגלאָך און ס׳האָט דעם קליינעם מאָריץ ניט געפעלט פון כל
טוב און אַזוי אַרום, איז זיין יוגנט געווען אַ פריילאַכע און זאָרג־

לאָזע. ער האָט אויך באַקומען אַ פּילזייטיגע אויסבילדונג, וועלכע איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן צוליבן פּלוצלונגן טויט פון זיינע על־טערן, ער איז געווען געצוואונגען צו פאָרן קיין ברין צו קרובים.

דאָ פאַראינטערעסירט זיך מיט אים דער ברינער חזן, שוואַרץ, וועלכער נעמט מאָריצן אַריין פאַר אַ זינגער אין זיין כאָר. מיט דער הילף פונם ראַבינער דר. דזשאַק, וועלכער לערנט מיט אים די העברייאישע שפּראַך, קומט מאָריץ אָן אינם לערער פּעדאַגאָגיום וואו ער שטודירט אַלס לערער, ווען ער פאַרענדיגט דאָרט זיין שטודיום, פאָרט ער קיין ווין און שפּעטער קיין פּראַג וואו ער לערנט פלייסיג מוזיק און נעמט לעקציעס אין שטימע־בילדונג.

אָנגעזאַמלט מיט גענוג ידיעות אין מוזיק און געזאַנג, פאָרט ער קיין אונגאַרן, כדי דאָרט צו דערלערנען די טראַדיציאָנעלע געזאַנגען פון אַלט־אידישן קולט און צו שטודירן זיי פון ערשטן מקור. ער קומט דערנאָך אָן פאַר חזן, לערער און פּריידיגער אין דער שטאָט האָצענפּלאָץ (אין עסטרייך־שלעזיע) וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד און די געמיינדע איז מיט אים זייער צופרידן. ער קומט דערנאָך אָן קיין זוליץ, וואו ער אַנטוויקלט אַ גרויסע, מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע טעטיגקייט און קומט שפּעטער אָן אַלס חזן אין בונצלוי. ער שרייבט דאָ אַ ריי וויסנשאַפטלאַכע אַרטיקלען, מיט וועלכע ער דערוואָרבט זיך אַ גרויסן נאָמען אין דער אידיש־קול־טורעלער וועלט.

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, וועגן קינדער־דערציאונג, שרייבט ער, צווישן אַנדערעס, אַז דער בעסטער מיטל פאַר דער רע־ליגיעזער דערציאונג פון דער יוגנט איז, „דער ליטורגישער געזאַנג־לימוד אין די שולעס”, ער שרייבט אויך, אַז ס'איז דער חוב פון אַלע געמיינדעס אויף דעם אכטונג צו געבן און מיטן דערמאָנטן מיטל זיך צו באַנוצן. ער פאַרעפנטלאַכט אויך אין יאָר 1889 צוויי חזניש־מוזיקאַלישע ווערק אונטער די נעמען: „שירי ישראל” און „הדרת קודש”, וועלכע ווערן פון דער קאַנטאָרן־וועלט מיט פרייד אויפגענומען.

טינטער איז געווען זייער באליבט און הויכגעשעצט ביי אלע, וואָס האָבן אים געקענט און באזונדערס ביי זיין געמיינדע, וועלכע האָט אים ממש פארגעטערט.

און גרויס איז געווען דער טרויער אין דער בונצלויער געמיינדע בפרט, און אין אלע אינטעלעקטועלע אידישע קרייזן אין גאנץ עסט־רייך־אונגארן בכלל, ווען ס'איז דערהאלטן געוואָרן די ידיעה וועגן חזן טינטערס טויט, דעם 2-טן יוני 1906.

חזנים מיט ריזיגע שטימעס.

צי מעג אַ חזן זײַן אַ מסדר קדושין?

צו דער קאַטעגאָריע פון די חזני הרגש (געפיל־חזנים) קענען זיכער צוגערעכנט ווערן אַ ריי וועלטבארימטע חזנים, וואָס זייער גרויסקייט אין דערהויפּט באַשטאַנען אין זייער מתנת אלקים „די שטימע".

וועגן די דאָזיגע חזנים מיט די ריזיגע שטימעס האָבן זיך ארומגעטראָגן פאַרשיידענע לעגענדעס, אַזוי דערציילט מען אויף נחום מאַטעינקאָ, אַז ווען ער פלעגט אַן עפן טאָן זיין מויל, פלעגן די שויבן ציטערן אין שול... אַז דער באַרימטער חזן ניסן בעלזער, ביי וועמען ער האָט געזונגען, פלעגט אויסמיידן, צוליב דער דער־מאָנטער סבה, צו געבן אים גרויסע סאָלאָס, מורא האָבנדיג, אַז נאָך אַ שבתדיגן דאַווענען, וועט ער מוזן באַצאָלן דער שול פאַר די ארויס־געפאַלענע שויבן... מען דערציילט אויך אויף ישראלקע מיכאילאָוו־סקין, אויף ניסים באַרימטן טענאָר, אלקנה, אויפן „גאָלדענעם פלאַקן", און ישראל קופּערן און נאָך אַנדערע, אַז מיט זייערן אַ טאָן פלעגן זיי אויסלעשן אַ גרויסן בליץ־לאָמפּ, אָדער ברייננען אין באַוועגונג די שווערע מעשענע הייננ־לייכטערס אין שול און נאָך צענדליגער לעגענדעס.

די דאָזיגע חזנים האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט, ניט מיט דער אַלגעמיינער קולטור און נאָך וויניגער מיט מוזיק, ווייל תמיד פלעגט זיי די שטימע און באַזונדערס אין די הויכע

שלום־קאַדענצן, ארויסראַטעווען פון אלע צרות... זיי, נאָר זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די מאָדע פון די ווילדע אויסגעשרייען אויף „מקדש השבת"; „מגן אברהם"; „המברך את עמו ישראל בשלום" און נאָך אנדערע, — אפּט, זייער אָפט פלעגן זיי זיך ביי די דאָזיגע אויסגעשרייען מאַטערן אויף צוצוקומען צום אָנגעהויבענעם טאָן און פלעגן, גרעסטנטייל, צום סוף דאָך פאַרקריכן ביזן אלף הששי... מיט א „המברך — אוי, את — אוי, עמו — המברך, המברך את עמו — ישראל — ישראל — אוי ישראל — אוי — אוי — ב — אוי שלום... און נאָך אזעלכע אומגעלומפּערטע אויסטייטשונגען, און ניט נאָר די הטעמה נאָר גאַנצע פראַזן פלעגן זיי צודרייען און צוקריפּלען איבערחזרנדיג זיי אַהין און צוריק אָן א טעם און אָן א ריח... דאָס פאָלק אָבער, דער המון עם, האָט געלעקט די פינגער, ניט אזוי פון די צוקייעניש פון די ווערטער, נאָר פון די כפלשמונהדיגע קאַרקבּרעכערישע קאָלאָראַטור־פּאַסאַזשן און דונערנדיגע פאַרטאָ־קאַדענצן, וועלכע די חזנים פלעגן דערביי דורכפירן. א גרויסער טייל חזנים פון די שפּעטערדיגע דורות, וועלכע האָבן שוין קיין ריזיגע אויסערגעוויינלאכע שטימעס ניט געהאַט, זיינען געצוואונגען געווען, וועלנדיג געפעלן ווערן דעם המון, די דאָזיגע קונצן, מיט זייערע לעצטע כחות, נאָכצוקאָפּירן.

די דאָזיגע עם הארצות פון די חזנים פלעגן די רבנים אויסניצן לטובתם ביי יעדער געלעגנהייט.

א געוויסע ישועה פאַר דער אלטער היסטאָרישער חזנות, איז געקומען פון מערב אייראָפּע, דאָרט זעען מיר ראַבּינער מאַנהיימער און חזן זולצער שלובי יד אין דער אַרבעט פאַר דער קולטור פון דער סינאַגאָגאַלער ליטורגיע, מיר זעען הרב צדוק הכהן מיט חזן נאומבערג אלס די בעסטע חברים און פריינט, מיר זעען אברהם גייגערן שטרעבנדיג צוזאַמען מיט חזן דייטש צו דער קולטיווירונג פון דער ליטורגיע, מיר זעען די ראַבּינערס: פּראָפעסאָר מייבוים, דר. קאַרפּעלס, דר. לעווין און נאָך אַנדערע, אַלס פריינט און פאַרערערס פון לעוואַנדאָווסקין.

אויך אין מזרח־אייראפּע זיינען אויפגעשטאַנען אזעלכע חזנים-גאונים ווי: ניסן בלומענטאַל, וואָלף שעסטאַפּאָל, משה שפּיצ־בערג און נאָך א סך אַנדערע, וועלכע האָבן מיט זייער קינסטלערישן הייליגן געזאַנג און קולטור־רייכער ענערגיע פארשטאַנען צו פּאר־אייניגן דעם מערב־אייראָפּייאישן קאלקיל מיטן מזרח-סענטימענט.

אזוי זעען מיר בלומענטאַלן ארבעטנדיג צוזאמען, פאר דער אויפבליאונג פון דער סינאַגאָגאַלער קולטור, מיטן באוואוסטן ראַבי־נער דר. פּאָמעראַנץ, וואסערצוגן, מיט הרב ראבינאָוויטש פון ווילנא און שפּעטער, מיטן רב הכולל דר. נתן אדלער אין לאָנדאָן, שעס־טאַפּאָלן, שפּיצבערגן, גערשאוויטשן, מינקאָווסקין, די ראבינאָוויטשעס, בירנבוימען און נאָך א סך אנדערע קולטורעלע חזנים, אָפּהיטערס פון דער הייליגער קונסט, אלס די בעסטע פריינט פון די רבנים פון זיי־ערע שטעט. די אָרטאָדאָקסישע רבנים און אויך קאַזיאַנע ראבינערס אָדער פריידיגערס האָבן דעם גרעסטן רעספּעקט געהאַט פאר א אינ־טעליגענטן חזן א בר-אורין, בעת זיי פלעגן פיינט האָבן און רודפן די חזנים עמי הארצים, האָבן זיך טאַקע א סך חזנים (מיט די ריי־זיגע שטימעס) א נעם געטאָן, אין דער ריכטיגער צייט, צום לערנען.

אזוי דערציילט מען, אז נאָכדעם ווי מ'האָט, נאָך זיין ערשטן שבת דאַוונען אין ווילנא, חזן קופערן, אריינגעשיקט א קרבן מנחה סידור, האָט ער זיך גענומען צום לערנען, איז געוואָרן א גרויסער מתמיד און שפּעטער, א פולקאָמער בר אוריז, אַנדערע האָבן אָנ־געהויבן לערנען מוזיק און אויסבילדן זייערע שטימען, מ'האָט אָנ־געהויבן שאפן קאָמפּאָזיציעס און מ'האָט געוואונען די אלגעמיינע אנערקענונג, — „יגעת ומצאת — תאמין"...

אין דער צייט אָבער, ווען אין מערב אייראָפּע איז אין אלע קהלות, אָן אויסנאַם, איינגעפירט געוואָרן א גערעגלטער גאָטעס־דינסט און די שולן זיינען תמיד פול געפּאַקט מיט מתפללים, זיינען דאָס רוב קהלות אין מזרח־אייראָפּע (מיטן אויסנאַם פון די כאָר־שולן) פארבליבן אָן א ברעקל אָרדנונג, הגם מ'האָט געזונגען, גע־דאַוונט, אָבער אינם אלגעמיין הערשנדיגן תהו־ובהו, איז דער קינסט־

לערישער עפעקט פארלוירן געגאנגען, יעדער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט און ווי זיין פאַנטאַזיע האָט אים דיקטירט.

א באזונדער הפקרות איז, אין חזנות, אריינגעטרעטן אין דער צייט פון די רעוואָלוציעס און וועלט־מלחמה, די חזנות האָט אָנגע־הויבן, ספּעציעל אין רוסלאנד, צו פארלירן איר ווערט (און א הפקר־חזנות מוז פארלירן דעם ווערט...) א ריי חזנים האָבן אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, וואו זיי האָבן געפונען אזעלכע אידן, וועלכע געדיינ־קען נאָך דעם אלטן־היימישן חזן מיט דער ריזיגער שטימע און מיטן „מקדש השבת", „משיח צדקך" און נאָך אַנדערע. האָבן די חזנים, וועלנדיג מאַכן א לעבן, אָנגעהויבן צו פּראדוצירן און „דעליווערן" דאָס געווינטשטע „גודס"... זיי האָבן אזוי לאנג „דעליווערט" ביז — זיי האָבן זיך איבערדעליווערט...

מיטן אויסנאַם פון איינציגע געציילטע חזנים בני אורין, האָט מען אָנגעהויבן צו קאַליעטשען גאַנס תפלות און ווען איינער האָט געהאַט א שטיקל קול און געקענט נאָכקרימען דעם צווייטן, איז ער געוואָרן א חזן בישראל און וואָס איז דער רעזולטאַט? ערשטנס האָבן זיי פארטריבן די יוגנט פון שול און וואָס עס איז נאָך ערגער, זיי האָבן די רבנים געגעבן נייעם מאַטעריאל אין די הענט...

דאָס לעצטע האָט זיך בולט באַוויזן אין דער סידור־קדושין פראגע אין באָסטאָן, מאַסס., וואו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט א פּראצעס צווישן „רבנים מיט חזנים" אין אַ קריסטלאַכן געריכט.

נאָר מילא, ניט דאָס בין איך אויסן, מיר פאַרדריסט ניט אזוי דער פּראצעס, (וועלכער איז, אגב, דער גרעסטער חלול הקודש), מיר פאַרדריסט אָבער שטאַרק, דער (נאָכן פּראצעס פארעפנטלאכטער) אויפרוף פון די בעלי תריסין צו דער אידישער באַפעלקערונג אין מאַסאַטשוזעטס און גאָר באַזונדער, וואָס זיי האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיטן פארעפנטלאַכן אים אין די צייטונגען וואָס קורסירן אין מאַסאַט־שוזעטס, נאָר האָבן אים פאַרעפנטלאַכט (חוץ אין „פאָרווערטס") כמעט אין אלע אידישע צייטונגען פון גאַנץ יונייטעד שטייטס. צו וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן, קען מען זיך שווין אַליין אָנשטויסן... „מען

שטראָפט די טאָכטער און מ׳מיינט די שנור"... און איך וואָלט וועלן וויסן, פון וואנען האָבן זיי דאָס גענומען, אז נאָר א רב דאַרף זיין אַ מסדר קדושין און א חזן נים? אויב נאָר, פונם „כל מי שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין לא יהא לו עסק עמהם (קדושין ו׳ ע״א) איז דאָס נאָך קיין באַווייז נים, ווייל רש״י זאָגט דאָרט אויפן אָרט „לא יהא לו עסק עמהם „להיות דיין בדבר" און אין נאָך אן אָרט (קדושין י״ג עא) זאָגט רש״י לא יהא לו עסק עמהם „להיות דיין בדבר להורות הוראה" מיינט דאָס, אַז דער וואָס וויים נים בטיב קדושין טאָר קיין דיין נים זיין אויף צו פסקנען אַ דין, איז דאָך משמעות אַז מסדר קדושין זיין מעג יעדערער, אַבי ס׳זיינען נאָר דאָ צוויי כשרע עדות — זאָגט טאַקע אויף דעם דער ט״ז, (און סימן מ״ט און אבן העזר) „וכן א המנהג בינינו שמכבדין בסידור קידושין אפילו אינו למדן גדול"... (ס׳איז א מנהג צווישן אונז, אַז מ׳איז מכבד מיט סידור קדושין אפילו נים קיין גרויסן למדן...) דאָס זעלבע ברייננט אויך דער פתחי תשובה.

און אפשר ווילן גאָר די רבנים מאַכן אַ נייע תקנה, ווי די חכמי צרפת האָבן דאָס, אין די צייטן פון רבינו תם, געטאָן? און זיינען די חותמים אויפן אויפרוף אזוי זיכער, אַז אַלע אַמעריקאַנער רבנים וויסן בטיב גיטין וקדושין? און וויפל ראַביים האָט איר דאָס, אין אַמעריקע, וואָס זיינען מוסמכים להוראה? ווייסט איר אויך, אז אין גאַנץ רוסלאַנד, דייטשלאַנד עסטרייך, סקאַנדינאַוויע, אייגגלאַנד און נאָך אַנדערע לענדער, זיינען, גרעסטנטיילס, נאָר די חזנים מסדרי קדושין? ווייסט איר אויך, אַז אין גאַנץ פוילן און ליטע שרייבט דער חזן די כתובה און מוז אומבאַדינגט אָנטייל נעמען אינם סידור קדושין.

איך ספק נים, אז די רבנים וויסן דאָס אלץ, — דאַרפן אָבער די חזנים אויך לסוף איינזען, אז ס׳איז די העכסטע צייט, אומבאַדינגט זיך נעמען צום לערנען, ביים אייער קלסתר פנים, ציט אויף זיך אַרויף די קדושה פונם אַלטן־טראַדיציאָנעלן שליח צבור, לערנט די דינים פונם סדר העבודה, לערנט דעם שלחן ערוך, לערנט די דינים פון

סדר היום, לערנט און לערנט, געדיינקט אַז רצונו של אדם זה כבודו, וכבודו של אדם זה רצונו... היט אָפּ די נשמה פון דער מוזיק, מיידט אוים אומטאַקטישע געזאַנגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר לייטענע גולמם און פארגולמען אויך דעם אומוויסנדיגן פאָלק, לערנט מוזיק, לערנט עסטעטיק, לאָזט זיך ניט אראָפּ צום פארשימלטן אומגעשמאַק פונם המון, לערנט דעם פאָלק, קעמפט פאַר געשמאַק און איר וועט זיכער געווינען דעם צוטרוי און די ליבע פון פאָלק צו אייך און אַזעל־כע דערמאָנטע צופאלן אָדער אָנפאַלן, פאַרזיכער איך אייך, וועלן מער ניט פאָרקומען.

אריה ליב שלאָסבערג.

לייבעלע אַלוקסטער.

דער באַוואוסטער אוניווערסאַלער חזן אר"י ליב שלאָסבערג, וועלכער איז אויך באקאנט אונטער נאָמען „שאגת אר"י שלאָסבערג" און „לייבעלע אלוקסטער" האָט פארמאָגט איינע פון די גרעסטע שטי־מעס, הגם די רעגיסטערס זיינען ביי אים ניט געווען אויסגעגליכן, אזוי, אז אין די אונטערשטע און מיטעלע טענער האָט איר פאר זיך געהאַט א ריזיגן באַס־קאנטאנטאָ און אין די סאמע אויבערשטע טענער, וועלכע ער פלעגט דערגרייכן ביז די אויבערשטע „מי—פא"— א שיינעם קלאַנגפולן ליריש־דראמאטישן טענאָר, איז ער אָבער געווען א הייסער דאַוונער, א גרויסער אימפּראוויזאַטאָר און דערצו אַ גרויסער ירא שמים און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים כבוד און ענטוזיאזם.

געבוירן אין תמוז 1843 אין אלוקסט, יאקאבשטאטער געגנט (קורלאַנד) וואו זיין פאָטער, נתן שלאָסבערג, איז געווען חזן, באקומט לייבעלע זייער אַ רעליגיעזע דערציאונג. ווען ער ווייזט ארוים גרוים חשק צום לערנען, שיקט אים זיין פאָטער אַוועק אין דער ישיבה, — צו 16 יאָר באַווייזט זיך ביי לייבעלען אַ שיינע

שטימלאַכע אָנלאַג און ער הויבט אָן ארומצופאָרן דאַוונען פון שטאָט צו שטאָט, אין 2 יאָר שפּעטער קומט ער אָן אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און אַנטאָן רובינשטיין פאַראינטערעסירט זיך מיט אים, ער רעקאָמענדירט אים צום באַרימטן גע̇זאַנג לערער עווע־ראַרדי און אַזוי ווי ער געפינט אויס, אַז ער האָט פייאיגקייטן צו שפּילן אויף פידל, ווייל ער אים אויך געבן אַ גוטן לערער, איז אָבער לייבעלען דער גאַנצער עסק מיאוס געוואָרן, ס'האָט אים געצויגן אין דער ווייטער וועלט, אַזוי זעען מיר אים באַלד אין איינגלאַנד, וואו ער דאַוונט אין אַ משך פון 10 יאָר אין פאַרשיידענע קהלות און איבערראַשט אַלעמען מיט זיין פענאָמענאַלער ריזן־שטימע, ער קומט שפּעטער אָן אַלס חזן אין דער העקערשער שול אין אָדעס און שטייט דאָרט 10 יאר מיט גרויס כבוד, ער קומט דערנאָך אָן אלס חזן קיין דווינסק, דאָ, דערציילט מען, האָט פּאַסירט פאָלגנדיגער צופאַל: ס'איז דורכגעפאָרן דער קיסר און שלאָסבערג איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אים צו מאַכן אַ „מי שברך" (בעת דער פאָלקאָוואָי אָר־קעסטער האָט געשפּילט) האָט זיין ריזן־שטימע איבערגעשריען דעם גרויסן אָרקעסטער, און עס איז פון אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן.

ער מאַכט דערנאָך זיין שטענדיגע רעזידענץ אין פּאָלאָצק, וויטעבסקער געגנט, לאָזט דאָרט איבער זיין פרוי און קינדער, און ער אַליין לאָזט זיך ארויס אויף אַ קאָנצערט־טורנע איבער דער גאַנצער וועלט. ער קומט אויך קיין אַמעריקע, דאַוונט מיט גרויס דערפאָלג אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט, און האָט אומעטום דעם גרעסטן בייפאַל, ער דאַוונט זייער אָפט אין בערלין, פּאַריזש און כמעט, אין יעדער שטאָט און שטעטל אין רוסלאַנד און אין יאר 1919 ווען ער האָט זיך געפונען אין פסקאָוו, רוסלאַנד, האָבן די באָלשע־וויקעס קאָנפיסקירט זיין גאַנצע האָב און גוטס. זיין זון, דער באַ־קאַנטער חזן, נתן שלאָסבערג, ברייננגט אים אַראָפּ קיין אַמעריקע און ניט קוקנדיג וואָס ער איז שוין געווען אַ זקן פון 76 יאָר, האָט ער כסדר געדאַוונט און באַקומען ביז 3000 דאָלאר פאַר די ימים הנוראים.

אין יאָר 1925 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו דאַוונען ימים הנוראים אין סיאַטל־וואשינגטאָן, אָבער 15 טעג אין אלול זיצנדיג ביים טיש און אַמוזירנדיג די מסובים מיט זיינע גלייכווערטלאך (אויף וואָס ער איז געווען א גרויסער מייסטער) איז ער פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון שטול און אויפן אָרט געשטאָרבן.

געבראכט געוואָרן צו קבורה איז ער אין פּראווידענס ר. א.

וואו זיין זון, יוסף שלאָסבערג, פארנעמט פאַר די לעצטע יאָרן די חזנות שטעלע אין דער אגודת אחים קאָנגרעגיישאָן.

שלאָסבערג האָט דערגרייכט אַן עלטער פון 82 יאָר און האָט, חוץ אַ שיינעם און גוטן נאָמען, אויך איבערגעלאָזן זייער גוטע און טאַלאַנטירטע קינדער; זיין עלטערער זון, יצחק שלאָסבערג, איז איינער פון די בארימטסטע און פייאינסטע טעאטער־קאָמפּאָזיטאָרס און איז, ספּעציעל אלס דיריגענט, א יחיד במינו. יארן לאַנג איז ער געווען מוזיק־דירעקטאָר און אָפּערעטן־קאָמפּאָניסט ביי קאָמפּאניעצן און קאַמינסקין, ער איז אויך אַ צייט געווען דיריגענט פון דער טלאָ־מאַצקער סינאַגאָגע און האָט באַרייכערט די סינאַגאָגאַלע ליטעראַ־טור מיט אַ סך ווערטפולע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, איינער פון זיינע געלונגנסטע רעטשיטאַטיוון איז דער באַוואוסטער „רצה" (מיט וועלכן חזן גרשון סיראָטא איז בארימט געוואָרן). זיין זון, ישראל שלאָסבערג, איז אַ באַוואוסטער פידל־קינסטלער און געפינט זיך אין רוסלאנד און זיין זון, חזן נתן שלאָסבערג, איז אַ שיינער מנגן וועלכער איז גוט באַקאַנט דעם אידישן פּובליקום אין ניו־יארק, שיקאַגאָ און נאָך א סך אַנדערע שטעט, מיט זיינע אָפטע דערפאָלג־רייכע דאַוונענס און קאָנצערטן.

אליעזר גערַאוויטש.

אליעזר מרדכי בן יצחק יהושע געראַוויטש, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „לאַזאר איסאַקאָוויטש", איז געווען איינער פון די

זעלטנסטע דערשיינונגען אינם אידישן לעבן און האָט מיט זיך (ספּעציעל אַלס חזן) פאַרגעשטעלט אַ גאַנצע עפּאָכע באַזונדערס אין דער מאָדערנער חזנות.

געבוירן אין יאר 1844 אין קיטאַיגאָראָד, קיעווער גובערניע, האָט ער ביז צו זיין 18=טן יאָר געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, און הגם ער האָט פון זיין קינדהייט אָן שוין געהאַט א געוויסע נייגונג צו מוזיק, האָבן אים אָבער די אומגעבונגען, דער שלעכטער צושטאַנד פון זיין פאַמיליע, ניט דערלויבט זיך דערמיט אָפּצוגעבן און דאָס=זעלבע צו אַנטוויקלען.

ווען ער איז אָבער אַלט געוואָרן 18 יאָר, און עס האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ שיינע אָנלאַג אויף אַ טענאָר שטימע, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן, כמעט צו פוס, קיין בערדיטשעוו, וואו ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו באקומען אומזיסטע לעקציעס ביי א שטאָטישן מוזיק=לערער, ביי וועלכן ער האָט געלערנט נאָטן, די ערשטע יסודות פון דער מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע. שטימע בילדונג און דעם חזנות=פאַך האָט ער געלערנט ביים באַרימטן חזן משה שפּיצבערג, פון דער נייער בערדיטשעווער כאָר=שול. ער האָט געראַווירשן אזוי ליב באַ=קומען, אז ער האָט אים געמאַכט פאַר זיין חזן=שני. דאָ האָט געראַ=ווימש געהאַט אַ געלעגנהייט אָפּט צו דאַווענען מיטן כאָר און האָט זיך דערוואָרבן גרויסע ידיעות אינם קלאַסישן רעפּערטואַר. אַ קורצע צייט שפּעטער קומט ער אָן פאַר חזן=ראשון אין ניקאָלאַיעוו.

דאָ האָט געראַווימש אַלס זעלבסטשטענדיגער חזן געהאַט די געלעגנהייט זיין גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט מער צו אַנטוויקלען. ער איז געוואָרן באַליבט מיט זיינע שאַפונגען אין דער גאַנצער שטאָט. ער האָט אָבער מיטאַמאָל דערפילט, אז ער איז צו עפּעס העכערס גע=שאַפן, און אזוי ווי די ביז איצטיגע ידיעות האָבן אים ניט גענוג באַפרי=דיגט, האָט ער פארלאָזן זיין פּאָסטן און איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט זיך גענומען פלייסיג צום שטודיום פון דער העכערער מו=זיקאַלישער קונסט. אלס תלמיד פון פּראָפעסאָר קארסי, ביי וועמען ער האָט שטודירט, האָט ער דערגרייכט זיין ציל — זיין שיינע טענאָר=

שטימע און איינגעבאָרענע אינטעליגענץ האָבן אים געמאַכט באַליבט אין אַלע אינטעלעקטועלע אידישע קרייזן.

ווען די חזנות־שטעלע אין דער פעטערבורגער כאָר שול איז גע־וואָרן פריי, איז גערוואוויטש אויסדערוויילט געוואָרן פאַר אויבער־קאַנטאָר. דער פייכטער פעטערבורגער קלימאַט האָט אָבער שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט צושטאַנד, און גערוואוויטש איז געווען גע־צוואונגען זיין אַמט אויפצוגעבן און איז אָנגעקומען אלס חזן־ראשון אין דער גרויסער כאָר־שול אין ראָסטאָוו ביים דאָן, וואו ער האָט געפונען פאַר זיך אַ מקום־מנוחה און אַ ברייטן באַקוועמען אַרבעט־פעלד. ער הויבט דאָרט אָן צו שאפן זיינע שיינע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, מיט וועלכע ער ווערט באַלד באַרימט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אין זיינע ווערק „שירי תפלה" און „שירי זמרה" זעען מיר דעם גרויסן טאַלאַנטירטן מייסטער, דעם שטרייגנן אָפּהיטער פונם נוסח התפלה און די אַלטע טראַדיציאָנעלע סקאַרבאָווע נגונים, דעם געניאַלן מחדש און גענימן טעכניקער, וועלכער האָט אָפּגעהיט מיט אַן איינגנאַרטיגער עקשנות די ספּעציפיש־אָריגינעלע אַלט־אידישע מאָטיוון און מעלאָדיעס און האָט זיי איינגעוויקלט אין מייסטער־האַפטע האַרמאָנישע און קאָנטראַפּונקטיִשע באַארבעטונגען.

ס'איז באַזונדערס כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף זיינע ימים נוראימדיגע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, וועלכע האָבן צו זיך כמעט קיין גלייכן ניט אין דער ביז צו אים געשאַפענער סינאַגאָגאַלער מוזיק־ליטעראַטור, דאָס זיינען פנינים יקרים, ניט בלויז, ספּע־ציעל פאַר די מאָדערנע שולען אָדער טעמפּלען, נאָר אפילו פאַר די אַלגעמיינע אָרטאָדאָקסישע שולן אויך. די דאָזיגע קאָמפּאָזיציעס זיינען אַ קונסט־אוצר און ווערן, מיט גרויס דערפאָלג, געזונגען אין אַלע שולן פון גאַנצן כדור הארץ.

אויך אין זיין פּריוואַטן לעבן איז גערוואוויטש געווען אָריגינעל. ער האָט פאַרמאָגט אַ אייזערנע געדולד, וואָס איז געווען צו באַ־וואונדערן. שעהן לאַנג האָט ער געקענט אָפּזיצן איבער איין טאַקט

און פלעגט אים צענדליגער מאָל איבערשרייבן, ביז וואַנען ער האָט אים אויסגעפונען פאַר פייאיג צום דרוקן. ער האָט זייער ליב געהאַט זיך צום אונטערהאַלטן מיט מוזיקאַליש־באַגאַבטע מענטשן (הגם ער האָט זיך אויך מיט אַנדערע קולטורעלע זאַכן שטאַרק אינטערעסירט) און פלעגט, ווען ער פלעגט אָנשרייבן אַ נייעי חזנישע קאָמפּאָזיציע, זיך בעטן ביי אַלעמען, וועמען ער פלעגט נאָר באַגעגענען אין גאַס, אז זיי זאָלן קומען אין שול, הערן זיין נייע שאַפונג. פלעגט זיך אויך בעטן ביי די חזנים און דיריזשאָרן פון די אַנדערע שולן אין ראָסטאָוו און אויך ביי יעדער חזן אָדער דיריזשאָר פון אַ פרעמדער שטאָט, וועלכע ער פלעגט באַגעגענען, אַז זיי זאָלן זינגען זיינע זאַכן. ער פלעגט קיינמאָל ניט מיד ווערן ריידנדיג וועגן זיינע שאַפונגען, הגם ער האָט אויך אַנדערע אַנערקענט און פלעגט אין זיין רעפּערטואַר אויך אָפט באַנוצן נאָמבערגס, זולצערס, לעוואַנדאָווסקיס און שאַפונגען פון נאָך אַנדערע באַרימטע קאָמפּאָניסטן.

אזוי ווי זולצער מיט זיין „שירי ציון", אזוי האָט אויך געראָ־ וויטש געשטרעבט, אז זיינע ווערק „שירי תפלה" און „שירי זמרה" זאָלן ווערן אַן אייגנטום פונם גאַנצן אידנטום און זאָלן געברויכט ווערן צו דער ליטורגיע אין אַלע סינאַגאָגעס פון גאָר דער וועלט. מיט א ריי פון זיינע סקארבאָווע נגונים, ווי: „סדר העבודה", „מלוך" „אתה נגלית", „לכו נרננה" צו סליחות, די רעספּאָנזן זיין „קדיש" און „אבות" פון די ימים הנוראים, זיין ספּעציעלער שחרית לימים הנוראים מיט כאָר און נאָך אַנדערע שאַפונגען, איז עס געראַווויטשן באמת געלונגען זיך צו פאַראייביגן ספּעציעל אין רוסלאַנד, וואו זיינע שאַפונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי אַ אידיש־נאַציאָנאַלער אייגנטום.

אין דער פייערונג פון זיין 25־יאָריגן יובילייאום אַלס חזן פון דער ראָסטאָווער כאָר־שול, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם גרעסטן קאָנצערט־זאַל פון שטאָט, האָבן אָנטייל גענומען, חוץ זיין אייגענעם סינאַגאָגע־כאָר אויך עטלאַכע כאָרן פון די רוסישע קיר־ כעס. אינם קאָנצערט־פּראָגראַם זיינען אריין עטלאַכע געראַוויטשעס

קאָמפּאָזיציעס, פון וועלכע עס האָבן אַ באַזונדערן בייפאַל געהאַט זיין „הנותן תשועה", „על נהרות בבל" און זיין „ד' זכרנו".

גרעראָוויטשעס גאַנצער לעבן איז באַשטאַנען פון אַ אייביגן קאַמף פאַר קונסט און עסטעטיק און אין זיין פּריוואַט לעבן האָט זיין איידעלע פרוי חייה שרה געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, זי פלעגט אים אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אין יאר 1913, מיטן טויט פון זיין פרוי (וועלכע איז נאָך אַן אָפּעראציע געשטאָרבן אין היידלבערג, דייטשלאנד) איז געקומען אן איבערברוך אין גרעראָוויטשעס לעבן. ער איז געבליבן איינזאַם, מוט־לאָז און צובראָכן, און כדי ער זאָל ניט זיין עלנט ווי אַ שטיין, האָט זיינער אַ געוועזענער תלמיד, אַ באַוואוסטער מוזיק־לערער, אַבראַם באָריסאָוויטש גירשאָוו, אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז, אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער און אים געהאַלטן מיט גרויס כבוד. גרעראָוויטש האָט אָבער שוין פאַרלאָרן דעם גאַנצן אינטערעס אין לעבן, דערצו נאָך האָט אים שטאַרק צוגעדריקט די שלעכטע מאַטער־יעלע לאגע, אין וועלכער זיינע ביידע חתונה געהאַטע טעכטער האָבן זיך געפונען, און וועלכע ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין אונטער־שטיצן, אויך די בייגקשאַפט נאָך דער טייער פרוי האָט אים נידער־געשלאָגן, ביז ער איז געפערלאך קראנק געוואָרן. צו גרויס איז אָבער געווען זיין איבערגעבנקייט צו זיין עמוד, אז ער זאָל אפילו אויף אַ רגע קענען וועגן אים פאַרגעסן, ניט קוקנדיג וואָס ער איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, האָט ער נאָך אַלץ געחלומט וועגן געוויסע מוזיקאַלישע אויפטואונגען און האָט, פאַרן שרייבער פון די שורות, זיך עטלאכע מאָל אויסגעדריקט, אז ער וואָלט נאָך וועלן דאַוונען עט־לאַכע יאָר, ביים שיינעם מאַרמאָרנעם אַלטאַר פון דער נייער שול, (אַ אידעאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך ארומגעטראָגן זיין גאַנצן לעבן.) ס'איז אים אָבער ליידער ניט באשערט געווען דאָס צו דערלעבן און דעם 7־טן אָקטאָבער 1914 האָט ער אויסגעהויכט זיין איידעלע

נשמה אין געגנוואַרט פון זיינע ביידע טעכטער און איידימס און אַ
אַ סך פריינט און פאַרערערס.

זיין לויה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 8=טן אָקטאָבער, איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון ראסטאָוו, דער טרויער=צוג האָט זיך געצויגן מיט אַ סך טויזנטער מלוים פון זיין לעצטער וואוינונג צו דער כאָר=שול, וואו דער נפטר איז אריינגע=טראגן געוואָרן, ראַבינער גאָלדענבערג האָט אים מספיד געווען און דער שרייבער פון די שורות האָט אונטער טרויער געזאַנגען פון 2 אידישע כאָרן געמאַכט די הזכרה, ס'האָבן זיך אויך באטייליגט אלע חזנים פון די אַנדערע שולן מיט זייערע כאָרן, וועלכע האָבן אויפן גאנצן וועג געזונגען גערעוויטשס „ד' מה אדם” און זולצערס „כי מלאכיו”, די קראמען זיינען אין גאנץ ראסטאָוו געווען צוגעמאַכט אלס צייכן פון אלגעמיינעם טרויער.

איזידאָר בלומענטאַל.

איזידאָר בלומענטאַל איז געבוירן געוואָרן דעם 14=טן אָקטאָ=בער 1844 אין באַרדיטשעוו, וואו ער איז דערצויגן געוואָרן על התורה ועל העבודה, און געפינענדיג זיך אין א חסידישן קרייז, וואו אלע טראדיציעס זיינע שטריינג אָפּגעהיט געוואָרן מיט זמירות און פאר=שיידענע חסידישע נגונים האָט זיך אים געדוכט, א קיין שענערער געזאנג, ווי דאָס, וואָס ער הערט אינם חסידישן קלויז אָדער ביי זיין פאָטערס טיש, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

מ'קען זיך דעריבער פארשטעלן דעם געוואלדיגן איינדרוק, וואָס ס'האָט אויף אים געמאַכט דער באוואוסטער חזן ירוחם הקטן מיט זיין קאַפּעליע משוררים, וועלכע ער האָט אַמאָל געהערט אין דער גרויסער שטאָטישער שול דאָרטן. ס'האָט זיך ביי אים דער=וועקט א תשוקה אַנצוקומען צו ירוחמען פאר א זינגער.

ער פארטרויט דאָס זיין פאָטער, וועלכער פירט אים אַוועק צו

ירוחמען און ווען ירוחם דערהערט בלומענטאלס געשמאקע סאָפּראַן שטימעלע, נעמט ער אים אריין אין זיין כאָר, וואו ער צייכנט זיך גיך אוים מיט זיינע געפּילפּולע סאָלאָס און מיט זיין נאַטירלאכן מו־זיקאלישן פאָרטראַג, ער פאָרט דערנאָך ארום מיט ירוחמען אויף זיי־נע קאָנצערט־נסיעות. קומענדיג קיין קישינעוו, וואו ער דערהערט ניסי בעלזערס כאָר און ווערט געוואָר, אז ביי ניסין זינגט מען שוין פון נאָטן, פארלאָזט ער ירוחמען און קומט אָן צו ניסין. ער דערלערנט זייער גיך נאָטן. ער לערנט אויך ביי א שטאָטישן מוזיק לערער מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע און ווערט ניסים רעכטע האַנט, ער העלפט אים ביים איינזינגען מיטן כאָר און שרייבט פאנאנדער אלע פארטיעס.

אויף איינע פון זיינע קאָנצערט־נסיעות מיט ניסין אין דער שטאָט ביאליסטאָק, ליינט מען בלומענטאלן פאָר צו ווערן דיריזשאָר פון שטאָט־שול, דעם פאָרשלאג נעמט ער גערן אָן, אין א יאר שפּע־טער איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס קאַנטאָר אין דער ניי געגרינדע־טער כאָר־שול.

קוים 19 יאר אלט האָט ער ביי אלעמען ארויסגערופן גרוים באוואונדערונג מיט זיין שיינער לירישער באריטאָן שטימע און זיינע גרויסע ידיעות אויפן חזנישן געביט, ער ווערט באלד באליבט אין דער גאנצער שטאָט. האָט עס אים אָבער געצויגן צו העכערער קול־טור. האָט ער פארלאָזן ביאליסטאָק און איז אָנגעקומען קיין דאר־קעמען (א שטעטל אין דייטשלאנד), וואו ער האָט דערלערנט שחיטה ביים דאָרטיגן חזן, אַבראמסאָן, ער האָט געלערנט דאָרט אויך די דייטשע שפראך און איז אָנגעקומען דערנאָך אַלס חזן־שוחט אין „ניי־שטעטין" וואו ער איז פארבליבן דריי יאר און געוואָרן א דיי־טשער בירגער

אין יאר 1870 איז ער אָנגעקומען אלס קאַנטאָר אין „שוועדט־ביי־די־אָדער" און אין יאר 1876 איז ער אויפגענומען געוואָרן פאר אויבער־קאַנטאָר אין דער ניי־געגרינדעטער הויפּט־סינאַגאָגע אין קעלן ביים רהיין, דאָ האָט בלומענטאל אַנטוויקלט א ברייטע און רייכע מוזיקאלישע טעטיגקייט, ער האָט איינגעפירט א גערעגלטן

גאָטעס דינסט מיט א שיינעם כאָר און אָרגל, ער האָט אויך אָנגעפירט מיטן באַרימטן „קעלנער מענער געזאַנג פאַריין" און איז דאָרט פאַר־בליבן מיט גרויס כבוד גאַנצע 48 יאר — ביז זיין לעצטן טאָג.

ישראל מיכאַלאָווסקי.

ישראלקע מיכאַלאָווסקי, באַרימט אונטערן נאָמען ישראלקע פּאַריזער, איז געווען איינער פון די באַוואוסטע שטים־באַגאַבטע חזנים פונם 19־טן יאָרהונדערט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1832 אין ווישטינעץ, סו־באַלקער געגנט, ביי זייער בכבודיגע אָבער ניט פאַרמעגלאַכע על־טערן, וועלכע האָבן זיך באַמיט מיט די לעצטע כחות צו געבן זייער געראַטענעם קינד א גוטע דערציאונג. זיי האָבן געדונגען פאַר אים די בעסטע מלמדים און דער קליינער ישראליק האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי אַלעמען מיט זיין גרויסער התמדה. גאַנץ פרי איז ישראלקע פאַריתומט געוואָרן. זיין פאָטער איז דערהרגעט געוואָרן פון עטלאַכע גויים וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן ביינאַכט אין זייער הויז, און זיין מוטער איז מיט עטלאַכע וואָכן שפּעטער געשטאָרבן פון די קלעפּ וואָס זי האָט באַקומען פון די זעלביגע גויים.

אַזוי הויבט זיך אָן א וואַנדער לעבן פאַר ישראלקען, וואו גע־טאָגט ניט גענעכטיגט, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן דערשלעפּט ער זיך אַזש קיין ווילנא, וואו ער ווערט צוגענומען אין דער דאָרטיגער תלמוד תורה, און ווען דער באַוואוסטער חזן, חיים וואסערצוג איז אַמאָל אַריין אין דער ת"ת אויסצוקלייבן אינגלאַך פאַר זיין כאָר אין שטאָט־שול איז ער נתפּעל געוואָרן פון דער זעלטענער קוואַליטעט פון מיכאַלאָווסקים אַלט שטימעלע און פון זיין וואונדערבאַרן חוש השמיעה.

ר' חיים וואסערצוג האָט אַריינגענומען ישראליקן אין כאָר און עטלאַכע וואָכן שפּעטער פאַרכישופט ישראלקע אַלע מתפּללים פון

שטאָט־שול מיט זיינע זיסע און קלאנגפולע סאָלאָ געזאַנגען. ער פאַר־בלייבט ביי וואסערצוגן א לייגנערע צייט און פאָרט דערנאָך צוריק קיין סובאלק, וואו ער זינגט ביים באַוואוסטן חזן, ישראלקע יפה, ביי וועמען ער כאַפּט דעם שניט פונם אַלטן חזנות־סטיל.

ער לאָזט זיך דערנאָך ארויס איבער דער וועלט און ווערט באַ־וואונדערט פון אַלעמען פאַר זיין ריזיגער ברייטער טענאָר־שטימע. ער קומט דערנאָך אָן אַלס חזן אין פּראגא, ביי ווארשא, אָבער דאָרט איז אים אויסגעקומען שטאַרק צו ליידן פון די חסידים. ער פאָרט דעריבער אוועק קיין ווין, וואו ער לערנט א קורצע צייט מוזיק און בילדעט אויס זיין שטימע און קומט דערנאָך אָן אַלס חזן אין דער פּויליש־ליטווישער שול אין פּאריז. אָבער אויך דאָרט בלייבט ער נים לאנג און קומט צוריק אָן קיין ווילנא, וואו ער פאַרבלייט א קור־צע צייט. ער מאַכט דאָ חתונה זיינע א טאָכטער פאַר א יונגנמאַן, א משכּיל און מנגן, מיטן נאָמען סאַפּירשטיין, וועלכער האָט אויך געהאַט א שיינע באַס־באַריטאָן שטימע און זיי פאָרן דערנאָך קיין פּעטערבורג און באזוכן פאַרשיידענע אנדערע רוסישע שטעט און זינגען צוזאמען אויף קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג.

מיכאַלאָווסקים נאָמען האָט געקלונגען איבער דער אידישער וועלט און פאַרשיידענע קהלות האָבן אים געזוכט פאַר זייער חזן. מיכאַלאָווסקין האָט אָבער געצויגן אין דער ווייטער וועלט. האָט ער זיך טאַקע אָפּגעזאָגט פון די אַלע אים פאָרגעלייגטע גליקן און קומט אָן אין יאָר 1885 קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט אויפגעשטורימט דעם עולם מיט זיינע עטלאכע דאַוונענס און גאָר באזונדערס מיט זיינע קאָנצערטן, וועלכע ער זינגט צוזאמען מיט זיין איידים. איז אים אָבער זיין פרוי דאָרט געשטאָרבן און א לייגנערע צייט האָט ער קיין טרייסט נים געקענט געפינען. ער באשליסט נאָכדעם אָנצונעמען די איינלאדונג פון ניו יארק פונם בית המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט., וואו ער האָט פאַרנומען די חזנות מיט גרויס כבוד אן ערך פון 10 יאָר. זיין איידים סאפּירשטיין איז אָנגעקומען פאַר א חזן אין פּיטס־בורג, וואו ער קומט אָן אַלס סטודענט אין דעם דאָרטיגן אוניווער־

סיטעט און פארענדיגט דאָקטאָר־מעדיצין. ער באַזעצט זיך נאָכדעם אין ניו יארק אויף ריווערסייד דרייוו און באַקומט זייער א גרויסע פּראַקטיק. ער האַלט אויך זיין שווער ביי זיך אין הויז און היט אים ווי אן אויג אין קאָפּ.

איז אָבער מיכאַלאָווסקין דער דאָזיגער נחת ניט באשערט געווען פאר לאנגע יארן, זיין באַליבטער איידים שטארבט אָפּ נאָך אַ קורצער אָבער שווערער קראַנקהייט. מיכאַלאָווסקי בלייבט עלנט ווי א שטיין. זיין שיינער פּנים איז פון צרות אָפּגעצערט געוואָרן, זיין שמייכל איז פארשוואונדן און פון זיין ריזיגער שטימע איז קיין שפור ניט געבליבן. פון זיינע טויזנטער פריינט און פארערערס האָט זיך דער באַוואוסטער וויין־הענדלער און משכיל יצחק גאָלדבערג אויף אים מרחם געווען און האָט אים געשטיצט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ישראלקע מיכאַלאָווסקי איז געשטארבן אין יאר 1914 און איז באַערדיגט אין ניו יארק אויפן בית עולם פונם ביהמ״ד הגדול נאר־פאָלק סטריט.

ר׳ יאָסעלע טאַלנער.

יאסעלע טאַלנער, יאסעלע ראַכמעסטריווקער, יאסעלע זלאטאָפּאָליער, דאָס זיינען דריי נעמען, וועלכע איין פּערזאָן האָט געטראָגן, די נעמען שטאַמען פון די שטעט, אָדער בעסער געזאָגט פון די רביים, ביי וועלכע ער איז געווען חזן אָדער טיש־זינגער, (און אז מען רעדט פון ר׳ יאסעלען קומען אויפן געדאַנק פארשיידענע לעגענדעס פון זיין מיט רום געקרוינטן לעבן, וועלכע האָבן זיך צענדליגער יארן ארומגעטראגן און טראגן זיך נאָך אויך איצטער ארום ביי די חסידים פון גאָר דער וועלט און וועלכע מען דערציילט איינער דעם אַנדערן מיט גרוים התלהבות), פריער יאסעלע פייסי דעם חזנס, שפּעטער יאָסעלע ר׳ דודלס (ר׳ דודל טאַלנערס חזן) שפּעטער ביי־

ר' יוחנצע פון ראכמעסטריווקע און דערנאָך ביי ר' מאָטעלען אין זלאַטאָפּאָליע.

געבוירן אין יאר 1838 אין טאלנא, באקומט יאסעלע א שטריינג פרומע דערציאונג ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען א חזן א מנגן.

עפעס א קלייניגקייט „פייסי דער חזן"! ווען ער פלעגט קומען דאַוונען אין א שטאָט, איז מען אים אַנטקעגן געפאָרן מקבל פנים זיין, א יום טוב איז געווען פאר יעדער שטאָט און שטעטל, ווען פייסי פלעגט קומען. זיין יאסעלע, וועלכער איז אין דער דאָזיגער מוזיקאַלישער סביבה געבוירן און דערצויגן געוואָרן, האָט שוין פון זיין פריסטער יוגנט אין זיך איינגעזאפּט א וועלט מיט חסידישער און חזנישער נגינה, די וואָס האָבן יאסעלען געהערט זינגען, האָבן אויף אים נביאות געזאָגט, אז ער וועט נאָך איבערשטייגן זיין גרויסן פאָטער מיטן טאלאנט זיינעם און מיט זיין מתיקות. און כך הוה.

יאסעלע איז געוואָרן א שם דבר, זיינע נגונים, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין די הונדערטער, לעבן נאָך ביז היינטיגן טאָג ביי טויזנטער חסידים, (הגם א סך פון זיי זיינען פארלוירן געגאנגען אין די צייטן פון די אוקראַינער פּאָגראָמען צוזאמען מיט אַנדערע פאר־שריבענע חזנישע נגונים). די דאָזיגע נגונים, וועלכע מען מעג מיט רעכט אָנרופן „שטימונגס־געזאַנגען" זיינען פון ר' יאסעלע טאַלנער געשאפן געוואָרן ביים רבינס טיש. איר הערט צווישן זיי אָפטמאָל אומעטיגע מיסטישע געזאנגען, וועלכע פארענדיגן זיך צום סוף מיט אַ געוויסער פרייליכקייט, א מין אויפמונטערונג, ביי וועלכע עס הייבן זיך די פיס פון זיך אליין און מען לאָזט זיך אוועק אין א ריקודל...

חסידים האָבן ליב נגינה. ביי זיי פארנעמט נגינה א גרויסן טייל פון זייער לעבן. זיי פילן און גלויבן, אז דורך נגינה דערהויבט זיך די נשמה און דערהויבנדיג זיך באַקומט זי דעם אמתן תיקון. ר' יאסעלע פלעגט מיט זיינע נגונים צוציען הונדערטער חסידים וואָס פלעגן ספּעציעל קומען אים הערן דאַוונען אין רבינס בית המדרש און פלעגן ביים טיש מיט גרוים התלהבות נאָכזינגען זיינע זמירות,

זיי פלעגן תמיד זאָגן, אז יאסעלעס א ניגון איז מעורר די חסידישע הערצער צו מאַן תשובה.

דער טאַלנער רבי, ר׳ דודל איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פון נגינה און נים נאָר ער האָט ליב געהאַט חסידישע ניגונים, ער פלעגט אויך שטאַרק הנאה האָבן פון קלאסישע געזאַנגען און פלעגט זיך מחיה זיין הערנדיג א גוטן פידלער. פלעגן טאַקע די בארימטסטע אידישע כלי־זמר אראָפּגעבראכט ווערן ספּעציעל צום רבין. אזוי זיינען דער בארימטער סטעמפּעניו בארדיטשעווער און פאַדהוצער (פּרה־צור) זשיטאָמירער געווען אָפטע געסט ביי ר׳ דודלען אין טאַלנע. ספּעציעל האָט ר׳ דודל ליב געהאַט טרויעריגע נגונים. ער פלעגט זיך אָפט ביי די לעצטע פאַנאַנדערוויינען אָדער פארמאכן די אויגן און זיך פארטראָגן אין די געדאַנקען, אין די עולמות העליונים. גאָר באַזונדערס פלעגט ער אָבער באגייסטערט ווערן פון ר׳ יאסעלעס נגונים. ווען ער פלעגט אַמאָל אריינפאַלן אין א עצבות, האָט אים ר׳ יאסעלע מיט זיין זינגען פריילאך געמאַכט, באַזונדערס האָט זיך ר׳ יאסעלע אויסגעצייכנט אין זיינע ימים נוראימדיגע תפלות. ער פלעגט דאָ אריינלייגן אזוי פיל האַרץ און נשמה, אַז די מתפללים פלעגן זיך באוואשן אין טרערן און ר׳ דודל פלעגט אויף אים דאַמאָלס קוקן מיט דאַנק אין די אויגן.

נאָך ר׳ דודלס פטירה איז ר׳ יאסעלע איבערגעגאַנגען צו דודלס ברודער ר׳ יוחנצע פון ראכמעסטריווקע און מען דערציילט, אז דער רבי ר׳ יוחנצע מיט אַלע זיינע זין (כלם צדיקים) האָבן זיך צו „כל נדרי״ אָנגעטאָן אין ווייסן און זיינען געשטאַנען ארום דעם עמוד נעבן ר׳ יאסעלען, מיט די ספרי תורה, וועלכע זיינען געווען אָנגעטאָן מיט ווייסע מענטעלאך און ווען ר׳ יאסעלע האָט אויסגעשריען: „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל וכו׳״ איז א שרעק געפאלן אויף אַלע מתפללים. אויך אין „כל נדרי״ האָט זיך געפילט א הייליגער ציטער און דבקות. יאסעלע האָט זיי אַלעמען געבראכט צו טרערן מיט זיין ריינעם נוסח התפלה און מתיקותדיגן געזאַנג און איז געווען ביי אלעמען זייער באליבט.

נאָך ר׳ יוחנצעס פּטירה איז ר׳ יאסעלע אָנגעקומען צו ר׳ דודלס זון ר׳ מאָטעלע קיין זלאטאָפּאָליע. יעדער רבי פון דער טאַלנער דינאַסטיע האָט עס גערעכנט פאר א גליק און כבוד צו האָבן ר׳ דודלס ליבלינג ר׳ יאסעלען פאר זיין חזן און מנגן ביי זיך אין הויף.

עס איז אָנגעקומען די רעוואלוציע אין רוסלאנד. ר׳ מאָטעלע איז איינמאָל ארויסגערופן געוואָרן קיין נאוואמיראגאראָד, כערסאָנער גובערניע, (וועלכע געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט טייך פון זלאטאָפּאָליע) צו געבן דאָרט חופּה וקדושין. און כנהוג האָט ער ר׳ יאָסעלען מיט זיך מיטגענומען. נאָך דער חופּה האָט ר׳ יאסעלע באַגלייט דעם רבין צוריק קיין זלאטאָפּאָליע בז צום בריק און אליין האָט ער זיך אומגעקערט קיין נאוואמיראגאראָד זיך צו זען מיט זיין טאָכטער, מיטן איידים און זייערע קינדער (וועלכע האָבן געוואוינט דאָרטן). זיינען אָבער אין דער פרי אָנגעקומען די גריגאָרעווצעס (א באנדע בוליגאנעס פּארטיזאנעס אונטער דער פירערשאפט פון אַטאַמאן גריגאָרעוו) און האָבן פאָגראמירט די שטאָט און האָבן צונויפגענומען 50 אידן פון די חשובסטע נכבדי העיר צווישן זיי ר׳ יאסעלען מיט זיין איידים ר׳ נחום ספּיוואק, און מען האָט זיי געצוואונגען צו גראבן קברים הינטערן שטאָט און דערנאָך זיי לעבעדיגערהייט באגראבן. עס איז געוואָרן א שרעקלאכע יללה ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז דאָס גראבן זיי די קברים פאר זיך. האָט זיי אָבער ר׳ יאָסעלע אויפגעפאָדערט ניט צו וויינען, און האָט מיט זיי געזאָגט ודוי און תהלים און אויפגעמונטערט זיי צו זינגען זיינעם א באקאנטן זמרל. ווען די באנדיטן האָבן שוין כמעט געהאַט פארשאָטן די קברים, האָט זיך נאָך אלץ געהערט ר׳ יאסעלעס שטימע, וועלכע איז דערנאָך אויף אייביג אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ הארצרייסנדיגן „שמע ישראל”. אָט אַזוי טראגיש האָט געענדיגט זיין לעבן דער חזן ר׳ יאָסעלע, וועלכער האָט אָנגעפילט טויזנטער אידישע הערצער מיט באגייסטערונג.

זיין טאָכטער, דבורה לאה, וועלכע איז אין איין טאָג געבליבן

אָן א פּאָטער און אָן א מאַן האָט געמוזט מיט אירע 4 קינדערלאך אַנטלויפן צוזאמען מיט די איבעריגע פרויען פון דער שטעטל קיין יעליסאוועטגראד, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינם דאָרטיגן פּאסאזש־האָטעל אריבער 400 היימלאָזע מיט זייערע קליינע קינ־דער. דער (ניט לאנג פארשטאָרבענער) באוואוסטער ציוניסטישער פירער וו. טיאָמקין איז דאַמאָלס געווען דאָרט ראבינער. ער מיט נאָך בעלי בתים פון שטאָט האָבן זיך באמיט די היימלאָזע לייכטער צו מאַכן מיט וואָס נאָר מעגלאך. זיי האָבן אויך באזאָרגט אלעמען מיט שפּייז און וועש. האָט זיך אָבער דער פלעקן־טיפוס אריינגע־כאפּט אין פּאסאזש און אלע קראנקע, שוואכע, אלטע לייט און קינ־דער זיינען געפאלן ווי די פליגן, אויך דבורה לאהס 4 קליינע קינדער זיינען דאָרט געשטאָרבן. אן עלנטע, א פארלאָזענע, א קראנקע האָט דבורה לאה ארומגעבלאָנדזשעט גאנצע זעקס יאר ביז דער צופאל האָט איר צונויפגעפירט מיט איר מאַן, הרב משה ראָזענבלאט, א באוואוסטער ציוניסטישער טוער און שרייבער, מיט וועלכן זי האָט שוין דריי קינדערלאך און זיי לעבן גליקלאך צוזאמען אין פּיטס־בורג, אַמעריקע, וואו זיי זיינען מיט עטלאכע יאר צוריק אָנגעקומען.

צבי הערש בערמאַן.

הירש בערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין טאַלטשין, אָדעסער געגנט, אין יאר 1845. מיט זיין שיינער שטימעלע און מוזיקאַלי־שע באגאבונג רופט ער ארויס שוין אלס קליין קינד, די אלגעמיינע באוואונדערונג, ער זינגט ביז צו זיין 18־טן יאר ביי די בארימטעסטע חזנים פון יענער צייט, וואו ער דערווערבט זיך אַלגעמיינע געזאנג־לאכע און מוזיקאַלישע ידיעות אין א גרויסער מאָס. ער פאָרט דער־נאָך קיין פּעטערבורג, וואו ער נעמט לעקציעס אין שטימע בילדונג און מוזיק־טעאריע און קומט דערנאָך אָן אלס חזן אין ליבוי, וואו

ער פארבליבט א קורצע צייט און ווערט ארויסגערופן אלס חזן קיין בודאפעסט.

ער קומט דערנאך אן אלס אויבערקאנטאר אין בעהמיש־ליפוי, וואו ס'עפנט זיך פאר אים א פרוכטבארער ברייטער ארבעטס־פעלד און וואו ער בליבט מיט גרויס כבוד ביזן סוף פון זיין לעבן. ער פארעפנטלאכט אין יאר 1915 א זייער אינטערעסאנטן חזנישן ווערק אונטערן נאמען „שירת צבי" (רעציטאטיוון און כאר־געזאנגען פאר געמישטן כאר מיט (און אן) ארגל באגלייטונג) און דעם 5־טן יאנואר 1920, איז ער נאך א קורצער קראנקהייט געשטארבן.

פייוול אגוטש.

פייוול אגוטש איז געבוירן געווארן אין א קליין שטעטל נעבן ווילנע אין יאר 1845. שוין אין זיין פריסטער יוגנט ווערט ער בארימט מיט זיין קינסטלערישער און מוזיקאלישער באגאבונג, ער פארט שפעטער קיין דייטשלאנד מיטן צוועק דארט צו אנטוויקלען זיינע פייאיגקייטן, פעלן אים אבער די מיטלען צו שטודירן, דערצו נאך האט אים זיין קליינשטעטלדיגע שעמעוודינקייט געשטערט צו אימיצן אנ־צוקומען נאך שטיצע, ער באשליסט בעסער אנצונעמען א חזנות שטע־לע און אנקלייבן די נויטיגע סומע כדי צו קענען אן ווענדנם הילף זיין שטודיום פארצוזעצן, ער קומט אן פאר א חזן אין קאשמין וואו ער פארבלייבט 2 יאר, שטייט דערנאך 3 יאר אלס חזן אין שווערין און שפעטער 3 יאר אין אסטראווא.

אין יאר 1883 קומט ער אן פאר חזן אין פראנקפורט, וואו ער אנטוויקלט א ברייטע און פיל־זייטיגע טעטיגקייט, דא האט ער אויך געהאט די געלעגנהייט גרונטיג צו דערלערנען די הארמאניע און קאמפאזיציע. ער פארעפנטלאכט דא אויך א חזנישן סידור אונטערן נאמען „שירי יהודה".

אין יאר 1920 פארעפנטלאכט ער זיין צווייטן חזנישן סידור

וועלכער איז אומעטום באוואוסט אונטערן נאָמען „דער פראנקפורטער פאָרבעטער". זייער באליבט איז אָגוטש געווען ביי זיין געמיינדע און ראבינער האראוויץ פלעגט אים ממש פארגעטערן. פאר די 38 יאר וואָס ער איז געשטאנען אויף זיין פאָסטן אין פראנקפורט האָט ער זיך דערוואָרבן טויזנטער פריינט און פארערערס.

גרויס איז געווען דער וויטאָג פאר זיין געמיינדע, און פאר דער גאנצער פראנקפורטער אידישער באפעלקערונג, ווען ער איז פלוצלונג אוועקגעריסן געוואָרן פון זיי, דורכן גרויזאמען טויט, מוצאי יום הכפורים 1922.

גבריאל ראָזענבערגער

גבריאל ראזענבערגער, דער באוואוסטער שטאָקהאָלמער חזן, איז געווען בארימט נים בלויז אלס ערשט־קלאסיגער חזן און מוזיקער, נאָר אויך אָלס גרויסע קולטורעלע פערזענלאכקייט, געבוירן אין בוימען, אויבער־שלעזיע, דעם 20־טן מאי 1845, באקומט ער ביי זיין פאָטער א שטרייגג־רעליגיעזע דערציאונג, מיטן געדאנק אים צו לאָזן אויסבילדן פאר א רב דינגט דער פאטער פאר אים די בעסטע מלמדים און שיקט אים דערנאָך קיין ברעסלוי אין דאָרטיגן רבנים־סעמינאר, דאָ האָט ער געהאָט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיטן בארימטן חזן מאָריץ דייטש, וועלכער האָט געגעבן געזאנג לעקציעס אינם סעמינאר, דער לעצטער פאראינטערעסירט זיך מיט ראזענבערגערן און לערנט מיט אים חזנות, אין וועלכן ראזענבערגער מאכט גרויסע פארשריט, קומט דערנאָך אָן אלס חזן אין אלזעי און שפעטער אין עלבערפעלד, וואו ער רופט ארויס אלגעמיינע באוואונדערונג מיט זיין שיינער גוט־געשולטער באריטאָן שטימע, מיט זיין שיינעם פאָרטראג און מיט זיינע אויסטייטשונגען פון די תפלות.

אין יאר 1874 ווערט ער אויפגענומען פאר ערשטן חזן אין שטאָקהאָלם, דאָ ווערט ער זייער טעטיג אויף אלע מוזיקאלישע און

קולטורעלע געביטן, ער ווערט אויך לערער פאר דער דייטשער שפראך אין דער קעניגלאכער מלחמה־הויכשולע און פארעפנטלאכט א זייער וויכטיגן ווערטערבוך „דייטש־שוויידיש”, מיט וועלכן עס באנוצן זיך די שולעס אין שוועדן.

ראזענבערגער איז נאָך א קורצע אָבער שווערע קראנקהייט גע־שטאָרבן דעם 9־טן אויגוסט 1895.

יעקב משה אַבעליאָוו.

יעקב משה אַבעליאוו, וועלכער איז באקאנט אין דער אידישער וועלט אונטערן נאָמען „דער טראקער” איז, אָן ספק, געווען איינער פון די בארימטסטע חזנים אין רוסלאנד, געבוירן אין דרוזגעניק, גראדנער גובערניע אין יאר 1846, וויזט ער ארויס שוין אלס קינד גרויסע נייגונגען צו תלמוד און אויך צו מוזיק, ער גיט זיך אָבער אָפּ דערהויפּט מיט מוזיק, ער לערנט אין ווילנא ביים באקאנטן פּראָ־פעסאָר גרים מוזיק און פרייע קאָמפּאָזיציע און וויזט באזונדערס אין דער קאָמפּאָזיציע־לערע ארויס גרויסע באגאבונג און רייכע פאנטאַזיע, ער שרייבט א ריי געזאנגען פאר קאַנטאָר און כאָר, אויך אַנדערע מוזיקאַלישע שאפונגען, קווארטעטן און קווינטעטן פאר כאָר און אָרקעסטער, זיינע שאפונגען זיינען באזונדערס רייך געווען מיט זיי־ערע זיסע מעלאָדיעס און מיט זייער גייסטרייכע הארמאָניזירונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט זיין פרומע אײדעלע נשמה און גוט־מוטיגקייט, פון זיינע שאפונגען פאר אָרקעסטער זיינען באזונדערס בארימט זיינע אָווערטיורען פאר חנוכה פייערלאכקייטן זייענדיג חזן אין טראק נעבן ווילנא, פלעגט ער אָפט קומען קיין ווילנא מיט זיין כאָר און פלעגט דאַווענען אין דער גרויסער שטאָט־שול מיט גרויס דערפאָלג.

א געוואלדיגן נאָמען האָט „דער טראקער” באקומען, הונדער־טער תלמידים זיינען פון אַלע עקן רוסלאנד געקומען צו אים לער־

נען, א סך היינטיגע וועלט בארימטע חזנים האָבן זייער גאנצע יניקה געצויגן פונם טראָקערס חדר, אבעליאוו איז אויך געווען א גרויסער תלמודיסט און א ירא שמים, ער האָט, חוץ זיינע אומצייליגע קאָמפּאָזיציעס אויך פארפאסט א הארמאָניע־טעאָריע אין דער העברייאישער שפּראך.

ליידער איז אים נים באשערט געווען צו זען זיינע קאָמפּאָזיציעס פארעפנטלאכט אין דרוק, ווייל אין מיטן פון זיינע בליענדיגסטע יארן, אינמיטן פון זיין זייער פרוכטבארער טעטיגקייט, איז ער אין עלטער פון 42 יאר פלוצלונג געשטארבן דריי טעג אין אלול אין יאר 1888.

יעקב גאָטליב.

(„יאנקל דער הייזעריגער")

יעקב גאָטליב, וועלכער איז געווען באקאנט אַלס „יאנקל דער הייזעריגער" איז געווען א שם דבר צווישן די בארימטסטע חזנים אין רוסלאנד, ער איז געבוירן אין אָדעס אין יאר 1852, וואו זיין פאָטער איז געווען דער ראש השוחטים און אלס אַכט יעריג קינד האָט עם יאַנקעלען געצויגן צו נגינה. ער קומט אָן פאר א משורר צום בארימטן חזן בצלאל אָדעסער, וואו ער רופט ארוים אלעמענס באַוואונדערונג מיט זיין שיינער אַלט שטימעלע און מתיקותדיגן פארטראג, זיינע סאָלאָס פלעגן ציען אין שול טויזנטער נייגעריגע הערערס.

מיט אַ יאר שפּעטער, איינגאנצן 9 יאר אַלט, דאַווגט שוין יאנקעלע אליין פארן עמוד, ער האָט אזוי ליב געהאָט דעם עמוד, אז ער פלעגט אונטערקויפן שמשים פון פארשיידענע שולן מיט אַ קישקע אָדער א מילץ, וואָס ער פלעגט שטילערהייד לקחענען פון זיין פאָטער, און אזוי ארום איז ער שוין אלס קינד מפורסם געוואָרן אין גאנץ אָדעס פאר אַ גרויסן אויפגייענדיגן שטערן אין דער

חזנות־וועלט, אַלע שבת פלעגט ער דאַווענען אין אַן אַנדער שול און הונדערטער מענטשן פלעגן אים קומען הערן פון אַלע טיילן שטאָט און פלעגן באַגייסטערט ווערן פון זיין הימלישן זינגען. בצלאל דער חזן האָט אויף אים נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל „ברענגען אַ אַ וועלט".

צו 12 יאָר האָט ער שוין צונויפגעשטעלט אַ כאָר, דער באַ־רימטער באַכמאַן האָט דאַמאָלס ביי אים געזונגען.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר האָט איינער אַ גביר, זיינער אַ פאַרערער, אים גענומען פאַר אַ איידים און האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אויפגעבן די חזנות און זאָל זינגען נאָר „מטוב לב", האָט אָבער דער צופאַל אַנדערש געוואָלט, דער שווער זיינער איז געוואָרן אַ יורד. יאַנקעלע האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס חזן אין איינער פון די אָדעסער שולן און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער אויפגע־נומען געוואָרן פאַר שטאָט־חזן אין יעליסאַוועטגראַד, וואו ער איז אָפּגעווען 3 יאָר ביז ער איז פּלוצלונג הייזעריג געוואָרן. מ'האָט דאַן שטאַרק גערעדט, אַז חזנים האָבן פון קנאה אים פאַרסמט. די אמתע סבה פון זיין הייזעריגקייט איז אָבער געווען פאָלגנדיגע:

ס'איז אין יענער צייט אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכער פּאָג־ראָם אין יעליסאַוועטגראַד, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג און יאַנקל דער חזן איז די גאַנצע צייט געלעגן באַהאַלטן אין אַ נאַסן קעלער. ווען ער איז פון דאָרט ארויסגעקומען האָט ער באַלד דער־פילט, אַז ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען דער קלאַנג און דער טעמבער פון זיין שטימע. ער פלעגט אָבער נאָך אַלץ דאַווענען און איבערראַשן מיט זיינע אומפאַרגלייכלאַכע הימלישע תפלות, און אַנדערע האָבן אפילו געזאָגט, אַז די הייזעריגקייט זיינע פאַסט זיך גאַנץ גוט צו פאַר די אידישע תפלות... ער פאָרט ארום מיט זיין כאָר און קומט אָן קיין ביעלאַ־צערקאָוו (אידן פלעגן די דאָזיגע שטאָט אָנרופן „שוואַרצע טומאה") פון דאָרט קומט ער אָפּט קיין בערדיטשעוו און ס'הויבט זיך אָן אַ קאָנקורענץ צווישן אים און דעם באַוואוסטן חזן ניסן בעלזער, און דאָ מוז דערציילט ווערן אַ שיינער עפּיזאָד:

ניסין האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס א יונגערמאַן זאָל מיט אים קאָנקורירן, האָט ער אריינגעשריבן א בריף צו דער בעלאַ־צער־קאָוועד קהלה „אז מען זאָל זיך ניט אָנעסן מיטן באָרשט, ווייל מ׳וועט פון דער זופּ ניט הנאה האָבן"... דערויף האָט יאנקל געענטפערט דער בערדיטשעווער קהלה, אז „דער באָרשט וועט קומען קיין בער־דיטשעוו און וועט זויער מאַכן די זופּ"... און כך הוה, יאנקל קומט קיין בערדיטשעוו און איז דאָרט מרעיש עולם אַזוי, אַז מ׳פאַרגעסט פאַר א צייט אָן ניסין.

צו יענער צייט איז ירוחם הקטן געווען חזן אין בערדיטשעוו אין א 2־טער שול. האָט ער איינגעלאדן יאנקלען צו דאַוונען א שבת אין זיין שול און האָט געזאָגט דערנאָך אויף אים, אַז מ׳דאַרף אים ניט רופן „יאנקל דער הייזעריגער", נאָר „יאנקל דער קוילער", ווייל ער קוילעט אַלע חזנים מיט זיין דאַוונען.

יאנקל פאָרט דערנאָך איבער שטעט און שטעטלאך אין ליטע און פוילן און איז מרעיש עולמים, ער דאַוונט 13 שבתים נאָכ־אנאנד אין ווילנע און 9 שבתים נאָכאנאנד אין ווארשע. ער קומט דערנאָך קיין קיעוו — אין יאר 1900 — וואו ער דאַוונט שבת און אינמיטן זאָגן דעם גרויסן „אב הרחמים" איז ער געפאַלן און גע־שטאָרבן.

ער האָט איבערגעלאָזן 3 זין, אַלע חזנים, איינער אין קיעוו, דער צווייטער אין אונגווער (טשעכאָסלאָוואקיע) און דער דריטער איז דער באוואוסטער חזן און מנגן בערל גאָטליב פון ניו־קאַסל אין איינגלאנד.

יעקב ספּיוואק.

(יאנקל סאראָקער)

יעקב ספּיוואַק, וועלכער איז באַקאַנט אין דער חזנישער וועלט אונטערן נאָמען „יאנקל סאראקער" איז געבוירן געוואָרן אין דער

שטעטל סאראקע, (בעסאראביע) אין יאר 1852, זיינע עלטערן האָבן געוואָלט צוליב זיינע גרויסע לערנערישע פייאינקייטן אים דערציען פאַר אַ רב, האָט אים אָבער געצויגן צו חזנות, דערצו נאָך האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים אַ שיינע טענאָר־שטימע מיט אַן היקף פון כמעט 3 אָקטאַוועס, ער האָט דערלערנט אביסל נאָטן און אָנגעהויבן צו חזנען זיך אין זיין אייגענער געבורטס־שטעטל סאָראָקע, ער קומט דערנאָך אָן אין יאר 1887 אין בערדיטשעוו אין דער קצבישער שול, וואו ער פאַרבלייבט אַ פּאָר יאָר חזן און זיין נאָמען ווערט באַלד פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ער קומט דערנאָך אָן אין דער גרויסער כער־סאָנער שול, וואו אלע ווערן באגייסטערט פון זיין ריזיגער שטימע און מתיקותדיגער תפלה, פון כערסאָן קומט ער אָן קיין אָדעס אין דער שאלאשנער שול. דאָ ווערט ריכטיג אָפּגעשאַצט זיין גרויסער טאַלאַנט. און ער שטייט דאָ צען יאר מיט גרויס כבוד און מיט אלזייטיגע באַ־וואונדערונג פון די טויזנטער צוהערערס, וועלכע פלעגן ביי זיין יעדער תפלה איבערפולן די גרויסע שאלאשנער שול, צוליב אַ שרעקלאַכער פארקילונג האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע און איז געפאָרן קיין ווין זיך צו קורירן ביי די דאָרטיגע פראָפעסאָרן, קומענדיג אַ געזונטער און אויסגעקורירטער צוריק קיין אָדעס האָט ער געפונען ראַזומנין אַלס חזן אויף זיין אָרט, און הגם די געמיינדע האָט אים געוואָלט צוריק אויפנעמען, מיטן תנאי, אז איין שבת זאָל ער דאַווענען און אַ צווייטן זאָל דאַווענען ראַזומני, האָט ער אָבער אויף דעם ניט געוואָלט איינשטימען און ער קומט אָן אין דער גרויסער אומאַניער שול, וואו ער שטייט 6 יאר מיט גרויס כבוד. איז אָבער אין 1091 די שול פארברענט געוואָרן און יעקב סאראקער האָט אָנגעהויבן צו באַקו־מען איינלאדונגען פון צענדליגער גרויסע קהלות, וועלכע האָבן געוואָלט דעם דאָזיגן גרויסן חזן פאַר זייער שליח צבור, איז אָבער זיין גע־זונט־צושטאַנד אזוי פארערגערט געוואָרן, אז ער איז געצוואונגען געווען זיך איינגאַנצן פון חזנות אָפּצוזאָגן, ער ווערט פאַראַליזירט און פערצן יאָר האָט ער געליטן שרעקלאַכע ווייטאָגן, ביז דער טויט האָט אים דערפון דערלייזט אין יאר 1918. אין עלטער פון 66 יאר.

יעקב סאראָקער איז חוץ זיין ריזיגער שטימע, קינסטלערישער קאָלאָראַטור און מתיקותדיגער תפלה, מיט וועלכע ער פלעגט פאַר־כשופן זיינע הערערס, אויך געווען א גרויסער למדן און ירא שמים. ער איז אויך געווען א מזג טוב, א גרויסער מכנים אורח און א גרויסער נדבן. ס'איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיין טויט האָט ארויס־גערופן גרויס טרויער ביי זיין געמיינדע און ביי די סך פריינט, פאַר־ערערס און קאָלעגן חזנים איבער דער גאנצער וועלט. פון זיינע קינדער איז ווערט צו דערמאָנען זיין איידים, דער געלערנטער מוזיק־פּעדאַ־גאָג, זינגער און חזן אברהם זנאידא און פאמיליע, וועלכע געפינען זיך אין ניו יארק.

הירש יוסף ראָזענטאל.

הערמאַן ראָזענטאַל איז געבוירן געוואָרן דעם 16־טן מאַי 1852 אין זדונסקאַ וואָליע, קאַלישער געגנט, ער באַקומט אַ שטרייגג רעליגיעזע דערציאונג און לערנט שפּעטער אין גראבאוו ביים דאָר־טיגן רב ביז צו זיין 18־טן לעבנס יאר און אזוי ווי ער האָט תמיד געהאַט גרויס חשק צו לערנען מוזיק האָט ער, ווען ס'האָט זיך ביי אים גענומען אַנטוויקלען אַ קרעפטיגע באריטאָן־שטימע, באַשלאָסן צו דערלערנען דעם חזנות־פאַך, ער פאָרט קיין דייטשלאַנד, וואו ער קומט אָן פאַר אַ חזן אין גלייוויץ. דאָ האָט ער די מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זיינע פייאיגקייטן, ער לערנט מוזיק־טעאָריע, פּיאַנאָ און פידל שפּילן און מאַכט גרויסע פאָרשריט, ער קומט דערנאָך אָן אַלס חזן קיין ראַטיבאר וואו ער געווינט אַלגעמיינע אנערקענונג מיט זיין שיינער אינטעליגענ־טער באַנעמונג און מיט זיין שיינעם מוזיקאַלישן ארט דאַווגען. זיין נאָמען ווערט באַרימט אין דער גאנצער אומגעגנט. ווען די שטאָט סינאַגאָגע אין ברעסלוי האָט געזוכט א חזן האָבן זיי קיין בעסערן ניט געקענט געפינען ווי הערמאַן ראָזענטאַל. דאָ אַנטוויקלט ראָזענטאַל א ברייטע מוזיקאַלישע און אַלגעמיין קולטורעלע טעטיגקייט, ער רע־

אָרגאַניזירט דעם כאָר און פירט איין א שיינעם געדעגלטן גאָטעס־דינסט, די שול איז תמיד פול געפּאַקט ווען ער דאַוונט און צו דער התפעלות פון די צוהערערס נעמט גאָר קיין ענד.

18 יאר איז ראַזענטאַל מיט גרויס כבוד געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און איז נאָך אַ שווערער קראַנקהייט געשטאָרבן דעם 12־טן פעברואַר 1917.

אדאָלף לאַצאַרוס.

אַדאָלף לאַצאַרוס איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1855 אין שטאַמפּפען נעבן פּרעשבורג, ער ווערט דערצויגן אינם רעליגיעזן גייסט, לערנט דערנאָך אין דער פּרעשבורגער ישיבה און ווען ס'באַווייזט זיך ביי אים א שיינע אנלאַג אויף אַ באַריטאָן שטימע פּאָרט ער קיין ווין, כדי צו דערווערבן געניגע מוזיקאַלישע ידיעות. ער קומט אָן אין יאר 1873 פאר חזן־שוחט אין לענדענבורג (מעהרען) איז שפּעטער חזן אין די קהלות: מעהריש־קראַנוי, מעהריש־אסטרוי און בעהמיש־טעפּליץ און קומט אָן אין יאר 1890 אלס חזן בערגגרינס נאָכפאָלגער אין האַנאָווער, וואו ער פאַרבלייבט אָבער נאָר 1 יאר און ווערט ארויס־גערופן נאָך חזן פרידמאַנס טויט אלס אָבערקאַנטאָר אין בודאַפּעסט.

דאָ עפנט זיך פאר אים א ברייטע ארבעט־פעלד אויף אַלע געביטן פון מוזיק און אלגעמיינער קולטור. ער ווערט אויך אויפגע־נומען אלס פּראָפעסאָר פון דער ליטורגיע אינם „לאַנדעס־ראַבינער־סעמינאַר“ די שטעלע, וועלכע ער האַלט אָן ביזן סוף פון זיין לעבן.

לאַצאַרוס האָט פאַרמאָגט א זייער שיינע און גוט־געשולטע שטימע און איז געווען א גרויסער פאכמאַן, ער איז אויך געווען העכסט געבילדעט און אינטעליגענט און זייער באַליבט ביי זיין גע־מיינדע, זיין טויט, וועלכער איז אריינגעטרעטן דעם 13־טן אַפּריל 1925 קורץ נאָך דער פייערונג פון זיין 70־טן געבורטסטאָג האָט

ארויסגערופן גרויס טרויער ביי זיין געמיינדע און זיינע פריינט אין בודאפעסט און ביי אלע קאָלעגן פון דער גאנצער וועלט.

מאָלי גאָלדשטיין.

מאָלי גאָלדשטיין דער באריטאָנסטער, און איינער פון די בעסטע חזנים אין אונגארן איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1857, פון זיין פריסטער יוגנט ווייזט ער ארויס גרויסע פייאיגקייטן אויף אַלע געביטן פון דער אַלגעמיינער קולטור און האָט א ספעציעלע נייגונג צו מוזיק און געזאנג, זיין באשיידנהייט און אָפגעזונדערטקייט האָבן אים דאָך ניט געשאַדט צו זיין געערט און באַליבט אין די קהלות, אין וועלכע ער איז געווען אָנגעשטעלט אלס חזן, שטענדיג פארנומען אין לערנען און שטודירן האָט ער זיך מיט קיינעם ניט אָפגעגעבן אין פריוואטע ענינים און האָט זיך מיט קיין זאך, חוץ מיט זיינע שטודיעס, ניט אינטערעסירט. אָט אזוי איינגעשלאָסן אין זיין וואוינונג ביי זיין ארבעטס־טיש האָט ער פאר דער סינאַגאָגאלער ליטורגיע געשאפן א ריי קאָסטבארע קינסטלעריש באארבעטע קאָמפאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, אין וועלכע ער האָט שטענדיג געזאָרגט, אז זיין סובטעלע חזנישע קונסט זאָל ניט פארלוירן גיין, זיין קינסטלערישע פאנטאַזיע, אין וועלכער ס׳פילט זיך שטאַרקייט און לעבעדיגקייט קען מיט רעכט פאררעכנט ווערן צו די אייגנאַרטיגסטע אין דער סינאַגאָגאלער מוזיק־ליטעראטור, ס׳איז גענוג צו דערמאָנען: זיין „ובכן יתקדש" אין דאָ מינאָר (סי מיינאר), פון וועלכן ס׳שפראצט ארויס א קוואל פון אַלט־חזנישער קונסט און סטילישער פריי באוועגלאכער קאנטילענע, אויך זיינע ווערק „נגינת ישראל" און „שירי נעימות" כדי צו וויסן ווער מאָלי גאָלדשטיין איז געווען.

עטלאכע און דרייסיג יאר איז ער מיט גרויס כבוד געשטאַנען אַלס אויבערקאַנטאָר אין שטיינאמאנגער און איז דאָרט, נאָך א שווערער קראנקהייט, געשטאָרבן דעם 9־טן אַפריל 1917.

זיסל (ראָזשינאָיער) ניעסוויזשעסקי

גרויסער דאַוונער. אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזיציעס, זיין רע־
פּעטיטאַטיוון־ווערק „המתפלל" איז זייער פּאָפּולער. פון זיינע קינדער
איז ווערט צו דערמאָנען זיין זון דעם בארימטן מוזיקער רוסאטא.

יעקב ליב קאַנהארד

פאַר ווייַנטרויבן איז אין דער קעניגסבערגער געמיינדע גע־
שטאַנען 22 יאר מיט גרויס כבוד אלס „חזן" און „נאמן בית הכנסת"
דער באַרימטער חזן יעקב ליב קאַנהארד, וועלכער איז אויך געווען
א גרויסער משכיל. געשטאָרבן אין יאר 1836.

משה ווייַנטרויב

משה ווייַנטרויב, א קוזין פונם בארימטן חזן הירש וויינ־
טרויב, איז 37 יאר געשטאַנען אלס אויבערקאַנטאָר אין פראנקפורט
אויפן מאין, ער איז געווען א גרויסער מוזיקער און משכיל, האָט
אָנגעשריבן א סך רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזציעס, ארויסגעגעבן א
חזנישן סידור מיט א מוזיק טעאָריע אַלס הקדמה.

דוד שטרעליצקי

דוד שטרעליצקי, וועלכער איז באַרימט אין דער וועלט אונ־
טערן נאָמען „דודל בראד" איז געבוירן געוואָרן אין אלט־אפען אין
1783 און געשטאָרבן אין 1848. ער איז געווען באַרימט אַלס גרויסער
אימפּראַוויזאַטאָר.

יוסף קאקאש

יוסף, אָדער יאָסעל, קאקאש איז געווען באריממ אלס גרויסער דאַוונער. ער איז א סך יארן געווען חזן אין בודאַפּעסט.

שמואל רייכענבאך

שמואל רייכענבאך איז געבוירן געוואָרן אין האהענעמס אין 1821. ער איז געווען א גרויסער משכיל און מוזיקער. געשטאָרבן אין 1885.

יוסף שטארק

יוסף שטארק איז א סך יארן געווען חזן אין פּראסניץ. גע־שטאָרבן איז ער אין ניו־יארק אין 1888.

יוסף שטיינבאך

יוסף שטיינבאך איז איבער 50 יאר געווען חזן אין האהענעמס. ער איז געבוירן געוואָרן 1824 און געשטאָרבן 1899.

שלמה שווארץ

געבוירן געוואָרן איז שלמה שווארץ אין 1825 אין א שטעטל אין אונגארן, געזונגען אלס קינד ביי דודל בראד, געווען חזן אין אויס־טערליץ (מעהרען) שפּעטער אין אראד און פון 1855 ביז צום סוף

פון זיין לעבן איז ער געווען אויבערקאנטאָר אין ברין — געשטאָרבן איז ער אין 1889.

ישראל שמחה האלפערן

ישראל שמחה האלפערן איז געווען 40 יאר חזן אין פראג. ער איז געווען א גרויסער מנגן און געפילפולער אידישער דאַוונער.

ליפמאן אליהו קארניצער

פיליפ (אָדער ליפמאן אליהו) קארניצער איז געבוירן געוואָרן אין געווימש (מעהרען) אין 1790. ער איז פון 1819 ביזן סוף פון זיין לעבן געווען חזן אין וואאג-ניישטאָט אין אונגארן. געשטארבן אין 1861.

אברהם פיינזינגער

אברהמל פיינזינגער איז איבער 40 יאר געווען חזן אין דע-ברעטשין (אונגארן). פריער איז ער געווען 5 יאר אין סטאַניסלאַוואָוו (גאליציע) און 4 יאר אין יאסי (רומעניע). ער האָט געשאפן א ריי מעלאָדישע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, און איז חוץ דעם געווען א גרויסער משכיל. געשטאָרבן איז ער אין דעברעטשין אין 1878.

יהודה ליב ראָזענצווייג

לאנגיאָריגער חזן פון אבאני, האָט ער ארויסגעגעבן א חזנישן

סידור (אינהאַלטרייכע קאָמפּאָזיציעס פאַר חזן און כאָר) אונטערן טיטול „שירת יהודה".

פישל העפטער

פישל העפטער, דער באַרימטער חזן פון ווערהא (סלאָוואַקיע), איז געבוירן געוואָרן 1831 אין סאמבאָר (גאַליציע). זיין ערשטע חזנות איז געווען אין דער גרויסער שול פון זיין געבורטשטאָט. נאָכדעם איז ער געווען 8 יאָר חזן אין פּאַקש (אונגארן) און 32 יאָר אין ווערהא, ער איז געווען א גרויסער למדן און א באַרימטער מוזיקאַלישער דאַוונער, זיינע קאָמפּאָזיציעס ווערן אין פאַרשיידענע שטעט אין אונגאַרן און סלאָוואַקיע נאָך איצט געזונגען.

שבתי באס

געבוירן אין קאַליש אין יאָר 1641, איז ער אין כמעלניצקיס צייט אַנטלאָפן קיין פּראַג, וואו ער איז א סך יאָרן געווען חזן און עוזר אין דער אַלט־נייער שול, ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און האָט אָנגעשריבן עטלאַכע וויכטיגע ספרים ווי: „שערי ציון", „שפתי חכמים" און „שפתי ירושלים". געשטאָרבן איז ער אין פּראַג אין יאָר 1718.

יאָקעלע חזן

פּראַג דערמאָנט נאָך היינט מיט גרויס יראת־הכבוד דעם נאָמען יאקעלע חזן, וועלכער האָט דאָרט משמש געווען איבער 40 יאָר און האָט פאַרמאָגט איינע פון די גרעסטע שטימעס אין דער וועלט, איבער

וועלבער ס'מראגן זיך נאָך עד היום ארום גאנצע לעגענדעס. געבוירן אין רזשעזשאָוו (פוילן) אין 1719, איז ער צו 19 יאר געוואָרן חזן ראשון אין פראג. ער איז א קורצע צייט חזן אין אמשטערדאַם און אויך אין מעץ, און קומט דערנאָך צוריק קיין פראג, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1801.

יעקב באכמאַן

איינער פון די באריממסטע חזנים אין 19-טן יארהונדערט איז געווען יעקב באכמאַן, געבוירן אין אפריל 1846 אין בערדימשעוו וואו ער ווערט דורך זיינע עלטערן דערצויגן אינם שטריינג-רעליגיעזן גייסט. מ'דינגט פאר אים די בעסטע גמרא-מלמדים, אויך לערנט מען אים אַלגעמיינע למודים. ווייזט ער אָבער שוין פון זיין פריסטער יוגנט ארויס גרויס חשק צום זינגען, און זיינע עלטערן גיבן אים אַוועק פאר אַ משורר צום שטאָטישן חזן און גלייכצייטיג לערנט ער אין דער ישיבה. ווען ער דערגרייכט זיין 18-טן לעבנס יאָר ווערט זיין שטימע פון אַלעמען שוין באַוואונדערט און מ'עצהט אים, ער זאָל פאָרן קיין פעטערבורג אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואטאָריע. ווען ער קומט קיין פעטערבורג, פאראינטערעסירט זיך מיט באַכמאַנען דער דירעקטאָר אַנטאָן רובינשטיין און לערנט אים אליין מוזיק און שטימע-בילדונג.

באלד ווערט ער מיט זיין ריזיגער שטימע באַרימט אין אַלע פעטערבורגער אינטעלעקטועלע קרייזן און ווערט דער שטאָלץ פון דער קאָנסערוואַטאָריע. ער באשליסט אָבער, אויפצונעמען זיין קאַריערע אלס חזן און נעמט אָן די חזנות שטעלע אין בערדיטשעוו. פון דאָרט קומט ער אָן קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן און פון ראָסטאָוו קומט ער אָן אַלס חזן אין קאָנסטאַנטינאָפאָל.

אין די דערמאָנטע ערטער האָט ער זיך דערוואָרבן הונדערטער פריינט און פארערערס און זיין נאָמען און באַרימטקייט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן פון טאָג צו טאָג, זיין שיינע גרויסע טענאָר שטימע

און מיט רעליגיעזע איופפאַסונג האָט ארויסגערופן אומעטום גרויס באַגייסטערונג.

ער פאָרט אויך א געוויסע צייט מיט רובינשטיינען אויף זיינע קאָנצערט־נסיעות, זינגט אומעטום מיט גרויס דערפאָלג אַריעס און לידער און קומט אָן שפּעטער פאַר אויבער־קאַנטאָר אין לעמבערג וואו ער גרינדעט אַ שיינעם געמישטן כאָר און הויבט אָן שרייבן זיינע פערלדיגע באַרימטע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען אין יאָר 1884 דער־שינען אין אַ ווערק אונטערן טיטול „שירות יעקב". ער באַקומט אויך דעם טיטול מוזיק־פּראָפעסאָר און פאַר זיינע אַ קאַנטאַטע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן צו דער קרוינונגס־פייערונג פונם רוסישן קייזער, האָט ער באַקומען א אייגנהענטיגן דאַנקבריף פונם צאַר.

באַכמאַן איז אויך געשטאַנען צוזאַמען מיט פּיצי אַבראַם אַלס חזן אין דער אָדעסער גרויסער שול און קומט אָן אין יאָר 1885 פאַר אויבערקאַנטאָר אין דער „ראָמבּאַכשטראַסע־סינאַגאָגע" אין בודאַ־פּעסט וואו ער אַנטוויקלט חוץ אַ גרויסע מוזיקאַלישע — אויך אַ שריפטשטעלערישע — טעטיגקייט, ער שרייבט דאָרט זיין באַרימטן „יום כפור קטן", ער שרייבט אויך אַ סך ווערטפולע אַרטיקלען וועגן חזנות און אַלגעמיינע מוזיק, ער שרייבט אויך אַ וויסנשאַפטלאַכן בוך „די בעדרויונג דעם געזאַנגעס אין דער ערציהונג און זיין אַנווענדונג אין דער שולע".

ער שרייבט אויך מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן זולצערן, לעווענשטאַמען, נאָוואַקאָווסקין און אַנדערע.

צום באַדויערן איז דעם דאָזיגן גרויסן מייסטער ניט באַשערט געווען לאַנג צו לעבן און צו שאַפן: דעם 30־טן אַפּריל 1905 איז ער פּלוצלונג געשטאָרבן אין עלטער פון 59 יאָר און איז דעם 2־טן מאַי געבראַכט געוואָרן צו קבורה באַווייגט און באַדויערט פון דער גאַנצער עדה.

ביז היינטיגן טאָג ווערט זיין נאָמען מיט שטאָלץ דערמאָנט אין דער בודאַפּעסטער קהלה בפרט, און אין דער גאַנצער חזנים־וועלט בכלל.

דוד נאָוואַקאָווסקי

ווען מ'רעדט וועגן סינאַגאָגאַלער מוזיק, קען מען בשום אופן ניט פאַרבייגיין מיט שווייגן דעם נאָמען דוד נאָוואַקאָווסקי, ניט דערמאָנענדיק זיינע געוואַלדיג גרויסע פאַרדינסטן און אויפטועכצן פאַר דער סינאַגאָגאַלער מוזיק־ליטעראַטור.

געבוירן אין יאָר 1848 אינם שטעטל מאַלין, קיעווער גובערניע, איז ער זיך שוין צו 8 יאָר געווען משורר'ל אין בערדיטשעווער כאָר־שול, וואו ער האָט אַליין פון זיך אָן יעטווידער הילף דערלערנט גרונטיג האַרמאָניע. ווען ער דערגרייכט זיין 21־טן לעבנסיאָר, קומט ער אָן פאַר א דיריגענט און חזן־שני אין דער באַרימטער בראָדער סינאַגאָגע אין אָדעס, וואו ער איז אָפּגעשטאַנען איבער 50 יאָר ביזן ענד פון זיין לעבן.

דרייסט קען מען זאָגן, אז דאָס וואָס נאָוואַקאָווסקי האָט געשאַפן האָט ביז אים קיינער (אַפילו לעוואַנדאָווסקי) ניט געגעבן. באַזונדערס איז ווערט צו באַצייכענען די אָריגינעלע שטימע־פירונגען און די רייכע האַרמאָניע אין זיינע כאָר געזאַנגען. אויך מיט א גרויסן טייל פון זיינע רעטשיטאַטיוון (וועלכע זיינען, אַגב, געשריבן אין א אויסגעהאַלטענעם טראַדיציאָנעלן סטיל) האָט ער זיך דערוואָרבן א וועלט־נאָמען.

הגם ער איז געשטאַנען אין דער בראָדער שול א פאָר צענדליג יאָר צוזאַמען מיטן באַרימטן חזן ניסן בלומענטאַל, איז אָבער נאָוואַקאָווסקי נתגלה געוואָרן נאָך דורך פנחס מינקאָווסקין, וועלכער האָט נאָוואַקאָווסקין ממש פאַרגעטערט און האָט מיט באַזונדער ליבע זיך באַצויגן צו זיינע שאַפונגען. ס'מוז דאָ געזאָגט ווערן, אז אויב נאָוואַקאָווסקי איז געוואָרן פאָפּולער, (פריער אין אָדעס, דערנאָך אין גאַנץ רוסלאַנד און אויך אין דער גאַנצער וועלט) האָט ער עס צו פאַרדאַנקען פיני מינקאָווסקיס קינסטלערישער באַהאַנדלונג פון זיינע רעטשיטאַטיוון און זיינע וואונדערבאַרע אויספירונגען פון די סאָלאָס מיטן כאָר און אָרגאַן. ניט בלויז האָט נאָוואַקאָווסקי געהאַט פינין צו

פארדאַנקען זיין פּאָפּולאַריטעט נאָר אויך פארקערט, פּיני איז נאָר דורך נאָוואַקאָווסקין געוואָרן א — פּינחס מינקאָווסקי... שלובי יד זיינען זייביידע געגאַנגען צום אלטאַר, ביידע מיט איין געדאַנק אויסצופּיי־נערן און אויסצובעסערן די תּפילה און ס'איז גאָר קיין וואונדער, וואָס פון אלע זייטן רוסלאַנד און אויסלאַנד פלעגט מען פאָרן קיין אָדעס צו הערן נאָוואַקאָווסקיס קינסטלערישן כאָר און די זיסע הימ־לישע תּפלות פון פּיני מינקאָווסקין. א סך מוזיקער, חזנים, דיריגענטן און זינגערס האָבן נאָוואַקאָווסקין צו פאַרדאַנקען זייער קאַריערע.

נאָוואַקאָווסקי איז אויך געווען מער פון 30 יאָר מוזיק לערער אינם אָדעסער בית יתומים און אַנדערע אידישע שולעס. ער איז אויך געווען מוזיק לערער אין דריי מוזיק־שולעס און פּראָפעסאָר פאַר טעאָריע און האַרמאָניע אין דער פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע.

נאָוואַקאָווסקי האָט, חוץ זיינע באַרימטע ווערק „שירי דוד" (קבלת שבת און מעריב) און זיין „תּפלת נעילה", וועלכע זיינען דער־שינען אין דרוק, איבערגעלאָזן אין מאַנוסקריפּט א גוואַלדיג גרויסע צאָל פאַרשיידנאַרטיגע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען פּנינים יקרים און וועלן (ווען זיי וועלן געזאַמלט און געדרוקט ווערן) אויפדעקן פאַר ליבהאָבערס פון סינאַגאָגאַלער מוזיק א זעלטענעם אוצר פון קונסט און קולטור.

אָדעס האָט נאָוואַקאָווסקין שטאַרק ליב געהאַט און ס'איז אומ־מעגלאַך צו באַשרייבן דעם געוואַלדיגן טרויער, וואָס האָט אַרומגע־נומען די גאַנצע אידישע קהלה דעם 25־טן יולי 1921, ווען ס'איז באַ־קאַנט געוואָרן, אז דער באַליבטער גרויסער מייסטער איז שוין מער נימאָ, (געשטאָרבן איז ער פון א האַרץ־שלאַג).

ווען די היסטאָריקער וועלן אַמאָל רעדן וועגן סינאַגאָגאַלער מוזיק און אירע שעפערס, וועט דער נאָמען דוד נאָוואַקאָווסקי זיכער פאַרנעמען איינעם פון די אַנגעזעענסטע ערטער.

איזידאָר שוואַרץ

איזידאָר שווארץ איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1853 אין עגער־יעס (אונגארן), וואו זיין פאָטער איז געווען דיין. פון זיין פריסטער יוגנט ווייזט ער ארויס גרויס חשק צו מוזיק און געזאנג. ער קומט אָן פאר א משורר צום בארימטן חזן מאיר שאָר, וועלכער גיט זיך מיטן געראטענעם קינד פערזענלאך אָפּ און לערנט מיט אים אַלגע־מיינע למודים און געזאנג.

צו 14 יאר קומט שווארץ קיין בערלין. ער פארענדיגט דאָ גימנאַזיע און ווען ס'אַנטוויקלט זיך זיין אנלאג אין א שיינער טענאָר־שטימע קומט ער אָן פאר א חזן אין פּאָמסטדאַם. ווען ס'דערשיינט אין 1879 חזן בלומשטיינס צייטונג „דער אידישער קאַנטאָר" שרייבט שווארץ דאָרט א ריי מוזיקאַלישע ארטיקלען, וועלכע מאַכן אים א גרויסן נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט. שווארץ איז אָבער ניט באפרידיגט מיטן דאָזיגן דערפאָלג. ער פאַרלאָזט זיין שטעלע אין פּאָטסדאַם און קומט אָן פאר א תלמיד אין ־ער פרעסבורגער ישיבה, וואו ער פארענדיגט זיין לימוד אלס רב, און נעמט אָן א ראבינער שטעלע אין סאבארטין,נעבן טעפליץ. בלייבט ער אָבער צוליבן „ושנא את הרבנות" ניט לאַנג אויף זיין פּאָסטן. ער פאָרט קיין ווין, וואו ער לערנט א קורצע צייט אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואטאָריע און קומט אָן פאר א חזן אינם 20־טן באצירק אין ווין און שפּעטער נעמט ער אָן די חזנות־שטעלע אין לינץ, וואו ער פארבלייבט אויך ביזן ענד פון זיין לעבן.

זיין גרויסע אלגעמיינע בילדונג אין פארבינדונג מיט זיין מוסטערהאַפטער שיינער אויפפירונג האָבן אים געשאפן הונדערטער פריינט און פארערערס, דעם 6־טן יאנואר 1919 איז ער נאָך א לייַנ־גערער קראנקהייט געשטאָרבן, טיף באַטרויערט פון זיין פאמיליע און זיין עדה.

יעקב בויער

יעקב בויער, דער באַרימטער אויבערקאַנטאָר פון דער טערקיש-איזראעליטישער סינאַגאָגע אין ווין, איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1852 אין גרויס-פריסטערס (אונגאַרן), וואו ער באַקומט א שטרייננ-רעליגיעזע דערציאונג און פאָרט דערנאָך קיין ווין צו לערנען אין דער דאָרטיגער רעאַל-שולע. ער זינגט גלייכצייטיג ביי פסח פיינזינגער אין דער פוילישער שול און מיט זיין זיסער סאָפּראַן-שטימע ציט ער אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט פון די מתפללים אין שול. ער דערלערנט ביי פיינזינגערן די קונסט פון דער אַלטער חזנות, בילדעט אויס זיין שטימע ביים באַרימטן פּראָפעסאָר פאָגעל און קומט אָן אלס חזן אין אטטאקרינג (נעבן ווין).

אין יאר 1875 קומט ער אָן אלס חזן אין שיגעטוואר (אונגארן), מיט דריי יאר שפּעטער אין גראַץ און אין יאָר 1881 קומט ער אָן אלס אויבערקאַנטאָר אינם טערקיש-איזראעליטישן טעמפּל אין ווין. ער שאפט מיט דער הילף פון זיין טיכטיגן דיריזשאָר לעווים א ריי וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער פארעפנטלאכט שפּעטער אין א ווערק אונטערן טיטול „שיר הכבוד". ער איז אויך געווען דערעניגער, וואָס האָט געשאפן די „קאַנטאָרן-צייטונג" (אין דעצעמבער 1881).

דעם 11-טן יאנואר 1882 איז אונטער זולצערס פאָרזיץ און אין קעגנוואַרט פון די חזנים: זינגער, גאָלדשטיין, בויער, פּישער, שיללער און נאָך אַנדערע געגרינדעט געוואָרן דער „עסטרייכיש-אונגארישער חזנים פאַרבאַנד", בויער האָט דערין גענומען א גרויסן אָנטייל און איז ביז צו דער לעצטער צייט נאָך טעטיג געווען אַלס פּרעזידענט פון חזנים פאַרבאַנד און אלס לערער פון צענדליגער (אין דער וועלט באַרימט געוואָרענע) חזנים.

עדוארד בירנבוים

איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער אידיש־מאָדער־נער חזנות אין 19־טן יארהונדערט, איינער פון די גרעסטע קאָריפייען אין דער פּלעיאדע סינאַגאָגאַלע טאָן־קינסטלערס איז אָן ספק געווען דער בארימטער קעניגסבערגער אויבערקאַנטאָר עדוארד בירנבוים (דער ממלא מקום פון וועלט־בארימטן חזן הירש ווײַנטרויב).

געבוירן דעם 1־טן אַפּריל 1855 אין קראקע, ביי גוט באַמיטלטע און זייער אָנגעזעענע עלטערן, באַקומט עדוארד א שטרייַנג רעליגיעזע און גלייכצייטיג מוזיקאַלישע דערציאונג. ניט קוקנדיג, וואָס זיינע על־טערן באַמיען זיך אים צו באַאיינפלוסן, אז ער זאָל זיך אויסבילדן פאר א ראבינער, ציט עס אים אָבער צו מוזיק. ער קומט אָן אין זול־צערס כאָר אין ווין פאר א משורר און זולצער פאראינטערעסירט זיך מיטן באַגאבטן קינד. ער רעקאָמענדירט אים צו א גוטן מוזיק־לערער און אליין לערנט ער מיט אים דעם מאָדערנעם חזנות פאך.

ער פאָרט דערנאָך צוריק אַהיים, וואו דער קראקויער חזן פישער איז זייער פאראינטערעסירט אינם טאלאנטירטן און שטימע באַגאַבטן בירנבוימען. ער עצהט זיין פאָטער, אז ער זאָל עדוארדן שיקן שטו־דירן קיין ברעסלע אין חזן דייטשס חזנים־שולע. ב. פאָרט קיין ברעסלע, וואו חזן דייטש און פּראפעסאָר גרעץ פאראינטערעסירן זיך מיט אים. מ׳רעקאָמענדירט אים די בעסטע לערערס. אזוי לערנט ער געזאנג ביי פּראפעסאָר בערטאָלד און מוזיק טעאָריע און פּיאנאָ שפּילן ביים מוזיק דירעקטאָר קאַרל בוססע. בירנבוים מאַכט זייער גרויסע פארשריט און מ׳זאָגט אויף אים, אז ער וואַקסט אַ גדול.

ווען ער דערגרייכט זיין 17־טן לעבנסיאר קומט ער אָן פאר א חזן אין מאַגדעבורג, וואו ער אַנטוויקלט א גרויסע מוזיקאַלישע און אַלגעמיין קולטורעלע טעטיגקייט. מיט 2 יאר שפּעטער (1874) קומט ער אָן פאר חזן קיין בויטען. די בויטענער קהלה האָט אים זייער ליב און דערלויבט אים אַלע יאָר צו פאָרן אויף א געוויסע צייט צו זול־צערן קיין ווין.

בירנבוים, וועלכער האָט זיך אויך זייער אינטערעסירט מיט אלגעמיינער קולטור, נוצט אויס זיין ווינער באזוך אויף קולטור צו־כונגען, קומט אין באַרירונג מיט די באַוואוסטע געלערנטע: גודעמאַן, יעלינעק, שטיינשניידער, דוד קויפמאַן, אַברהם בערלינער און אַנ־דערע. ביי זולצערן אין הויז איז ער פאררעכנט ווי אַן אייגן קינד און האָט ניט בלויז געלערנט ביי זולצערן דעם חזנות־פאַך, ער האָט אויך געלערנט פיינע מידות און גוטע באַנעמונג.

בירנבוים האָט אויך פון צייט צו צייט באזוכט נאומבערגן אין פּאַריז און ווייַנטרויבן אין קעניגסבערג און האָט ביי יעדערן פון זיי געלערנט עפּעס גוטס. ווייַנטרויב איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פונעם יונגן בירנבוימס טאַלאַנט און האָט אים אזוי ליב באַקומען, אַז ער האָט אים אַליין באַשטימט פאַר זיין ממלא מקום (ווען ווייַנטרויב האָט דערגרייכט זיין 70־טן לעבנסיאָר האָט ער צוליב פיזישער אָפּ־שוואַכונג געבעטן זיין עדה, מ'זאָל בירנבוימען נעמען פאַר זיין גע־הילף־קאַנטאָר און ממלא מקומו).

בירנבוים ווערט אויפגענומען דעם 1־טן מאַי 1879 פאַר חזן אין קעניגסבערג, ער שרייבט דאָ אַ ריי קאָמפּאָזיציעס און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרדינען דעם נאָמען ווייַנטרויבס שטעלפאַרטרע־טער. ער שרייבט אַרטיקלען איבער מוזיק און אַלגעמיינע קולטורע־לע טעמעס און ווערט באַרימט ניט בלויז ווי אַ גרויסער חזן מיט אַ שיינער באַריטאָן שטימע און גרויסער מוזיקאַלישער בילדונג, נאָר נאָר באַזונדערס ווי אַ גרויסער געלערנטער און פאָרשער. נאָך אַ קור־צער קראַנקהייט שטאַרבט בירנבוים אין יאָר 1921, באַוויינט פון זיין פאַמיליע, פון זיין געליבטער עדה און פון זיינע הונדערטער פריינט, תלמידים און קאָלעגן חזנים.

מאיר שאָר

דער באַרימטער חזן מאיר שאָר פון דער „בית ישראל" סינאַ־גאָגע פון 2־טן באַצירק אין ווין איז געבוירן געוואָרן דעם 11־טן

אָקטאָבער 1856 אין פאלטיזאני (רומעניע), וואו זיין פאָטער אברהם שאָר איז געווען חזן און איז געווען בארימט מיט זיין קינסטלערישן דאַווענען אין גאַנץ רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע און אונגארן.

מאירל באקומט ביי זיין פאָטער א גרונטיגע מוזיקאַלישע דערציאונג און ווערט צו 21 יאר א דאַנק זיין ריזיגער באַרימטאַן שטימע און גרויסע ידיעות אין תפילה חזן אין ניי-סאַנדז. מיט דריי יאר שפּעטער ווערט ער חזן אין גראסווארדיין (אונגארן) וואו ער שטייט 10 יאר מיט גרויס כבוד. ער שאפט דאָרט זיין ווערק „זמירות ישראל" און קומט דערנאָך אָן פאר א חזן אין 2-טן באַצירק אין דער בית ישראל שול אין ווין, וואו ער פארבלייבט ביזן ענד פון זיין לעבן.

ער איז געווען א גרויסער כלל-טוער, וויצע-פּרעזידענט פון עסטרייכיש-אונגארישן חזנים פארבאנד, געווען באליבט ביי אלע זייגע חברים חזנים.

געשטאָרבן איז חזן מאיר שאָר אין 1913 און עד היום ווערט זיין נאָמען דערמאָנט מיט גרויס כבוד אין זיין קהלה און ביי אלע, וואָס האָבן אים געקענט.

עמנואל קירשנער

דער באַרימטער אויבערקאַנטאָר פון דער מינכענער קהלה עמנואל קירשנער איז געבוירן געוואָרן דעם 15-טן פעברואר 1857 אין ראקיטניץ (אויבער-שלעזיע). ער האָט ארויסגעגעבן אין 1897 א ווערק אונטערן טיטול „תהלות לאל עליון" א צווייטע ווערק האָט ער ארויסגעגעבן אין יאר 1898 און א דריטע — אין יאר 1911. דאָס זיינען זייער מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס פאר קאַנטאָר סאָלאָ מיט כאָר און אָרגל. ער האָט אויך ארויסגעגעבן א בוך „לידער פיר די אידישע יוגנט". ס'זיינען אויך דערשינען פון דרוק זיינע וויסנשאפטלאכע ווערק: „טעמפל און סינאַגאָגע מוזיק", „די מוזיק אין

אידנטום" און נאָך א סך אנדערע ווערק, מיט וועלכע ער האָט זיך פּאראייביגט אין דער מוזיקאַליש־קולטורעלער וועלט.

פון יאר 1881 שטייט חזן קירשנער אויף זיין פּאָסטן אין מינכען, איז באַליבט און הויכגעשעצט אין זיין קהלה און איז דער שטאָלץ פון מערב־אייראָפּייאישן חזנות.

דוד שטאַבינסקי

צווישן די חזנים אין דייטשלאַנד האָט מען זיך מיט גרויס רעס־פּעקט באַצויגן צום שטימע־באַגאַבטן חזן דוד שטאַבינסקי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 15־טן יאנואר 1858 אין דאָמבראַוואַ גראָדנער גובערניע, ער זינגט אין זיין קינדהייט ביי באַלמאַנען און ווען ס'אַנטוויקלט זיך ביי אים שפּעטער א שיינע טענאָר־שטימע פּאָרט ער צו פּראָפעסאָר גענסבאַכער קיין ווין, ביי וועלכן ער לערנט א לאַנגע צייט. ער ווערט אַן אָפּערע־זינגער און זינגט מיט גרויס דערפאָלג אין די טעאַטערס אין ווין, לעמבערג, ברין, האַמבורג און קעניגסבערג, ווערט אים אָבער דער טעאַטער־לעבן פּאַרמיאוסט, ער קומט אָן פאַר חזן אין דער „אהבת שלום" שול אין בערלין און אין יאר 1898 קומט ער אָן אלס אויבערקאַנטאָר אין דער גרויסער אידי־שער קהלה (סינאַגאָגע ריקע־שטראַסע), וואו ער פאַרבלייבט ביזן סוף פון זיין לעבן.

שטאַבינסקי איז געווען זייער באַליבט אין זיין קהלה אלס חזן און זייער אָנשטענדיגער מענטש, זיין פּלוצלונגער טויט, וועלכער איז געקומען אין יאר 1919, האָט אויף זיינע הונדערטער פריינט און פאַרערערס געמאַכט א שרעקלאַכן רושם. זיין נאָמען ווערט נאָך ביז היום דערמאָנט מיט גרויס כבוד.

פנחס מינקאָווסקי

געבוירן אין שדה־לבן (ביעלאַ־צערקאָוו; שווארץ־טומאה) קיעווער גובערניע אין 1859, וואו זיין פאָטער מאָטל גאַדעס, בשעתו איינער פון די שענסטע בעלי־תפלות, איז 45 יאר געווען חזן אינם גרויסן בית המדרש.

ביז צו 13 יאר לערנט פיני אין חדרים, דערנאָך אין בית המדרש. שוין אלס קינד זיך אויסגעצייכנט מט זיין גרויסער תשוקה צו מוזיק און געזאַנג און הגם דער פאָטער האָט אים דוקא געוואָלט דערציען פאר א רב, האָט אָבער זיין נטיה צום עמוד גובר געווען. אזוי דאַוונט ער אָפט אלס קינד ביים עמוד און רופט ארוים גרוים באַגייסטערונג

צו 16 יאר האָט ער חתונה און ווערט אויפגענומען פאר א חזן אין דער שווארץ־טומאהער סטעפעניער שול פאר פיר רובל שכירות אַ וואָך. ער זינגט שפּעטער ביי ניסן בעלזער אין כאָר אין קישינעוו און בערדיטשעוו, ער האַלט אין דערזעלבער צייט א לערער אויף דייטש, כדי שפּעטער אַליין צו קענען שטודירן מוזיק פון די דייטשע ביכער.

צו 18 יאר איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס חזן אין קישי־ניעוו, פריער אין דער אלטער שול און נאָכדעם אין כאָר־שול, אין 3 יאר שפּעטער קומט ער אָן פאר כאָר־חזן אין כערסאָן, וואו די קהלה שיקט אים קיין ווין, זיך צו פארפולקאָמען אין חזנות ביי זולצערן, וועלכער איז אָבער שוין געווען אלט. פיני נעמט שטימע־בילדונג ביים באַרימטן פּראָפעסאָר וויקטאָר ראטיקאנסקי און האַרמאָניע, קאָנטרא־פּונקט, פוגא און קאָמפּאָזיציע ביים דירעקטאָר פון קאָנסערוואטאָריע פּראָפעסאָר ראבערט פוקס. ער קומט צוריק קיין כערסאָן.

4 יאר שפּעטער ווערט ער חזן אין דער גרויסער שול אין אָדעס, מיט אַ יאר שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז 5 יאר געווען חזן אין דער קאָנגרעגיישן „קהל עדת ישורון". ווען ס'איז אין דער בראָדער שול אין אָדעס ארויפגעשוואומען די

פראגע צו נעמען א שטעלפארטרעטער נאָכן בארימטן חזן ניסן בלו־מענטאל, וועלכער איז 50 יאר געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן, איז פּיניע (אויף בלומענטאלס א פּערזענלאכער רעקאָמענדאַציע) אויפגענומען געוואָרן, ער איז מיט גרויס כבוד געשטאַנען אין אָדעס איבער 30 יאר און האָט (מיט דער הילף פון דוד נאָוואקאָווסקי) איינגעפירט תפלות, וואָס זיינען געוואָרן א מוסטער פאר דער גאנצער אידישער וועלט.

פּיניע איז אויך געווען פּראפעסאָר פאר מוזיק און אלגעמיינער מוזיק־געשיכטע אין דער אָדעסער אידישער קאָנסערוואטאָריע, געווען פּאָרזיצער פון „הזמיר", געגומען אָנטייל אין „תרבות".

ווען די באדינגונגען פון לעבן אין אָדעס זיינען געוואָרן, אונ־טערן רעזשים פון די סאָוויעטן, אומדערטרעגלאַד, פארלאָזט פּיניע אין זומער 1922 אָדעס און פאָרט קיין פאריז, צו זיין פרוי און טאָכ־טער, פון וועלכע ער איז געווען אָפּגעריסן 8 יאר (זינט דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה) ער פאָרט דערנאָך זוכן זיין גליק אין אַמעריקע, קען ער זיך אָבער ניט צופּאסן צום נידעריגן געשמאַק פונם אַמעריקאַנער פארטעמפּטן אויער און פון דער הפקר־חזנות און אזוי ארום איז דעם גרעסטן פארשטייער פון חזנות פון דער לעצטער צייט אויסגעקומען שווער צו ליידן סיי מאָראליש אזוי אויך מאַ־טעריעל, (הגם ער איז פון דער אַגודת החזנים אויסגעקליבן געוואָרן פאר ערן־פּרעזידענט). געשטאָרבן איז פּינחס מינקאָווסקי דעם 18־טן יאנואר 1924 אין באָסטאָנער שפּיטאָל פון בלוט־פארגיפטונג (ער האָט זיך אויסגעגליטשט און צובראכן א פוס). אזוי טרויעריג האָט געענדיגט זיין לעבן איינער פון די טיפסטע פאָרשערס און היסטאָ־ריקער פון אידישער נגינה.

פּיניע האָט געשריבן וועגן חזנות און מוזיק אין העברייאיש, אידיש און דייטש, באַרימט זיינען זיינע ארטיקלען אין „השלח", „התקופה", „רשומות" זיינע ;„פרקים בשיר" (פ"ג „דביר") אויך זיינע געדרוקטע ווערק „די מאָדערנע ליטורגיע אין אונזערע סינאַ־גאָגעס אין רוסלאנד" (אָדעס (1910 אויך זיין ווערק אין דייטש „די

אַנטוויקלונג דער סינאַגאָגאַלען ליטורגיע ביז נאָך דער רעפאָרמאַציאָן דעם 19=טן יאַהרהונדערטס", (אָדעם 1902) „דער זולצעריזמוס", „סאַלאָמאָן זולצער אונד סאַלאָמאָן דע ראססי", ;„גאָטטעסלעהרע אונד גאָטטעסדיענסט" און נאָך אַנדערע.

דער נאָמען פּינחס מינקאָווסקי וועט תּמיד דערמאָנט ווערן מיט יראת הכבוד.

אברהם בער בירנבוים

דער געניאַלער חזן, אָריגינעלער מוזיקער, אויסגעצייכנטער קריטיקער און שריפטשטעלער אַברהם בער בירנבוים, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן א וועלט=נאָמען מיט זיינע קולטורעלע און מוזיקאַלישע פּילזייטיגע שאפונגען, איז געבוירן געוואָרן ג' שבט 1865 אין פּול=טוסק (פּוילן).

זיין פאָטער, ר' משה ליב פּולטוסקער, אַן אָנגעזעענער קאָצקער חסיד, דערציט זיין געראטענעם אברהם בערלען אינם חסידיש=רעלי=גיעזן גייסט. שוין אלס קינד פון 9 יאר נעמט ער אים מיט צום רבין, אזוי פארברייננט אברהם בער זיינע יונגע יארן על התורה ועל העבו=דה, פריער אין די לאָדזער חדרים און נאָכדעם אין בית המדרש (פאר זיך), בסוד פון זיינע עלטערן לערנט ער זיך פידל שפּילן ביים באַ=רימטן לאָדזער כלי=זמר יארוכאָווסקי און שפּילט דערנאָך „אתקינו סעודתא" אויף חסידישע מלווה מלכּהס. ער ווערט אויך באַרימט מיט זיין שיינעם זינגען זמירות.

אין יאר 1886 באַשליסט ער צו דערלערנען שחיטה און ווערן חזן=שוחט, ער באפריינדעט זיך אויך אין לאָדז מיטן באַרימטן מו=זיק=מעצענאַט חיים הייקל יאנאָווסקי (גרינדער און פּרעזידענט פון „הזמיר") וועלכער האָט א גוואלדיגע השפּעה אויף אברהם בערס שפּעטערדיגער מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג, אין 1888 קומט ער אָן פאר חזן=שוחט אין א אונגארישער שטעטל, וואו ער האָט די מעגלאכ=

קיים גרונטיג צו דערלערנען די דייטשע שפּראַך און פאַרפולקאָממ זיך אין מוזיק־טעאָריע.

אין יאר 1890 פאַרעפנטלאכט ער זיינע ערשטע ארטיקלען אין „הצפירה". ער ווערט דערנאָך חזן־שוחט אין פּראַסניש.

אין 1893 קומט ער אָן פאר אויבערקאַנטאָר אין דער דאַמאָלס ניי־אויפגעבויטער סינאַגאָגע אין טשענסטאָכאָוו. ער הויבט דאָ אָן ארויסגעבן זיין באַוואוסטן „ירחון החזנים", ער איבערזעצט די האַר־מאָניע־טעאָריע, קאָנטראַפּונקט און אינסטרומענטאַציע אין אידיש, העברייאיש און רוסיש אין עטלאכע און דרייסיג בריף, אויף וועלכע ס'האָבן זיך דערצויגן א גאַנצער דור חזנים, דיריזשאָרן און מוזי־קער, ער גיט ארויס אין 1902 א מוזיק־טעאָריע אין אידיש און הע־ברייאיש אונטערן טיטול „תורת הזמרה הכללית".

אין 1906 עפנט ער זיין באַרימטע חזנים־שולע, אין וועלכער ער באַמיט זיך צו פאַראייניגן חזנות מיט וועלטלאַכער מוזיקאַלישער בילדונג און דערציט צענדליגער, היינט באַקאַנטע, חזנים.

אין 1907 איז אונטער זיין פאָרזיץ פאָרגעקומען דער ערשטער חזנים־צוזאמענפאָר אין ווארשא, וואָס האָט אויך געהייסן „דאָס גרונטשטיין לייגונג פאר א חזנים־פאַרבאַנד אין פּוילן". אין 1908 גיט ער ארויס זיין מאָנומענטאַלע חזנישע ווערק „אָמנות החזנות" — ערשטן טייל און אין 1912 — דעם צווייטן טייל, ער גיט אויך ארויס א ווערק „הלל וזמרה" (פאר קבלת שבת און מעריב) פּאָפּולאַריזירט אויך חזנישע, רביישע און אלגעמיינע מוזיק אין דער העברייאישער, דייטשער און אידישער פּרעסע. באַרימט איז ער געוואָרן מיט זיינע ארטיקלען אינם „גליון ספרות" (א ביילאַגע צו דער „הצפירה") אויך מיט זיינע ארטיקלען „השירה והזמרה בחצרות הצדיקים בפּוילין" און נאָך אַ סך אַנדערע

אינם יאר 1913 באַזעצט ער זיך אין לאָדז, רעזיגנירנדיג פון זיין פּאָסטן אלס טשענסטאָכאָווער קאַנטאָר. ער פאַרנעמט זיך דאָרט מיט לערנען געזאַנג אין די אידישע שולעס. ער שרייבט אויך אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע נגונים אויף די שירים פון יעקב כהן, אויף אַ

ריי יאַפּאַנישע לידער און נאָך אַנדערע, וועלכע ער האָט אָבער ניט דערלעבט צו זען אין דרוק.

פרייטאָג דעם 10־טן נאָוועמבער 1922 איז ער געקומען גע־שעפטלאַך קיין טשענסטאָכאָוו און שבת איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן און ער האָט, ניט געזעגנענדיג זיך מיט קיינעם, אויסגע־הויכט זיין איידעלע נשמה.

די טשענסטאָכאָווער אידישע קהלה האָט אים מיט גרויס כבוד באַגלייט צו זיין אייביגער רו, די גאַנצע שטאָט אידן, קליין און גרויס, אַלט און יונג זיינע געקומען זיך געזעגענען מיט זייער באַליבטן חזן.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען אַ סך יאָרן בירנבוימס אַ אינטימער פריינט, איז ספּעציעל ארויסגערופן געוואָרן פון ווילנע, וואו ער איז געווען דאַמאָלס חזן אין „טהרת הקודש״ אין עטלאַכע קהלות ווי: לאָדז, פּאַביאַניץ, זגיערזש און אַנדערע, וואו ער האָט ביי דער אַנוועזנהייט פון טויזנטער בירנבוימס פריינט און פאַרערערס מספּיד געווען דעם גרויסן נפטר און געמאַכט נאָך אים אַ הזכרה.

בנימין נח קאַפּלאַן

אַ פעטער פון בנימין חנן קאַפּלאַן (חנא פּראַגער). געבוירן אין סעליץ אין 1826 אין אַ משפחה פון לומדים און מנגנים. געלערנט ביז דער חתונה אין דער מירער ישיבה. געווען אַ גרויסער למדן און משכיל, געשריבן אַ פּרעכטיגן העברייאיש.

ניט זינגענדיג ביי קיין חזן, ניט קענענדיג קיין נאָטן, האָט ער נאָך דער חתונה זיך אויסגעלערנט שחיטה און אַ דאַנק זיין זיסן לירישן טענאָר און פּערלדיגער קאָלאָראַטור איז ער געוואָרן אַ באַליבטער און פּאָפּולערער חזן. פאַנומען שטעלעס אין: מאָסט, לונע, סאָקאָלקע, פּרען, סטאַוויסק, האָראָדישטש (קיעווער גובערניע) און די לעצטע יאָרן אין רייכמאַנס שול אין וואַרשע, וואו געשטאָרבן צו 72 יאָר.

יחזקאל פיינזינגער

יחזקאל פיינזינגער, וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „חאצקעלע זשיטאָמירער" איז געווען א וואונדערלאכער בעל תפלה און א גרויסער מנגן. 62 יאר געווען שטאָט־חזן אין זשיטאָמיר, געשאַפן א סך קאָמפּאָזיציעס און געשטאָרבן אין זשיטאָמיר אין יאר 1890.

משה שפּיצבערג

משה שפּיצבערג איז געווען דער ערשטער כאָר־חזן אין דער נייער בערדיטשעווער כאָר־שול, ער איז געווען א גרויסער מוזיקער און טיכטיגער העברייער. פון בערדיטשעוו קומט ער אָן קיין פּעטערבורג אין דער דאָרטיגער כאָר־שול, וואו ער ווערט בארימט מיט זיין שיינעם מאָדערנעם קינסטלערישן דאַווענען. ער פארענדיגט זיין לעבן זייער טראגיש אין זיינע בעסטע בליענדיגע יארן.

משה בער קוריטיאַנסקי

משה בער קוריטיאנסקי, דער זיסער געטלאכער חזן, ווערט דערמאָנט נאָך היינט אין דער חזנישער וועלט מיט גרוים כבוד.

געבוירן איז ער אין נעמיראוו (רוסלאנד), וואו ער ווייזט שוין אַלס קינד ארוים גרויסע פעיאינקייטן אין געזאנג און תפלה. נאָך זיין חתונה ווערט ער חזן אין דער נעמיראווער גרויסער שול, קומט דערנאָך אָן קיין כערסאָן און שפּעטער אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער כאָר־שול.

אַליין א קליינינקער א דאַרער, האָט ער פארמאָגט א אויסערגעוויינלאך זיסע לירישע טענאָר־שטימע, איז געווען הויך מוזיקאַליש

און פלעגט פאַרכישופן מיט זיין זיסן פאָרטראָג, האָט אָנגעשריבן אַ וועלט מיט רעטשיטאַטיוון (מיט וועלכע דער פארשטאָרבענער ראַ־זומני האָט מרעיש עולם געווען) איז אָפּגעשטאַנען עטלאכע און דריי־סיג יאָר מיט גרויס כבוד אין יעקאַטערינאָסלאַוו און איז דאָרט געשטאָרבן אין יאר 1905.

אפרים זלמן ראזומני

אפרים זלמן ראזומני, איינער פון די פּאָפּולערסטע חזנים־קינ־סטלער, איינער פון די גרעסטע אימפּראָוויזאַטאָרס פון אידישער תּפלה איז געבוירן געוואָרן אין ניקאָלאַיעוו, כערסאָנער גובערניע אין יאר 1866. זיין פאָטער ר׳ חייקל איז געווען א זייער ערלאכער איד, א סוחר פון תבואה, זיין זיידע איז געווען א רב.

ס׳איז אינטערעסאַנט ווי אזוי זיי האָבן באקומען דעם נאָמען „ראזומני״: חזן ראזומנים עלטער זיידע, וועלכער איז געווען א רב און האָט געטראָגן דעם זעלביגן נאָמען אפרים זלמן, איז פון קייזער ניקאָלײַ דעם ערשטן באשטימט געוואָרן פאר א רב פאר די סאָל־דאַטן פון די שיפן, וועלכע האָבן קורסירט אויפן שווארצן ים, ווען ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פארן צאַר, האָט דער לעצטער אים אָנגערופן „ראזומני יעווריי״ (קלוגער איד) און אזוי איז פארבליבן זיין פאמיליע־נאָמען „ראזומני״.

פון זיין קינדהייט אָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שיינער שטימעלע. לערנען האָט ער אָבער קיין זאך ניט געוואָלט, זיין רבי אין חדר, וועלכער איז געווען א גרויסער כעסן און מ׳האָט אים גערופן טאַקי צוליב דעם „תמוז״ (לייבעלע תמוז), איז געווען אויף אים להרוג ולאבד. ווען ער פלעגט אָבער אָנהויבן זינגען, אזוי פלעגט אָפּגיין דעם רבינס כעס... (אזוי דערציילט ראזומנים א יוגנט־חבר דער שיקאַגער רב הרב משה אהרן אראנאָוויטש שליט״א).

צו 16 יאר הויבט ער שוין אָן דאַווענען פארן עמוד און איז

מרעיש עולם. צו 19 יאר ווערט ער חזן אין דער גרויסער ניקאָלאיעװער שול, ער איז דערנאָך חזן אין קישינעוו און שפּעטער אין דער שאַלאַשנער שול אין אָדעס. ער פאָרט דערנאָך אויף קאָנצערט־נסיעות און וואו ער קומט ווערט ער אויפגענומען מיט גרויס כבוד, ער דאַוונט אויך אַ געוויסע צייט אין דער אָדעסער „יעווריעיסקאיא" שול, און שטאַרבט אין זיינע בעסטע בליענדיגע יארן, עטלאכע יאר פאר דער לעצטער וועלט־מלחמה.

יצחק הירש האַלפּערין

יצחק הירש האלפערין איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1854 אין זשיטאָמיר. האָבנדיג א נייגונג צום זינגען, קומט ער אָן פאר א משורר צו האצקעל דעם חזן, ביי וועמען ער זינגט א לאנגע צייט, ער קומט דערנאָך אָן פאר א חזן אין דער בערדיטשעווער כאָר־שול וואו ער געווינט, א דאַנק זיין ריזיגער ברייטער באַריטאָן־שטימע און זעלטענעם פאָרטראג, די אלגעמיינע אָנערקענונג. ער קומט דערנאָך אָן קיין לעמבערג, וואו ער שטייט איבער 20 יאר און איז זייער באַליבט און הויכגעשעצט ביי דער קהלה און ביי אלע זיינע פריינט און פארערערס. זייט עטלאכע יאר געפינט ער זיך אין ווין ביי זיינעם אַ ברודער.

צעריני (שטייפמאַן)

געוועזן חזן־שוחט אין דער שטעטל זאגעראוו, קאַלישער געגנט, (פּוילן) לאַנגיאָריגער חזן פון דער סינאַגאָגע אין ברעסלוי, האָט פארמאָגט א ריזיגע ברייטע טענאָר שטימע. געשטאַרבן אין ברעסלוי .1922

נחום מאַטעינקאַ

ניסים באַרימטער באַס נחום מאַטעינקאַ, וועלכער איז שפּעטער געווען חזן פון פּאָליאַקאָוום שול אין מאָסקווע, האָט פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלע באַס־שטימע, איז געווען אַ גרויסער גבור און אַ זעלטן שיינער פּערזאָן. געשטאָרבן אין יאָר 1894.

אַברהם פּאָליאַקאָוו

באַרימטער דיריזשאָר און קאָמפּאָזיטאָר, געווען דיריזשאָר אין בערסאַנער כאָר־שול, שפּעטער אין דער שאַלאַשנער שול, געשאַפן אַ ריי וואונדערבאַרע האַרמאָניש גוט קלינגענדיגע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, געשטאָרבן אין אָדעס אין יאָר 1917.

בצלאל ברון

בצלאל ברון, דער באַרימטער דיריזשאָר פון דער ניקאָלאַיע־ווער כאָר־שול איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן פעברואַר 1860 אין זלאַטאָפּאָליע. זיין פאָטער ר׳ יצחק אייזיק איז געווען אַ באַרימטער בעל תפלה און האָט זיין גרעסטענטייל בצלאלן געגעבן אַ שטרייננג רע־ליגיעזע און גלייכצייטיג מוזיקאַלישע דערציאונג. ציט עס אָבער בצלאלן פון זיין פריסטער יוגנט נאָר צו מוזיק, ער זינגט ביי זיין פאָטער, זאַפּט אין זיך אריין די אַלטע טראַדיציאָנעלע נוסחאות און הויבט אָן צו 15 יאָר קאָמפּאָנירן, פעלן אים אָבער גענוגע ידיעות אין וועלכע ער פאַרפולקאָמט זיך ערשט שפּעטער.

ס׳איז גענוג אַ קוק צו טאָן אין זיינע ווערק „מעריב לראש השנה וליום כפור״ און „מוסף לראש השנה וליום הכפורים״, כדי זיך צו איבערציינגן ווי ווייט די דערמאָנטע פאַרפולקאָמונג האָט דער־

גרייכט. זיינע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון זיינען טייערע פּער־לען אינם גרויסן אוצר פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק־ליטעראַטור, — אויך האָט ער איבערגעלאָזן א וועלט מיט מאַנוסקריפּטן (א טייל פון וועלכע ער האָט דעם שרייבער פון די שורות געוויזן ביי זיין באַזוך אין 1916 אין ניקאָלאַיעוו), וועלכע זיינען צום באַדויערן נאָך ביז איצט נים געדרוקט.

חוץ זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות איז בצלאל ברון געווען א גרויסער העברייער, א זייער אינטעליגענטער מענטש מיט אַ גוטן איידעלן כאַראַקטער, האָט געפירט זייער א פיינע הויז און האָט איבערגעלאָזן זייער איידעלע קינדער.

זיין זון ישראל איז א זייער טאַלענטירטער פּיאַניסט און זיינע טעכטער אידאַ, מאשא און דאָרא האָבן באַקומען א אינטעליגענטע, אַלגעמיין קולטורעלע און מוזיקאַלישע דערציאונג.

דעם 14־טן פעברואר 1918 האָט בצלאל ברון נאָך אַ לייינגערער קראַנקהייט אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה, טיף באַטרויערט און באַוויינט פון זיין פאַמיליע, פון זיין קהלה און פון זיינע צאָלרייכע פריינט און פאַרערערס. זיין נאָמען וועט תמיד דעמאָנט ווערן מיט כבוד.

מאיר פּיסאַק

מאיר פּיסאַק, דער באַוואוסטער בערדיטשעווער חזן, וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „מאיר דער אַלט" (פון דער צייט ווען ער האָט געזונגען ביי ניסין), האָט אָנגעהויבן דאַווענען פאַרן עמוד צו 18 יאָר. זיין ערשטע שטעלע איז געווען יעליסאַוועטגראַד: פון דאָרט איז ער אָנגעקומען אין דער „יעווּרעיסקאיא" שול אין אָדעס און איז שפּעטער געוואָרן ניסים ממלא מקום אַלס חזן פון דער בערדיטשעווער שטאָט־שול, וואו ער איז אָפּגעשטאַנען מיט גרויס כבוד אן ערך פון 15 יאָר, ביזן ענד פון זיין לעבן.

געשטאָרבן איז ער דעם 3־טן טאָג חנוכה 1921 אין קיעוו, וואוהין ער איז געקומען מיט זיין כאָר און האָט שבת פאר חנוכה געדאַווענט אין זאיצעווס בית המדרש. זונטאָג איז ער קראַנק געוואָרן אויף פלעקן־טיפוס און איז אין עטלאכע טעג ארום געשטאָרבן.

בעלא גוטמאַן

בעלא גוטמאַן, ממלא מקום פונם באריממן חזן יאזעף גאָלד־שטיין, איז געבוירן געוואָרן אין 1872. האָט באַקומען ביי זיינע על־טערן א שטרייננ רעליגיעזע דערציאונג און האָט נאָך אין זיין קינד־הייט געחלומט צו ווערן א חזן. ווען זיין מענער־שטימע האָט זיך גע־נומען אַנטוויקלען, האָט ער זיך פלייסיג אָפּגעגעבן מיט שטודיום פון מוזיק און שטימע־בילדונג. באלד ווערט ער אין גאַנץ ווין באריממט מיט זיין וואונדערבארער באַריטאָן־שטימע און קינסטלערישן פאָר־טראַג.

ווען ס'ווערט פריי די חזנות שטעלע אין לעאָפּאָלדשטאט טעמפל ווערט בעלא גוטמאן איינשטימיג אויפגענומען פאר אויבערקאַנטאָר. דער טעמפל פלעגט זיין פול געפאקט און די באַגייסטערונג פון די מתפללים איז געווען אין לשער.

צום באַדויערן איז אים ניט באַשערט געווען לאַנג צו דער־פרייען אידישע הערצער מיט זיין הימלישער נגינה. נאָך א לאנגער און שווערער קראַנקהייט שטאַרבט ער דעם 8־טן סעפטעמבער 1911. עד היום רעדט די ווינער קהלה מיט גרויס יראת־הכבוד וועגן איר באַליבטן „שליח צבור", וועגן זיין שיינער שטימע, זיין וואונדער־פולער מאַיעסטעטישער געשטאַלט און זיין טראגישן פריצייטיגן טויט.

דן פוקס

חזנים־פאַכלייט פלעגן זיך תמיד באַציִען צום ווינער חזן ד׳ פוקס מיט גרויס דרך ארץ, ווייל ער איז געווען ניט בלויז דער גרויסער חזן מיט דער גרויסער און גוט געשולטער טענאָר שטימע, נאָר אויך א גרויסע פערזענלאכקייט, אינטעליגענטער מוזיקער און בר־אוריין. ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די ווינער קולטוס־געמיינדע, זוכנדיג א פּאַסיגן שטעל פארטרעטער נאָכן גאון החזנים שלמה זול־צער, האָט קיין בעסערן, ווי דן פוקס, ניט געפונען.

געבוירן איז ער אין יאר 1871 אין יאַסטריבנע, פּאָדאָליער גובערניע (רוסלאנד). זיין פאָטער ר׳ שלמה יאַסטריבנער איז געווען א איד אַ גביר און א גרויסער בעל צדקה, ער דערציט זיין געראַטענעם דן על התורה ועל העבודה. ציט עס אים אָבער צו מוזיק און געזאַנג. ער פאָרט קיין טשערנאָוויץ, פון וואנען ער ווערט רעקאָמענדירט קיין ווין, וואו ער קומט אָן אין דער קאָנסערוואַטאָריע און איז א תּלמיד פון די פּראָפעסאָרן געגזבאַכער און לעווענשטאַם. ער באַוואונדערט אַלעמען מיט זיין פּראַכטפולער שטימע. ער ווערט שפּעטער א באַ־רימטער אָפּערע־זינגער און האָט א רעפּערטואַר פון איבער 40 אָפּע־רעס. זיין אמת אידיש האַרץ בלייבט אָבער מיט זיינע טעאַטער־דערפאָלגן ניט צופרידן, ער קומט אָן נאָך יאָזעף גאָלדשטיינס טויט פאר חזן אין לעאָפּאָלדשטאַט טעמפּל און מיט פיר יאר שפּעטער ווערט ער זולצערס שטעלפארטרעטער אינם „זייטענשטעטען טעמפּל" (זיין שטעלע אין לעאָפּאָלדשטאַט טעמפּל האָט דאַמאָלס פארנומען חזן בעלא גוטמאַן).

22 יאר איז ער געשטאַנען מיט גרויס כבוד אלס אויבער־קאַנטאָר פון דער „ווינער קולטוס געמיינדע". זיין הויז איז דאָרט גע־ווען אָפן פאר „כל דכפין", און ספּעציעל אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה איז ער געווען ווי א טרייער פאָטער צו אַ סך חזנים פון רוסלאנד, פּוילן, אוקראַינע און גאַליציע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די מלחמה־פייערן.

מיט עטלאכע יאר צוריק איז דן פוקס געקומען קיין אמעריקע און צום באדויערן האט אים דא זייער ניט געגליקט און ער האט זיך שוין לעצטנס ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו פארן צוריק קיין ווין זיין פלאן איז אבער צושטערט געווארן דורכן שרעקלאכן טויט, וועל־כער איז געקומען, נאך א קורצער קראנקהייט, אין מאי 1928. ער האט געפונען זיין אייביגע רו ווייט פון זיין היים, ווייט פון זיין באַ־ליבטער קהלה, ווייט פון זיינע קרובים און אלע פריינט און פארערערס.

גרויס כבוד האט אים צוגעטיילט, (נאך זיין טויט) דער חזנים־פארבאנד.

יוסף צבי כהן

יוסף צבי כהן (כהנא) איז געווען איינער פון די בארימטסטע שטים־באגאבטע חזנים פון דער 2־טער העלפט פון 19־טן יארהונדערט ער האט מיט זיין ריזיגער טענאר־שטימע און מתיקותדיגן דאַוונען אומעטום מרעיש עולמים געווען, באזונדערס אימפאזאנט איז געווען זיין שיינע פערזענלאכקייט, מיט וואס ער פלעגט געווינען אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. ער איז אויף אלע זיינע שטעלעס געווען זייער באַ־ליבט און געשעצט.

זיין ערשטע שטעלע איז געווען אין יעליסאַוועטגראד אין בית המדרש הגדול, דערנאך אין ראסטאָווער (אויפן דאָן) סאלדאַטסקער כאָר־שול, אבער וועלט באַרימט איז ער געווארן פון ווילנע אלס דאָרטיגער שטאָט־חזן. פון ווילנע קומט ער אָן אין כאַרקאָוו, וואו ער ווערט פלוצלונג געפערלאך קראנק און שטארבט דאָרט (נאך א ניט געלונגענער אָפעראציע) אין זיינע בליענדיגע יארן.

יצחק עפשטיין

יצחק עפשטיין האט אין דרום־רוסלאנד געשמט מיט זיין פע־

גאָמענאַלער שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט אגב אויסארבעטן און דערגרייכן די שווערסטע און העכסטע קאָלאָראַטור פאסאזשן און קאדאנצן.

געבוירן ביי זייער אנשטענדיגע און אָרטאָדאָקסישע עלטערן אין דערעטשין גראָדנער גובערניע, האָט ער שוין אַלס קינד ארויסגע־וויזן א נייגונג צום זינגען. זיין אלט שטימעלע, וועלכע האָט זיך אַנט־וויקלט אין א גרויסן לירישן טענאָר האָט אומעטום ארויסגערופן באַ־גייסטערונג. ער האָט פארנומען חזנות־שטעלעס אין: קערטש, כאַר־קאָוו, סימפעראָפאָל, ראסטאָוו אויפן דאָן און נאָך אַנדערע שטעט און איז שטענדיג געווען זייער באליבט און געשעצט. געשטאָרבן איז ער אין ראָסטאָוו אויפן דאָן אין ניסן 1914.

יואל זעליג סטראד

יואל זעליג סטראד, וועלכער איז באַרימט אין דער וועלט אונטערן נאָמען „יואל זעליג פינסקער", האָט אין זיין קינדהייט (און אויך שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים א זיסע ווייכע לירישע טענאָר שטימע), געזונגען צוזאמען מיטן בארימטן ישראלקע מיכאַלאָווסקי ביי חיים לאָמזער און ביי פיינזינגערן אין ווילנע. ער איז דערנאָך חזן אין יאנושאק, שפּעטער אין זשאַגער און קומט דער־נאָך אָן אין פינסק אלס שטאָט־חזן, וואו ער פארבלייבט ביזן ענד פון זיין לעבן. יואל זעליג איז געווען א אינדיווידואַליסט אין פולן זינען פון וואָרט. ער איז געווען אָריגינעל אין זיין „שטייגער זאָ־געכץ" און פלעגט אימפּראוויזירן מיט אַ באזונדער אייגנאַרטיגקייט. זיינע איינפאלן זיינען דורך די גרעסטע מנגנים פון יענער צייט באַ־וואונדערט געוואָרן. געזונגען האָט ער מיט גרוים געפיל און א זעל־טענעם פאָרטראג. ער האָט אויך אָנגעשריבן זייער א סך קאָמפּאָ־זיציעס און רעטשיטאַטיוון. געשטארבן איז ער אין עלטער פון 75 יאר.

ישראל יפה

ישראל בן ידידי׳ יפה, וועלכער איז באוואוסט אלס ישראלקע סובאלקער, איז געווען א גרויסער געלערנטער און באַרימטער חזן, ער האָט אויך פארפאַסט א חיבור אונטערן טיטול: „אשי ישראל" אלס א פירוש צו הר׳ משה איסערלישס „ספר תורת העולה". ער האָט אָפּגעשטאַמט פונם של״ה הקדוש, געווען א לאנגע צייט שטאָט־חזן אין סובאַלק און א סך יארן אין קאַליש. אויף דער עלטער האָט ער אויסגעוואנדערט צו זיינע קינדער קיין אַמעריקע, וואו ער איז געשטאָרבן אין יאר 1888.

ניסן שקלאָווער

ניסן שקלאָווער איז געווען איינער פון די באַרימטסטע חזני הרגש פונם 19־טן יארהונדערט, א גרויסער דאַוונער און האַרציגער אימפּראָוויזאַטאָר. געווען חזן אין מאָהילעוו אויפן דניעפּר (צוקער־מאַנס שול) אין שקלאָוו און נאָך אַנדערע.

ברוך קארלינער

ברוך קאַרלינער איז געווען א שם דבר אין דער חזנישער וועלט אינם 19־טן יארהונדערט. אליין א גרויסער תּלמודיסט און זיסער דאַוונער, האָט ער אויסגעבילדעט א וועלט מיט חזנים. געבוירן אין קאַרלין, וואו ס׳איז אויך געווען זיין ערשטע חזנות שטעלע, געווען נאָכדעם חזן אין קאָוונע (אין ביהמ״ד הגדול) שטאָט־חזן אין בריסק און דערנאָך אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, פלעגט ארומפאָרן מיט א קאַ־פּעליע משוררים אין א אייגענער בויד פון שטאָט צו שטאָט, בא־

גייסטערנדיג אַלעמען מיט זיינע הימלישע תּפלות. געשטאָרבן איז ער אין בריסק אין דער צייט פון דער כאָלערע אין יאר 1871.

מאיר לידער

מאיר לידער איז געווען א שיינער מנגן און געשמאַקער דאַוונער האָט אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזיציעס און רעמשיטאַטיוון, האָט פאַר־נומען חזנות שטעלעס אין קאָלאָ (קאַלישער גובערניע) אין לידע (פון וואנען ס׳שטאַמט זיין נאָמען „מאיר לידער״) און אין משערניגאָוו וואו ער איז אויך געשטאָרבן אינם דאָרטיגן מושב זקנים.

משה גרינוואלד

משה גרינוואלד, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין ליטע און פוילן אַלס משה קאַרעליצער, משה פּאַקרויער, משה ווילקאָווישקער און משה טורעקער, איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1843 אין קאַרעליץ (מינסקער גובערניע). ער זינגט אין זיין יוגנט אלס אלט ביי די באַ־רימטע חזנים שלמה נאַוואראָדקער און דערנאָך ביי ישראל מינסקער ביים לעצטן דערלערנט ער נאָטן לייענען. ווען ס׳אַנטוויקלט זיך ביי אים א טענאָר שטימע, קומט ער אָן פאַר א חזן אין זיין געבוירן־שטאָט קאַרעליץ, מיט דריי יאר שפּעטער קומט ער אָן אין פּאַקראַי, וואו ער שטעלט צוזאַמען א כאָר, פאָרט ארום מיט אים אויף קאָנ־צערט־נסיעות און דאַוונט אומעטום מיט דערפאָלג, מ׳לייגט אים פאָר די חזנות שטעלע אין מאַוויג (קורלאנד) אָבער ווען ס׳ווערט פריי די חזנות שטעלע אין ווילקאָווישק, סובאַלקער גובערניע, פארבלייבט ער בעסער דאָרט.

מיט א צייט שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין טורעק (קאַלי־שער גובערניע) וואו ער פארבלייבט שוין ביזן ענד פון זיין לעבן.

דריי און דרייסיג יאר איז ער מיט גרויס כבוד און אלזייטיגער ליבע געשטאַנען אויף זיין שטעלע אין טורעק. דאָ האָט ער אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזיציעס און האָט איינגעפירט א אידיש־מאָדערנע תפלה מיט אַ שיינעם כאָר. ער איז דאָרט געשטאָרבן ט״ז סיון 1910 באווײנט און באדויערט פון דער גאנצער שטאָט, וואו זיין נאָמען ווערט נאָך עד היום דערמאָנט מיט גרויס כבוד.

פון זיינע קינדער איז ווערט צו דערמאָנען זיינעביידע זין נייטהען און אלעקס. ביידע האָבן באקומען א גוטע מוזיקאַלישע דער־ציאונג און זיינען העכסט אינטעליגענט און וועלטלאך געבילדעט, דער עלטערער נייטהען גרינוואלד געפינט זיך איצט אין ניו־יארק, וואו ער איז א לערער פון מוזיק און געזאַנג, דער צווייטער אלעקס געפינט זיך אין שיקאַגאָ, וואו ער איז דער מענעדזשער פונם „שי־קאגאָ קאָללעדזש אָוו מיוזיק". אויך זיינע טעכטער האָט ר' משה טורעקער געגעבן אן אלזייטיג קולטורעלע דערציאונג און זיינע איי־דימס זיינען זייער אָרנטלאכע און אינטעליגענטע מענטשן.

דוד מרדכי כאַינאָווסקי

דוד מרדכי כאַינאָווסקי האָט אין דרום רוסלאנד געשמט פאר איינעם פון די באַרימטסטע חזנים פון דער צווייטער העלפט פונם 19־טן יארהונדערט. געבוירן אין סובאַלק אין יאר 1859 ביי פרומע עלטערן באַקומט דוד מרדכי א עכט־אידישע דערציאונג. ער לערנט אויך אין ישיבות. ווען ס'האָט זיך באַוויזן ביי אים אן אָנלאג אויף אַ טענאָר־שטימע, האָט זיין פאָטער, וועלכער איז אליין געוועזן א יודע נגן, אים דערלויבט צו פאָרן קיין קאָוונע צום חזן ראַבינאָוויטש, ביי וועלכן ער זינגט אַלס טענאָר און דערלערנט דעם חזנות פאך. ער פאָרט דערנאָך קיין ווארשע און זינגט א געוויסע צייט ביי חזן גריצהענדלער. ציט עס אים אָבער קיין אויסלאנד מיט דער האָפע־

נונג זיך דאַרט גרונטיג צו פארפולקאָמען אין שטימע־בילדונג און אַלגעמיינער מוזיקאַלישער קולטור.

אין יאר 1882 געפינט ער זיך שוין אין ווין, וואו ער זאַפּט אין זיך אריין די שיינע זולצערישע געזאנגען. מיט אַ יאר שפּעטער קומט ער אָן אלס חזן אין קערטש און אין 2 יאר ארום — אין כאַר־קאָוו און אין יאר 1888 קומט ער אָן אין מאָסקווע אין פּאָליאַקאָווס שול, וואו א דאַנק זיין ריזיגער העלדן־טענאָר שטימע און מתיקותדיגע תפלות געווינט ער די אַלגעמיינע אַנערקענונג פון זיין קהלה.

ניט בלויז איז מאָסקווע, נאָר אויך איבער גאנץ רוסלאנד ווערט זיין נאָמען בארימט, זיין קאָלאָסאלע שטימע פלעגט באוואונ־דערט ווערן פון די גרעסטע אָפּערן־זינגערס און מ׳האָט אים פארגע־לייגט א גרויסע קאריערע אלס אָפּערן־זינגער, כאינאָווסקי איז אָבער געווען זייער איבערגעגעבן און געטריי דער חזנות און האָט זיך פון אלץ אָפּגעזאָגט.

אגב, האָט זיך אין מאָסקווע פאר אים געעפנט א ברייטער פעלד און אלע געזעלשאפטלאכע און מוזיקאַלישע געביטן, כאינאָוו־סקי האָט דאָרט געלעבט זייער גליקלאך. איז אָבער געקומען דער יאר 1891, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער באוואוסטער „גירוש היהודים" און ניט קוקנדיג, וואָס פּאָליאַקאָוו און אויך זיין פרוי האָבן זיך פער־זענלאך משתדל געווען, אז מ׳זאָל זייער באַליבטן חזן איבערלאָזן, האָט עס אָבער ניט געהאָלפן און כאינאָווסקי איז געצוואונגען געווען צו פארלאָזן מיט זיין פאמיליע מאָסקווע צוזאמען מיט אַלע אַנ־דערע אידן.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש דאָ צו באמערקן, אז הגם ס׳איז פון פעטערבורג אָנגעקומען א ספעציעלע דערלויבעניש (פאר כאינאָוו־סקין מיט זיין פאמיליע) צו בלייבן אין מאָסקווע האָט אָבער דער צורר היהודים סערגיי צוריסן די דערלויבעניש באַמערקנדיג: „אין מאָסקווע בין איך בעל הבית"... .

כאינאָווסקי קומט אָן קיין אָדעס און אין יאר 1895 ווערט ער

אויפגענומען אין מעליטאָפּאָל, וואו ער פארבלייבט חזן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אויף זיין דאָזיגער שטעלע האָט כאינאָווסקי דערצויגן א דור פון, היינט גוט באַקאנטע, חזנים און דיריזשאָרן, די שטאָט האָט מיט אים שטאָלצירט אין אלע פּרטים, סיי אלס חזן און גאָר באזונדערס אלס א מענטש א בר אורין און מעורב בדעת עם הבריות.

ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער איז קיינמאָל ניט ארומגעפאָרן אויף קאָנצערטן, הגם מ'האָט אים געוואָלט גוט באצאָלן. ער פלעגט תּמיד זאָגן, אז תּפלות דארפן פונם חזן געזונגען ווערן נאָר אין שול ביים דאַוונען, ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין קינסטלערישן קאָמבינירן דאָס „אַלט־אידישע" מיטן „מאָ־דערנעם" און האָט זיך דערמיט דערוואָרבן א סך הונדערטער פאר־ערערס ניט בלויז צווישן געוויינלאכע צוהערערס, נאָר אויך צווישן קאָ־לעגן חזנים און יודעי נגן.

ער האָט אויך געפירט זייער א שיינעם פאמיליע־לעבן און איז געווען דער ליבלינג פון זיין קהלה און פון דער גאַנצער שטאָט (אידן און קריסטן) און ווען ס'איז פארגעקומען אין ניסן 1920 זיין 25־יאָ־ריגער יובילייאום, איז דאָס פארוואנדלט געוואָרן אין א גראנדיעזן יום טוב פון דער גאַנצער מעליטאָפּאָליער באַפעלקערונג. 2 חדשים נאָך דער דאָזיגער פייערונג איז כאינאָווסקי נאָך א קורצער קריינק געשטאָרבן און איז י"ט סיון 1920 געבראכט געוואָרן צו קבורה באַ־וויינט און באַדויערט פון דער גאנצער שטאָטישער באפעלקערונג.

א מארמאָרנער אָנדיינקונגס־טאָוול איז צוגעשלאָגן געוואָרן דורך די גבאים אין דער מעליטאָפּאָלער שול אויף דער מעריב־וואנט מיט פאָלגנדיגן נוסח:

ויהי דוד מנעים זמירות ישראל ומרדכי רצוי לרוב אחיו לזכר עולם תהי בעדה הזאת להש"ץ המפואר בפי כל אשר הצטיין בתומתו וישרתו ובנועם זמרותיו מר דוד מרדכי ב"ר שמואל ארי' כאינאווסקי ז"ל מאת מכבדיו בחייו ומוקיריו במותו הלא המה קהל המתפללים בבית הכנסת אשר רבת

שבעה לה נפשינו עונג רוחני ורגשי קודש אשר העירו בלבבינו נועם זמירותיו ותפלותיו אשר השמיענו בקולו האדיר והערב במשך חמש ועשרים שנה ואשר שבק חל״ח ביום י״ט סיון שנת פר״ת לפ״ק היא שנת הששים ואחת לימי חייו. תנצ״ה. (איבערגעגעבן פון כאינאָווסקים שוואָגער רעוו. מרדכי ב. כהן אין ברוקלין־ניו יארק).

ישראל קופּער

דער מיט וועלט־רום געקרוינטער ווילנער שטאָט־חזן קופּער איז געווען איינער פון דער רייכער פּלעיאַדע שטים־באגאבטע חזנים. זיין ריזיגע טענאָר שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט אויסארבעטן די שווערסטע קאָלאָראטור פּאסאזשן האָט אין זיין צייט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. דערצו איז ער געווען א מתיקותדיגער זינגער און שיינער דאַווענער.

זיין ערשטע חזנות איז געווען אין בוקאַרעסט, פון דאָרט קומט ער אָן פאר שטאָט־חזן אין ווילנע וואו ער איז געשטאַנען מיט גרויס כבוד און וואָלט געווים דאָרט געווען זיין גאנץ לעבן, האָט אים אָבער דער ווילנער שטאָט־מגיד וועלכער איז אָנגעקומען פאר א רב אין דער קאַלוואריער שול אין ניו־יארק, ארויסגערופן קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויסע אָוואציעס אַלס חזן, און איז דאָ אין עטלאכע יאר ארום געשטאָרבן.

יעקב ווייס

גרויסער געלערנטער חזן און מוזיקער, געווען חזן אין ווילנע, ווארשע, ברעסלע און אַנדערע, ארויסגעגעבן אין מערץ 1881 אין ווין א ווערק אונטערן טיטל „אוצר שירי ישורון״. די קאָמפּאָזיציעס

ווערן מיט גרויס דערפאָלג געזונגען אין אַלע סינאַגאָגעס פון גאָר דער וועלט.

ישראל (מינסקער) שאַוועלזאָן

גרויסער געלערנטער, חזן און תלמיד חכם. געווען אַ צייט חזן אין סלאָנים און דערנאָך ביז ענד פון זיין לעבן אין מינסק.

יוסף ליפשיץ

באַרימט אונטערן נאָמען „דער זאַסלאַווער".

מאטל וואסילקאָווער

גרויסער מנגן און שיינער דאַווענער.

עקיבא אַפטער

באַרימטער חזן און מנגן פון אַפּט, פּוילן. פריער חזן אין זשעליכאָוו, פּלונסק און פּיעטריקאָוו. געשטאָרבן אין פּיעטריקאָוו.

לייזער ליפּנער

באַרימטער חזן פון ליפּנא, פּוילן.

לייזערקע לאַדזער

באַרימטער לאַדזער חזן.

ברוך קאָנסטאַנטינער

באַרימט אונטערן נאָמען „ברוך קינסטלער".

ירמי' גאָרדאָן

באַרימטער חזן פון זדונסקא-וואָליא, פּוילן.

פייוול קוידענאָווער

באַרימטער חזן און שיינער בעל תפלה.

חיים חייקל מלאווער

באַרימטער חזן און מנגן פון מלאווע, פּוילן. פריער חזן אין גראיעווע. יאָשע סלאָנימערס א תלמיד.

חנן פּראַגער

באַרימטער דאַוונער, געווען חזן אין זשעטל און א סך יארן חזן אין פּראַגע, ביי ווארשע, נאָכדעם אין פּיטסבורג אַמעריקע אין דער בית יעקב שול, געשטאָרבן אין פּיטסבורג.

שמחה פאַניעווייזשער

באַרימטער חזן פון פאַניעוויעזש.

אברהם ריסיינער

באַרימט אַלס געשמאַקער בעל תפלה און שיינער מנגן.

יעקב סקידלער

באַרימטער חזן פון סקידל, ברוך קאַרלינערס א תלמיד.

שמעון פאַגעלנעסט

באַרימטער בעל תפלה, לאַנגיאָריגער חזן פון דער גרויסער שול אין פּראַגע, ביי וואַרשע.

שמואל פּליוך

באַרימטער חזן פון בערשאַד, פּאָדאָליער גובערניע. בצלאל אָדעסערס א תלמיד.

לייב שאַפּיראָ

באַרימטער חזן פון דובאָוונע קיעווער גובערניע. דערהרגעט גע=

וואָרן אינם בירגער קריג, געווען א גרויסער מנגן, אָנגעשריבן א סך זאכן, אַ געפּוירענער פון אומאַן.

אברהם מינקאווסקי

א ברודער פונם באריממן חזן פּינחס מינקאָווסקי, גרויסער מנגן, געווען חזן אין כערסאָנער כאָר־שול און נאָכדעם אין דעטראָיט־מישיגען, אַמעריקע, אין דער שערי צדק שול. געשטאָרבן אין עלטער פון 58 יאר אין דעטראָיט אין יאר 1924.

משה (באָס) ראַבינאָוויטש

באריממער און לאנגיאָריגער חזן פון דער ביאַליסטאָקער שטאָט־שול. געווען עטלאכע יאָר אין אמעריקע, געזונגען אלס באס ביים באריממן חזן חיים לאָמזער און באקאנט א. נ. „משה באַס".

אברהם אפרים ציעקאנאווסקי

באריממטער חזן באזיצער פון א זעלטן שיינער טענאָר שטימע געווען חזן אין לאָדז, ווארשע און אין אומאַן. וואו ער איז דערהרגעט געוואָרן פון די אוקראאינער רוצחים אינם טרויעריג באריממטן או־מאַנער פּאָגראָם.

שמחה ראובן זעלעם

באריממטער חזן און גרויסער מנגן, דער פאָטער פונם וועלט

באריממן מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר קאַרל גאָלדמאַרק און שווער פונם באַרימטן בוראַפּעסטער חזן מאָריס פרידמאַן.

רפאל מאָהר

איינער פון די באַרימטסטע חזנים אין אונגארן, געבוירן אין 1831 אין טאַרנאָוו, געווען חזן אין אגראם, ראאב און פינפקירכען, פארעפנטלאכט א חזנישן סידור א. נ. „שיר חדש". געשטאָרבן אין ווין אין 1924.

שמאי מארגאָליס

באַרימטער חזן פון זשיטאָמיר, שיינער מנגן און זיסער דאַוונער.

אהרן ראַצמאַן

לאַנגיאריגער חזן פון לוצק, גרויסער מנגן און רבי פון א סך באַרימטע חזנים און אָפּערן זינגערס.

מאָטל גאדיס

באַרימטער בעל תפלה, פאָטער פון די באַרימטע חזנים פּינחס און אברהם מינקאָווסקי. איז געווען 45 יאר חזן אין בית המדרש הגדול אין ביעלאיא-צערקאָוו, קיעווער גובערניע, געשטאָרבן אין פי-לאַדעלפיע אין 1922.

אליהו קאיזער

בארימטער חזן פון דער אוהב שלום שול אין באלטימאָר, אַמע־ריקע. זולצערס א תּלמיד, געבוירן אין אונגארן אין 1840, געשטאָרבן 1908 אין באלטימאָר, ארויסגעגעבן צוזאמען מיט זיינע חברים, וועלש, גאָלדשטיין און י. רייס א ווערק אונטערן טיטול „זמירות יה".

שמואל וועלש

חזן אין ניו יארק, פארפאסט א ווערק א. ט. „שמחת יה".

מנחם נחום קאַנטאָר

וועלכער איז געווען באקאַנט אונטערן נאָמען „נחום גאָניאנד־זער" איז געבוירן געוואָרן אין ליפּין גראדנער גוב. אין 1855, ער איז געווען א גרויסער מנגן און תּלמיד חכם, איז געווען חזן אין: אַלינקע, דובראווע, אמדור און גאָניאָנדז. געשטאָרבן איז ער אין גאָניאָנדז אין 1915. פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען, אגב, אַלע מוזיקאַליש און מיט אַלגעמיינער און אידישער בילדונג, איז באזונדערס ווערט צו דערמאָנען זיין זון אליהו קאַנטאָר, שיינער מנגן, פּייאיגער זינגער און גרויסער בר אורין, זיין זון מאיר קאַנטאָר, (דער ערשטער אין באָס־טאָן, דער צווייטער אין דעטראָיט), זיינע איידימס און טעכטער חזן שפּיראָ פון פּאָרטלאנד מעין און דער בארימטער מוזיקער, משכיל און חזן יעקב ליב וואסילקאָווסקי.

חנוך זונדל זאַקהיים

א זון פון הר"ר יעקב שלום זאקהיים ראש ישיבה אין ביאלי־

סטאָק געבוירן אין יאַנאָווע גראָדנער גוב. אין 1846 געלערנט אין גראָדנער ישיבה, געווען א תּלמיד מובהק פון ברוך קאַרלינער, ביי וועמען ער כאַפּט דעם שניט אין חזנות, געווען חזן אין טשייקישאָק, באַלבירשאָק, מערעטש, ראצק און ווילקאָווישק, געווען א תּלמיד חכם און א שיינער מנגן, געשטאָרבן אין ווילנע אין 1915 אין עלטער פון 69 יאר.

זיין עלטערער זון זרח איז געווען חזן אין פאַרשיידענע קהלות אין אמעריקע, איז א שיינער מנגן און בר אוריין און איז איצט שוחט אין שיקאַגאָ, האָט געזונגען אין זיין יוגנט ביים באַרימטן חזן ר' נח לידער. דער צווייטער זון יוסף בער זאקהיים איז אויך א משכיל און געפינט זיך צוזאמען מיט זיין ברודער יצחק זאקהיים אין באפלא.

יצחק זאקהיים איז א גרויסער מנגן, איז געווען 2 יאר מוזיק־דירעקטאָר פונם אַגרי־קולטור קאָלעדזש אין גאטרי אין אָלאַקהאָ־מא סטייט און האָט פריער געזונגען ביי ראַבינאָוויטשן אין קאָוונע און שפּעטער אין נאָזשיקס שול אין וואַרשע, ער איז אָבער אזוי גוט ווי זיין ברודער יוסף בער אַ סוחר און זאָגט מבינות אויף נגינה...

זיין פערטער זון משה חיים זאַקהיים איז אויך אַ מנגן, לייענט נאָטן און איז דערצו א גרויסער משכיל און תּלמיד חכם, איז איינער פון די אָנגעזעענסטע מנהיגים פון דער אידישער קהלה אין דע־טראָיט מישיגען, איז א גרויסער ציוניסט און באַרימטער כלל־טוער, איז דער עקס פּרעזידענט פונם דעטראָיטער ציוניסטישן דיסטריקט, עקספּרעזידענט פון דער קאָנסערוואַטיווער קאָנגרייישען „שערי צדק", איז דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע תּלמוד תּורהס און נעמט אנטייל אין כמעט אלע וויכטיגע אונטערנעמונגען אין דע־טראָיט.

משה ראגאוו

גרויסער משכיל און טיכטיגער פאכמאן, געווען גוט מוזיקאליש

און האָט געהאַט אַ געשולטן דראַמאַטישן טענאָר. געווען חזן אין פּאָניעוויעזש און שפּעטער אין דעטראָיט־מישיגען אין דער קאָנגרע־גיישען „שערי צדק", געשטאָרבן אין קליוולאַנד.

אליעזר גאָלדבערג

מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „לייזערקע קרעמעניצער" אָדער „לייזערקע קראָקאָווער" איז אַ סך יאָרן געווען חזן אין קראָקוי אין דער באַרימטער קופה שול. געווען אַ גרויסער אידישער דאַווענער, שיינע טענאָר־שטימע און בר אורין. געווען זייער מוזיקאַליש און אָנגעשריבן אַ ריי וואונדערלאַכע קאָמפּאָזיציעס.

שמעון דובאַווסקי

לאַנגיאָריגער חזן פון דער „עדת ישראל" געמיינדע אין בערלין. געווען אַ מוזיקאַלישער דאַווענער, גרויסער משכיל און אַלס מענטשן־פריינט און כלל טוער זייער באַליבט אין גאַנץ בערלין, געשטאָרבן אין בערלין 1918. פון זיינע קינדער איז ווערט צו דערמאָנען זיין איידים דעם באַרימטן חזן פון פראַנקפורט אויפן מאין בנימין פייסאַכאָוויטש. (אַ געוועזענער תלמיד פון וועלט־באַרימטן חזן הר' נח לידער.)

יאַטאָווקין

לאַנגיאָריגער דיריזשאָר פון דער שאַלאַשנער שול אין אָדעס, גרויסער מוזיקער, פאַרפאַסט אַ גרויסע צאָל אינהאַלטסרייכע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון וועלכע ווערן בכל תפוצות

ישראל מיט גרויס דערפאָלג געזונגען. געשטאָרבן אין לאָדז אין גרויס נויט.

מאיר בער סקאבעליאָוו

געבוירן אין מעריץ (דעם „טראָקערס" א ברודער), געזונגען ביי זיין ברודער און שפּעטער געלערנט אין בערלין, געווען באַרימט מיט זיין העלדן טענאָר שטימע און מיט זיין אידישן דאַווענען, ער האָט אויך געשפּילט אויפן פידל, איז געווען חזן אין שאוולי, טעלז נאָוואָגרודאָק, מיטוי און נאָך אַנדערע שטעט, איז ער אָבער גרעסטנטיילס אַרומגעפאָרן אויף קאָנצערט-נסיעות. אין 1902 (?) איז ער אָנגעקומען קיין באָסטאָן (אַמעריקע) און איז מיט 2 יאָר שפּעטער געשטאָרבן אינם בית ישראל האָספּיטאַל אין ניו-יאָרק.

אין דער חזנישער וועלט האָט מען אים גערופן סקאָבעליאָוו ווייל ער איז מיט זיין גרויסער באָרד ענלאך געווען צום באַוואוסטן רוסישן גענעראַל סקאָבעליאָוו.

(איבערגעגעבן פון זיין פּלימעניק מרדכי יונה שובאָוו),

מרדכי אייזיק קאַפּלאַן

געווען חזן אין סקידל, ניישטאָט-שערווינט און אַ סך יאָרן חזן אין קאָנגרעגיישען שערי צדק אין דעטראָיט, געווען דערנאָך חזן אין שיקאַגאָ וואו ער איז געשטאָרבן.

פון זיינע קינדער איז ווערט צו דערמאָנען דעם באַקאַנטן שיקאַגער דאָקטאָר זאַלינגער, וועלכער איז פריער געווען חזן און פריידיגער אין קליוולאַנד און נאָך אַנדערע שטעט.

שמואל יצחק בערנשטיין

דער באַרימטער לאַנגיאָריגער גראָדנער שטאָט־חזן שמואל יצחק בערנשטיין, וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן צונאָמען „דער גאָלדענער פלאַקן" איז געווען א מתיקותדיגער דאַוונער מיט אַ פּע־נאָמענאַלער לירישער מענאָר שטימע, פון זיינע קינדער איז ווערט צו דערמאָנען זיין זון שכנא, אַ באַרימטער דייטשער אָפּערן־זינגער, פאַר וועלכן לעוואַנדאָווסקי האָט ספּעציעל אָנגעשריבן די באַרימטע מענאָר סאָלאָ „צדיק כתמר יפרח" און זיין צווייטער זון דער באַ־רימטער לאָרזשער זינגער דוד בערנשטיין.

ביידע האָבן פאַרמאָגט (אַזוי ווי זייער פאָטער) פענאָמענאַ־לע, און פון דער נאַטור גוט געשטעלטע, מענאָר־שטימען.

שמואל משה וואַשילישקער

גרויסער מנגן, יאָשע סלאָנימערס אַ תּלמיד, געווען חזן אין לונע, וואַשילישאָק, פערשטאָט ביי גראָדנע און שפּעטער אין לאָנ־דאָן (איינגלאַנד).

יצחק שקאָלניק

לאַנגיאָריגער חזן פון דער גרויסער שול אין סטאַניסלאַוואָוו (גאַליציע) פריער אין פּאָדוואָלאָטשיסק, איז געווען א גרויסער מנגן און שיינער אידישער דאַוונער, אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזי־ציעס, געווען זייער באַליבט ביי זיין קהלה. ווען ער איז געשטאָרבן אין ווין האָבן זיי אים געבראַכט קיין סטאַניסלאַוואָוו צו קבורה און זיין נאָמען ווערט דאָרט עד היום דערמאָנט מיט גרויס כבוד.

שמעון שעכטער

געווען חזן אין קרעמענטשוג, אדעס, פשעמישל, בודאפעשט און טשערנאָוויץ, געווען א גרויסער משכיל און האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין ריזיגער און ברייטער באַריטאָן־שטימע, האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ווערק רעטשיטאַטיוון לכל השנה און איז מיט עט־לאכע יאר צוריק געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ.

משה זאב קורעצקי

לאַנגיאָריגער חזן און איינער פון די גרינדער פון בראָדסקים שול אין קיעוו. פריער געווען חזן אין טאראשטשע, פריאסלאוו און כארקאָוו, געווען א גרויסער מנגן און אָריגינעלער אידישער דאוונער געשטאָרבן חנוכה 1907.

משה וואָלמאַן

עקיבא אפטערס א תלמיד, געווען חזן אין אפאלע (לובלינער גוב.) דערנאָך אין קונסק, אָסטראָוועץ און קוטנא. (געשטאָרבן אין קוטנא).

דוד רובין

דער באַרימטער פראגער מוזיקער און דיריזשאָר דוד רובין איז געבוירן געוואָרן 1837 אין געיווימש־מעהרען, האָט שטודירט אין דער פראגער קאָנסערוואטאָריע, אין 1855 איז ער אָנגעקומען פאר אַ דיריזשאָר אין ווין און שפעטער איז ער געווען דיריזשאָר

אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין פּרעשבורג, עדענבורג און באַדען, אין 1860 קערט ער זיך אום קיין פּראָג און גרינדעט דאָרט דעם שפּעטער באַרימטן געזאַנג-פאַריין „אָריאָן", אין 1862 קומט ער אָן פאר א דיריזשאָר אין מייזלס שול און אין 1869 ווערט ער די-ריגענט פונם נייעם טעמפּל און פארפאסט א ווערק פאר חזן און כאָר אונטערן טיטול „שירי היכל".

מרדכי צבי היימאַן

לאַנגיאָריגער חזן פון בערדיטשעווער כאָר-שול, גרויסער מנגן און משכיל.

ישראל שוואַרץ

באַרימטער חזן פון בוקאַרעשט (רומעניע).

זימל סמארגאנער

דעם „טראָקערס" אַ שוואָגער. געווען אַ האַרציגער דאַוונער און גרויסער מנגן. אָנגעשריבן א ריי אידישע קאָמפּאָזיציעס, וועל-כע ווערן געזונגען אין גאַנץ ליטע און פּוילן, געווען א גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים, פלעגט לערנען מיט אן עולם דעם בלאַט אין דער סמאָרגאָנער חברה ש"ס, געווען חזן אין אָשמינע און איבער דרייסיג יאָר אין סמאָרגאָן.

בערל נאוואראדקער

לאַנגיאָריגער חזן פון נאָוואָגרודעק. געווען זייער באַליבט

מיט זיין שיינער הנהגה און מיט זיין ריזיגער ברייטער מענאָר־שטי־
מע. איז געווען אַ גרויסער חכם און זיינע גלייכווערטלאַך ווערן
נאָך היינט דערציילט מיט אַנטציקונג.

פּיניע קאַריצער

פּינחס קאָריצער איז געווען אַ סך יאָרן חזן אין בערדיטשעוו
אין דער זאַגראַבעלנער שול (פריער אין קאָריץ), געווען אַ גרויסער
מנגן און אָריגינעלער דאַוונער, האָט אָנגעשריבן אַ סך שיינע קאָמ־
פּאָזיציעס.

זיסקינד ראָזענטאַל

באַרימטער טשענסטאָכאָווער חזן, שיינער מנגן, געשפּילט
גוט פידל, פאַר טשענסטאָכאָוו איז ער געווען חזן אין קאָנין (קאַלי־
שער גוב.) און אין פּלאָצק.

יהודה לייב בייבטשיק

געווען אַ שיינער מנגן, אָריגינעלער דאַוונער, געווען חזן אין
ביאַליסטאָק און שפּעטער: אין דעטראָיט אין דער בית יעקב שול,
אין דער ליטווישער שול אין מילוואָקי און אין ביהמ״ד הגדול אין
שיקאַגאָ. דאָרט געשטאָרבן.

אברהם שאר

געבוירן אין טשערקאַס, קיעווער גוב. שיינע ברייטע באַריטאָן

שמימע און שיינער דאַוונער. געווען חזן אין בעלאיא־צערקאָוו, דער־נאָך אין קיעוו אין מאקאראָווער שול. געשטאָרבן אין קיעוו.

גדליה גראַסמאַן

באַרימטער מוזיקאַלישער חזן און משכיל, געזונגען אין בער־דיטשעוו אַלס מענאָר ביי ניסן בעלזער, געווען חזן אין בראַילאָוו באַלטא, איזמאיל, וואָזנעסענסק און אַנדערע שטעט. אָנגעשריבן אַ סך קאָמפּאָזיציעס. געשטאָרבן פון אַ בלוט פאַרגיפטונג אין וואָז־נעסענסק (כערסאָנער גוב.) זיינע קינדער זיינען אַלע זייער מוזי־קאַליש.

פּראָפעסאָר וויליאַם וואָלף

גרויסער געלערנטער מוזיקער, פאַרפאַסט אַ ריי מוזיקאַליש־וויסנשאַפטלאַכע ווערק און אַ גרויסע צאָל ליטורגישע געזאַנגען, געווען אַ סך יאָרן דיריזשאָר פון דער בערלינער אידישער געמיינדע (סינאַגאָגע לינדענשטראסע), געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאר אין 1918 אין בערלין.

אַלבערט קעללערמאַן

גרויסער מוזיקער אָנגעשריבן אַ חזנישן סידור און נאָך אַ סך מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. געווען אַ סך יאָרן דיריזשאָר פון דער בערלינער אידישער געמיינדע (סינאַגאָגע אָריאַנענבורגער שטראַ־סע) אַלס ממלא מקום פונם אומשטערבלאַכן לעוואַנדאָווסקי. טראַגיש אומגעקומען אין 1926 אין בערלין

משה בערלין

גרויסער מנגן און משכיל, גרויסע באַס־שטימע, אַ סך יאָרן געווען חזן אין צוקערמאַנס שול אין מאָהילעוו אויפן דניעפּר, פריער געווען חזן אין האַג (האָלאַנד).

יוסף שטראַמבערג

אָריגינעלער און מוזיקאַלישער דאַווענער מיט אַ גרויסער באַס־שטימע, געווען חזן אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, וויניצע, אָדעס, קיעוו און נאָך אַנדערע שטעט, געשטאָרבן אין באר פּאָדאָליער גוב. אין דער וועלט־מלחמה.

פנחס שפּילאַנסקי

משה ראַדאַמישלערס אַ זון, געהאַט אַ לירישע באַריטאָן־שטימע, געזונגען מיט שיינעם פּאַרטראַג אין „עדת ישורון" און נאָך אַנדערע קהלות.

יעקב גוזמאַן

געווען גרויסער משכיל און שיינער מנגן, גרויסע ברייטע באַריטאָן־שטימע, געענדיגט פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע מיטן טיטול „פרייער קינסטלער" געווען זייער אָרטאָדאָקסיש געשטימט, געווען חזן אין מאָסקווער כאָר־שול, נאָכדעם אין אַנטווערפּן אין אַ אָרטאָדאָקסישער שול, שפּעטער אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, געווען אויך אין אַמעריקע, ניט קענענדיג אָבער סובל זיין די אַמעריקאַנער

חזנישע קונצן... איז ער געווען געצוואונגען צו פארלאזן אמעריקע. ער קומט אן קיין ארץ ישראל און שטארבט דארט מיט א קורצער צייט צוריק.

די ברידער ראבינאוויטש

די ברידער ראבינאוויטש האבן אין דער גאנצער וועלט געשמט פאר די גרעסטע אפהיטערם פון דער אידיש־מאדערנער חזנות. זיי זיינען געווען פארשטייערם פון דער פלעיאדע „חזני הסדר" דער עלטע־דער פון זיי איז געווען איבער 50 יאר חזן אין ליבוי, געווען (אזוי ווי די אנדערע ברידער) א תלמיד מובהק פונם בארימטן וויינטרויב, גע־ווען א גרויסער מוזיקער און גרויסער משכיל, אנגעשריבן א וועלט מיט קונסטפולע קאמפאזיציעס, וועלכע ווערן מיט גרוים דערפאלג געזונגען בכל תפוצות ישראל.

דער צווייטער ברודער — רפאל יהודה — איז געווען אן ערך 15 יאר חזן אין קאוונער כאר־שול און איבער 20 יאר אין דווינסק אין דער גרויסער שול. געשטארבן אין באקו (וואו ער איז אנטלאפן צו זיין זון אן אינזשינער) אין דער וועלט־מלחמה.

דער דריטער פון די ראבינאוויטשעס, האט אנגעהויבן זיין חזנות אין ווילנער „טהרת הקודש" און געפינט זיך איבער 40 יאר אין סאן פראנציסקא (אמעריקע) אין א קאנסערוואטיווער קהילה.

שמואל שקאלניק

בארימטער דיריזשאר. אנגעשריבן א ריי אינטערעסאנטע אי־דישע קאמפאזיציעס, געווען דיריזשאר ביי פיניע מינקאווסקין אין קישיניעוו און כערסאן. געשטארבן אין כערסאן.

קאזאווסקי

געווען אַ סך יאָרן דיריזשאָר אין ניקאָלאַיעווער כאָר־שול, געזונגען אין דער יוגנט ביי ניסן בעלזער, אָנגעשריבן אַ סך קאָמפּאָזיציעס. געשטאָרבן אין ניקאָלאַיעוו.

יוסף ראַפּאָפּאָרט

געבוירן אין סובאַלקער געגנט אין יאָר 1849, געווען חזן אין ווישטיניץ און אַנדערע קהלות, געקומען אין 1883 קיין אַמעריקע, געווען 5 יאָר חזן אין ווירדזשיניאַ און דערנאָך אין דער שערי צדק שול (קאָנגרעס־סטריט), אין דעטראָיט מישיגען געווען אַ האָנאָר־מיטגליד אין דער „מגן אברהם" שול. געשטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר, אין 1925, אין דעטראָיט, און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויף דער מכפלה־סעמעטערי. איבערגעלאָזן 3 זין און 4 טעכטער (אַלע אין אַמעריקע).

מאסטאוו

שיינער מנגן, לירישע באַריטאָן־שטימע (טענאָראלן טעמבער) געווען דיריזשאָר ביי ראַבינאָוויטשן אין דווינסק און ביי ראָזאָווסקין אין ריגע. אַ סך יאָרן חזן פון דער וויטעבסקער כאָר־שול.

יצחק יעקב חארלאפּ

געבוירן געוואָרן אין 1863 אין מייצעד (גראָדנער גוב.) שטאַמט פון אַ יחוסדיגער פאַמיליע, געלערנט אין סלאָנים און איז

אַ מוסמך פון ר׳ אייזיקל סלאָנימער זצ״ל. געזונגען בײַ יאָשע סלאָנימער און בײַ יואל זעליג פינסקער, געווען חזן 3 יאָר אין סעלץ, 11 יאָר אין ווישיי און 28 יאָר אין טיקטין, וואו ער איז געשטאָרבן כ״ב תמוז 1928.

חוץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי שיינע אידישע קאָמפּאָזיציעס און האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שיינעם נאָמען אַלס אַ ירא שמים און תלמיד חכם, האָט יצחק יעקב חאַרלאַפּ אויך איבערגעלאָזן זייער פיינע און גוט דערצויגענע טאַלאַנטירטע קינדער, פון וועלכע ס׳איז כדאי צו דערמאָנען זיין עלטערן זון דעם באַרימטן מוזיקאַלישן חזן און משכיל „בערעלע חאַרלאַפּ״ און זיין צווייטן זון דעם געוועזענעם חזן פון פּלעינפעלד, ניו דזשוירזי אלי׳ יחזקאל חאַרלאַפּ.

יעקב פראָמאַן

באַרימט אונטערן נאָמען „יאנקל ראַוונער״. געווען זייער מוזיקאַליש און געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע, געווען חזן אין קיעוו, נאָכדעם 15 יאָר אין ראָוונע, אַ געוויסע צייט אין מעזעריטש און סיעדלעץ. אין 1911 קומט ער קיין אַמעריקע, איז חזן אין פאַרשיידענע שולכלאַך ווי: אַטוירני סטריט שול, עלען סטריט שול און ביהמ״ד הג׳ נאַרפאָלק סטריט און שטאַרבט אין ניו־יאָרק אין 1924.

ער האָט אָנגעשריבן אַ סך קאָמפּאָזיציעס און זיינס אַ ווערקל אונטערן נאָמען „קול יעקב״ (קאָמפּאָזיציעס פאַר סליחות) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיין טאַלאַנטירטן זון דען פראָמאַן, וועלכער איז אַ דיריזשאָר אינם אידישן סענטער אין קליוולאַנד, אהייא.

שמואל אהרן פרידמאַן

דער באַרימטער פּאָניעוועזשער חזן, איז געבוירן אין מינסק און איז געווען אַ תּלמיד פון מינסקער גדול. אַ גבירישער אײדים, האָט ער אָבער זײער ליב געהאַט מוזיק און זינגען, ער באַפרײנדעט זיך מיטן באַוואוסטן מינסקער חזן ר׳ ישראל און זאַפּט אין זיך ארײן (הגם ער זינגט ניט אין כאָר) ישראלס נגינה און כיוון שירד מנכסיו נעמט ער זיך צו חזנות און ווערט חזן אין פּאָניעוויעזש, קומט נאָכ־דעם קײן אַמעריקע און איז חזן אין קליוולאַנד, שפּעטער אין די „בני אמונה" אין סט. לואיס און שטאַרבט אין קליוולאַנד אין דער פלו־מגפה (אין אײן טאָג צוזאַמען מיט זײן פרוי). ער האָט פאַר־פאַסט א האַרמאָניע־טעאָריע אין אידיש, וועלכע איז אים אָנגעקומען פון דרוק אין טאָג פון זײן לוויה.

אברהם פּראַכטענבערג

באַרימטער חזן און גרויסער מנגן. געבוירן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אין 1861. ער זינגט בײ ירוחם הקטן, בײ ברוך שאָר און בײ יעקב באַכמאַן. ער ווערט דערנאָך זעלבסשטענדיגער חזן און האַלט אָן וויכטיגע שטעלעס ווי: די גרויסע כאָר־שול אין בוקארעסט, אין גאלאַץ, אין זלאָטשעוו, אין פּשעמישל. קומט אָן אין 1905 קײן אַמעריקע און איז דאָ חזן אין פארשײדענע שולן, און אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען דיריזשאָר אין דער בעדפאָרד עוועניו שול און אין דער סאַוט 5־טע סטריט שול, ער האָט אויך אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון און האָט זיך געגרײט ארויסצו־געבן א ווערק. האָט אָבער דער גרויזאמער טויט, וועלכער איז גע־קומען, נאָך א קורצער קרײנק, אין 1927 צושטערט זײן גוטן ווילן.

פנחס קאַנטאָר

בארימטער חזן פון קאָנין און זאמבראוו (פוילן), איז געווען א גרויסער ירא שמים און תלמיד חכם. ער איז געווען ישראל שקו־דערס א איידים, בארימט אין פוילן פאר א שיינעם מתפלל.

שמואל ווייגמאַן

בארימטער חזן פון סאָראקע. טאַרנאָפּאָל און אַנדערע שטעט. געווען א זון פונם בארימטן חזן אפרים לוצקער. געווען א שיינער אידישער דאַוונער מיט אַ שיינער שטימע.

א. דונאַיעווסקי

בארימטער אָדעסער דיריזשאָר און גרויסער מוזיקער. ארוים־געגעבן א חזנישן ווערק אין 2 טיילן „25 איזראעליטישע טעמפל קאָמ־פּאָזיציאָנען" (פאר שבת) און „ליטורגישע פייערליכע סינאַגאָגען קאָמ־פּאָזיציאָנען" פאר קאַנטאָר און געמישטן כאָר, האָט זיך פאראייביגט אין דער חזנישער וועלט מיט זיינע ערשטע און 2־טע קדושהס (די 2־טע קדושה מיט דער בארימטער באַריטאָן־סאָלאָ אויף „קדיש") מיט זיין פענאָמענאַלן „ושמרו" אין „עף־דור" (עף־מיידזשאָר) און נאָך אַנדערע ווערכע ווערן עד היום, מיט גרויס דערפאָלג געזונגען, בכל תפוצות ישראל.

משה זאנטאג

אייגער פון די בארימטסטע חזנים אין אונגארן, געווען א סך יארן חזן אין אַגאַר און טעמעסוואר, בארימטער מוזיקער און מאָ־

דערנער דאַוונער ארויסגעגעבן א חזנישן סידור (מעלאָדיש און האַר־מאָניש רייך קלינגענדיגע קאָמפּאָזיציעס פאַר קאַנטאָר און כאָר) און זיין באַרימטער „לכה דודי" (אין „עף דור") ווערט עד היום אומעטום געזונגען מיט גרויס דערפאָלג.

איז באַקאַנט אין רוסלאַנד פון דער צייט ווען ער האָט געדאַוונט אויף פּראָבע אין אָדעסער גרויסער שול, האָט אָבער אלס אויסלענ־דער נישט געקענט בלייבן דאָרט. געשטאָרבן אין בוקאַרעסט פאַר דער וועלט מלחמה.

נחמן שמערל

איינער פון די באַרימטסטע בעלי תפלה אין אָדעסער געגנט, געבוירן אין באַראַנאָווע און געשטאָרבן אין קריוואָיע־אָזערע פּאָדאָל־יער גוב. געהאַט א אויסערגעווינלאַכע לירישע טענאָר שטימע מיט א זעלטענער קאָלאָראַטור, פלעגט באַוואונדערט ווערן (באַזונדערס אין די חסידישע קרייזן) מיט זיינע זיסע תפלות, ער איז אויך געווען א שוחט און א גרויסער תלמיד חכם.

זוסיע טאַראַספּאָלער

האָט געשטעט אין קישינעווער געגנט פאַר איינעם פון די בעסטע בעלי תפלה.

יצחק אייבעשיץ

גרויסער מנגן און בר אורין, באַרימטער חזן פון אוהעל, אונ־גאַרן.

לוי ליובערער

דער בארימטער און גרויסער מתפלל לוי ליובערער איז געווען אויך באַרימט אונטער די נעמען: „לוי טאַרנאָפּאָליער" און „לוי באַלטער" ער איז געווען א זעלטענער אידישער „זאָגער" און א גרויסער תלמיד חכם.

מאהר-מאהר

בארימטער חזן פון קעסטקעמעט, אונגארן.

גבריאל זעליג לובלינער

איינער פון די בארימטסטע חזנים אין פוילן, א גרויסער קינסטלער אין תפלה מיט אַ זעלטענער שטימע און געשליפענער קאָלאָראַטור. געווען א סך יארן חזן אין דער בארימטער מהרש"ל שול אין לובלין, פוילן.

קלמן זאסלאווסקי

בארימטער חזן, שיינער מנגן און תלמיד חכם, געבוירן אין בעלז געווען א צייט חזן אין דער שניידערשער שול אין קישינעוו. געשטאָרבן אין בוענאָס-איירעס (אַרגענטינע).

יעקב רימאן

בארימטער חזן פון פראסקוראָוו, בעלז און אַנדערע שטעט.

אהרן אירזשאנסקי

אהרלע דער חזן איז געבוירן געוואָרן אין 1890 אין יוזאָווקע, נעבן באַכמוט, יעקאַטערינאָסלאַווער גוב. איז געווען א זעלטענער דאַוונער מיט אַ לייכטער און ברייטער טענאָר שטימע. א צייט געווען חזן אין אָדעס, אין ראסטאָוו אויפן דאָן און אַנדערע שטעט. זיין טאַלאַנט איז פון די גרעסטע זינגערס און מוזיקער באוואונדערט געוואָרן. ניט קענענדיג קיין מוזיק און ניט וויסנדיג אפילו אין וועלכן טאָנארט ער זינגט, פלעגט ער אָבער אין זיינע „זאָגאכצן" מאָדולירן און אימפּראוויזירן אויפן העכסטן מוזיקאַלישן אופן און איז געווען זייער באַליבט אין גאנץ דרום רוסלאַנד.

צום באַדויערן איז אים ניט באַשערט געווען לאנג צו לעבן און איז נאָך א שווערער טיפוס קראנקהייט געשטאָרבן אין בערדיטשעוו אין 1921 אין עלטער פון 31 יאר.

רפאל פערלצווייג

באַרימטער חזן פון קרעמעניץ וואָלינער גוב. (רוסלאנד) באַרימטער אידישער דאַוונער, געווען חזן אין: טשערנאָוויץ, קאָלאָמעא, יאראסלאַוו, בראָדי און זיין לעצטע שטעלע איז געווען אין דוקלא, וואו ער איז אויך געשטאָרבן.

קנעבעלמאַן

באַרימטער דיריזשאָר פון כערסאָן, ניקאָלאַיעוו און אָדעס.

אברהם פאדלובני

באקאנטער דיריזשאָר, שיינער מנגן, געווען דיריזשאָר אין ביהמ״ד הגדול אין יעליסאַוועטגראד, א געוויסע צייט מיט חזן ציע־קאַנאָווסקין אין אומאַן. דערהרגעט געוואָרן אין יעליסאַוועטגראד אין 1918 דורך דער באַנדע ,,גריגאָריעווצעס״.

סוויעט

באַרימטער חזן, שיינער דאַווענער מיט גרויסער טענאָר שטימע. געווען חזן אין אקערמאַן, קישינעוו און אָדעס, געשטאָרבן אין אָדעס.

זיגמונד שלעזינגער

דער באַרימטער דיריגענט און אָרגאַניסט פון טעמפּל ,,שערי שמים״ אין מאָביל, אלאבאמא, זיגמונד שלעזינגער, איז געבוירן גע־וואָרן אין 1835 אין אוהלען (דייטשלאַנד). זיין מוזיקאַלישן שטודיום האָט ער דורכגעמאַכט אין מינכען, אין 1860 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, איז אויפגענומען געוואָרן אינם רעפאָרמירטן טעמפּל אין מאָביל, אלאבאמא, וואו ער איז געשטאַנען 40 יאר מיט גרויס כבוד און איז דאָרט געשטאָרבן אין אַפּריל 1906, ער האָט אַרויסגעגעבן עטלאכע ווערק קאָמפּאָזיציעס פאר ר״ה ויוה״כ, שלש רגלים און שבת.

גרשון יאָסעלעוויטש

געבוירן אין יארישאָוו, פּאָדאָליער גוב. צו 12 יאר פאָרט ער ארום מיט ניסן בעלזער און זיידל ראווענער, זינגט אלס טענאָר ביי

מאָרגענשטערן אין סעוואסטאָפּאָל, דערנאָך חזן אין אלעקסאנדראווסק שפּעטער אין אָדעס (אויפן נייעם מארק) און 18 יאר אין דער אלט־שטעטישער שול אין לאָדז, וואו ער איז נאָך א שווערער קריינק געשטארבן אין יאר 1928 איבערלאָזנדיג נאָך זיך א געוואלדיגן נאָ־מען אלס טיכטיגער פאכמאן און שליח צבור הגון. (ביאגראפיע איז איבערגעגעבן געוואָרן פונם באַקאַנטן מוזיקער לייב סאָקאָלאָווסקי).

אלכסנדר ערסלער

אלכסנדר ערסלער איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1854 אין שקודי, קאָוונער גובערניע, ער לערנט אין זיינע יונגע יארן אין די ווילקאָמירער און ווילנער ישיבות, באקומט דערנאָך א נטיה צום זינגען און קומט אָן צום בארימטן חזן יעקב וויים קיין ווארשע אָלס משורר, ער פארבלייבט ביי אים 3 יאר און פאר דער צייט באקומט ער גרויסע ידיעות אין דער קונסט פון געזאנג און אינם מאָדערנעם חזנות.

ער פאָרט קיין קעניגסבערג צום באַרימטן חזן ווייגטרויב, וואו ער זאפּט אין זיך אריין ווייגטרויבס קינסטלערישן נוסח התפלה און פארט קיין בערלין זיך צו פארפולקאָמען אין דער האַרמאָניע טעאָריע און פרייע קאָמפּאָזיציע, ער קומט דערנאָך אָן פאר א חזן אין דער קליינער דיימשער עדה אין קאַליש, וואו ער שטייט 10 יאר מיט גרוים כבוד. נאָכדעם איז ער א יאר 2־טער חזן אין דער לאָדזער גרויסער סינאַגאָגע, 1 יאר אין מיטוי, (קורלאנד) און פון דאָרט ווערט ער ארויסגערופן אלס שטאָט־חזן אין וולאָצלאַוועק (ווארשעווער געגנט) וואו ער פארבלייבט שוין ביזן סוף פון זיין לעבן.

40 יאר איז ערסלער געווען טעטיג אָלס חזן, ער האָט פאר־פאסט 2 חזנישע ווערק אונטערן נאָמען „מנגינות לתפלות ר״ה ויוה״כ" און זיין „תהלה וזמרה" אין 2 טיילן, מאָדערנע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון. ער איז געווען זייער א אינטע־

ליגענטער מענטש און גרויסער משכיל און איז געווען זייער באַ־ליבט ביי זיין געמיינדע און ביי אלע, וואָס זיינען מיט אים געקומען אין באַרירונג.

געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 69 יאר, נאָך א שווערער ניר־קראנקהייט, וועלכע האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ אָפּעראַציע דעם 29־טן אָקטאָבער 1923 אין ווארשע וואו ס'איז אויך פאָרגעקומען זיין באַערדיגונג.

שלום צבי צמח'זאָן

שלום צבי צמחזאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1856 אין זיסמאַר, ווילנער געגנט, וואו זיין פאָטער דער פריערדיגער באַקאַנטער ניעזינער חזן ר' מרדכי ליב, איז געווען חזן.

שוין אַלס קליין קינד האָט שלום צבי ארויסגעוויזן מער נטיה צום זינגען ווי צו די אַלגעמיינע למודים און הגם ער האָט קיינמאָל ביי קיין חזן ניט געזונגען האָט ער מיט זיינע נאַטירלאַכע פייאיג־קייטן אליין זיך אויסגעלערנט נאָטן לייענען. ער קומט דערנאָך אָן פאַר א דיריזשאָר צו חזן זאקס אין דער ווילנער כאָר־שול, וואו ער האָט אויך אַ געלעגנהייט זיינע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן צו אַנטוויקלען. ער לערנט אויך ביי פּראָפעסאָר יאזעף גרין האַרמאָניע און פאָרט דערנאָך קיין ווארשע צום באַריממטן מוזיקער דר. וויים, ביי וועמען ער פארפולקאָמט זיך אין האַרמאָניע און פרייער קאָמפּאָזיציע. ער איז א סך יארן חזן אין האָמעל און קומט דערנאָך אָן אין קאַלוואַריע, וואו ער איז געווען 12 יאָר שטאָט חזן.

ער איז אויך ארומגעפאָרן דאַוונען אין פארשיידענע שטעט און האָט אויסגעוואנדערט שפּעטער קיין אַמעריקע, וואו ער האָט באַמראַמט חזנות שטעלעס: אין משעלסי מאסס, אין בית המדרש הגדול, אין דער קאַלוואַריער שול אין שיקאַגאָ, אין טאלידאָ, אָהייאָ, און נאָך אַנדערע שטעט

די לעצטע עטלאכע יאָר האָט ער געלעבט אין גרויס דחקות און האָט זיך ס'רוב דערנערט פון זיינע ווערק „שירי תפלה", וועלכע ער פלעגט אגב אליין ארומפאָרן פארקויפן. חזנים פלעגן אים מקרב זיין און האָבן גערן זיינע ווערק געקויפט, ער האָט חוץ די שירי תפלה ארויסגעגעבן א ווערק „חנכת הבית" קאָמפּאָזיציעס פאר כאָר און א סך היינטיגע חזנים האָבן אים צו פארדאַנקען זייער קאריערע, ער האָט אויך איבערגעלאָזן א ריי אינטערעסאנטע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון און איז נאָך א קורצער אָבער שווערער קראנקהייט געשטאָרבן אין יאָר 1928 אין ניו יארק.

ביאגראפיעס
פון קעגנווערטיגע
חזנים און דיריזשארן.

א.

אבראמיס

גרויסע טענאָר שטימע, שיינער חזן, געבוירן אין האָראדאָק (וויטעבסקער גוב.) געווען א סך יארן חזן אין דער שטאָטישער שול אין ריגע.

דוד אייזענשטאַט

געבוירן אין נאָווידוואָר (פוילן) געזונגען ביים באַוואוסטן חזן ר׳ נח לידער אין קאליש און נאָך אַנדערע, געלערנט אין ווארשע. געווען דיריזשאָר ביי חזן אבראמים אין ריגע, דערנאָך 6 יאר ביי חזן אליהו זאלודקאָווסקי אין ראסטאָוו אויפן דאָן און איז די לעצטע 8 יאר דיריזשאָר פון דער טלאָמאַצקער שול אין ווארשע, ער איז אַ טיכטיגער פאכמאַן און זייער טאַלענטירט.

אָסטראָווסקי

שיינער מנגן און משכיל, מיט שיינער באריטאָן שטימע. געווען חזן אין זשיטאָמירער כאָר־שול, נאָכדעם אין סאמארא, סמאָלענסק, קאָוונע און געפינט זיך די לעצטע צייט אין מאָסקווע.

לעאָ אַלבעק

בארימטער חזן פון דער אידישער געמיינדע אין בערלין (סי־נאַגאָגע ריקע שטראסע). פריער געווען חזן אין ליבעק (דייטשלאנד) זייער שיינע בארימאָן שטימע, גרויסער משכיל און מנגן, שטאַמט פון א זייער שיינער פאמיליע משכילים פון ווארשע.

יוסף אַלפערט

חזן אין פיטסבורג (אַמעריקע) אין דער בית יעקב שול.

הלל אַלטערמאַן

לאנגיאריגער חזן פון דער לאָדזער סינאַגאָגע, פריער געווען חזן אין ביאליסטאָק און ניקאָלאיעוו. בארימט מיט זיין ריזיגער באס שטימע.

נתן אייבראַמסאָן

אַ חזנס א זון, זיין פאָטער ר׳ אליהו איז געווען חזן אין גאָנ־יאָנדז, סוכאָוואָליע, וואָלפּ, זשאָלודאָק, שצוצין (שטעטלאך אין ווילנער און גראדנער גובערניעם). נתן האָט געהאַט א שיינע אלט שטימעלע און חזנים האָבן זיך ארום אים געריסן. ער זינגט, פארשטייט זיך, פריער ביי זיין פאָטער, נאָכדעם ביי זיין ברודער חייקל אין ראסטאָוו, שפּעטער אין דער ביאליסטאָקער כאָר־שול, זינגט דערנאָך ביי יאשען אין גראדנע, ביי ראבינאָוויטשן אין קאָוונע, ביי בערנשטיינען אין

„טהרת הקודש" און ביי סיראטען אין ווילנע, לערנט נאָטן און דער־ווערבט זיך גרויסע ידיעות אין דער אידיש־מאָדערנער חזנות. קומט אין 1903 קיין אַמעריקע, איז א קורצע צייט חזן אין אַטלאַנטא דזשאָרדזשיא און די לעצטע 24 יאר חזן אין דער „פּיפּלס סינאַגאָג אָוו עדיוקיישאָנעל אַלייענס" אין ניו־יאָרק, וואו ער איז זייער באליבט און געאַכט. חזן אייבראַמסאָן האָט א סך אויפגעטאָן פארן חזנים פארבאנד, פון וועלכן ער איז געווען אין 1917—1918 דער פּרעזי־דענט.

יצחק איכט

געבוירן אין קישינעוו, באַקומען א אלזייטיגע קולטורעלע דער־ציאונג, איז א צייט חזן: אין אָדעס, אין בערדיטשעווער כאָר שול, אין קרעמענטשוג, 12 יאר אין יעליסאַוועטגראד אין ביהמ"ד הגדול, א געוויסע צייט אין בראילא (רומעניע) און איצט אין מאַנטשעסטער, איינגלאנד.

חזן איכט באַזיצט א לירישע באריטאָן־שטימע, איז א שיינער אידישע דאַווגער און שרייבט פון צייט צו צייט ארטיקלען איבער חזנות און מוזיק אין פארשיידענע אידישע צייטונגען.

דוד אלעווסקי

געבוירן אין טשאָרטקאָוו, גאליציע, אין יאר 1884, א זון פון מאיר דעם סופר. געקומען אין 1907 קיין אמעריקע, געזונגען און געווען כאָר־דירינענט אין דעטראָיט און שיקאַגאָ, געווען חזן אין ביאַליסטאָ־קער שול, מגדל ציון ת"ת, און נאָך אַנדערע, באַזיצט אַ לירישע טענאָר־שטימע, איז מוזיקאַליש און פארנעמט זיך מיט מוזיקאַלישע לעקציעס.

יעקב אַלבערט

געבוירן אין באַלטערמאַנץ, ווילנער גובערניע אין יאר 1875. געזונגען אלס אלט ביי גדליהו דעם חזן, דערנאָך ביי קופערן אין ווילנע. זינגט אַלס באריטאָן אין פעטערבורג ביי חזן נאָווינסקי. קומט אין 1890 קיין אַמעריקע, איז חזן אין ראוקלאנד, מעין, אין טעמפל „בית אל" און נאָך א סך אַנדערע שולן.

מנחם מענדל אראנאף

געבוירן אין באראזנא, טשערניגאָווער גובערניע אין יאר 1870. צו 11 יאר דאַוונט ער שוין ביים עמוד, זינגט ביי יעקב גאָטליב (יאנקל דער הייזעריגער), קומט אין 1894 קיין אַמעריקע, וואו ער פארנעמט פארשיידענע חזנות-שטעלעס, איז א טיכטיגער מיטארבעטער פונם חזנים פארבאנד, פון וועלכן ער איז שוין א ריי יארן דער טרעזשורער (קאַסירער).

איזידאָר אַדעלסמאַן

געבוירן אין אַטיניע, גאליציע, אין יאר 1886. זינגט אלס 10 יאריג קינד ביים חזן פונם רבין הר' חיים האַגער אין דאָרטיגן הויף. זינגט דערנאָך ביי זיידל ראוונער, שטודירט אין אַדאָלף בויערס חזנים שולע, איז דערנאָך חזן אין פארשיידענע קהלות. קומט אין 1920 קיין אַמעריקע, איז חזן אין דער סאַוט 5-טע סטריט שול אין ברוקלין, דערנאָך אין דער קראופאָרד סטריט שול אין באָסטאָן און איז איצט חזן אין דער נאָרד שאָר קאָנגרעגיישן אין שיקאַגאָ, באזיצט א דראַמאטישע טענאָר שטימע.

ב.

אברהם בערקאָוויטש

באקאנט אונטערן נאָמען „אברהמל קאַלכניק". באַוואוסטער קישינעווער חזן, גרויסער מנגן און אָריגינעלער דאַוונער, געשאַפן א סך פּאָפּולערע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ווערן געזונגען בכל תפוצות ישראל, פארפאסט א בוך רעטשיטאַטיוון אונטערן טיטול „צלותא דאברהם" און איז דער רבי פון א סך באַקאַנטע חזנים.

שלמה באַי

לאנגיאָריגער חזן שני פון דער לאָדזער סינאַגאָגע, שיינער מנגן און טיפער משכיל.

אברהם משה בערנשטיין

איינער פון די בארימטסטע חזנים משכילים, אָפּהיטער פון ריינער אידיש־מאָדערנער חזנות. געבוירן אין 1865 אין שאצק מינ־סקער גובערניע, געלערנט ביז צו 19 יאר אין פארשיידענע ישיבות. צו 20 יאר אָנגעקומען פאר א משורר צום בארימטן קאָוונער חזן ראַבינאָוויטש, וואו געווען אויך חזן שני און כאָר־דירעגענט, שפּעטער כאָר־דירעגענט ביים בארימטן חזן ראזאָווסקי אין ריגע, זינט 1891 ערשטער חזן אין דער ווילנער כאָר־שול „טהרת הקודש". גרויסער מוזיקער, געשאַפן א סך פּאָפּולערע קאָמפּאָזיציעס און א ריי זייער אינטערעסאנטע לידער. האָט אויך פארעפנטלאכט אין פארשיידענע העברייאישע און אידישע זשורנאלן און צייטונגען אינטערעסאנטע ארטיקלען איבער אידישע מוזיק. האָט פארעפנטלאכט א זאמלונג פאָלקסלידער, נגונים, זמירות און חסידישע נגונים. האָט אויך ארויסגעגעבן 2 העפטן סינאַגאָגאלע מוזיק פון פארשיידענע חזנים

און דיריזשאָרן, אויך אייגענע אונטערן טיטול „עבודת הבורא". אַ סך פון זיינע סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס ווערן געזונגען מיטן גרעסטן דערפאָלג.

יעקב בערמאַן

געבוירן אין יאר 1860 אין זשעטל, גראָדנ. גוב. קינדווייז זיך צוגעהערט צו די נגינות פון שטעטלשן חזן חנא (שפּעטער אין פּראגע) און אַנטוויקלט זיין מוזיקאַלישן געהער. אינגלווייז געדאַווענט פארן עמוד און מרעיש עולם געווען. נאָכדעם געזונגען ביי יאשע סלאָנימער און דאָרט געלערנט נאָטן. צו 15 יאר שוין גערופן געוואָרן נאָטן־פּרעסער און געווען א וואנדער־חזן, ארויסרופנדיג א שטורים פון באַגייסטערונג מיט זיינע זיסע זאָגעכצן. שוין דאַמאָלס אָנגעהויבן שאפן און איינמאָל, פאַרנדיג אין וועג, פארצייכנט אויפן פור זיין „עד הנה" (נשמת), מיט וועלכן ס'האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט ראַזומני און אַנדערע וועלט־חזנים.

שפּעטער שטודירט מוזיק עטלאכע יאר אין ווארשע און נאָכדעם אָנגעקומען פאר דיריזשאָר אין ביאַליסטאָקער כאָרשול, וואו ער שטייט ביז היינטיגן טאָג. איז א גרויסער פאכמאַן, מיט אַ קינסטלערישן אויער. זיינע תלמידים, אליין גרויסע קינסטלערס, ווערן געציילט אין די סך צענדליגער.

באזונדערס איז ער באַרימט מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס און רעציטאַטיוון, וואָס צייכענען זיך אויס מיט עכטקייט פון נוסח און אָריגינעלער האַרמאָנישקייט

געדרוקט זיינען בלויז זיינע צוויי לידער פאר מענער־כאָר, „משמר־הירדן" און „עם אחד", וועלכע זיינען באַרימט.

אין יאר 1930 איז אין ביאליסטאָקער שטאָטישן טעאטער געפייערט געוואָרן מיט גרויס כבוד דער 40 יאריגער יובל פון זיין מוזיקאלישן דינסט.

יעקב ביימעל

א געבוירענער פון פארימש (מינסקער גוב.), זינגט ער אין זיין קינדהיים ביי זיין פאָטער דעם אָרטיגן חזן און סופר ר' שאול ב"ר סיני. ער לערנט דערנאָך ביים האָראָדאָקער רב אין באָברויסק און זינגט ביים דאָרטיגן חזן. ער זינגט שפּעטער ביי ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו, שטודירט דערנאָך מוזיק און געזאַנג אין אָדעס און שפּעטער אין בערלין ביי פּראָפעסאָר עמעריך און פּראָפעסאָר גערנסהיים אין דער קעניגלאַכער הויכשולע.

ביימעל איז געווען בארימט אַלס זייער פייאיגער צווישן מוזיק־סטודענטן אין בערלין און האָט זיך שוין דעמאָלט ארויסגעוויזן פאַר א טאַלאַנטירטן זינגער און קאָמפּאָזיטאָר. ער איז דערנאָך חזן אין בערלין און קאָפּענהאַגן, ער דיריזשירט אויך אין פאַרשיידענע געזאַנג־פאַריינען, איז אין בערלין געווען דער דיריגענט פון באַקאַנטן „מענדעלסאָן־כאָר" און אין קאָפּענהאַגן — פונם „הזמיר".

ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער דיריגירט פאר 5 יאָר צייט מיטן פּעטערסאָנער כאָר. ער איז פאר דער צייט געווען חזן אינם „דזשואיש צענטר" אין ניו יארק און איז איצט חזן אינם טעמפּל „עדת ישורון" אין פילאדעלפיע, ער איז בארימט מיט זיינע סך מוזי־קאַלישע און ליטערארישע שאפונגען (אין אידיש, דייטש און העברייאיש) און גאָר באזונדער מיט זיינע פאָלק־לידער.

אליהו בלום

חזן אין פיטסבורג, פא, אין דער בית ישראל שול.

בנימין בלייבערג

געבוירן אין ווילקאָמש נעבן פשעמישל (גאליציע) אין 1879,

זינגט קינדוויין ביים שיניווער חזן אברהם שור און פאָרט דערנאָך מיט אים אויף קאָנצערט נסיעות, ביז ער קומט קיין גאַלאַץ, וואו ער קומט אָן פאַר אַ משורר צו חזן סאַמועל. מיט אַ צייט שפּעטער קומט ער אָן צו חזן יעקב (יאנטשע) הורוויץ קיין לעמבערג, זינגט שפּעטער ביי חזן שמעון שעכטער אין פּשעמישל און פאָרט מיט אים קיין בודאַ־פּעסט אַלס זיין כאָר־דיריגענט. זינגט א געוויסע צייט ביי יעקב באַכ־מאַן און שפּעטער אלס טענאָר און כאָר דיריגענט ביי אברהם פּראַכ־טענבערג.

ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז חזן אין סינסינעטי אין דער קאָנגרעגיישן „יד חרוצים", שפּעטער אין „בני אברהם" אין פילאַדעלפיע, אין „אוהל יעקב" אין פּיטסבורג; אין דער „עץ חיים שול" און קאָנגרעגיישן „אנשי ספרד" אין באַלטימאָר, און „חובת ירושלים" אין קליוולאַנד, אין „בית דוד" אין דעטראָיט און שטייט די לעצטע יאָרן מיט גרויס כבוד ביי זיין געוועזענער פּיטסבורגער קאָנ־גרעגיישן, וועלכע טראָגט איצט דעם נאָמען „אור חדש".

משה יונה ברוידא

געבוירן אין קראז, קאָוונער געגנט. געלערנט אין דער ישיבה און געזונגען ביים חזן. צו 13 יאָר געלערנט אין קעלמער ישיבה, דער־נאָך אין ווילנע אין פּאַפּלאַווער קלויז, געזונגען ביי די חזנים זאַקס און ראַבינוויאָטש אין ווילנער „טהרת הקודש", געלערנט דערנאָך אין קעניגסבערגער קאָנסערוואַטאָריע און געזונגען ביי עדואַרד בירנבוים. איז דערנאָך חזן 5 יאָר אין באַלטימאָר אין דער „בני ישראל שול" און שטייט מיט גרויס כבוד די לעצטע 28 יאָר אין דער „בית ישראל" קאָנגרעגיישן אין סיראַקיוז אלס חזן און מטיף.

ער איז א גרויסער כלל טוער. האָט געגרינדעט אין באַלטימאָר א גמילות חסדים און אין סיראַקיוז א „מושב זקנים", א „הכנסת אורחים" און א „גמילות חסדים", ער איז אויך אַקטיוו אלס ציוניסט

און האָט אָנגעשריבן א סך לידער. אין מאַנוסקריפּטן איז דאָ "קובץ שירי ציון" געפינען זיך זיינע לידער מיט מוזיק.

מרדכי (מאטהיאס) באלאג

געבוירן 1860 אין פּרעשבורג, געזונגען ביי ברוך שאָר אין לעמבערג, ביי זולצער און גאָלדשטיינען אין ווין, ביי מאָרים פרידמאַן אין בודאפּעסט, שטודירט גלייכצייטיג מוזיק טעאָריע און שטימע־בילדונג ביי פּראָפעסאָר ראַקאָטאַנסקי, געווען 18 יאר חזן אין ווין, קומט 1890 קיין אַמעריקע, וואו ער איז איינער פון די גרינדערס און ערשטער סעקרעטאַר פונם חזנים פאַרבאַנד. געפינט זיך אין ניו־יאָרק.

יעקב ברייטמאַן

געבוירן 1895 אין וואַרשע, זינגט אלס קינד ביי מענדעלע־וויטשן, ביי לעווינסאָנען און ביי סיראָטען, זינגט דערנאָך ביי ראַבעצן אין לובלין, שטודירט אין בירנבוימס חזנים שולע קומט אין 1913 קיין אַמעריקע, איז חזן אין "חברה בחורים", עלדרידש סטריט שול, ביאַליסטאָקער שול, סטאַון עוו. ת"ת, ביהמ"ד הג' דבראָנקס, און איצט חזן אין תפארת ישראל אין ברוקלין.

ישראל בריא

געבוירן אין א קליין שטעטל אין גאליציע הויבט ער אָן זיין מוזיקאַלישע קאַריערע ביים חזן יחיאל בערנשטיין אין קלויזענבורג. מיטן זעלבן חזן פאָרט ער ארום אויף זיינע קאָנצערט נסיעות גאַנצע

5 יאר איבער גאנץ אונגארן, סערביע, טערקיי און רוסלאנד. ער קומט דערנאָך אָן צו זיידל ראוונער, וואו ער דערלערנט נאָמן און די יסודות פון דער אלטער טראדיציאָנעלער חזנות, ער זינגט דערנאָך ביי לייזערקע גאָלדבערג אין קראקע, וואו ער דיריגירט אויך דעם כאָר. ווען ס׳אנטוויקלט זיך זיין טענאָר שטימע לערנט ער אין לעמבערג ביים געזאנג־לערער דלאני און דערנאָך ביי האביגן אין ווין.

ער איז דערנאָך געצוואונגען אין דער מלחמה צייט ארייגצוטרעטן אין דער ארמיי, וואו ער איז 5 יאר אין מיליטער דינסט, ווערט אויך דריי מאָל פארוואונדעט. דאָס שטערט אים אָבער נישט אָנצוהאַלטן עטלאכע יאָר די חזנות שטעלע אין רישא. ער קומט אין 1922 קיין אַמעריקע, איז חזן אין גראוו סטריט שול (דזשוירזשי סיטי) און דערנאָך אין עטלאכע אנדערע שולן. לעצטנס איז ער אין אושען פארקוועי סענטער, און איז זייער פּאָפּולער און באליבט.

צבי הירש בראכמאן

געבוירן 1904 אין קישינעוו, בעסאראביע. ער זינגט קינדווייז ביי חזן קילעמניק, צו 15 יאר וואנדערט ער אוים מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע. ער דאווענט דאָ א סך שבתים, גיט קאָנצערטן און איבערראשט מיט זיין שיינער אלט שטימעלע. ער לערנט אויך זייער א סך חזנות ביי דוד רויטמאַן. איז פון 1924 4 יאר חזן אין קאָנגרעגיישן ת״ת בית אברהם דבראנקס, און איז שוין דעם צווייטן יאר חזן אין דער פארדהאם ת״ת דבראנקס, וואו ער שטייט מיט כבוד.

ג.

דוד גורעוויטש

געבוירן אין בריסק דליטא. זייער טאלאנטירטער חזן. באַרימט אלס קאָפּירער פון ראזומנין. שיינע לירישע טענאָר שטימע. געוועזן חזן אן ערך 20 יאר אין קערטש, לעצטנס אין קרעמענטשוג.

יהודה ליב גאנגורסקי

געבוירן אין קישינעוו. צו 20 יאר ווערט ער חזן שני אין כער־סאָן אין דער ניקאָלאיעווער שול, שפּעטער חזן אין גיניטשינסק, סעוואסטאָפּאָל, ווערכנע־דניעפּראווסק, יעקאַטערינאָסלאַוו (קאַזא־טשער שול). 1906 געקומען קיין אַמעריקע, געוועזן חזן אין באַלטי־מאָר, וואשינגטאָן. געפינט זיך די לעצטע צייט אין ברוקלין־ניו יארק, איז גוט מוזיקאַליש און האָט א שיינע טענאָר שטימע.

יוסף גיבליכמאַן

געבוירן אין וואָלאָטשיסק (וואָלינער גוב.) דעם 6־טן אפּריל 1887, זינגט אלס סאָפּראן ביי שלמהלע שעפּיטיווקער, לערנט דער־נאָך דורך בירנבוימס בריף מוזיק־טעאָריע און האַרמאָניע, פאָרט אין 1906 קיין ווין און פארפולקאָמט זיך אין געזאנג, פּיאנאָ שפּילן און מוזיק טעאָריע אין דער דאָרטיגער אַקאַדעמיע, ווערט אויפגענומען אלס אויבערקאַנטאָר אין דעם טעמפּל אין 2־טן באַצירק. ווען ס׳ווערט אויסגעבויט דער נייער פּראכטפולער „קייזער פראנץ יאָזעף הילדי־גונגס־טעמפּל" קומט חזן גיבליכמאַן אָן אין 1913 פאר אויבערקאַנ־טאָר, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד ביז סוף 1922.

ער קומט אָנהויב 1923 קיין אַמעריקע און ווערט אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג אין דער „כנסת ישראל נוסח ספרד" שול אין שיקאַגאָ, וואו ער שטייט עטלאכע יאר מיט גרויס כבוד און דער־ווערבט זיך זייער א שיינעם נאָמען אלס שיינער מוזיקאלישער חזן מיט א שיינער טענאָר שטימע, אַלס שיינער משכיל, טיכטיגער פּאכמאַן און ציוניסטישער טוער, איז דער סעקרעטאַר און איינער פון די גרינדערס פונם חזנים פארבאנד אין שיקאַגאָ, און שטייט לעצטנס מיט גרויס כבוד אין דער קאָנסערוואטיווער „סויט סייד היברו קאָנ־גרעגיישן."

יהושע גאָלדבערג

געבוירן 1879 אין אָרלע, גראדנער גוב. צו 7 יאר זיך שוין געחזנט, געזונגען ביי מאיר לידער און שפּעטער אלס טענאָר ביי הר' נח לידער אין וואָלקאָוויסק, ביי יואל זעליגן אין פּינסק, ביי קלמן פּאָלטאַווער אין בריסק, ביי משה באַס און שפּילאנסקין אין ביאלי־סטאָק.

געקומען קיין אַמעריקע אין 1899, געווען חזן: 3 יאר אין דזוירזי סיטי, 3 יאר אין דער ביאַליסטאָקער שול אין ניו יארק, 4 יאר אין לואיסוויל־קונטאקי, 5 יאר אין באפלא און אין בית יעקב שול אין פּיטסבורג, איז פאר די לעצטע 7 יאר חזן אין סיראקיוז, אומעטום געשטאַנען מיט גרויס כבוד, איז זייער באליבט ביי זיין איצטיגער געמיינדע אלס חזן און מענטש, באַזיצט א לירישע באַרי־טאָן שטימע מיט א שיינער קאָלאָראַטור און דאַוונט זיס.

נחום שלמה הלוי גארעליק

געבוירן 1875 אין קאָזלאָוויטש, נעבן הלוסק, מינסקער גוב.

וואו זיין פאטער איז געווען שוחט און בעל תפלה, ער לערנט אין דער הלוסקער ישיבה, דערנאָך אין באָברויסק און אין מינסקער קליין ביהמ"ד. ער זינגט דערנאָך ביי ר' ישראל מינסקער, ביי פּייוול קוידענאָווער, ביי מאיר לידער און ביי ניסן בעלזער 5 יאר אין בער-דימשעוו, אַלס טענאָר זינגט ער ביי מאיר פיסאק אין יעליסאוועט-גראד, ער שטודירט שפּעטער שטימעבילדונג אין ווין און דערנאָך ביי פּראפעסאָר קיעראטי אין מילאַן, איטאַליע.

ער איז, צוריקקומענדיג פון איטאַליע, חזן אין דער „פּריקאַז-טשיקעם שול" אין אָדעס און דערנאָך אין ווימעבסק אין דער גרוי-סער שול, איז דערנאָך 10 יאר חזן אין וואראנעזש, 2 יאר אין פּע-טערבורג, 5 יאר אין אירקוטסק, פארט דערנאָך קיין ארץ ישראל און איז זינט 1921 אין אַמעריקע.

חזן גארעליק איז געווען באַרימט אין רוסלאנד פאר א שיינעם מנגן און משכיל און גרויסן ציוניסטישן טוער און איז אויף אלע זיינע שטעלעס געשטאַנען מיט גרויס כבוד.

לייב גלאנץ

געבוירן 1898 אין קיעוו, וואו זיין פאטער ר' קלמן איז געווען חזן 28 יאר אין דער טאַלנער שול, באקומט אידישע און אלגעמיינע בילדונג. לערנט אין גימנאַזיע און אויך אין אוניווערזיטעט, שטודירט מוזיק ביי די פּראפעסאָרן: טימקאָווסקי, דאָמבראָווסקי און גליער. אַלס קינד פון 8 יאר שוין געדאַוונט פארן עמוד, איז חזן אין קישי-נעוו, בוקארעשט, גאלאַץ און אנדערע שטעט און קומט 1926 קיין אַמעריקע. אָנגעשריבן א סך רעטשיטאַטיוון, אויך א ריי לידער. לי-טעראריש זיך באַטייליגט אין „העולם", רעדאגירט די קישינעווער „ערד און ארבעט" און געשריבן ארטיקלען אין פאַשיידענע אנדערע צייטונגען. איצט חזן אין דער „אוהב שלום" שול אין בראנזוויל-ביז יארק און ווערט באַטראַכט פאר א ערנסטן פאַכמאַן.

אהרן דוב גאָטליב

דער באַוואוסטער חזן בערנאַרד גאָטליב פון ניוקאַסטעל, איינגלאַנד ציט זיין חזניש־מוזיקאַלישע יניקה פון זיין פאָטער דעם באַרימטן חזן „יאַנקל דער הייזעריגער", ביי וועמען ער זינגט אַלס קינד, פאָרט מיט אים אַרום אויף זיינע קאָנצערט נסיעות און איז מרעיש עולמים מיט זיין שיינער סאָפּראַן שטימעלע און מתיקות׳דיגע סאָלאָס ווען ער איז אַלט 18 יאָר, שטאַרבט זיין פאָטער, און ער קומט אָן פאַר חזן קיין אַקקערמאַן, בעסאַראַביע, וואו ער שטייט 6 יאָר מיט כבוד. אין די פּאָגראָם טעג פון 1905 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד, קומט אָן פאַר חזן קיין סאַדאַגורא, וואו ער שטייט 4 יאָר און ווערט דערנאָך אויפגענומען אַלס חזן אין אונוואַר, וואו ער שטייט 13 יאָר מיט גרויס כבוד און געפינט זיך די לעצטע 6 יאָר אין ניוקאַסטעל, וואו ער איז זייער באַליבט, אַלס מענטש און שליח צבור הגון.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס פאַר שבת און שלש רגלים וועלכע ער דיינקט בקרוב צו פאַרעפנט־לאַכן.

יצחק גליקשטיין

געבוירן 1889 אין קישינעוו. וואַנדערט אויס קיין אונגאַרן און זינגט אַלס קינד ביי די חזנים באַכמאַן און האַרטמאַן אין בו־דאַפּעסט; ווערט דערצויגן אין אַ חסידיש אָרטאָדאָקסישער סביבה און לערנט 5 יאָר אין דער ישיבה פון הרב אברהם דויטש, שטודירט געזאַנג און מוזיק אין דער בודאַפּעסטער קאָנסערוואַטאָריע אונטער פּראָפעסאָר מאַנהיים, שטודירט אַ געוויסע צייט ביי היינע־מאַן אין בערלין און ביי ראַבינסאָן אין ווין. איז געווען חזן אין טאַ־פּעלטסאַן און ראַאַב און פון 1917 ביז 1920 אין טאַבאַק טעמפּל אין

בודאפעסט. קומט 1923 קיין אמעריקע, ווערט אויפגענומען אלס חזן אין באָסטאָן אין דער משכן תפילה קאָנגרעגיישן, שטייט דאָרט מיט גרוים כבוד און איז אלזייטיג באליבט. חזן גליקשטיין באזיצט אַ שיינע טענאָר שטימע, האָט אָנגעשריבן עטלאכע רעטשיטאַטיוון און איז די לעצטע צוויי יאר דער פרעזידענט פון באסטאָנער חזנים פארבאנד.

אשר גאָלדענבערג

געבוירן 1885 אין נעגראד, אונגארן. באקומט פון זיין פאטער דעם ש״ץ ושו״ב ר׳ ברוך א שטריינג רעליגיעזע און מוזיקאַלישע דער־ציאונג, זינגט אלס קינד ביי די בארימטע חזנים: פראמיסלאווסקי וויינמאן, פערלצווייג און נאָך אַנדערע, לערנט הארמאָניע, אויך אַנדערע וויסנשאַפטן, לערנט אויך תלמוד ביים בארימטן רב ד״ר מ. יונג פון אונגאריש בראד, פארענדיגט די ווינער חזנים שולע, איז חזן אין באדען, ווין, קומט אָן אין 1907 אין ליפטויסענט, מיקלאש און איז 12 יאר (פון 1908 ביז 1920) חזן אין לונדענבורג ביי ווין, האָט אומעטום זיך דערווארבן א סך פריינט און פארערערס מיט זיין שיינעם דאווענען און מיט זיין קלאנגפולער שיינער טענאָר שטימע. האָט אָפגעדרוקט אין 1914 אַ ווערק אונטערן טיטול „החזן" און קומט 1921 קיין אמעריקא, ווערט אויפגענומען פאר חזן אין קאנ־גרעגיישן „סאנס אוו איבראעל" אין בענסאנהוירסט, ברוקלין און איז די לעצטע 3 יאר חזן אין קאנגרעגיישן „עדת ישראל" און טרענ־טאן ניו דזשוירזי. ער איז אלזייטיג באליבט און געאכט.

יצחק גאָטליב

אַ זון פון בארימטן חזן ר׳ אהרן דוב גאטליב פון ניו־קאססעל

איינגלאנד און א אייניקל פון בארימטן חזן ר׳ יעקב גאָטליב (יאנקל דער הייזעריגער) געבוירן 1908 אין סאדאַגורא, באקומט א שטריינג רעליגיעזע דערציאונג, לערנט אויך אין דער אונגווארער ישיבה און זינגט גלייכצייטיג ביי זיין פאטער אין כאָר, וואו ער דערלערנט נאָטן און דערווערבט זיך גרויסע ידיעות אויפן חזנישן געביט, ער זינגט אויך ביי זיין פאָטער אין ניו קאסעל, איינגלאנד. איז א געוויסע צייט חזן שני, שטודירט 2 יאר אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואטאָריע וואו זיין לירישע טענאָר שטימע אַנטוויקלט זיך זייער שיין און פארנעמט די לעצטע 2 יאר די שטעלע פון אַ חזן ראשון אין סאוטפארט איינג־לאַנד, וואו ער איז זייער באליבט.

שלמה גרינשפּאַן (שלום אנאניעווער)

שטאַמט פון אַ יחוס׳דיגער פאמיליע, זינגט אלס קינד ביי זיין זיידן דעם חזן־שוב פון טרויאנוב, דערנאָך ביי ירוחם הקטן אין בער־דיטשעוו, צו 17 יאר שרייבט ער שוין אייגענע קאָמפאזיציעס, איז דערנאָך חזן אין: זשיטאָמיר, בערדיטשעוו און 12 יאר אין אנאניעוו (פון וואנען ס׳שטאַמט אויך זיין בארימטקייט אונטערן נאָמען „שלום אנאניעווער״). איז דערנאָך חזן אין: פּרילוקי, פּאלטאווע, אדעס קישינעוו און דאוונט אַ צייט מיט גרוים דערפאלג אין ווין און נאָך אַנדערע שטעט, ער געפינט זיך די לעצטע צייט אין אמעריקע, וואו ער האָט פארנומען זייער אנגעזעענע שטעלעס און איז אלזייטיג באליבט און פון אלעמען געאכט.

טובי׳ גויכמאַן

געבוירן אין גאלוואניעווסק, פּאדאליער גוב. געווען חזן אין באלטא, יעליסאוועטגראד און אדעס. איז בארימט מיט זיין שיינעם

אַרט דאָרטן, באַזיצט אַ שיינע לירישע טענאָר שטימע און אַ פּלי-סיגע קאָלאָראַטור. איז איצט חזן אין אדעס.

יוסף גאָטבעטער

געבוירן אין אומאַן, קיעווער גוב. געזונגען בײַ אברהם שעכאַט אין טאַלנע, דיריזשירט און געזונגען בײַ יאַנקל סאַראַקער, שטודירט אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, געענדיגט וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, געווען דיריזשאָר אין אָדעס און אין ווילנער שטאָט-שול. געפינט זיך די לעצטע 15 יאָר אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, איז באַרימט מיט זײַנע צאָלרײַכע און קונסטפולע קאָמפּאָזיציעס און פאָלק-לידער און איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע אי-דישע מוזיקער בײַ היינטיגן טאָג.

שמואל גלאַזער

געבוירן אין שקלאָוו, מאָהילעווער גוב. אין יאָר 1862, צו 18 יאָר שוין געדאַוונט אלס זעלבסטשטענדיגער חזן. האָט געזונגען בײַ ניסן שקלאָווער, איז צו 30 יאָר געוואָרן חזן אין דער קופּעטשעסקער שול אין מאָסקווע, וואו ער איז מיט כבוד געשטאַנען ביזן טרויעריג-באַרימטן גירוש מאָסקווע. געפינט זיך איצט אין אַמעריקע, וואו ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק רעטשיטאַטיוון לכל השנה.

גויכבערג זאב וואָלף

געבוירן אין טאַלינעשטי, בעסאַראַביע, אין יאָר 1875. זײַן פאָטער, אַ באַרימטער בעל תפילה, איז געווען 54 יאָר חזן אין טע-לינעשטי. ער גיט זײַן וועלוועלען אַ גוטע מוזיקאַלישע און קולטורעלע דערציאונג, ער זינגט אלס אַלט בײַ בלומענטאַלן אין אדעס, שטו-

דירט בײ פֿארשײדענע לערערס מוזיק און געזאנג. זײן ערשטע חזנות איז געװען אין בערדיטשעװער (לעבעדיגער) שול, װאו ער איז דורך ירוחם הקטן אװעקגעשטעלט געװארן צום עמוד. איז דערנאָך חזן אין סאראקא (דײטשע שול) אין נעמיראװ, אין אדעס, אין אומאַן און כאטין. ער געפֿינט זיך זינט 1922 אין אַמעריקע.

יהושע מרדכי גראלף

געבוירן אין דראָהביטש, גאליציע, אין יאר 1886, געזונגען בײ װאָלף ליבערמאן, בײ ברוך קאָנסטאַנטינער, בײ חיים מאיר טײטל־בוים, געװען דיריגענט בײ בראװערמאנען, בײ באכמאנען, בײ מינצן און אנדערע. שטודירט 2 יאר אין װינער קאָנסערװאטאָריע, געװען חזן אין קראקע און קלויזנבורג, געקומען 1921 קײן אַמעריקע, געװען חזן אין טרענטאן ניו דזשױרזי און איז די לעצטע 5 יאר אין דזשױרזי סיטי אין „תפארת ישראל" שול.

משה בער גאָרדאָן

געבוירן אין װילנע אין 1892, געזונגען בײ בערנשטײנען און געלערנט בײ בירנבוימען אין טשענסטאכאװ. געװען חזן אין מאַנ־שעסטער, אײנגלאנד; פֿאָרט ארום איבער דער גאנצער װעלט, דאַװנט אומעטום און זינגט קאָנצערטן געפֿינט זיך איצט אין אַמעריקע באזיצט אַ שײנע באריטאָן שטימע און זינגט מיט אַ שײנעם פֿאר־טראג.

יעקב דאַרסקינד

געבוירן 1895 אין אקקערמאַן, בעסאַראַביע, זינגט אַלס קינד ביי די שטאָטישע חזנים, צו 10 יאר דאַוונט ער שוין אַליין פאַרן עמוד, באַקומט אַ אַלגעמיינע קולטורעלע דערציאונג, פאַרענדיגט אין 1912 די חזנות קורסן ביי בירנבוימען אין טשענסטאָכאָוו, פאָרט קיין אָדעס, זינגט אין דער שאַלאַשנער שול און איז געהילף־דירי־גענט ביי פּאָלאַקאָוו, קומט 1920 קיין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, איז חזן אין דער מיקהאָל שול, נאָכדעם 3 יאר אין די „אנשי איינגלאַנד" שול, דיריגירט דעם „בענסמאַן געזאַנגס פאַריין" שרייבט אַ ריי ליטור־גישע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, אויך פאָלקס לידער און געפינט זיך איצט אַלס חזן אין דער קאָנגרעגיישן „אגודת אחים" אין אָטאַוואַ, קאַנאַדע, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד.

אברהם צבי דאַווידאָוויטש

דער באַוואוסטער וואַרשעווער דיריזשאָר דאַווידאָוויטש, וועל־כער פאַרנעמט די לעצטע 25 יאר די שטעלע פון אַ דיריגענט אין דער דאַרטיגער נאָזשיקס שול איז געבוירן אין אַ שטעטל אין גראָד־נער גוב. פון זיין קינדהייט ווייזט ער שוין אַרויס אַ נטיה צו מוזיק און געזאַנג, ער איז אַ צייט אין ביאַליסטאָק, דערנאָך עטלעכע יאר דיריזשאָר ביים באַרימטן חזן הר' נח לידער אין קאַליש, ער פאָרט דערנאָך קיין אָדעס, וואו ער האָט די מעגלאַכקייט זיינע מוזיקאַלישע פייהיגקייטן צו אַנטוויקלען. ער שרייבט דערנאָך אַ ריי קאָמפּאָ־זיציעס און רעטשיטאַטיוון. ווען ס'ווערט אויפגעבויט דורכן באַ־וואוסטן נדיב המנוח זלמן נאָזשיק די שול אויף טוואַרדאַ גאַס, קומט דאַווידאָוויטש אָן פאַר דיריזשאָר און מיט זיינע געניאַלע פייהיג־

קיימן האָט ער דערהויבן די ליטורגיע אין זיין שול צו דער העכס־טער מדרגה פון קונסט. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ סך פאלק־כאָרן־לידער, איז א לערער פאר מוזיק אין פארשיידענע שולן אין ווארשע וואו ער שטייט מיט אַ גרויסן נאָמען און איז אלזייטיג באליבט און געאכט.

יעקב (דאווידאָוויטש) דייווידסאָן

באקאנטער דיריזשאָר, געבוירן 1892 אין ווארשע, צו 5 יאר לערנט ער שוין שפילן אויפן פידל און באוואונדערט אלעמען מיט זיין זיסער סאפראן שטימעלע. ווען זיינע עלטערן ציען זיך אריבער קיין לאדז, זינגט ער א געוויסע צייט ביים חזן פנחס׳ל (פון עזרה שיקערס שול), 2 יאר ביים בארימטן חזן שיינוואלד (יעדליצקים שול), א געוויסע צייט ביים חזן ירמיהו פאָרדאָן אין זדונסקא־וואָליא און א געוויסע צייט אין לאָדזער סינאַגאָגע. ער לערנט ביי בירנבוימען אין טשענסטאכאוו 2 יאר מוזיק, געזאנג און חזנות, שטודירט דערנאָך אַ צייט אין ווין און קומט 1913 קיין אַמעריקא, וואו ער פארנעמט שטעלעס ביי די בארימטסטע חזנים, שרייבט אַ ריי ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס, אויך פאָלק און קינדער־לידער. אין די לעצטע 12 יאר לערער פאר געזאנג אין פארשיידענע העברייאישע און אידישע שולן. לעצטנס איז ער דיריזשאָר פונם „דזשאמעיקא דזשואיש סענטער״ און איז מוזיקאַלישער לייטער און דיריגענט פון עטלאכע געזאנג־פאריינען.

שמחה דיינאָף

געבוירן אין מינסק אין יאר 1902, אַ זון פון הר׳ דוד טובי׳ דאינאווסקי (דער לאמזער און מאלטער רב און ראש ישיבה) לערנט אין מאלטער ישיבה, זינגט ביי בערמאנען אין ביאליסטאָק און

בערנשטיינען אין ווילנע, לערנט מוזיק אין מינסקער קאָנסערוואַ־טאָריע, קומט 1923 קיין אַמעריקע, איז 4 יאר געווען חזן אין קאָנגר. „אנשי אמת״ אין ברוקלין און איז איצט אין דער „אהל יעקב שול״ אין פילאַדעלפיא. באַזיצט אַ לירישע באַריטאָן שטימע.

מתתיהו דאָרפמאַן

געבוירן אין נאָוואָגרודאָק, מינסקער גוב. אין יאר 1883, לערנט אין דער דאָרטיגער ישיבה אויך אין קארעליצער קיבוץ, דאָרט האָט מען אַנטפּלעקט זיין שיינע באַס־באַריטאָן שטימע, ער זינגט ביי סי־ראָטען אין גראָדנער כאָר־שול, אויך ביי פּערלמוטערן אין קאָוונע, וואו ער איז אויך דער חזן־שני, ער פאַרלאָזט צוליב דער יאפּאניש־רוסישער מלחמה זיין היים און וואַנדערט אויס 1905 קיין אמעריקא, וואו ער אַנטוויקלט זיינע מוזיקאלישע פייהיגקייטן, זיין שטימע ווערט אַלזייטיג באַוואונדערט און מען לייגט אים פאָר א אָפּערע־קאַריערע, פון וועלכער ער זאָגט זיך אָבער אָפּ צוליב רעליגיעזע איבערצייגונ־גען און ווערט אַ חזן. איז 3 יאר חזן אין טעמפּל „בית אל״ אין נאָר־פאָלק ווירדזשיניא, 2 יאר אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא און נאָך אַנדערע.

יוסף דזשייקאָבסאָן

געבוירן אין טאַהאַנטשע, קיעווער גוב. אין יאר 1876, געזונ־גען ביי שמואל פאַליושוק, ביי משה קארעצקי און ביי משה ראָם. געווען חזן אין כאַדאָרקאָוו, אין ראָזנבערגס קלויז אין קיעוו, אין ביהמ״ד הגדול אין יעליסאַוועטגראַד און אין ליווערפּול, איינגלאַנד, אין שאָו סטריט שול, קומט 1908 קיין אַמעריקע. געווען חזן אין פאַרשיידענע שולן און איז די לעצטע 8 יאר אין דער „בית שלום שול״ אין פילאַדעלפיא.

ה.

אהרן האראָוויץ

געבוירן אין דוקאר מינסקער גוב. געלערנט אין מינסקער ישי־בה, געזונגען דערנאָך ביי יאשע סלאָנימער אין גראדנע, קומט אָן נאָך גאר אַ יונגערמאַן, פאר חזן אין מאלמע (שוועדן), אַנטוויקלט דא זיינע מוזיקאלישע פייהיגקייטן, לערנט שטימע־בילדונג, פיאנא און וויאלין און באטייליגט זיך אין עטלאכע „ארעטאריעס" ביי די יערלאכע קאָנצערטן פון דער „סיד סווענסקא פילהארמאָניסקא פערייניגנג". באזיצט א שיינע בארימאָן שטימע מיט א טענאָראלן טעמבער, איז זייער מוזיקאליש און אָריגינעל אין דאַווענען; האָט אָנגעשריבן פארשיידענע קאָמפאזיציעס, רעטשיטאַטיוון און לידער און עטלאכע רעטשיטאטיוון מיט באגלייטונג פון פיאנא און פידל. איז אויך אַ משכיל און שרייבט א שיינעם העברייאיש. זיין ערשטע שטעלע אין אמעריקא איז געווען אין דער „שערי תורה" שול און וואוסטער מאס און איז די לעצטע 6 יאר חזן אין דער „בני יעקב" שול און ווילקעס־בארע פענסילווניע וואו ער איז זייער באליבט און שטייט מיט גרוים כבוד.

אברהם הארענשטיין

בארימטער חזן, שיינער דאוונער. אַ סך יארן חזן אין קרע־מענטשוג אין דער גרויסער שול און געפינט זיך איצט אין אמעריקע.

מ. האַלפערן

געזונגען אלס קינד אין מאָסקווע אין פאליאַקאָוום שול ביי חזן

נחום מאַטעינקא, אַ צייט ביי כאַינאָווסקין, ביי אַבראַסאָן, שטודירט אין וואַרשע ביי פּראָפ. קאַרבאַוואָסקי דערנאָך אין בערלין ביי זיידעמאַנען, איז געוועזן חזן אין ניו־יאָרק אין ביה"מד הגדול און איז פאַר די לעצטע 30 יאָר חזן אין באָסטאָן (די לעצטע 3 יאָר אין אַ טעמפּל אין פּלראָוער מאַסס) האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע קאָמפּאָזיציעס פון באַרימטע חזנים און דיריזשאָרן (אויך אייגענע) אונטערן טיטול „זמירות ותפילות ישראל" באַזיצט אַ שיינע טענאָר שטימע און איז אַלזייטיג באַליבט.

פּאָול העלד

די שטודירנדע מוזיקאַלישע יוגנט אין בערלין אין די יאָרן פון 1905 ביז 1910 האָבן אויף זייער טאַלענטירטן חבר פּאָול העלד געקוקט ווי אויף אַ קומענדיגן בעטהאָווען. האָט ער דאָך שוין דע־מאָלט אַלע זיינע חברים און לערערס איבעראַשט מיט זיינע שאַרפ־זיניגע און קאָמפּליצירטע מוזיקאַלישע שאַפונגען.

אַ געבוירענער 1883 אין וואַרשע, ווייזט ער שוין קינדוויז אַרויס גרויסע פייאיגקייטן אויפן מוזיקאַלישן געביט, זינגט ביי חזנים און איז אַ געוויסע צייט דיריגענט ביים באַרימטן קאַלישער חזן הר' נח לידער, שרייבט אָן אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס, פאַרענדיגט אין 1905 מיט אַ אויסצייכנונג די וואַרשעווער קאָנ־סערוואַטאָריע, איז אַ געוויסע צייט אַ מיליטער קאַפּעלמייסטער אין ניקאָלאַיעוו, שטודירט ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרן אין ברעסלוי און דערנאָך אין בערלין. דיריגירט מיטן בלימנער סימפאָנישן אָר־קעסטער. פאַרענדיגט אין 1910 די בערלינער מוזיק אַקאַדעמיע קומט 1916 קיין אַמעריקא, איז אַ געוויסע צייט קאַנטאָר אינם „היברו טאַבערנאַקל טעמפּל" אין ניו־יאָרק. באַקומט האָנאָרי דאָק־טאָר דיגרי. איז דירעקטאָר פונם באַלאַטקא מיוזיקעל קאַלעדזש אין שיקאַגאָ. אָנגעשריבן אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע שאַפונגען

פאר געזאנג. פיאנא, אָרגל, אָרקעסטער; שרייבט עטלאכע אינ־טערעסאנטע סימפאנישע שאפונגען, פארשיידענע שאפונגען פאר כאָר, אויך א סך פאלקס לידער, איז אלזייטיג באליבט און אַ סך צוזאגנדיג.

לעצטנס איז ער אויפגעטראָטן אין שיקאגא מיטן „ארבעטער רינג כאָר" (פון וועלכן ער איז דער דירעקטאָר) אויף אַ קאָנצערט מיט אַ ריזיגן דערפאלג.

יוסף העללער

דער באריםמטער חזן און מוזיקער יוסף העללער איז געבוירן געוואָרן דעם 25־טן מערץ 1864 אין שאטמאר (אונגארן). זיין ערשטע חזנות איז געווען אין קאפאסוואר פון 1884 ביז 1889, אין 1889 קומט ער אן פאר אויבערקאַנטאָר קיין ברין, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד ביזן היינטיגן טאָג, ער האָט ארויסגעגעבן אַ חזנישן סידור „קול תהלה" (אין 2 טיילן) און אויך אַ ריי לידער און כאָר־געזאנגען פאר סאָלאָ, כאָר און אָרגל.

מאָריץ הענלע

אויבערקאַנטאָר פונם האַמבורגער טעמפל מאָריץ הענלע, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 7־טן אויגוסט 1850 אין לויפהיים (ווירטעמבערג), איז איינער פון די באריםטסטע חזנים אין דייטש־לאנד. ער איז איינער פון די גרינדערס פונם „אלגעמיינעם דייטשן חזנים־פארבאנד", וואו ער איז פון יאר 1906 דער ערשטער פאר־זיצער, ער האָט אָנגעשריבן א ריי ווערטפולע קאָמפאָזיציעס פאר סאָ־לאָ, כאָר און אָרגל, אויך זעקס העברייאישע געזאנגען (איבערזעצונ־גען פון לאָרד בייראנס געדיכטן) ער האָט אויך זייער א סך געשריבן

אין פארשיידענע צייטונגען וועגן חזנות און מוזיק. איז זינט 1913 האָנאר־קאַנטאָר פונם האַמבורגער טעמפּל און געניסט אין רו די פרוכט פון זיין פיל יאריגער טעטיגקייט אינם קרייז פון זיינע פריינט און פאמיליע.

מרדכי הערשמאַן

דער באַרימטער און זייער פּאָפּולערער חזן מרדכי הערשמאַן איז געבוירן געוואָרן אין טשערניבאָוו וואָלינער גוב. זינגט אלס אַלט ביים שטאָטישן חזן ר' מאָטעלע, דערנאָך ביי זיידל ראוונער אין בער־דיטשעוו און שפּעטער ביי שמאי מרגליות. ווען ס'אַנטוויקלט זיך זיין טענאָר שטימע, קומט ער אָן צו ניסן בעלזער און ווען ניסן איז נפטר געוואָרן זינגט הערשמאַן ביי מאיר פּיסאַק. ער ווערט נאָכדעם צוגע־נומען אין מיליטער־דינסט. מ'שיקט אים קיין קרעמענטשוג, וואו מ'ווערט באלד געוואויר, אז מאיר פּיסאקס באַרימטער טענאָר איז דאָ. האָט מען זיך משתדל געווען, אז מ'זאָל אים דערלויבן זינגען אין שול און אַזוי האָט ער די גאנצע צייט פון זיין מיליטער דינסט גע־זונגען ביי חזן שלמה ראבעץ.

הערשמאַן ווערט דערנאָך חזן אין זשיטאָמירער כאָר־שול. ווען די חזנות שטעלע אין ווילנע ווערט פריי, ווערט הערשמאן אויפ־גענומען פאר שטאָט חזן און שטייט דאָרט 7 יאר מיט גרויס כבוד ער פאָרט פאַר דער צייט ארום מיט קאָנצערטן און דאַוונענם איבער גאנץ רוסלאנד און פוילן און האָט אומעטום דערפאָלג.

אין 1920 קומט ער צוזאמען מיטן באַרימטן מוזיקער און די־ריזשאָר לעאָ ליאוו קיין אמעריקע. ער ווערט דאָ פּאָפּולער דורך זיי־נע דערפאָלגרייכע קאָנצערטן און געלונגענע גראמאָפאָן־פּלאטן. איז געשטאַנען די לעצטע 6 יאר מיט גרויס כבוד אלס חזן אינם טעמפּל „בית אל" אין בארא פּארק.

חזן הערשמאַן צייכנט זיך גאָר באַזונדערס אויס מיט זיין פּע־נאָמענאַלער טענאָר שטימע און שיינעם זינגען און איז אַלזייטיג באַליבט.

שלמה הערשמאַן

א אינגערער ברודער פון באַרימטן חזן מרדכי הערשמאַן, געבוירן אין יאר 1893 אין טשערניבאָוו, וואָלינער גוב. זינגט ביי שמאי מרגלית, מאיר פּיסאַק, שלמה ראַבעץ און אנדערע. באַזיצט א שיינע לירישע טענאָר שטימע, פאַרנעמט די חזנות שטעלע אין נאָזשיקס שול אין ווארשע, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד און איז זייער באַליבט.

בן-ציון (אפּענדיק) האָפּמאַן

געבוירן אין 1872 אין אומאַן, קיעווער גוב. זינגט קינדווייז ביי זיין פאָטער (מאיר דער חזן פון פרידלאנדס קלויז), לערנט נאָטן ביי מיכל באַלטער, שרייבט שוין צו 14 יאר עטלאכע קאָמפּאָזיציעס, דאַוונט פאַרן עמוד און ווערט אלזייטיג באַוואונדערט.

צו 18 יאר דיריזשירט ער ביי סיראָטען אין אָדעס, און מ'רופט אים דאָרט אָן „דער ווייסער דיריזשאָר, דער נאָטן פרעסער" צו יענער צייט האָט ער א סך תלמידים, פון וועלכע ס'איז כדאַי צו דערמאָנען פאָלגנדיגע באַרימטקייטן: מרדכי ליב בענדערסקי, פּרץ סאנדלער, יוסף גאָטביימער און נאָך אַנדערע.

צו 20 יאר פאָרט ער אליין אַרום דאַוונען, איז דערנאָך חזן אין: פיטיעוו, שארגאראד, פעסטשאנקע, ראַוונע, לידע און קומט דער־נאָך אָן קיין לאָנדאָן. דאָ איז ער משנה זיין נאָמען און פון „ביניע אפּענדיק" ווערט „בן ציון האָפּמאַן".

אין לאָנדאָן איז ער חזן אין דער פילדגאַט סטריט שול, אין

קענאַן סטריט שול און די לעצטע 10 יאר אין דער עדת ישראל שול.
האָט געשאפן א סאלפעדזשיא, א רייִ רעטשיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס און איז אלזייטיג באליבט און געאכט.

יצחק הירשאָוו

געבוירן אין 1886 אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע, לערנט אין וויטעבסק ביז 15 יאר אין דער ישיבה, זינגט ביי מאַסטאָוון און הויבט אָן צו זיין 14=טן יאר דיריגירן ביים חזן גלושאק. נאָכדעם דיריגענט ביי חזן גאָרעליק אין וויטעבסק און וואָראנעזש, צו 17 יאר ווערט ער אויפגענומען אין דער ווארשעווער שול „עדת ישורון=סיני", וואו ער איז געשטאַנען מיט גרוים כבוד א צייט פון 15 יאר און איז געווען דער דיריגענט און צווייטער קאַנטאָר צוזאמען מיט די בארימטע חזנים: זשארניצקי, מענדעלעוויטש, זאַלודקאָווסקי און פוקסמאן. ער שטייט דערנאָך 4 יאר אין לאָמזשע אלס שטאָט=חזן און מיט זיין שיינער לירישער טענאָר שטימע, מיט זיינע מוזיקאַלישע גרויסע פייאיגקייטן און גאָר באזונדערס מיט זיין שיינער אויפפירונג דערווערבט ער זיך א זייער גוטן נאָמען אין לאָמזשע והגליל. ער איז דערנאָך ארויסגערופן געוואָרן קיין גלאזגוי, איינגלאנד, וואו ער איז געשטאַנען 3 יאר מיט א גרויסן נאָמען און איז געווען זייער באליבט ביי דער „יונייטעד היברו קאָנגרעגיישן" אָקספאָרד סטריט. אין 1925 איז ער אויפגענומען געוואָרן (אין דער זעלבער שטאָט) אין דער „גאָרענטהייל היברו קאָנגרעגיישן", וואו ער שטייט מיט גרוים כבוד און איז אלזייטיג באליבט.

הזן הירשאָוו האָט זיך תּמיד אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער און מוזיקאלישער קולטור, האָט אָנגעשריבן א רייִ אינטערעסאנטע קאָמפּאָזיציעס פאר דער ליטורגיע, אויך א רייִ קלאסישע און פאָלק=לידער, ער האָט היינטיגס יאר גראדואירט פון דעם גלאזגויער אוני=

װערסימעט מיטן טיטול „מייסטער אף ארט". און מ'לייגט נאָך אויף אים גרויסע האָפענונגען.

מיכל מרדכי הילמאַן

געבוירן אין יאר 1871 אין נייגור, קורלאנד, אן אייניקל פונם זאגעווער חזן ר' משהלע, ער לערנט און זינגט ביים באַרימטן חזן משה בער יודעלמאן און דערנאָך ביי משה מערעצער און ביי סקאָבעליאָוון, שפּעטער ביי ראזאָווסקין אין ריגא און ביי משה ראַגאָוו. ער קומט צו 18 יאר קיין אַמעריקע, וואו ער זינגט ביי פּינחס מינקאָווסקין (וועלכער האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין אַמעריקע), איז דערנאָך חזן אין פארשיידענע שולן, שטייט אומעטום מיט גרויס כבוד און איז ביי אַלעמען באליבט, סיי מיט זיין שיינער שטימע און תפלה, אזוי אויך מיט זיין שיינער הנהגה אלס שליח צבור הגון. חזן הילמאַן איז אויך געווען א געוויסע צייט דער פּרעזידענט פונם חזנים פארבאנד.

ו.

נחום וואָלקאָמירסקי

שיינער מנגן און משכיל, שיינע טענאָר שטימע. געבוירן אין א קליין שטעטל, גראדנ. גוב. געלערנט אין ישיבות, שטודירט חזנות אין אָדעס, געווען חזן אין ביאַליסטאָק אין זאבלודאָווסקים כאָר־שול, נאָכדעם אין פּויזן און לעצטנס אין לייפּציג.

יעקב ליב וואסילקאָווסקי

געבוירן אין שישלעוויץ (סוויסלאָטש) גראָדנער גוב. לערנט ער דערנאָך אין גראָדנע און זינגט גלייכצייטיג ביי יאשע סלאָנימער, זינגט שפּעטער ביי שפּילאַנסקין אין ביאַליסטאָק און איז דערנאָך דיריזשאָר ביים באַרימטן חזן הר׳ נח לידער אין קאַליש. אין קאַליש שרייבט ער אָן אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס, ער לערנט דאָ האַרמאָניע דורך אברהם בער בירנבוימס בריף. ער קומט דערנאָך קיין וואַרשע, לערנט ביי די בעסטע לערערס און דיריגירט ביים באַרימטן חזן משה זאַרניצקי, ער האָט חתונה מיט נחום גאָניאָנדזערס אַ טאָכטער און ניט קוקנדיג וואָס מ׳ליגט אים פאַר שיינע חזנות שטעלעס, פאָרט ער קיין קעניגסבערג צום באַרימטן עדוארד בירנ־בוים און לערנט דאָ קאָנטראַפּונקט און העכערע מוזיקאַלישע קונסט ביים באַרימטן פּראָפעסאָר אָטטאָ פיעבאַך, לערנט שפּעטער אין דער שטערנשער קאָנסערוואַטאָריע און אויך אין דער הויכשולע אין בערלין. זיין טאַלאַנט אַלס מוזיקער ווערט אַלזייטיג באַוואונדערט, מ׳רופט אים אָן „דער קומענדיגער אידישער בעטהאָווען", דער צו־פאַל האָט אָבער אזוי געוואָלט (און אפשר אויך די דאגת המשפּחה...) אַז ער איז געוואָרן אַ חזן — ער האָלט אָן שטעלעס אין מאַנשעס־טער (איינגלאַנד) און שאוולי (קאָוונער גוב.) און געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. וואו ער פאַרעפנטלאכט אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס און איז אָנערקענט אַלס גרויסער מוזיקער און משכיל. דאָס חזנות אין אַמעריקע שטאָלצירט מיט אים, ווי מיט איינעם פון אירע וויכטיגע פאָרשטייערס.

יהושע ווייסער

הזן יהושע ווייסער (פון דער היים „פילדערוואַססער") איז, אָן ספק, איינער פון די וויכטיגסטע פאָרשטייער פון דער טראַדיציאָ־

נעלער, ספּעציפיש-אידישער און גלייכצייטיג מאָדערנער חזנות אין אַמעריקע. געבוירן אין נאָוואָ-אַשיצע פּאָדאָליער גוב. אין יאר 1888, ווייזט ער שוין קינדווייז ארוים גרויסע פייאיגקייטן אויפן געביט פון מוזיק און געזאנג, אָנהויבנדיג זיין מוזיק-קאריערע ביים שטאָטישן חזן שכנא כהנה און אין איין יאר צייט לערנט ער נאָטן אויף אזוי פיל, אז ער שרייבט שוין אַליין אָן א מעלאָדיע. ער זינגט דערנאָך ביי שמואל ווײנמאן אין סאראקע און פאָרט מיט אים ארום אויף זיינע קאָנצערט נסיעות איבער גאנץ בעסאראביע, אוקראינע און אַנדערע געגנטן און אומעטום ווערט ער באוואונדערט מיט זיינע מתיקותדיגע אלט-סאָלאָס.

ער שרייבט צו 16 יאר אָן א „מה אשיב", וועלכער ווערט נאָך היינט געזונגען דורך א סך חזנים. צו זיין 21-טן יאר קומט ער אָן פאר חזן אין וויניצע. דאָ באגעגנט ער זיך אַמאָל מיטן באַרימטן אומשטערבלאכן ראסטאָווער חזן אליעזר גערעוויטש, וועלכער באַוואונדערט ווייסערס טאַלאנט, ער נעמט ביי אים זיינעם א „אמת כי אתה הוא יוצרם", וועלכן ער האָט געזונגען ביי זיך אין ראסטאָוו אין כאָר-שול און דרוקט אים אָפּ (אונטער „פילדערוואססערס" נאָמען) אין זיין ווערק „שירי זמרה" (4-טן טייל).

אין 1914 קומט חזן ווייסער קיין אַמעריקע. דאָ פארעפנ-טלאכט ער זיין ערשטע ווערק „תפלת יהושע" און שפּעטער זיין צווייטע ווערק „שירה חדשה" (צוזאמען מיטן באַרימטן חזן שמואל קאַוועצקי). אין 1927 גיט ער ארויס א וואונדערבארן ווערק רעטשי-טאַטיוון (פאר שבת און שלש רגלים) אונטערן טיטול „רינת יהושע". אין 1929 גיט ער אַרויס זיין 2-טן טייל „רינת יהושע" (פאר ימים נוראים). ביידע זיינען געשריבן אינם עכט אידישן גייסט, זיינען זייער אָנגענעם פארן אויער און ווערן אלזייטיג באַוואונדערט מיט זייער רייכן נוסח און קאָרעקטער אויסטייטשונג.

חזן ווייסער האָט פארנומען פאָלגנדיגע חזנות-שטעלעס: 4 יאר אין דער עלען-סטריט שול „תפארת ישראל", 4 יאר אין דער „נחלת צבי" שול (ביידע אין ניו יארק). זינט 1925 איז ער חזן אין

דער פרימאָנט ת"ת שול אין די בראנקס, איז אומעטום אָנגעזען, שטייט מיט גרויס כבוד און איז אלזייטיג באליבט סיי אלס חזן־מוזיקער אזוי אויך אלס מענטש. איז דער סעקרעטאַר און איינער פון די וויכטיגסטע ארבעטער פארן חזנים פארבאנד. די חזנות אין אַמעריקע האָט רעכט מיט אים צו שטאָלצירן, ווי מיט איינעם פון אירע וויכטיגסטע פאָרשטייערס.

זאב וואָלף ווילדער

געבוירן דעם 12־טן דעצעמבער 1860 אין סטאַניסלאַוועטשיק נעבן בראדי (גאליציע). לערנט אין זיין יוגנט אין דער ישיבה און זינגט ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען א בארימטער מתפלל. ער זינגט דערנאָך אין טאַרנאָפּאָל 3 יאר ביי ירוחם הקטן, ווען ער פארלירט זיין סאָפּראַן שטימע, קומט ער צוריק אַהיים, לערנט זיך אויס שחיטה און נעמט צו 18 יאר אָן א שטעלע אלס חזן שוחט.

צו 21 יאר קומט ער אָן אלס חזן אין טעמעשוואר (אונגארן). דאָ אַנטוויקלט זיך זיין ריזיגע ברייטע שטימע. ער לערנט אויך גאָנץ און שטימע בילדונג. ער קומט דערנאָך אָן פאר חזן אין בודאפּעסט שפּעטער אין סטאַניסלאַוואָ. ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז חזן אין ניו יארק, טאָלידא און פּיטסבורג, ער פאָרט נאָכדעם קיין ענגלאנד איז חזן אין מאַנשעסטער, קומט שפּעטער אָן אלס שטאָט חזן אין גראָדנע, איז א צייט חזן אין אָדעס, וואוינט נאָכדעם א געוויסע צייט אין בערלין און קומט דערנאָך אָן פאר חזן אין קייפּטאון (אפריקע), וואו ער איז געווען 14 יאר. נאָכדעם אָבער ווי זיין פרוי איז אים דאָרטן געשטאָרבן, פארלאָזט ער אפריקע און קומט אָן פאר חזן אין לאָנדאָן. ער בלייבט אָבער נישט לאנג אין ענגלאנד און קומט אָן צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער געפינט זיך איצט.

חזן ווילדער איז בארימט אין דער וועלט מיט זיין ריזיגער שטימע, איז אויך א שיינער דאַווענער און מיט אַ קורצער צייט צוריק

זיינען דערשינען פון דרוק זיינע 20 רעטשיטאַטיוון, וועלכע זיינען פון חזנים מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן.

מרדכי ווייס

געבוירן 1881 אין שארוד, אונגאַרן, קינדרווייז געהאַט א שיינע אַלט שטימע, געזונגען ביי פארשיידענע חזנים, צו 13 יאר שוין גוט געקענט לייענען נאָטן. ער לערנט ביז צו 22 יאר אין א סך ישיבות און איז דערנאָך דיריגענט 3 יאר ביים חזן יצחק אייבעשיץ אין איהעל. ער שטודירט 4 יאר אין דער בודאפעסטער קאָנסערוואַטאָריע און שרייבט אָן א ריי אינטערעסאנטע קאָמפּאָזיציעס. איז געווען חזן 14 יאר אין אלט-האפען בודאַפעסט און א צייט אין זאטעל ניידארף און קומט 1923 קיין אמעריקע. איז 3 יאר געשטאַנען אַלס חזן אין ניו ראשעל מיט גרויס כבוד און עטלאכע ימים הנוראימס געדאַוונט, מיט דערפאָלג, אין ניו יאָרק.

גדלי׳ וועוריק

געווען חזן שני אין קיעוו אין בראָדסקים שול, דערנאָך חזן אין ניקאָלאַיעווער כאָר-שול, איצט חזן אין ראָסטאָוו אויפן דאָן. איז מוזיקאַליש און באַזיצט אַ שיינע טענאָר שטימע.

שמואל וויגאדא

געבוירן אין דאָבראזשין, פלאצקער גוב. אין 1895 ביי זיין פאָטער ר׳ פייוויש דער אָרטיגער חזן, וועלכער גיט זיין געראָטענעם זון אַ גרונטיגע קולטורעלע דערציאונג. ווען ר׳ פייוויש קומט אין 1901 אָן

פאר חזן אין ווערבוי (אונגארן) זינגט שמואליקל ביי זיין פאָטער אין כאָר, לערנט דערנאָך אין דער פרעשבורגער און שפּעטער אין דער קלויזענבורגער ישיבות, שטודירט גלייכצייטיג מוזיק און קומט שפּע־טער אָן אין דער בודאפּעסטער קאָנסערוואַטאָריע וואו ער הויבט אויך אָן שטודירן מעדיצין אינם אוניווערסיטעט, ער איז אָבער געצוואונגען (צוליבן שרעקלאַכן אַנטיסעמיטיזם) זיין שטודיום אויפצוגעבן און ווערט חזן אין דער ארענא סינאַגאָגע אין בודאַפּעסט. ער קומט אָן אין 1923 קיין אַמעריקע און איז חזן אין דער „בני ישראל שול" אין ברוקלין,דערנאָך אין טעמפּל „שערי צדק" אין דעטראָיט־מישיגען און איז זינט 1926 אין דער אונגארישער קאָנגרעגיישן „אוהב צדק" אין ניו־יאָרק. חזן ווינאָדאַ באַזיצט אַ שיינע טענאָר שטימע, איז גוט מו־זיקאַליש און אַלזייטיג באַליבט.

הערמאַן וואהל

באַריממטער דיריזשאָר און קאָמפּאָזיטאָר. געבוירן אין אטינע, גאַליציע, ביי חסידישע עלטערן, זינגט ער אַלס קינד ביי פאַרשיידענע חזנים, איז שפּעטער אויך דיריגענט ביי חזן ווילדער און אַנדערע, צו 16 יאר קומט ער קיין אַמעריקע, דיריגירט ביי די באַריממטסטע חזנים, שרייבט אָן א ריי ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס און שאפט לעצטנס זייער אַ סך פאַרן אידישן טעאַטער, אויפן געביט פון וועלכן ער געווינט אַלזייטיגע אַנערקענונג אַלס טיכטיגער פאַכמאַן.

יוסף ווינאָגראַדאָוו

באַריממטער אָפּערן זינגער און חזן, געבוירן 1866 אין ווילנע, ווערט באַוואונדערט אַלס קינד מיט זיין אַלט־שטימע. ווען ס'אַנטוויקלט זיך זיין פענאָמענאַלע באַריטאָן שטימע שטודירט ער אין מאָסקווע ביי די פּראָפעסאָרן גאַלמאַני און לעאָנאָוו, טרעט דערנאָך אויף אין רוסישע און דייטשע אָפּערן געזעלשאַפטן מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

זיינע קאָנצערטן און אָפּערע גאַסטראָלן איבער גאַנץ רוסלאַנד זיינען געווען אַ קייט פון טריאומף אויפטרעטונגען, איז 5 יאָר פּרעמיער־באַריטאָן אין דער באַרימטער לאָנדאָנער „קאָווענט גאַרדען" אָפּערע, ער גיט זיך דערנאָך אָפּ מיטן שאַפן אַ אידישע אָפּערע, עס גרינדעט זיך דעמאָלט אין לאָנדאָן אויף ווייטשעפּל „די טעמפּל און אָרט" ווינאָגראַדאָוו ווערט דאָרט דירעקטאָר, ס'ווערן אויפגעפירט „מלך אחז", „ריגאָלעטאָ", „באַרביר דע סעוויל", „פאוסט" און נאָך אַנ־דערע (אַלץ אין אידיש). דער דערפאָלג איז געווען זייער גרויס, ס'ברעכט אָבער אויס די מלחמה, די אַרבעט ווערט צושטערט, ווינאָ־גראַדאָוו קומט קיין אַמעריקע, הויבט אָן צו פּאָפּולאַריזירן דעם אי־דישן פאָלק־ליד, טרעט אויף אין פאַרשיידענע קאָנצערטן, דאַוונט עטלאַכע ימים הנוראימס אַלס חזן און האָט גרויס דערפאָלג.

יעקב ווייגמאַן

געבוירן אין קראַסילאָוו, וואָלינער גוב. אין יאָר 1869, געזונגען צו 8 יאָר ביי וואָלף וואַיטים, ביי ברוך קאָנסטאַנטינער, ביי ניסן בעל־זער, ביי שמאי מרגלית און ביי משה לוי יצחקס אין דובנע. געווען חזן אין סאַטאַנאַוו, פּאָדאָליער גוב. אין בערדיטשעוו (ביי די קצבים) אין דער יעווריייסקי שול אין אָדעס, אין ראַדאָמיסל, אין לעמבערג און אין וויטעבסק, קומט 1912 קיין אַמעריקע, איז חזן אין פאַרשיי־דענע שולן, באַזיצט אַ דראַמאַטישע טענאָר שטימע.

גרשון וואַלמאַן

געבוירן אין סאָכאַטשאָוו, וואַרשעווער גוב. אין יאָר 1870, געזונגען ביי די חזנים: זומערפויגל, לייזערקע ליפנער און שמעון פּאָגעלנעסט. קומט אין 1896 קיין אַמעריקע, איז חזן אין פאַרשיידענע שולן און לעצטנס חזן אין דער חברה קדישא שול (מאהר סטרים) ברוקלין, ניו־יאָרק. באַזיצט טענאָר שטימע.

ז.

ר׳ נח זאלודקאָווסקי (ר׳ נח לידער)

איינער פון די אָנגעזעענסטע חזנים אין דער פּלעיאַדע פון די ספּעציפיש־אידישע און גלייכצייטיג מאָדערנע חזנים איז זיכער דער מיט וועלט־רום געקרוינטער נעים זמירות ישראל ה״ר נח לידער וועלכער פארנעמט די לעצטע 40 יאר דעם אַמט פון שטאָט־חזן אין קאליש (פּוילן). צו זינגען ביי ר׳ נחן איז געווען פאררעכנט פאר א גרויסע זכיה. האָבן טאַקע צו אים געשטראמט פון אלע זייטן רוס־לאנד און פּוילן שטימע־באגאבטע יונגעלייט, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אידישער נגינה און זיינען ארויס פון ר׳ נחס חדר פארטיגע חזנים. אזוי פארנעמען טאַקע הונדערטער פון זיינע תלמידים זייער אָנ־געזעענע שטעלעס אַלס חזנים און דיריזשאָרן אין דער גאנצער וועלט.

געבוירן אין דוואָרעץ, גראדנער געגנט, ביי זייער פרומע אָר־טאָדאָקסישע עלטערן, האָט דער טאַלענטירטער ר׳ נח אַלס קינד פון 5 יאר לערנענדיג אין חדר, שוין באוויזן זיינע גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק, די זאך איז פאָרגעקומען אזוי: ער נעמט צוזאמען 10 קינדער פון חדר און שטודירט מיט זיי איין א מארש, וועלכן ער האָט אויס־געטראכט און מיטן דאָזיגן מארש פלעגן זיי ארומגיין פון הויז צו הויז, גייענדיג יעדן טאָג פון חדר, און פלעגן פארן זינגען באקומען פון יעדערן 3 גראשן, די דאָזיגע געלט האָבן זיי צוגויפגעקליבן און האָבן דערנאָך געקויפט אַ מתנה פארן שטאָטישן בית מדרש אַ וויל־נער ש״ס, דאָס איז געווען ר׳ נחס ערשטער אויפטו אויפן געביט פון מוזיק לטובת דער רעליגיעזער קולטור.

א קורצע צייט שפּעטער זיינען זיינע עלטערן אריבערגעפאָרן קיין מייטשעט און נחקע לערנט דאָרט פלייסיג גפ״ת ביז צו זיין 10 יאריגן עלטער, ער פאָרט דערנאָך לערנען קיין זשעטל אין דער דאָר־טיגער ישיבה, ער לערנט ביי הרה״ג ר׳ משה אייזיק און ביי הרה״ג

ר' איטשעלע אשרם (וועמען דער גאון בעהמ"ח עמק יהושע פלעגט רופן „רבי".)

פון צופיל אָנשטריינגונג אין לערנען איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן. זיין פאָטער, וועלכער איז געווען, ווי שוין דערמאָנט א גרויסער ירא שמים און למדן, האָט אויך געהאַט א גרויסע ידיעה אין נגינה און האָט אין דער צייט פון זונס קריינק געזונגען פאר אים ביי זיין בעט פארשיידענע נגונים פון די וואונדער חזנים: ישראל שקודער, ווילנער בעל הביתל, קאשטאן און נאָך אנדערע. דאָס האָט אים צוזאמען מיט דער הילף פון די בעסטע דאָקטוירים ווידער געשטעלט אויף די פיס.

הגם עס האָט ר' נחקען געצויגן צו נגינה, האָט אָבער די תשוקה זיינע צום לערנען גובר געווען, ער פאָרט קיין סלאָנים און לערנט דאָרט ביים באוואוסטן גאון און ראש הישיבה הרב יודל זצ"ל, צו 13 יאר איז ער א חתן געוואָרן פאר זיין פרוי האשה הצנועה והצדקנית מרת סירקא רחל תחי'. ער פאָרט נאָכדעם קיין זשאלודאָק און לערנט דאָרט צוזאמען מיט די פרושים און הגם, ער האָט כדי להחיות נפשו אָפט געדאַוונט פארן עמוד, האָט ער אָבער פון לערנען זיך ניט אוועקגעקערט אפילו אויף איין טאָג, אזוי אז ווען ער איז דערנאָך ארומגעפאָרן אין גאנץ מינסקער גובערניע דאַווגען פלעגט ער קומענדיג אין א שטאָט גלייך אַוועקגיין אין בית המדרש און זיך זעצן לערנען.

חברה האָבן אָבער באלד דערשמעקט, אז ר' נחקע איז דאָ און מ'האָט אים שוין ניט געלאָזט רוען, ווייל ר' נחקע מייטשעטער, ווי מ'פלעגט אים רופן, איז שוין געווען א שם דבר, זיין שטימעלע איז דאַמאָלס געווען ווי א זילבערנער גלעקעלע מיט אן אויסערגעוויינלאכער מתיקות, אז מענטשן פלעגן חלשן פון דער זיסקייט פון זיין האַרציגן דאַוונען.

ווען ער איז געקומען אין מיר האָט אים דער באוואוסטער גאון ר' חיים ליב זצ"ל אויפגענומען אין זיין הויז און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים, ווען ר' נחקע איז אלט געוואָרן 18

יאר, איז ער געפאָרן קיין מייטשעט צו זיין כלה און דער שווער זיינער הרב הצדיק ר' יוסף משה ז"ל האָט צו אים געזאָגט „אותך ראיתי צדיק בדור הזה", פאר דער חופה האָט דער באוואוסטער גאון „דער באָברויסקער פרוש" (וועלכער איז דאַמאָלס צופעליג געווען אַלס גאסט אין מייטשעט) געבענטשט חתן־כלה, דערנאָך איז מען גע־פאָרן אין זשעטל וואו מ'האָט אויף אַ פירשטלאכן אופן געפראוועט מיט מוזיק און טענץ די שבעת ימי המשתה, און ערך פון 150 גדולי התורה האָבן אין דער שמחה אָנטייל גענומען.

צו 19 יאר דאַוונט ר' נחקע ימים הנוראים אין מייטשעט און מיט אַ יאָר שפּעטער אין דער סלאָנימער חברה שטיבל, וואו דער גאון ר' יוסף רויזען ז"ל האָט אים אויפגענומען ביי זיך אין הויז און האָט אים זייער מקרב געווען און שטאַרק ליב באקומען. ס'האָט געטראָפן איינמאָל פאָלגנדיגער צופאל: אין שול איז גראד געווען א ברית מילה און אַזוי ווי הר"ר יוסף רויזען האָט געוואָלט הערן ר' נהקעס „אב הרחמים" האָט ער דעם מוהל גענומען אונטערן האַנט איז מיט אים ארויסגעגאנגען, און איז אריינגעקומען צוריק ווען מ'האָט שוין אָנגעהויבן זאָגן דעם „אב הרחמים", ר' נחקע דאַוונט דערנאָך אין בוטען, וואו ער באפריינדעט זיך מיט הרה"ג ר' מרדכילע ראזנבלאט זצ"ל (דער אָשמענער, שפּעטער סלאָנימער רב), ר' מרדכילע וויל שטאַרק האָבן ר' נחקען פאר חזן אין בוטען, אָבער ר' נחקע האָט שוין געהאַט באשלאָסן צו פאָרן צום טראקער חזן ר' יעקב משה אבעליאָוו, וועלכער איז דאַמאָלס געווען חזן אין סמארגאָן צו לערנען ביי אים א ביסל מוזיק, ער קומט דערנאָך אָן פאר חזן־שו"ב אין סוויר, וואו ער פארבלייבט ביז די שטאָט איז אָפּגעברענט געוואָרן, ער קומט דערנאָך קיין ווילנע און איבערראשט די גרויסע אידישע ווילנע אזוי מיטן דאַוונען, אַז אלע גבאים פון די שולן האָבן זיך געריסן איינע מיט דער אַנדערער צו באַקומען אים אויף א שבת.

דער רושם פון זיינע תפלות איז געווען אין לשער, אזוי אז די חזנים ישראלקע מיכאַלאָווסקי און ישראל קופּער זיינען קעגן אים

פארטונקלט געוואָרן און מ'האָט נאָר געהערט ריידן, ס'ארא זיסקייט, ס'ארא שטימע, הייגט זיין פידעלע (פּיאנא). ער קומט דערנאָך אָז אַלס חזן קיין לידא (און פון דאַנען שטאַמט טאַקע זיין נאָמען „ר' נח לידער) ער פארבלייבט דאָרט 3 יאר חזן און איז שטאַרק באפריינ־דעט מיט די רבנים הרה"ג ר' מרדכי קלאצקי הנקרא „ר' מרדכי מעלצער" און שפּעטער מיט זיין אַמאָליגן פריינט און קרוב הרה"ג ר' יצחק יעקב ריינעס זצ"ל, מיט ר' יצחק יעקבן (וועלכער איז געווען ר' יוסף רויזענס אן איידים) איז ער געווען באפריינדעט נאָך פון סלאָנים.

ס'איז דאָ אינטערעסאנט צו דערציילן א שיינעם עפּיזאָד און א גלייכוואָרט פונם ריגער גאון הר"ר משה שפּירא (ר' אייזעלע סלאָ־גימערם דעם בעהמ"ח עמק יהושעם א זון) וועלכער איז געווען אין לידא צו גאסט ביים רב ר' יצחק יעקב, צו יענער צייט איז קיין לידא געקומען דער חזן מאיר לידער און „עמד" האָט זיך א לאָז גע־טאָן צו אים קעגן דעם ווילן פונם רב און ס'האָט זיך אין שטאָט געטאָן אויף טיש און אויף בייגק, ר' נח האָט דאַמאָלס (געווען איז דאָס שבת מברכים אלול). געדאַוונט אין ביהמ"ד ה"ג און נאָכן דאַווגען איז דער ריגער רב צו אים צוגעגאנגען און געזאָגט בזה הלשון: ביי אייך איז געווען „הכל יודוך" און ביי אים איז געווען „המאיר לארץ"... ר' נח האָט זיך אָבער אין קיין מחלוקת ניט גע־וואָלט ארייגלאָזן, און איז געפאָרן קיין ווילנע און דאָרט געדאַוונט די ימים הנוראים מיט אויסערגעוויינלאכן מאָראלישן און מאַטער־יעלן דערפאָלג.

ר' נחם נאָמען ווערט דערנאָך באַרימט איבער דער גאנצער וועלט, מען רופט אים ארוים קיין גראדנע, וואו ער איז מרעיש עולם מיט זיין דאַוונען, דער ענטוזיאזם וואַקסט פון מינוט צו מינוט און טויזנטער מענטשן שטייען צונויפגעקוועטשט אונטער דער השפעה פון ר' נחם הימלישער תפלה און נגינה. דער עקסטאַז דריקט זיך אוים אין א דונער פון שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן ספּעציעל נאָכן „שמע ישראל" פון דער צווייטער קדושה.

ר' נח דאַוונט מיט געוואלדיגן דערפאָלג אין לובלין, בריסק, וואָלקאָוויסק, ביאליסטאָק, לאָדזש, ווארשע, בערלין און אין צענ־דליגער אַנדערע שטעט ווי ראסטאָוו, באקו, מאָסקווע; קישלאָוואָדסק, סטאַווראָפאָל, טאגאנראג און נאָך אנדערע, ער באקומט אויך איינ־לאַדונגען פון אַמעריקע און פון איינגלאנד, וויל ער אָבער איבער ימים נוראים פאָרן, ער איז עטלאכע יאר חזן אין וואָלקאָוויסק וואו ער איז דער ליבלינג פון דער גאנצער שטאָט והגליל, איז שטארק באפריינ־דעט מיט הרה"ג ר' יונתן עליאשבערג זצ"ל. ער איז אויך געווען א געוויסע צייט חזן אין בריסק, וואו מ'דערמאָנט נאָך ביז היינטיגן טאָג זיינע הימלישע תפלות. ער פלעגט אויך אָפט דאַוונען אין לובלין און א סך אנדערע שטעט. ער קומט נאָכדעם אָן אלס שטאָט־חזן אין קאליש, וואו ער איז דער ליבלינג פון דער גאנצער שטאָט און איז דער רבי פון כמעט אַלע חזנים אין די ארומיגע שטעט און שטעט־לאך, און פון א סך בארימטע דיריזשאָרן אין גאנצן כדור הארץ. איז געווען זייער באפריינדעט מיט הרה"ג הר' שמשון ארנשטיין זצ"ל און איז שטאַרקע ידידים מיטן איצטיגן קאַלישער רב הרה"ג מרן יחזקאל ליפשיץ שליט"א. ער איז אויך שטאַרקע ידידים מיטן געוועזענעם וואָלקאָוויסקער גאון הרה"ג אבא יעקב הכהן בארוכוב שליט"א (וועלכער געפינט זיך אין ארץ ישראל) און האָט תמיד אָנ־געהאַלטן א רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע רבנים און גדולי הדור.

ווען איר קומט נאָך היינט אריין צו ר' נחן אין הויז, טרעפט איר אים תמיד לערנענדיג, ער האָט אויך אָנגעשריבן א וועלט מיט קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, וועלכע ווערן מיט גרויס דערפאָלג געזונגען איבער דער גאנצער וועלט. א ווערק אונטערן נאָמען „תפלת נח ועבודת אליהו" וועט אין נאָנטסטן עתיד דערשיינען דורך זיין עלטערן זון (דעם שרייבער פון די שורות).

זייער פּאָפּולער זיינען אויך זיינע העברייאישע לידער ווי: „שאו ציונה נס ודגל", וועלכן די גאנצע וועלט זינגט און קיינער ווייס

ניט, אז דאָס איז ר' נחס, אויך די לידער „היהודי הנע ונד נצח" און „מה לך נפשי כי נרדמת" און נאָך אַנדערע.

שאול ברוך זאַלודקאָווסקי

א ברודער פונם וועלט באַרימטן חזן הר' נח לידער, געבוירן אין מייטשעט, גראָדנער גוב. באַקומט א שטריינג רעליגיעזע דערציאונג, אויך א גוטע מוזיקאַלישע אויסבילדונג. זינגט קינדווייז און אויך שפּעטער אַלס טענאָר ביי זיין באַרימטן ברודער, וואו ער דערלערנט אויך גרונטיג די קונסט פונם אידיש־מאָדערנער חזנות. איז א שיינער משכיל און מנגן, האָט פּאַרנומען מיט גרויס כבוד א סך יאָרן שטעלעס אַלס חזן שו"ב אין ראַדזעיעוואַ, וואַרשעווער גוב. און אן ערך פון 20 יאָר אין סטאַווישען, קאַלישער גוב., וואו ער איז געווען זייער באַליבט און געאַכט. געפינט זיך איצט מיט זיין פאַמיליע אין בריסל, בעלגיע.

אליהו זאַלודקאָווסקי

געבוירן אין מייטשעט גראָדנער גוב. אין יאָר 1888, א זון פונם וועלט־באַרימטן חזן הר' נח לידער, ווען אליהו וועט 2 יאָר אַלט קומט זיין פאָטער אָן אַלס שטאָט־חזן אין קאַליש (פּוילן). אליִנקע (ווי מ'פלעגט אים קינדווייז רופן), ווערט דערצויגן אין א אָרטאָדאָקסיש־משכילישער סביבה און זאַפּט אין זיך איין די הימלישע געזאַנגען פון זיין גרויסן פאָטער. ווייל אים אָבער זיין פאָטער דערציען פאַר א רב, דינגט פאַר אים די בעסטע גמרא מלמדים און צו 9 יאָר איז ער שוין א תלמיד פונם באַרימטן קאַלישער גאון הרה"ג מרן שמשון אַרענשטיין זצ"ל (דער מחבר פון „תפארת שמשון"). אין דער זעלבער צייט האָט דער פאָטער פאַר אים די בעסטע לערערס פון דער רע־

גירונגם גימנאַזיע. צו 18 יאר באקומט ער אַן אַטעסטאַט (נאָך אַ גוט דורכגעגאנגענעם עקזאמען) אויף 6 קלאסן גימנאַזיע, ער מאַכט אויך גרויסע פאָרשריט אויפן געביט פון מוזיק, שפּילט גוט פידל און פיאנא, לערנט מוזיק טעאָריע און האַרמאָניע דורך בירנבוימס בריף (צוזאמען מיטן בארימטן חזן וואסילקאָווסקי, וועלכער איז געווען צו יענער צייט דיריזשאָר ביי ר' נח לידער), פאָרט אין 1905 קיין מילאַן, איטאַליע, וואו ער שטודירט 5 חדשים געזאנג ביים באַרימטן פראפעסאָר אווגוסטא בראדזשי. שטודירט א קורצע צייט אין ווין ביי פּראפעסאָר פראנק און קומט אָן אין 1906 אין דער בערלינער קייזער־לאכער אַקאַדעמיע אויך אין דער שטערנשער קאָנסערוואַטאָריע, וועל־כע ער פארענדיגט אין 1909 מיט אַ זילבערנעם מעדאַל.

הגם ער האָט געקענט מיט זיין לירישער ברייטער טענאָר שטי־מע און מיט זיינע גרויסע מוזיקאַלישע ידיעות דערגרייכן די בעסטע אָפּערן־קאַריערע, האָט זיך אָבער אליהו פעסט געהאַלטן ביי זיין הבטחה, וועלכע ער האָט זיין גרויסן פאָטער געגעבן, איידער ער איז געפאָרן אין אויסלאַנד שטודירן „אַז ער וועט זיין קונסט אָפּגעבן נאָר פאר גאָט און זיין פאָלק", גיט ער זיך מאַקע אָפּ אין זיין גאנצער שטו־דיע צייט מיט אידישער און אלגעמיינער קולטור, איז אין בערלין דער הויז־פריינט פון אזעלכע פערזענלאכקייטן ווי: פּראָפ. אברהם בערלין, פּראָפעסאָר ד"ר מייבוים, הרב הילדעסהיימער, הרב מינק, הרב ד"ר בלייכראָדע, ד"ר געאָרג יאַאָכים, פּראָפ. אָשער און איז באפריינדעט מיט, כמעט, אַלע חזנים, דיריזשאָרן און מוזיקער.

ער לערנט אויך דעם שיעור ביי הרב ד"ר ביבערפעלד 2 מאָל אַ וואָך און 2 מאָל ביי הרה"ג יהושע פאליק הכהן אויערבאַך זצ"ל (באקאנט אונטערן נאָמען „דער פלאָצקער רב") און וואוינט, כמעט, די גאַנצע צייט ביי דער פאַמיליע קריסטאַל (ר' יצחק קריסטאַל ז"ל וועלכער איז געווען אַ אייניקל פונם גרויסן קאַלישער גאון בעהמ"ח „מגן אברהם") איינע פון די פרומסטע פאַמיליעס אין בערלין.

קומט אָן אין 1909 פאר אויבערקאַנטאָר אין דער סינאַגאָגע „סיני" אין וואַרשע (די דאָזיגע שול איז געווען אַ בית ועד לחכמים

וסופרים) ער שטייט דאָרט 4 יאָר מיט גרויס כבוד, איז אַ מיטאַרבע־
טער אין „הצפירה" אונטערן פסעוודאָנים „אבן" און שרייבט אויך
אונטערן ריכטיגן נאָמען „שרטוטים מוסיקליים", איז אַ אַקטיווער
מיטגליד פון די „חובבי שפת עבר" און „הזמיר" און שרייבט אויך
פון צייט צו צייט אין האָכבערגס „נייעם לעבן".

אין יאָר 1913 קומט ער אָן קיין ראָסטאָוו־דאָן. ער גרינדעט
דאָ א „הזמיר געזעלשאפט", איז אקטיוו אין „תרבות", איז פון יאר
1914 ביז 1917 פראָפעסאָר פאַר געזאַנג און מוזיק טעאָריע אין דער
ראסטאָווער קאָנסערוואטאָריע, שרייבט וויסנשאפטלאכע און מוזיקאַ־
לישע ארטיקלען אין „ראזסוויעט" און „פריאַזאָווסקי קראי", שרייבט
אָן א ריי זייער אינטערעסאנטע סינאַגאָגאלע און קירכן קאָמפּאָזיציעס
און פאָלקס־לידער, ווערט פון דער קריטיק אָנגערופן „דער קעניג פון
אידישן פאָלק־ליד" און באטייליגט זיך פון 1918 ביז 1921 אַלס
פרעמיער־טענאָר פון דער שטאָטישער אָפּערע.

צוליב די טרויעריגע געשעענישן אָבער פארלאָזט ער אין יאר
1921 רוסלאנד און קומט אָן קיין ווילנע, וואו ער ווערט אונטער באַ־
גייסטערטע אָוואציעס אויפגענומען פאר חזן אין „טהרת הקודש שול"
און שטייט דאָרט א צייט פון עטלאכע יאר מיט גרויס כבוד, גיט
אַרויס א ווערק אונטערן טיטול „מנגינות ישראל" (אַ זאמלונג פון
זמירות און אַנדערע סקאַרבאָווע נגונם), איז דערנאָך א געוויסע צייט
אין לאָדז (וואו ער טרעט אויף מיטן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אַלס
סאָליסט אין אייניגע אָראטאָריעס) און א צייט אין ביאַליסטאָק און
קומט אָן אין אַפּריל 1925 קיין ליווערפּול, ענגלאנד, פאר אויבער־
קאַנטאָר פון דער צענטראל סינאַגאָגע.

ער גיט דאָ ארויס זיין בארימטן בוך „די מוזיק אין 19־טן
יארהונדערט" און קומט אין אויגוסט 1926 אָן קיין אַמעריקע, דאַוונט
מיט גרויס דערפאָלג אין די ימים הנוראים אין איינער פון די גרעסטע
שולן אין איסט ניו־יארק און ווערט אין יאנואר 1927 מיט גרויס
באגייסטערונג אויפגענומען אין דער בארימטער קאָנסערוואטיווער
קאָנגרעגיישן „שערי צדק" אין דעטראיט־מישיגען, וואו ס'עפנט זיך

פאר אים א ברייטע ארבעטס פעלד, ער ווערט דאָ דער דירעקטאָר פונם „הלוי געזאנג פאריין", דרוקט אָפּ עטלאכע פון זיינע לידער, וועלכע ווערן אויפגענומען פון דער מוזיקאַלישער וועלט מיט באַגייסטערונג, ער שטעלט דאָ אויך צונויף אַ חזנישן סידור אונטערן טיטול „תפלת נח ועבודת אליהו", וועלכער באשטייט הויפטזעכלאך פון קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון אייגענע און פון זיין בארימטן פאָטער, שרייבט א ריי ארטיקלען אין די אַמעריקאַנער אידישע ציי־טונגען, רופט ארויס אלגעמיינע באגייסטערונג מיט זיינע בארימטע ארטיקלען איבער „חזנים און חזנות" אינם „מאָרגן זשורנאל", גרינ־דעט דאָ א „הזמיר", האַלט אָפּ לעקטשורס איבער מוזיק און גיט דאָ אַרויס א נייעם בוך אונטערן טיטול „קולטור־טרעגער פון דער אידישער ליטורגיע", א קליינעם לעקסיקאָן פון חזנים און דיריזשאָרן פאר די לעצטע עטלאכע יארהונדערטער ביז דער קעגנווערטיגער צייט, שרייבט אויך ארטיקלען אינם לאָגדאָנער „עקספרעס", ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", ווילנער „טאָג", „קאַלישער לעבן" און נאָך אַנדערע.

יוסף סיני זאַלודקאָווסקי

א זון פונם וועלט בארימטן חזן הר' נח לידער, געבוירן אין קאַליש, איז זייער מוזיקאַליש און איז א גרויסער משכיל; באַזיצט א פענאָמענאַלע טענאָר שטימע; שפילט גוט פּיאַנאָ, האָט געענדיגט מיט א אויסצייכענונג די בערלינער קייזערלאכע קאָנסערוואטאָריע, קאָמפּירט נאָך, אַלס חזן, זיין בארימטן פאָטער, איז געוועזן חזן אין בערלין און איז זינט 1927 אויבערקאַנטאָר פון דער נייער צענטראַל סאנאַגאָגע אין גלאזגוי, (סקאָטלאנד) וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד.

יעקב זאָלודקאָווסקי

א זון פונם וועלט בארימטן קאַלישער חזן הר׳ נח לידער. גע־בוירן אין קאליש, זייער מוזיקאַליש, א שיינער העברייער און משכיל, שפּילט גוט פּיאַנאָ, פארמאָגט א זיסע לירישע טענאָר שטימע און זינגט מיט אַ זעלטענעם פארטראג. געענדיגט די ראסטאָווער קאָנסער־וואטאָריע אין 1918 און האָט שפּעטער שטודירט אין דער בערלינער רעגירונגס קאָנסערוואטאָריע. געווען חזן אין ברעסלוי און האנאָווער. זינט אויגוסט 1926 אויבערקאַנטאָר פון דער אָקספאָרד סטריט סי־נאַגאָג אין גלאזגוי (סקאָטלאנד) און איז אַלזייטיג באליבט און גע־אכט.

יעקב זאנענקלאר

געבוירן אין עסטרייך, ווייזט ארויס אלס קינד פון 7 יאר אַ גרויסע נטיה צו מוזיק און געזאנג. זינגט ביי ברוך קאָנסטאַנטינער און הירשל ווײַנמאן אין טאַרנאָוו, זינגט דערנאָך אינם „מענדלסאָן מענער געזאנג פאריין‟ אין ווין אונטער דער לייטונג פון פּראפעסאָר וואָלף. שטודירט ביי פּראפעסאָר האַבעק און פּראפעסאָר זימערלינג, זיין ערשטע שטעלע אלס חזן איז געווען אין ראדאָמץ, בוקאָווינע (איצט רומעניע) וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד 4 יאר און ווערט אויפגענומען אלס חזן אין טשערנאָוויץ. פארבלייבט אָבער ניט אויפן דאָזיגן פּאָסטן, קומט אָן קיין שיקאגאָ אין דער קאָנגרעגיישן „דורשי טוב‟ און איז איצט חזן אין דער קאָנגרעגיישן „אנשי אמת‟. בא־זיצט א שיינע לירישע טענאָר שטימע מיט אַ שיינער קאָלאָראטור אין זייער באליבט און שטייט מיט גרויס כבוד.

מאיר זייפערט

געבוירן 1879 אין האָלישיץ, גאַליציע, ביי זייער פרומע עלטערן זינגט ביי ברוך שאָר אין לעמבערג, וואו ער ווערט באַרימט אלס „מאיר דער אלט", דערלערנט דאָ נאָטן און טאָנאַרטן. לערנט דערנאָך אין דער ישיבה און זינגט שפּעטער אלס טענאָר, ביים באַרימטן לייזערקע קראַקאָווער, ביי ברוך קאָנסטאַנטינער, ביי באכמאן אין בודאַפּעסט, לערנט דערנאָך ביי פּראָפעסאָר גענזבאַכער אין ווין. איז חזן: אין ווין אין פאלקערט טעמפּל, אין בוקארעסט, אין פּשעמישל. קומט אין 1920 קיין אַמעריקע, איז חזן: אין דער ספּרדישער שול אין באָראָ־פּאַרק, ניו יאָרק, אין בלויהיל עוועניו שול אין באָסטאָן און איז זינט אויגוסט 1927 אין שיקאַגאָ אין דער „עסטרייכיש־גאַליציאַנער קאָנגרעגיישן". איז אומעטום געשטאַנען מיט גרויס כבוד און איז זייער באַליבט אין שיקאַגאָ, באַזיצט א שיינע טענאָר שטימע, איז מוזיקאַליש און א „שליח צבור הגון".

משה יהושע זאיעץ

געבוירן אין 1885 אין סאווראַן, פּאָדאָליער גוב. געזונגען ביים שטאָטישן חזן און דערנאָך ביי שלום אנאניעווער, שפּעטער ביי שניאור קסינדסיאווסקי, ביי זיידל ראָווגער און ביי יוסף הירש קאָן אין פאוולאגראד, (געווען דאָרטן אויך חזן שני). שפּעטער חזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, א געוויסע צייט אין נאָווגאָראָד־וואָלינסק, באָריס־לאָוו, קאָנצערטירט און געדאַוונט אין פּעטערבורג, דאַוונט אין נאָזשיקס שול אין ווארשע, וואו די הונדערטער מתפללים און מנגנים זיינען געווען פול מיט התפעלות פון זיין מתיקותדיגן דאַוו־נען און שיינער לאַשטשענדיגער שטימע. איז דערנאָך חזן אין בער־דיטשעווער כאָר־שול, שפּעטער אין לעמבערגער טעמפּל 10 יאָר. געפינט זיך זייט 1921 אין אַמעריקע. געווען חזן אין באָסטאָן, 3 יאָר

אין קענעדע און איז די לעצטע 4 יאר אין טעמפל „בני אברהם‘‘ אין ניו יארק ניי דזשוירזשי (איינער פון די שענסטע טעמפלען) וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד און איז אלזייטיג באליבט.

שמעון זיידמאן

איינער פון די פּיאָנערן פון דער אַמעריקאַנער חזנות. געבוירן 1875 אין ווילאן (קורלאנד), וואו זיין פאָטער איז געווען דאָקטאָר, זינגט ביי ראזאווסקין אין ריגא, ביי סענדערן אין יעקאַטערינאָסלאוו, ביי שעכטערן אין קרעמענטשוג, ביי קלמן פּאָלטאַווער, ביי ברוך דוד קראנהויז און ביי קארעצקין אין כארקאָוו. געקומען 1894 קיין אַמע־ריקע, געווען חזן אין עטלאכע שולן אין באלטימאָר, 17 יאר אין דער „עץ־חיים‘‘ שול אין ניו יארק און איז די לעצטע עטלאכע יאר חזן אין דער „עטרת־ישראל‘‘ שול 82־טע סטריט, איז געווען איינער פון די גרינדערס פון חזנים פארבאנד און איז א טיכטיגער כלל־טוער ער איז ביי אלע קאָלעגן חזנים זייער באליבט און שטייט אויף זיין שטעלע מיט גרויס כבוד.

זאוול זילבערטס

דער פון גאָט באַגנאַדיגטער קינסטלער־קאָמפּאָזיטאָר זאוול זילבערטס, וועלכער האָט דורך זיינע קאָמפּאָזיציעס זיך געשאַפן אַ וועלט נאָמען, איז געבוירן געוואָרן 1881 אין קארלין, ביים באַ־רימטן חזן ר' ברוך הירש. צו 9 יאר דאַוונט ער שוין פארן עמוד. ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פאר זיין ממלא מקום, (ער איז דאַמאָלס אינגאנצן אלט געווען 15 יאר)

צו 18 יאר לערנט ער אין ווארשעווער קאָנסערוואטאָריע שטי־מע בילדונג, מוזיק־טעאָריע און פּיאנא־שפּילן. איז אין 1903 דיריזשאָר

פון באַרימטן לאָרזער ,,הזמיר''. שרייבט דאָ א ריי פון זיינע באַ־ רימטע קאָמפּאָזיציעס, דיריגירט אויך עטלאכע אָראטאָריעס און ווערט זייער באַליבט און פּאָפּולער. פון 1906 ביז 1914 דיריזשאָר פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע, נאָכדעם ווידער אין לאָדז ביז 1920 דיריזשאָר פונם ,,הזמיר''. קומט דערנאָך קיין אַמעריקע און איז מוזיק דירעק־ טאָר פונם כאָר פון מיטגלידער פון חזנים פארבאנד. שרייבט א ריי פארכישופנדיגע קאָמפּאָזיציעס, דיריגירט עטלאכע געזאנג פאראיינען און איז באַליבט און געאַכט אין אלע אידישע מוזיקאַלישע קרייזן.

משה זאַרניצקי

געבוירן אין באַלטע, פּאָדאָליער גוב. ביי א חסידישער פאַ־ מיליע, לומדים מופלגי תורה, זינגט אַלס אלט ביי די חזנים: אברהם הארענשטיין, אברהם שאכעט, שלום אנאניאוווער און שפּעטער ביי משה בער קרוטיאנסקי, ביי וועמען ער איז אויך געווען חזן שני, זארניצקי באנוגנט זיך אָבער ניט מיט דער פראקטישער חזנות. ער לערנט האַרמאָניע ביי פּאָליאַקאָוון, זינגט אויך א צייט ביי די חזנים שמעון צבי האַלפּערין, אברהם מינקאָווסקי אין כערסאָן, איז דערנאָך חזן אין אָדעס ,,אויפן פּערעספּ'' נאָכדעם אין דער שול ,,סיני'' אין ווארשע, וואו ער האָט אויך ווייטער שטודירט העברע־ מוזיקאלישע למודים, ווי אויך אלגעמיינע קולטורעלע פארשונגען. איז געווען זייער באַליבט אין ווארשע אלס מוזיקער, משכיל און זייער אינטעליגענטער מענטש. ער קומט אין 1905 קיין אַמעריקע, איז 8 יאר חזן אינם קאָנסערוואטיוון טעמפּל ,,שערי צדק'' אין דע־ טראיט מישיגען, אויך אין אַנדערע טעמפּלען אין און ארום ניו יארק און איז אומעטום געשטאַנען מיט גרויס כבוד, זייענדיג אלזייטיג באַ־ ליבט.

ח.

אברהם דובער האַרלאָפּ

באַרימט אונטערן נאָמען „בערעלע האַרלאָפּ". א זון פונם באַרימטן חזן יצחק יעקב האַרלאָפּ ז"ל, לערנט אין סלאָנימער און קרינקער ישיבהס ביי ר' זלמן סענדערן און שפעטער ביי ר' הירשל מייטשעטער אין סובאלק. געזונגען א צייט ביי זיין פאָטער, קומט דערנאָך קיין ווארשע און לערנט ביי חזן אליהו זאלודקאָווסקי און ביי פראָפעסאָר דזשוסטיניאני. פאָרט דערנאָך קיין אָדעס, זינגט ביי פיניע מינקאָווסקין און לערנט ביי נאָוואקאָווסקין. קומט דערנאָך אָן אלס חזן שני צו כאינאָווסקין אין מעליטאָפּאָל, איז דערנאָך חזן אין סוועציאַן, אין טאגאנראג, קאַזאַן, ניזשני-נאָווגאָראָד און ראסטאָווּ-דאָן. זייענדיג חזן אין טאגאנראג (וועלכע איז ביי אָנדערהאַלבן שעה וועג פון ראסטאָוו) איז ער 3 מאָל א וואָך געקומען קיין ראסטאָוו און נאָך א דריי יאריגן שטודיום פארענדיגט ער די ראסטאָווער קאָנסערוואטאָריע אלס „פרייער קינסטלער".

מיט 5 יאר צוריק איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און געפינט זיך די גאנצע צייט אין ניו יארק און איז איצט חזן אין איינער פון די שענסטע שולן אין בארא-פּארק (פריער איז ער געווען 3 יאר חזן אין דער „אמונת ישראל" קאָנגרעגיישן). איז זייער באַליבט ביי אלע קאָלעגן חזנים און שטייט מיט גרויס כבוד אויף זיין שטעלע.

חוץ וואָס חזן האַרלאָפּ איז א שיינער חזן מיט אַ ברייטער געשולטער דראמאטישער טענאָר שטימע, איז ער גוט מוזיקאליש און איז א שיינער משכיל, זיין „קרוץ מחומר" און זיינע לידער „פון יאריד" און „זיי געזונט", וועלכע ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסגעגעבן (פאר שטימע מיט פּיאנא) זיינען מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן אין אַלע חזניש-מוזיקאַלישע קרייזן.

דוד האסמאן

געבוירן 1888 אין מאָנאסטירשטשינע קיעווער גוב. דערצויגן געוואָרן אין א חסידישער סביבה, געלערנט ביי די בעסטע מלמדים, געזונגען אלס אלט ביי די היימישע בעלי תפלה און געלערנט די ער־שטע יסודות פון מוזיק ביים דיריזשאָר פנחס עמערמאן. אלס טע־נאָר געזונגען ביי חזן שניאור קסענדזאָווסקי און זיך פארפולקאָמט אין מוזיקאַלישער בילדונג ביים באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר און דירי־זשאָר שלמה בראסלאַווסקי, געווען חזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, הו־לייפּאָליע, פון 1911 ביז 1923 אין בעלין, זינט 1923 אין אַמעריקע און זינט 1924 חזן אין קאָנגרעגיישן „בני ישראל" אין עלענטאון פא.

בערעלע חגי

די חזנות פונם פאפולערן חזן חגי הויבט זיך אן פון זינגען בײ זיין פאָטער, דעם דאַגרער חזן. ער האָט אלס קינד געשמט אַלס „דער רעזשיצער אינגעלע". צו 8 יאר דאַוונט ער שוין פארן עמוד, זינגט דערנאָך ביי ראזאָווסקין אין ריגא און ביי ראבינאָוויטשן אין דווינסק. צו 18 יאר ווערט ער חזן אין סמאָלענסק, קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז 5 יאר חזן אין דעטראיט, 4 יאר אין באָסטאָן און די לעצטע צייט אין ניו יארק אין דער „עדת ישראל שול", וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד און איז זייער באליבט.

הזן חגי באזיצט א שיינע טענאָר שטימע מיט אַ שיינער קאָ־לאָראטור און האָט מיט זיין דאַוונען אומעטום גרויס דערפאָלג.

ט.

יעקב טעפּער

געווען דיריזשאָר ביי יאנקעל סאָראקער, גרויסער מנגן. אָנגעשריבן א ריי שיינע קאָמפּאָזיציעס אין מאָדערנעם סטיל, געווען אויך דיריזשאָר אין יעליסאוועטגראד ביי טובי' האָכמאן און איצט חזן אין קיִעווער געגנט.

אהרן טוירנער

געבוירן אין פּאָגרעבישטשע, נעבן בערדיטשעוו. זינגט אַלס סאָפּראַן ביי חזן ראבינאָוויטש אין נאווארידאָק, פארפולקאָמט זיך ביי אים אין נאָטן לייענען און לערנט אין דער אָרטיגער ישיבה, זינגט דערנאָך ביי בנציון אַפּענדיק אין לידא, וואו ער זינגט סאָפּראַן און דיריגירט דעם כאָר, זינגט דערנאָך ביי ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו איז שפּעטער כאָר־דיריגענט אין זשיטאָמירער כאָר־שול און לערנט זיך אין דער דאָרטיגער מוזיק־שולע. מיט 2 יאר שפּעטער ווערט ער דיריזשאָר אין בערדיטשעווער כאָר־שול. ער קומט דערנאָך קיין ווין, איז 3 יאר דיריגענט אין פּוילישן טעמפּל (וואו מאיר שאָר איז געווען דער חזן) און לערנט חזנות מיט אַ סך יונגע לייט (וועלכע זיינען איצט בארימטע חזנים), איז דערנאָך 6 יאָר חזן אין ווין אין 13־טן באַצירק (היטצינגער טעמפּל). אָנגעשריבן אַ סך קאָמפּאָזיציעס (לכל השנה), קומט 1921 קיין שיקאַגאָ, וואו ער האָט פאַרנומען עטלאַכע שטעלעס און האָט זיך פאר דער צייט דערוואָרבן זייער א גוטן נאָמען אַלס מוזיקער, חזן, פּובליציסט און ועל כולם אלס א משכיל א בר אורין און א מעורב בדעת עם הבריות.

י.

משה יאמפאָלסקי

חזן שטראמבערגס אַ איידים, שיינע טענאָר שטימע און גוטער דאַוונער. געווען חזן אין בערדיאַנסק, אין אָדעס און נאָכדעם אין דער רעמעסליענער שול אין ראָסטאָוו=דאָן. לעצטנס אין פּאָלטאַווע.

בנציון יפה

געבוירן 1894 אין שצוצין ווילנער גוב. האָט געזונגען 5 יאָר ביים אָרט'גן חזן, גלייכצייטיג געלערנט ביי די בעסטע מלמדים. געווען חזן אין פילאַדעלפיע, שפּעטער אין ניו=יאָרק אין פאַרשיידענע קהלות און זיך דערוואָרבן אַ שיינעם נאָמען אלס שליח צבור הגון.

פּנחס יאסינאָווסקי

געבוירן 1886 אין ראָמאַנאָווקע, קיעווער גוב. אין אַ חסידישער פּאַמיליע, ביז צו 14 יאָר געלערנט אין חדר. זינגט דערנאָך ביי מינ=קאָווסקין אין כאָר, קומט צו 20 יאָר קיין פּעטערבורג, לערנט ביים בארימטן קאָמפּאָזיטאָר צעזאַר קיו=אי אין דער קייזערלאַכער קאָנ=סערוואַטאָריע, זינגט גלייכצייטיג און דיריגירט דעם כאָר אין כאָר=שול, פּארענדיגט 1915 אלס ,,פרייער קינסטלער'', איז א צייט אין פינ=לאַנד, פּאָפּולאַריזירט די אידישע רעליגיעזע און פאָלק מוזיק דורך לעקציעס און קאָנצערטן אין גרעסערע און קלענערע שטעט פון סקאַנדינאַוויע ביי דער אונטערשטיצונג פון פּראפּעסאָר סימאָנסאָן און דעם כלל=טוער נאכמאנסאָן.

קומט 1917 קיין אַמעריקע וואו ער ווערט אויפגענומען פאר א

חזן אין דער אָרטאָדאָקסישער קהלה דער אידישער צענטר פון וועסט סייד, גיט זיך אָפּ מיט דער פּאָפּולאריזאציע פונם אידישן פאָלק־ליד. שרייבט א סך לידער און אויך ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס, פאַר־עפנטלאכט עטלאכע ארטיקלען איבער חזנות און אידישע מוזיק אין פארשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, נעמט אַ אקטיוון אָנטייל אינם חזנים פארבאנד, אין פארשיידענע אידישע געזאנג פאריינען און איז אלזייטיג באליבט.

יהודה ליב יעלסקי

געבוירן אין 1889 אין סלאָנים, זינגט אין זיין יוגנט און אויך שפּעטער ביי די חזנים מאָרגענשטערן, מענדעלעוויטש און גראוויטש, שטודירט אין דער ראסטאָווער קאָנסערוואטאָריע, געקומען 1909 קיין אמעריקע, געווען חזן אין פארשיידענע שולן, איז פאר די לעצטע 3 יאר געווען חזן פון קאָנגר. „נחלת צבי" אין הארלעם און איז איצט אין דער „אהבת ציון" קאָנגר. אין נוארק. באַזיצט א טענאָר שטימע, איז מוזיקאַליש און איז דער סעקרעטאַר פונם חזנים פארבאנד אין ניו יארק.

ל.

לאכמאן

לאנגיאריגער חזן פון יעקאַטערינאָסלאַווער כאָר־שול, נאָכדעם אין ריגא. איצט אין קאָוונער כאָר־שול, באַרימטער חזן מיט שיינער טענאָר שטימע.

יוסף לעווין

באריממער פיטסבורגער חזן. שיינער מנגן און משכיל, געבוירן אין פארשטאָט (ביי גראדנע) אין 1865, זיין פאָטער איז דאָרט געווען דער ראש השוחטים. ער זינגט דערנאָך ביי יאשע סלאָנימער, וואו ער דערלערנט אויך נאָטן

מיט 42 יאר צוריק קומט ער אָן קיין אַמעריקע און איז 15 יאר חזן אין טאלידא אהייא, און די לעצטע 27 יאר חזן אין דער קאָנסערוואטיווער געמיינדע „קאָנגרעגיישן עץ חיים" אין פיטסבורג פא, וואו ער איז זייער באליבט און געאַכט.

לואיס (אליעזר) ליפיץ

געבוירן אין סמילע רוסלאנד, שטאַמט פון א גרויסער יחוסדי־גער פאמיליע פון רבנים, חזנים און שוחטים, געווען איינער פון די בעסטע סאָפּראנס און האָט זיין ערשטע מוזיקאלישע דערציאונג באַ־קומען ביי זיין זיידן ר' יוסף ליב, וועלכער איז געווען בארימט פאר א גוואלדיגן מתפלל און איז געווען אין משך פון 43 יאר חזן אין דער ליטווישער שול אין סמילע (א שוואגער פונם ניט לאנג פארשטאָר־בענעם באריממן חזן און תלמיד חכם הר' יצחק יעקב האַרלאָפּ ז"ל און א פעטער פונם באריממן חזן ברעלע הארלאפּ). דערצויגן אין זיין זיידנס סביבה, ביי וועלכן ער האָט אויך א צייט געזונגען און איינגע־זאַפּט אין זיך דעם אַלטן טראדיציאָנעלן נוסח התפלה, זינגט דער קליינער אליעזר ביי די חזנים: ניסן בעלזער, משה קורעצקי, גאָנאָ־פּאָלסקי און אנדערע. ער שטודירט אויך מוזיק טעאָריע און האַר־מאָניע און דאָוונט אָפּט ביים עמוד ארויסרופנדיג אלזייטיגע התפעלות.

ער קומט אין 1908 קיין אַמעריקע, איז חזן אין עטלאכע שולן און די לעצטע 15 יאר חזן פון דער קאָנסערוואטיווער געמיינדע

,,עדת ישראל'' אין בראנקס, ניו יארק, האָט אָנגעשריבן הונדערטער רעטשיטאַטיוון, אויך פארשיידענע קאָמפּאָזיציעס. א סך קיינטיגע פראמינענטע חזנים זיינען זיינע געוועזענע תּלמידים.

חזן לואיס ליפיץ איז זייער א ענערגישער טוער און האָט זייער פיל אויפגעטאָן פארן חזנים פארבאנד, פון וועלכן ער איז די לעצטע עטלאכע יאר דער פרעזידענט.

ער באזיצט א שיינע באַריטאָן שטימע, איז גוט מוזיקאַליש און איז אלזייטיג באַליבט און געאַכט.

חיים ליב ליפּנער

אין די יארן 1904—1905 איז אין בערלין אין אלע מוזיקאַלי־שע קרייזן באוואונדערט געוואָרן דער פענאָמענאַלער טענאָר ,,ליפּ־נער'', וועמענס שטימע מ'האָט דאַמאָלס פארגליכן צו דעם בארימטן איטאַליענישן טענאָר ,,קארוזא'', און וועלכער איז אין 1907 אויפגע־טרעטן אין קאלמאר (עלזאַס־לאָטרינגען) אלס פּרעמיער־טענאָר אין די אָפּערעס: ,,אַאידא'', ,,טרובאדור'', ,,די אידין'' און נאָך אַנדער־מיט גרויס דערפאָלג. צוליב פאמיליען־ענינים אָבער און צוליב זיין שטאַרקער ליבע צום עמוד, ווארפט ער אוועק זיין גרויסע קאריערע און ווערט א חזן.

געבוירן אין לובלין (פּוילן) אין 1878, זינגט ער אלס קינד אין ווארשע אין דער טלאָמאַצקער שול, נאָכדעם ביי יאקאָוויקינען אין דער שאלאשאנער שול, אין אָדעס, קומט אָן אין 1901 קיין בערלין, שטו־דירט (אלס א פריי־שילער) ביי די פּראפעסאָרן אַלעקסאנדער היי־נעמאַן, זשואַן לוריע, ניקאָלאס ראטהמיהל, זינגט אין דערזעלבער צייט אין די שולן ,,עדת ישראל'', ,,ריקע שטראסע'' און ,,אָריאנענ־בורגער טעמפּל'', דאַוונט עטלאכע ימים נוראימס און רופט צו זיך ארויס אלזייטיגע התפּעלות, און נאָכדעם ווי ער גיט אויף זיין אָפּערן־קאַריערע קומט ער אָן קיין אַמעריקע; שטייט מיט גרויס כבוד א גע־

וויסע צייט אַלס חזן אין די ,,אַנשי אמת" קאָנגרעגיישן אין קליוו־לאנד נאָכדעם אין שיקאַגאָ אין די שולן ,,אנשי כנסת ישראל" און ,,ביהמ"ד הגדול" און איז זייער באליבט אין שיקאַגאָ אַלס שליח צבור הגון און אלס מענטש.

משה לעוו

געבוירן אין נאָוואָ-אוקראַינא, כערסאָנער גוב. ביי שטרייננג אָרטאָדאָקסישע עלטערן, זיין פאָטער ר' יעקב שלום איז געווען א גרויסער למדן און עסקן צבורי און זיין מוטער האָט אָפּגעשטאַמט פונם ,,תבואות שור", משהלע באקומט א שטריינג רעליגיעזע דער־ציאונג, ער זינגט שפּעטער ביי א חזן פון א שכנישער שטאָט און ווען ס'באווייזט זיך ביי אים א שיינע לירישע טענאָר שטימע פּאָרט ער קיין אָדעס און לערנט ביי פּראָפעסאָר וואַסילענקאַ שטימע בילדונג, איז דערנאָך געווען 10 יאר חזן אין דער ניקאָלאַיעווער גרויסער שול און 8 יאר אין ראסטאָוו אויפן דאָן און איז דאָרט געשטאַנען מיט גרויס כבוד. ער קומט אין 1913 קיין אַמעריקע, איז געווען חזן אין דער קאַלוואַריער שול און 5 יאר אין ראטשעסטער ניו יארק, אין דער רוסישער שול ,,בני יעקב" אין ניו הייווען 3 יאר, שטייט איצט מיט גרויס כבוד אין דער ,,תפארת ישראל" שול אין ברוקלין, ניו יארק.

לעאָ ליאָוו

איינער פון די פּייאָנעערן־דיריזשאָרן אין אייראָפּע און אמעריקע איז, אָן ספק, דער מיט וועלט רום געקרוינטער לעאָ ליאָוו.

געבוירן אין 1878 אין וואָלקאָוויסק גראָדנער גוב. ביי זייער בכבודיגע עלטערן, באַקומט ער זיין ערשטע מוזיקאַלישע יניקה ביים

דאָרטיגן שטאָט־חזן דעם באַרימטן הר׳ נח לידער. זינגט נאָכדעם אין ביאַליסטאָק ביי יעקב בערמאַן. אין 1899 אַבסאָלווירט ער די וואַרשע־ווער קאָנסערוואַטאָריע, איז דערנאָך 5 יאָר דיריזשאָר (צוזאַמען מיט חזן סיראָטע) אין דער ווילנער שטאָט שול, וואו ער שרייבט א ריי אינטערעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס און זיין נאָמען ווערט, צוליב זיין ענערגישער טעטיגקייט אלס מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר און באַזונדערס צוליב די סך דערפאָלגרייכע קאָנצערטן, אומעטום דערמאָנט מיט כבוד.

ליאָוו איז דערנאָך א געוויסע צייט דיריזשאָר אינם בוקאַרעסטער טעמפּל און קומט אָן אין 1908 אַלס דיריזשאָר אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע, דאָ געפינט ער פאַר זיך א ברייטע ארבעט פעלד און אַנטוויקלט זיינע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן צו דער העכסטער מדרגה, דער כאָר ווערט אַלזייטיג באַוואונדערט. ליאָווס נאָמען קלינגט אָפּ ווייט איבער גאַנץ אייראָפּע, ער ווערט אנערקענט פאַרן פייאיגסטן סינאַגאָגע־דיריזשאָר.

ער ווערט דאָ מוזיק־דירעקטאָר פונם „הזמיר“, שרייבט א ריי כאָר־געזאַנגען און פאָלק־לידער און א טייל פון זיי ווערן אָפּגעדרוקט אינם ניי געגרינדעטן פאַרלאַג „ניגון“.

ער באַזוכט צוזאַמען מיט חזן סיראָטע אין 1913 אַמעריקע, וואו זיי טרעטן אויף מיט גרויס דערפאָלג אין פאַרשיידענע שטעט. אין 1920 קומט ער ווידער קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט חזן הערשמאַן, ער ווערט דער דירעקטאָר פונם באַרימטן פעטערסאָנער געזאַנג־פאַריין, (וועלכער דערגרייכט אגב, אונטער ליאָווס קינסטלערישער האַנט די העכסטע מדרגה פון קונסט). ליאָוו העלפט אויך ביים אָרגאַניזירן דעם נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד־כאָר אין ניו־יאָרק און דעם בראָנזווילער שובערט געזאַנג־פאַריין, (וועלכע ווערן דערנאָך ביידע פאַראייניגט).

פאַר די לעצטע יאָרן האַלט ליאָוו אָן די שטעלע פון א דיריזשאָר אינם טעמפּל „בית אל“ בארא פארק און דער כאָר ווערט פון אַלעמען באַוואונדערט, ליאָווס קאָמפּאָזיציעס, ווי סינאַגאָגאַלע אזוי

אויך וועלטלאכע, ווערן געזונגען אין דער גאנצער וועלט מיט גרויס דערפאָלג.

בנימין זרח לעוויט

געבוירן אין אזיאָר, גראָדנער גוב. זינגט אַלס אַלט ביים גאָס־טענינער חזן יעקב מילער און דערנאָך אין פערשטאָט ביים חזן יצחק מרדכי לאבאָוויטצקי, (וועלכער איז געווען א תלמיד פונם באַרימטן חזן הר׳ נח לידער) ער זינגט א צייט פון 5 יאר ביי יאָשען אין גראָד־נער שטאָט־שול וואו ער דערלערנט נאָטן און דערוועראַבט זיך גרויסע ידיעות אין דער טראדיציאָנעלער חזנות.

צו 17 יאר באווייזט זיך ביי אים א אנלאג, וועלכע אַנטוויקלט זיך שפּעטער אין א שיינער טענאָר שטימע, נאָך יאָשעס טויט זינגט ער א צייט אין סובאלק, וואו מ׳וויל אים חתונה מאכן פארן פאר־שטאָרבענעם חזנס א טאָכטער און גלייכצייטיג אויפנעמען פאר שטאָט־חזן, ער באשליסט אָבער צו פאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער זינגט ביי די חזנים מאנעוויץ און אלפערט, איז דערנאָך 1 יאר חזן אין דער רוסישער שול אין קליוולאנד, 11 יאר אין באפלא און איז פאר די לעצטע 3 יאר אין טעמפל עמנואל בארא פארק, וואו ער שטייט מיט כבוד.

אברהם יוסף לעווינסקי

געבוירן אין 1886 אין בלאשקי, קאַלישער גובערניע, אין איי־נער פון די שענסטע דאָרטיגע פאמיליעס. באקומט א שטריינג רע־ליגיעזע דערציאונג. שוין צו 6 יאר ציט עס אים צו מוזיק. זיין ריכ־טיגע קולטורעלע און מוזיקאַלישע דערציאונג הויבט זיך אָן פון זיין זינגען ביים באַרימטן חזן הר״ר נח לידער אין קאליש, וואו ער לערנט

אויך אינם בית המדרש ביי הרה״ג ר׳ שמשון אויערבאך זצ״ל, ער לערנט שפעטער אונטער אברהם בער בירנבוים אין זיין משענסטאָכאָווער חזנים־שולע מוזיק טעאָריע, האַרמאָניע און געזאַנג. זיין שטרעבונג צו מוזיק איז אָבער אַזוי גרויס, אַז ער באַנוגנט זיך ניט מיט די גרויסע ידיעות, וואָס ער האָט דערוואָרבן ביי בירנבוימען און פאָרט קיין ניקאָלאַיעוו, רוסלאַנד, וואו ער לערנט עטלאכע יאָר מיט גרויס התמדה אין דער דאָרטיגער קייזערלאכער מוזיק שולע, וועלכע ער פאַרענדיגט אין 1905 מיט א אויסצייכענונג.

ער איז דערנאָך חזן אין קאַשוי, אונגארן, וואו ער ווערט, דורך זיין ברייטער, גוט געשולטער טענאָר שטימע, שיינער אידישער תפלה און גוטן מוזיקאַלישן וויסן, באַלד באַליבט ביי זיין געמיינדע. הגם מ׳האָט אים פאָרויסגעזאָגט א גרויסן עתיד אלס אָפּערן זינגער, בלייבט ער אָבער געטריי זיין צוזאָג נאָך זיין חתונה צו זיין שווער ר׳ שמשון פיליצער ז״ל, א גרויסער אידישער געלערנטער, אַז ער וועט בלייבן א חזן, און זיך גענומען נאָכמער צו פאַרפולקאָמען זיך אין חזנות.

ער איז דערנאָך חזן אין דאמבאוואר און א געוויסע צייט אין בודאַפּעסט, זיין באַרימטהייט אָבער אלס ערשטקלאַסיגער חזן באַקומט ער אין דער גרויסער שול אין האַאַג, וואו ער איז געשטאַנען מיט גרויס כבוד אין א משך פון 6 יאָר.

חזן לעווינסקי איז זינט 1927 דער חזן פון דער גרויסער בית יהודא קאָנגרעגיישן אין מאָנטרעאַל, קענעדע, וואו ער איז זייער באַליבט, ער איז אויך זייער באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אַמעריקע מיט זיינע דערפאָלגרייכע דאַוונענס און קאָנצערטן.

משה לעווינסאָן

געבוירן אין ברעזינאַ, מינסקער גוב. שטאַמט פון א יחוסדיגער פאמילע. לערנט אין דער ברעזינער ישיבה תלמוד און פוסקים,

זינגט דערנאָך אין מינסקביים באַוואוסטן חזן ר' ישראל שאַוועלזאָן
טשלאַכע יאָר, ער דערלערנט דאָרט נאָטן, לערנט אויך העברייאיש
און אַנדערע אייראָפּייאישע שפּראַכן. קומט נאָכדעם קיין ביאַליסטאָק,
וואו ער זינגט ביי בערמאַנען און גיט אויך העברייאישע לעקציעס.
לערנט שפּעטער מוזיק און בילדעט אויס זיין שטימע אין אָדעס ביי
אַנטאָן ניקאָלאַיעוו. שטודירט אויך אַ געוויסע צייט אין דער פּעטער-
בורגער קאָנסערוואַטאָריע און ביי ווערארדין אין קיעוו.

זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין דער „העקערשער
שול'' אין אָדעס, דערנאָך 4 יאָר חזן אין נאָזשיקס שול אין וואַרשע
און קומט אָן נאָכדעם אין מינסק, וואו ער איז געשטאַנען 16 יאָר
מיט גרויס כבוד, ער איז אויך געווען אַ געוויסע צייט געזאַנג-פּראָפע-
סאָר אין דער מינסקער קאָנסערוואַטאָריע, איז אָפט אויפגעטרעטן
אין אָראַטאָריעס און אַנדערע קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג.

צוליב די טרויעריגע געשעענישן אָבער, איז ער געצוואונגען
צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און קומט אין 1922 קיין אַמעריקע, וואו ער
איז אָנגעקומען אַלס חזן אינם „שערי ציון סענטער'' אין בראָנקס,
האָט געשאַפן אַ סטודיע פאַר מוזיק און געזאַנג און האָט געוואונען
אַלזייטיגע אָנערקענונג. חזן לעווינסאָן האָט אויך געשריבן אַ סך אַר-
טיקלען אין פאַרשיידענע צייטונגען איבער חזנות און מוזיק, האָט
פאַרשיידענע זאַכן איבערזעצט אין העברייאיש און האָט אויך אָנ-
געשריבן אַ ריי קאָמפּאָזיציעס. די חזנות אין אַמעריקע מעג מיט אַזאַ
„שליח צבור'' שטאָלצירן.

משה יהודה לייבסאָן

געבוירן אין ניי קאָנסטאַנטין, קומט אַלס קינד מיט זיינע על-
טערן קיין אָדעס, זינגט ביי ראַזומנין, באַכמאַנען און דונאַיעווסקין,
באַזיצט דאַמאָלס אַ שיינע אַלט שטימעלע, מיט וועלכער ער קאָ-
פּירט שטאַרק די דערמאָנטע בארימטע חזנים, ראַזומני און באַכמאַן,

און ווערט אין זיין קרייז באַטראַכט פאַר א ,,וואונדער קינד". ער לערנט ביי דוד שעכטער און לייב סירקעס. ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער געווינט אלגעמיינע אַנערקענונג, איז א תּלמיד פון פּראָפעסאָר ענריקא דזשעני און די קריטיקער פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע לויבן אים שטאַרק. (איבערגעגעבן דורך דר. יוליוס ראָזענפעלד).

מ.

זיידל (ראָוונער) מאראגאווסקי

ר׳ יעקב שמואל מאראגאָווסקי, וועלכער איז באַקאַנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען ,,זיידל ראָוונער" איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1856 אין ראַדאָמישל (קיעווער גובערניע), וואו ער האָט אין זיין קינדהייט איינגעזאַפּט אין זיך די געפילפולע הימלישע נגונים פונם שטאָטישן חזן דעם באַרימטן משה שפילאַנסקי. ער האָט זיך אויך אָנגעהערט און אליין מיטגעזונגען פאַרשיידענע חסידישע מאָטיוון אין דער מאַקאַראָווער קלויז, אין וועלכן ער האָט ביז צו זיין 16-טן לעבנסיאָר געלערנט.

זיין חזנישע קאַריערע הויבט זיך אָן מיט א ימים נוראימדיגע תּפלה, וועלכע ער האָט אויפן באַפעל פון רבין הר׳ יעקב יצחק טווערסקי געדאַוונט אין דער ראַדאָמישלער-מאַקאַראָווער קלויז און מיט וועלכער ער איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער אומגעגנט פאַרן בעסטן בעל תּפלה.

ער דאַוונט דערנאָך 5 ימים נוראימס אין קיעוו, וואו דער, דאַמאָלס באַרימטער, פידל-שפּילער אהרן פּאָדהוצער פּאַראַינטערעסירט זיך מיט זיידלען און לערנט מיט אים נאָטן לייענען.

אין יאר 1881 קומט ער אָן אלס חזן אין זאַסלאַוו, מיט א יאר שפּעטער ווערט ער אויפגענומען **אלס חזן אין ראָוונע (פון** וואַנען ס׳שטאַמט זיין נאָמען ,,זיידל ראָוונער"), מיט 3 יאר שפּעטער

ווערט ער אויפגענומען אַלס ניסן בעלזערס ממלא מקום אין קישי־נעוו, וואו ער פארבלייבט ביזן יאר 1896. פון קישינעוו קומט ער אַן אין דער בערדיטשעווער שטאָט־שול, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד 7 יאר.

ער ווערט דערנאָך ארויסגערופן אין דער שול „מחזיקי הדת" אין לאָנדאָן, וואו ער איז מרעיש עולמים מיט זיינע וואונדערלאכע תפלות און כאָר געזאנגען, ער קומט דערנאָך אָן פאר חזן אין לעמ־בערג, וואו ער פארבלייבט 7 יאר אין דער פארשטאָטישער שול, קומט אויפן פארלאנג פון דער ראוונער קהלה אין יאר 1911 צוריק קיין ראוונע, וואו ער געפינט זיך עד היום.

זיידל ראוונער, וועלכער איז דער שטאַלץ פון דער אַלטער טראדיציאָנעלער חזנות, האָט אָנגעשריבן א וועלט מיט קאָמפּאָ־זיציעס און רעטשיטאַטיוון, פאר חזן מיט כאָר און מיט אָרקעסטער־באַגלייטונג, הונדערטער באַרימטע חזנים און דיריזשאָרן זיינען תלמידים און מ'וואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד די דערשיינונג פון זיין „אוצר הנגינה", וועלכער דאַרף בקרוב אָפּגעדרוקט ווערן און וועלכער וועט, ווי מיר גלויבן, מיט זיך פאָרשטעלן אן אמתן אוצר פון רעליגיעזער־מוזיקאַלישער קולטור און קונסט.

שלמה צבי מאריס

געבוירן אין מערץ 1891 אין רייגראַד, לאָמזער גוב., שטאַמט פון ר' משה חריף זצ"ל. לערנט ביי די בעסטע גמרא־מלמדים און זינגט ביים אָרטיגן חזן, וואו ער דערלערנט נאָטן לייענען און שפּע־טער אויך שחיטה. באַקומט קבלהס פון הרה"ג ר' יואל זעליג זאל־קינד זצ"ל און פון הרה"ג ר' כתריאל זצ"ל פון יאגוסטאָוו, ער קומט דערנאָך אָן פאר א תלמיד צום באַרימטן חזן אברהם בער בירנבוים אין טשענסטאָכאָוו און ווערט זיינער א תלמיד מובהק. ער קומט דערנאָך אָן אלס חזן אין פינפקירכען (אונגארן) אלס ממלא

מקום פונם באַרימטן חזן קאַרניאָל. דאָרט באַפריינדעט ער זיך מיטן באַרימטן מוזיקער און דירעגענט ישראל גאָלדשטיין (אַ גאָלד-מעדאַ-ליסט פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע) און ער לערנט זייער א סך ביי גאָלדשטיינען סיי אין אַלגעמיינער מוזיק אַזוי גאָר באַזונ-דערס די מאָדערנע חזנות. ער קומט דערנאָך אָן אלס מאלי גאָלד-שטיינס שטעל-פאַרטרעטער אין שטיינאַמאַנגער (אונגאַרן), וואו ער שטייט 6 יאר אַלס אויבערקאַנטאָר מיט גרוים כבוד. אין 1920 קומט ער אָן אַלס חזן אין דער בראַדער שול אין מאַנשעסטער (איינגלאַנד) און געפינט זיך איצט אין ליווערפּול (איינגלאַנד).

חזן מאָרים איז, חוץ שיינער, מאָדערנער חזן מיט א שיינער געשולטער באַריטאָן שטימע, זייער מוזיקאַליש, אויך אַ בר אוריין און גרויסער משכיל. ס'איז א כבוד פאר דער חזנות אין איינגלאַנד צו האָבן אים פאר איינעם פון אירע פאָרשטייערס. — איז ער טאַקע דורך אַלע קאָלעגן זייער געאַכט און ביי אַלע וואָס קענען אים זייער באַליבט.

רפאל מעלאמעדאוו

גרויסע טענאָר שטימע, געווען חזן ביי די קצבים אין קיעוו, נאָכדעם אין מאַריופּאָל, ניקאָלאַיעוו און מאָסקווע (וואו ער האָט שטודירט אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואַטאָריע) און איז איצט חזן אין אַנטווערפּן.

משה אביגדור מיטעלבערג

באַרימטער חזן, גרויסער אימפּראַוויזאַטאָר. זייער פּאָפּולער און באַליבט מיטן אָפּהיטן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נוסח התפלה. זיין לירישע טענאָר שטימע, וועלכע איז אייננ פאַרבונדן מיט א

שיינער פיאנאָ און באזונדערס זיין געשליפענע קאָלאָראַטור, האָבן תמיד פארכשופט זיינע הערערס. צו זיין זעכציג יאריגן יובילייאום דערשיינען איצט א סעריע פון זיינע געשאַפענע רעטשיטאַטיוון, וועל־כע זיינען אָריגינעל און אייגנאַרטיג, ער געפינט זיך, כמעט אלע יאָרן, אין לאָדז, (פוילן). איז ארומגעפאָרן אין פארשיידענע לענדער און האָט אומעטום געהאַט דערפאָלג מיט זיין דאַווגען און מיט זיינע קאָנצערטן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1868 אין פראגא ביי ווארשע.

שבתי מיסאָנדזשניק

געבוירן אין ביאליסטאָק. די ערשטע מוזיקאלישע דערציאונג באקומען אין כאָר פון דער „אידישער קונסט", אונטער דער לייטונג פון פסח קאפלאן, וואו ער זינגט א ריי יארן באס און איז סאָליסט. נאָכדעם זינגט ער אין בערמאַנס כאָר, האָט חתונה מיט בערמאַנס א טאָכטער, לערנט ביי זיין שווער תפלה, פאָרט נאָכדעם קיין קאַ־נאַדע, קומט אָן אין א שול אין מאָנטרעאל אַלס חזן און שטייט דאָרט מיט כבוד.

יעקב מילער

איז באקאנט געווען אין פוילן אונטערן נאָמען „יאנקל גאסטי־נינער". געבוירן אין סקידל גראדנער גוב. 1863, געלערנט אין זשעטל (צוזאמען מיטן וועלטבארימטן חזן ר' נח לידער), געזונגען ביי די חזנים: יעקב סקידלער, שמואל משה וואשילישקער און מאיר לידער. מיטן לעצטן ארומגעפאָרן אויף קאָנצערט נסיעות, ער לערנט זיך אויס שחיטה און איז דערנאָך חזן־שוחט אין ראדזעיעווא (1 יאר) אין איניעווע (7 יאר) און אן ערך פון 28 יאר אין גאסטינין (אליץ

אין פוילן). אין 1921 קומט ער קיין אַמעריקע און איז זייט דאַ־מאָלס שוחט אין דעטראיט מישיגען.

ס'איז כדאי דאָ איבערצוגעבן א עפיזאָד פון דער צייט פון זיין לערנען אין דער זשעטלער ישיבה. ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן בחו־רימלאך פון דער ישיבה און דער באוואוסטער חזן ר' נח לידער, וועל־כער האָט אויך דאַמאָלס געלערנט אין זשעטל, האָט מיט זיינע חברים איינגעזונגען עטלאכע זאכן ספּעציעל פאר א סיום צו א מסיכתּא און יאנקעל גאסטינינער איז דאַמאָלס געווען איינער פון די מיטזינ־גערס.

מנחם מענדעלעוויטש

איינער פון די בארימטסטע חזנים אין פוילן, שיינע טענאָר שטימע, גוט מוזיקאליש, שפּילט אויך פידל, געווען חזן אין סלאָנים, באָבּרויסק און נאָך אַנדערע שטעט און איז פאר די לעצטע 20 יאר אין ווארשע.

יעקב מייסאַן

געבוירן אין ליפּאָוויץ, פּאָדאָליער גוב., אין 1894. געלערנט ביי זיין פאָטער ,,שמעון דעם חזן'' פון ווינניצא, געזונגען אלס קינד ביי ראזומנין אין אָדעס, שטודירט שטימע בילדונג ביי די פּראָפעסאָרן יאפּפע און בערג, הארמאָניע און חזנות ביי: ביימאַל, ווייססער, שווארץ און זילבערטס, געווען חזן אין: טעמפּל איזראעל אין וויל־קעסבארי, אין ,,בית שלום'' אין פילאדעלפיע, אין דזשואיש סענטער אין האבאקען ניו דזשוירזי און איז איצט חזן אין דער ,,עדת ישו־רון'' אין באָסטאָן, וואו ער האָט געגרינדעט א חזנים שולע און איז סעקרעטאַר פונם חזנים פארבאנד.

מאיר מאכטענבערג

פאַרנעמט זייער אַ חשובן אָרט צווישן די שול־דיריגענטן. האָט קינדווייז געשמט אַלס מאירל סאפראן. געבוירן 1884 אין ווילנע, זינגט אַלס קינד ביים ווילקאָמירער חזן משה חיים פעלדמאן, דערנאָך ביי סיראָטען אין ווילנער שטאָט־שול און שפּעטער ביי פּאָטשומאָק; אין לידע, ביי וועמען ער דערלערנט די ערשטע יסודות פון דער מו־זיק־קונסט.

צו 17 יאר קומט ער קיין אַמעריקע, ער דיריגירט ביי די חזנים: קאַמינסקי, רוטמאן, שטיינבערג, מייזעלס, ראַפּאָפּאָרט, אַ צייט אין טעמפּל בית אל בארא פּארק און ווערט בארימט פאר איינעם פון די פייאיגסטע און באַגאַבטעסטע דיריגענטן. זיינע אויפטרעטונגען אין דער מעטראָפּאָליטן אָפּערע הויז (אין אַ קאָנצערט) און אין נאָך אַנ־דערע ערטער האָבן אים געשאַפן אַ גרויסן נאָמען און ער איז זייער פּאָפּולער.

יעקב מרגלית

איינער פון די שטריינגסטע אָפּהיטערס פונם קלאַסישן סינאַ־גאָגאַ געזאנג איז, אָן ספק, דער באַליבטער און פּאָפּולערער דירי־גענט יעקב מרגלית, וועלכער איז אן איידים פונם באוואוסטן חזן „שלום אנאניעווער‟ און שטאַמט פון אַ זייער בכבודיגער פאַמיליע פון משכילים און געלערנטע. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין 1892 צו חזן קופער. איז דערנאָך געשטאַנען מיט די גרעסטע חזנים אין פארשיידענע קהלות, האָט אַ סך געלערנט פונם בארימטן מוזי־קער און דיריגענט לעאָן קרעימער, האָט געהאָלפן גרינדן עטלאַכע געזאנגס פאַריינען. געווען דיריגענט פון „הלוי‟ און פונם מענדעל־סאָן־כאָר אין ניו־יארק און שטייט די לעצטע צייט צוזאמען מיטן

באַרימטן חזן דוד רויטמאַן אין איינער פון די שענסטע שולן אין ניו יאָרק.

ישעי׳ מייזעלס

איינער פון די באַרימטסטע חזנים פון זיין צייט איז געווען חזן ישעיהו מייזעלס. געבוירן אין וואַרשע, זינגט קינדורייז ביי די חזנים עקיבא אפטער, רפאל טשענסטאָכאָווער און לייזערקע לאָדזער. זינגט טענאָר ביי גריצהענדלערן אין וואַרשע, ביי בוגאַשן אין קאָוון, ביי ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו און איז דערנאָך חזן אין אָדעס אין טעפּליצקים שול, דערנאָך דאָרט אין דער העקערשער שול, שפּע־טער אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

קומט דערנאָך קיין אַמעריקע און איז מרעיש עולמים מיט זיין ריזיגער טענאָר שטימע, איז א צייט חזן אין פאַרשיידענע שולן אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ. איז געווען אין 1910 דער סאָליסט פונם חזנים קאָנצערט און געפינט זיך לעצטנס אין ניו־יאָרק.

יוסף מאַרגענשטערן

איז איינער פון די באַרימטעסטע חזנים אין אייראָפּע און איצט אין אמעריקע. געבוירן אין אומאַן, באַקומט א שטריינג רעליגיעזע דער־ציאונג, ווייזט ארוים שוין קינדורייז א נטיה צו מוזיק און געזאַנג. ווערט צו 22 יאָר חזן אין דער „מלביש ערומים״ שול אין אָדעס, דער־נאָך אין דער יעקאַטערינסקע שול, שפּעטער 7 יאָר אין סובאַטאָוויץ, 12 יאָר אינם לעאָפּאָלדשטעטישן טעמפּל אין ווין, איז אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל, קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז א צייט חזן אין דער ספרדישער שול בארא פּאַרק, און איצט חזן אין פילאַדעלפיע.

חזן מאָרגענשטערן באַזיצט א שיינע טענאָר שטימע, איז גוט מוזיקאַליש, א שיינער משכיל און אלזייטיג באַליבט און געאַכט.

אברהם מוזיקאַנט

געבוירן 1889 אין האַדאַרקאָף קיעווער גוב., געלערנט אין דער תלמוד תורה, געהאַט א שיינע אַלט שטימע און געזונגען ביי זיידל ראַוונער. נאָכדעם אין קיעוו אין בראָדסקים שול סאָליסט, שפּעטער ביי שמאי דעם חזן אין זשיטאָמיר, טענאָר געזונגען אין טראָסטפּאָל און ביי אברהם קאַלעכניק אין אָדעס. געלערנט ביי פּראָפעסאָר שאַץ מוזיק, און גראַדואירט אין בערלין און האַמבורג (דייטשלאַנד) מיט דערפאָלג. דערנאָך חזן אין פילאַדעלפיא און אַנדערע שטעט און איצט חזן אין ניו יאָרק, פאַרפאַסט עטלעכע קאָמפּאָזיציעס.

בנציון מעלאַדראָווסקי

געבוירן 1877 אין טשערנאַווקא, פּאָדאָליער גוב., שטאַמט פון רבנים, חסידים און לומדים מופלגים. זיין פאָטער איז געווען א שו״ב און בעל תפלה, פון זיין פריסטער יוגנט ציט עס אים צו מוזיק. זיין ערשטע מוזיקאַלישע באַפרידיגונג האָט ער אָבער ערשט באַקומען ביים רבֿ׳ס איידים א יונגערמאַן א חזן און בעל כשרון און דערנאָך דורך בירנבוימס בריף. ער הויבט שוין דאַמאָלס אָן שרייבן קאָמפּאָזיציעס. ער לערנט דערנאָך שחיטה ביים באַרימטן שוחט ר׳ משה ראַבאַוונע, האָט חתונה פאַר זיין גרויסטענער טאָכטער און ווערט דערנאָך חזן שו״ב אין באַלטע, כערסאָנער גוב. ער לערנט דאָ פלייסיג תלמוד און פוסקים, באַקומט סמיכה אויף רבנות און אַנטוויקלט זיין חזניש־שעפערישן טאַלאַנט אָנשרייבנדיג א ריי רעטשיטאַטיוון און

קאָמפּאָזיציעס. ער איז זיך אויך מתעסק בצרכי צבור און ווערט זייער פּאָפּולער אין דער גאנצער אומגעגנט.

ער איז ביי זיין קהלה אַזוי באליבט, אז ווען דער אָרטיגער רב איז נפטר געוואָרן, ווערט ער זיין ממלא מקום. ער לעבט אָבער דורך שרעקלאכע רדיפות אין דער גאנצער צייט פון דער באָלשעוויסטישער ממשלה און טראגט איבער א זייער שווערן פּראצעס פאר מל זיין א קאָמוניסטישע קינד. ס'איז אים אויסגעקומען א סך צו קעמפן פארן שטאָלץ פון דער אידישער אמונה, ביז ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און געפינט זיך שוין דעם 2-טן יאר אין דעטראיט מישיגען, וואו ער האָט פאר דער קורצער צייט זיך דערווארבן זייער א שיינעם נאָמען און א גרויסע צאָל פאַרערערס.

חיים מילמאַן

געבוירן אין בריטשאן, בעסאראביע אין יאר 1893 (א זון פון יצחק דעם סופר) געזונגען ביים שטאָטישן חזן משה קיעווסקי, ביי לייב שאפּירא אין וויניצע, ביי פינקאָסעוויטשן אין טשערנאָוויץ. געוועזן 2 יאר חזן אין כאטינער כאָר-שול, 2 יאר אין באָקוי (רומעניע) 2 יאָר אין טשערנאָוויץ, קומט 1927 קיין אַמעריקע, איז געוועזן חזן אין ניו יארק אין דער ווארשעווער שול, און איז איצט אין דער פּועל צדק שול אין פילאדעלפיא, באזיצט א ליריש דראמאטישע טענאָר שטימע.

נ.

משה ניימאַן

געבוירן אין 1870 אין געוויץ אונגארן, זיין פאָטער ר' מאיר דער דאָרטיגער ש"ץ ושו"ב איז געווען א גרויסער משכיל און תלמיד

חכם, און ווען משהלע דערגרייכט זיין 11־טן לעבנסיאר שיקט אים זיין פאָטער קיין טאפאלטשאן אין דער דאָרטיגער ישיבה. ער זינגט גלייכצייטיג ביים דאָרטיגן חזן אבראמאָוויץ. ווען ס'אַנטוויקלט זיך זיין לירישע באריטאָן שטימע הויבט ער אָן אַליין צו דאַווענען ביים עמוד און מיט גרויס דערפאָלג. קומט 1889 קיין אמעריקע, איז עטלאַ־כע יאר חזן אין מקיספארט פא. 7 יאר אין דער „אגודת אחים" אין שיקאגע און פאר די לעצטע 23 יאר אין קאָנגרעגיישן „אהבת אַחים". חוץ חזנות א שיינער משכיל און גוטער העברייער.

אליעזר נאָוויק

געבוירן אין סאמאגאראדאק, קיעווער גוב., אין יאר 1895, געלערנט אין אָדעסער ישיבה; געזונגען ביי מאיר פיסאק אין בערדי־טשעוו און ביי משה שטיינבערג אין אָדעס, שטודירט אין ווין מוזיק און געזאנג, קומט אין 1913 קיין אַמעריקע, באזעצט זיך אין קליוו־לאנד, וואו ער דיריגירט אין עטלאכע שולן. אין 1920 קומט ער אָן פאר חזן אין באלטימאָר און איז פאר די לעצטע 7 יאר חזן אין קאָנ־גרעגיישן „עדת ישראל" אין וואשינגטאָן ד. ס. איז אקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע „מזרחי" און אַנדערע געזעלשאפטלאכע אינסטיטוציעס. באזיצט טענאָר שטימע, מוזיקאַליש, שרייבט פון צייט צו צייט אין דער אידישער און העברייאישער פרעסע איבער מו־זיקאַלישע און אויך נאַציאָנאַלע פראגעס.

ס.

שמואל ש. סיגעל

געבוירן 1893 אין אוזדאַ נעבן מינסק, א זון פון הרב שמעון סיגעלאוויטש, געלערנט אין מינסקער ישיבה און שטודירט מוזיק ביי

חזן לעווינסאָן, שטימע בילדונג ביי פּראָפעסאָר רובינשטיין און די קונסט פון חזנות ביי בירנבוימען אין טשענסטאָכאָוו. באַקומען סמיכה פון די רבנים: פיינשטיין, קאַנטאָראָוויטש, יצחק יעקב לעווין, יעקב מילמאן און הרב י. יאפפע, פון ניו־יארק. אין 1913 געקומען קיין אמעריקע, געווען רב און חזן אין פארשיידענע קהלות ווי: אגודת אחים אין פיטסטאן פא, אקטיוו אינם אידישן רעליעף קאמפיין און אינם ערשטן אידישן אמעריקאַנער קאָנגרעס. ענערגישער כלל טוער, געארבעט פארן „האיאס" פון 1918 ביז 1921 געווען רב און חזן אין נאָך פארשיידענע קהלות. רעדאַגירט אין 1923 דעם „טראמ־פעט". געווען אין סקענעקטאדי פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, איז עקזעקוטיוו סעקרעטאר פונם בית המדרש לתורה אין שיקאַגאָ און וויים פרעזידענט פון שיקאַגער אגודת החזנים. מחבר פון „מבוא לתורת הזמרה", איז זייער טעטיג אין פארשיידענע אָרגאניזאציעס אין שיקאַגאָ. באזיצט א גאנץ פיינע שטימע, דאַוונט שיין און איז אלזייטיג באליבט און געאכט.

אפרים ספעקטאָר

געבוירן אין פּאָדאָליער גוב. געווען חזן אין נאָוואוקראַינקע, נאָכדעם אין סמארגאָן און איז א צייט געווען אין ראסטאָוו אויפן דאָן געפינט זיך איצט אין אפריקע.

מרדכי סאכער

געבוירן 1879 אין רזשעשאָוו, פוילן, באַקומט א גוטע אידישע און וועלטלאכע דערציאונג, געזונגען אלס סאפראן ביי יעקב הארא־וויטץ (ברוך שאָרם שטעל פאטרעטער) אין לעמבערג, זינגט שפּעטער ביי חזן ליב בלומענקראנץ, ביי בוימאן, נאגלער און ביי פראכטענ־

בערגן, וואו ער האָט א סך געלערנט חזנות און מוזיק און אויך גוט אַנטוויקלט זיין דראמאטישע טענאָר שטימע. 1901 געקומען קיין אַמעריקע, געווען חזן אין פארשיידענע שטעט ווי: סינסינעטי, טאָראנטא, באָסטאָן און שטייט פאר די לעצטע 4 יאר אין קליוולאנד.

נתן סטאָלניץ

באריממער חזן און זשורנאַליסט, געבוירן 1893 אין אָסטראוו לאָמזשער גוב. שטאַמט פון א חסידישער פאמיליע, באַקומט א שטרייגג רעליגיעזע דערציאונג. לערנט אין דער מאַקאָווער ישיבה, זינגט ביים דאָרטיגן חזן. זיין תשוקה צו מוזיק פארשטאַרקט זיך פון טאָג, לערנט דערנאָך אין דער נאָוואָמינסקער ישיבה און קילט זיין דורשט צו נגינה דורך זינגען ביים רבינס טיש. ער איז אויך א קורצע צייט טיש־זינגער ביים גערער רבין, לערנט דערנאָך אין בריסק און אין ביאליסטאָק, זינגט ביי בערמאַנען אין דער ביאליסטאָקער כאָר שול. די השכלה באַוועגונג פון יענער צייט האָט געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אויפן 15 יאריגן נתן, וועלכער פאָרט קיין ווילנע, ווארפט זיך אריין מיט גרוים התלהבות אין די רייען פון דער שטודירנדיגער יוגנט, וואו ער דערווערבט גרויסע ידיעות אויף אלע געביטן פון דער אידישער און רוסישער קולטור.

צו 18 יאר שרייבט ער שוין א ריי אינטערעסאנטע ארטיקלען אין דער ווילנער אידישער און רוסישער פרעסע, ער שטודירט א צייט אין די ווילנער פעדאַגאָגישע קורסן, באפריינדעט זיך מיטן באריממטן חזן בערנשטיין, ביי וועמען ער לערנט זייער א סך טעאָרעטיש און פראקטיש, דאַוונט שפעטער אַלס זעלבסטשטענדיגער חזן אין פארשיידענע שטעט, געפינט זיך די לעצטע עטלאכע יאר אין קענעדע, וואו ער האָט פארעפנטלאכט א ריי אינטערעסאנטע אַרטיקלען אינם „קענעדער אדלער", „אידישן זשורנאל" און „דאָס אידישע וואָרט". איז אויפגעטראטן צוזאמען מיט זיינע טאַלאנטירטע קינדער

שמואל און שמעון אין א ריי קאָנצערטן און לעקציעס איבער גאַנץ קענעדע. איז איצט חזן אין דער קאָנגרעגיישן „בני יעקב" אין אטאַ-ווע, וואו ער פירט אָן א גרויסע און אינהאַלטסרייכע טעטיגקייט אויף אַלע געביטן פון קונסט און קולטור, האָט אויך געגרינדעט א „הזמיר". גרייט זיך בקרוב אויפצופירן זײַנע א פיעסע. איז אַלזייטיג באַליבט.

שלום סעקונדא

איינער פון די באַקאַנטסטע דיריזשאָרן, געבוירן 1894 אין אַלעקסאַנדראָווסק, כערסאָנער גוב. דערצויגן געוואָרן אין ניקאָלאַיעוו ביי חשובע בעלי בתּישע עלטערן, וויזט קינדווייז ארויס א גרויסע נייגונג צו מוזיק. זיין פאָטער גיט אים א מוזיקאַלישע אויסבילדונג צו 12 יאר חזנט ער זיך שוין, מאַכט א טור איבער פארשיידענע רו-סישע שטעט און דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז געווען אזוי גרויס, אז ס'האָט געשאַפן א מעגלאַכקייט פאַר דער גאַנצער משפּחה אויס-צוואַנדערן קיין אַמעריקע, דאָ טרעט ער אויך אויף אַלס חזנדל און שאפט זיך אַ גרויסן נאָמען.

כדי זיך צו פארפולקאָמען אין מוזיק, שטודירט ער אינם מו-זיקאַלישן אינסטיטוט פון דער קאָלומביא יוניווערסיטי און הויבט אָן דערנאָך שאפן קאָמפּאָזיציעס פאַר דער ליטורגיע און פארן אידישן טעאַטער, מיט וועלכע ער דערווערבט זיך א שיינעם נאָמען אַלס פאַכמאַן און איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פייאיגסטע אידישע דיריזשאָרן אין לאַנד.

גרשון סיראָטע

דער מיט וועלטרום געקרוינטער חזן גרשון סיראטע האָט זיין חזנות אָנגעהויבן אין איינער פון די בעסערע שולן אין אָדעס. ער

קומט אָן קיין ווילנע, וואו ער איז 8 יאר חזן אין שטאָט־שול און ווערט דערנאָך אויפגענומען פאר אויבערקאַנטאָר אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע, וואו ער שטייט 19 יאר מיט גרויס כבוד (12 יאר צוזאמען מיטן באַרימטן לעאָ ליאוו). ער פאָרט פאר דער צייט ארום אויף קאָנצערט נסיעות איבער גאַנץ מזרח־ און מערב־אייראָפּע אויך אַמעריקע און דערוואַרבט זיך א וועלט־נאָמען סיי מיט זיין ריזיגער ברייטער טענאָר־שטימע, אזוי אויך מיט זיין הייסן טעמ־פעראַמענטפולן זינגען און דאַווענען. זיין באַרימטקייט האָט זיך אָנ־געהויבן פונם פאָנאָגראַף — און דערנאָך גראַמאָפאָן — רעקאָרדס און זיין יעדער אויפטריט, ווי אין אייראָפּע אזוי אויך אין אַמעריקע איז א גרויסער דערפאָלג.

ליב סאָקאָלאָווסקי

באַקאַנטער דיריזשאָר, חזן און קאָמפּאָזיטאָר, געבוירן אין זשעטל, גראָדנער גוב. זיין מוזיקאַלישע יניקה ציט זיך פון זיין זינגען עטלאכע יאר אלס אלט ביים באַרימטן חזן ר׳ נח לידער, ביי וועמען ער האָט אויך שפּעטער געזונגען אלס באַס־באַריטאָן און אויך דירי־גירט. ער לערנט פידל שפּילן ביים באַרימטן פּראָפעסאָר טויבע אין לאָדז, איז טעטיג אויך אינם אידישן טעאטער, שרייבט א ריי אינטע־רעסאַנטע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, טרעט אויף אין פאַר־שיידענע שטעט אלס חזן, פארנעמט א ריי אָנגעזעענע שטעלעס אלס דיריגענט און איז ביי דער איצטיגער צייט דער כאָר דיריגענט פון דער ווילקער שול אין לאָדז, וואו ער איז אלזייטיג באַליבט. ער האָט אויך געוואונען דעם ערשטן פּריז ביי דעם קאָמפּאָזיציע־קאָנטעסט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פראנקפורט אויפן מיין אין לעצטן יאָר.

יעקב יוסף סימאנהאָף

געבוירן 1881 אין ראסיין, קאָוונער גוב. געזונגען אלס סאָפּראן ביי אברהם ראסיינער, א קורצע צייט אויך ביי קופּערן אין ווילנע, צו 22 יאר אָנגעקומען אלס חזן שו"ב אין א קליינע שטעטל, וואו ער איז פארבליבן 9 יאר. אין 1893 געקומען קיין אַמעריקע, איז געווען 8 יאר אין אַטלאנטא, נאָכדעם 20 יאר אין טשארלסטאָן ס"ק, די לעצטע 8 יאר געפינט ער זיך אין ניו יארק, אָנגעשריבן אַ ריי מעלאָדישע קאָמפּאָזיציעס, האָט אויך פארעפנטלאכט א קליינעם העפט „שירי הלל" פאר קאַנטאָר און כאָר.

ע.

ברוך עלמאַן

באַרימטער חזן, גרויסער אידישער דאַוונער, שיינע לירישע טענאָר שטימע; געווען חזן: אין טאַראסטאָל, אין פּראוואזנער שול אין ניקאָלאיעוו, אין קופּיעצעסקער שול אין קיעוו. די לעצטע יאָרן איז ער אין אָדעס.

אהרן עלפאנד

געבוירן 1896 אין בענדער, בעסאראביע, באקומט ער ביי זיין פאָטער (א איד א למדן) א גוטע דערציאונג און לערנט ביי די בעסטע מלמדים. אַלס קינד געהאָט א שיינע סאָפּראן שטימע, זינגט ביי פארשיידענע חזנים, באקומט זיין ערשטע מוזיקאַלישע דערציאונג ביי יוסף עדעלמאן אין אָדעס אין דער קירזשנערשער שול, לערנט דערנאָך אין דער קאָנסערוואטאָריע אונטער פּיניע מינקאָווסקים לייטונג מוזיק

און שטימע בילדונג, לערנט אויך ביים איטאַליענישן פּראָפעסאָר מינאַטיען, איז דערנאָך 2 יאר חזן אין טעפּליצקים שול אין אָדעם 4 יאר אין קרעמענטשוג, א געוויסע צייט אין: קישינעוו אין דער אכער שול, ווילנער שטאָט שול, ווארשעווער טלאָמאַצקע שול. די לעצטע 2 יאר חזן פון דער נייער שול אין מאַנשעסטער איינגלאנד, וואו ער איז זייער באַליבט.

פ.

אהרן פרידמאַן

דער באַוואוסטער בערלינער חזן און מוזיקער אהרן פרידמאן איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1855 אין שאַקי, ער געפינט זיך זייט 1878 אין בערלין, וואו ער האָט שטודירט אין קאָנסערוואטאָריע. זינט 1882 אויבערקאַנטאָר פון דער בערלינער אידישער געמיינ־דע. אין 1907 האָט ער באַקומען דעם טיטול „קעניגלאכער מוזיק די־רעקטאָר". ער האָט אָנגעשריבן א ריי ליטורגישע און זייער וויכטיגע מוזיקאַלישע ווערק, אויך אַ חזנישן סידור „שיר לשלמה" און א בוך אין 3 טייל מיטן נאָמען „לעבנסבילדער בעריהמטער קאַנטאָרען" און נאָך א סך אַנדערע. פארנעמט נאָך ביי היינטיגן טאָג די אויבער־קאַנטאָר שטעלע אין דער סינאַגאָגע היידרייטער גאס אין בערלין.

משה פּאָלאָנסקי

אָריגינעלער אידישער דאַוונער, געוועזן חזן אין אלעקסאנדריא, וויניצע, איינגעלאדן צו דער עפענונג פון דער רוסיש־פּוילישער שול „רי דע פּאווע", קיין פּאריז. געוועזן אין אמעריקע און דערנאָך אין קיעוו אין דער קופּיעצעסקער שול און אנדערע.

אהרן פוקסמאַן

געוועזן חזן אין באכמוט, דערנאָך אין ווארשע אין „סיני'', שפּע־טער אין אנטווערפּן און לעצטנס אין גלאזגוי סקאָטלאנד. שיינער זינגער מיט שיינער ברייטער באריטאָן שטימע.

מנחם מענדל פּעסין

געבוירן אין פּאָלאָצק (וויטעבסקער גוב.) געזונגען אלט ביי שפּילאָנסקין אין ביאליסטאָק, ביי ראזומנין אין אָדעס און ביי רא־בינאָוויטשן אין דווינסק, געענדיגט קיעווער קאָנסערוואטאָריע. שיינע געשולטע באריטאָן שטימע, מוזיקאַליש. געווען 19 יאר חזן אין בראדסקים שול אין קיעוו. געפינט זיך איצט אין אַמעריקע.

יהודה פּערלמוטער

געוועזענער חזן פון קאָוונער כאָר־שול, זייער מוזיקאליש, שיינע באַריטאָן שטימע, פון קאָוונע אָנגעקומען קיין לאָנדאָן (איינגלאנד) און געפינט זיך איצט אין פאריז.

יוסף חיים פּישקעס

געבוירן אין ווילנע אין 1884, געלערנט אין ישיבה, געזונגען ביי פּיניע מינקאָווסקין, געלערנט ביי א. ב. בירנבוים, און שפּעטער ביי פּראפעסאָר מאזעטי אין מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע, אויפגע־טרעטן אַלס אָפּערן־זינגער אין מאָסקווע, אָדעס און טיפליס, געווען חזן: אין זאוועלס קלויז אין ווילנע, אין זיילען סטריט שול אין ריגע,

2 יאר אין שיקאגא, פאר דער לעצטער צייט אין לאס אנדזשעלאס אין: ת"ת קאנגרעגיישן 2 יאר, אין טעמפל ,,בני אמונה" 2 יאר און איצט אין קאנג. בית ישראל. שטאמט אפ פון חזנישער פאמיליע, באזיצט לירישע טענאר שטימע מיט א שיינער קאלאראטור.

יעקב יהודה פרעס

געבוירן 1875 אין פיקעלן, קאוונער גוב. קינדרווייז געזונגען ביים שטאטישן חזן ,,שלמה דער קלוגער" (יאשע סלאנימערס שווער) זינגט דערנאך ביי ראבינאוויטשן אין ליבוי, וואו ער פארבלייבט ביז זיין 19=טן לעבנסיאר, האט די גאנצע צייט געלערנט אלגעמיינע למודים און גאר באזונדערס מוזיק טעאריע און הארמאניע. לערנט אויך שפילן אויפן פידל, און דאוונט דערנאך מיט דערפאלג אין עט= לאכע שטעט. ער קומט דערנאך אין אמעריקע, געווען חזן אין פילא= דעלפיא, באלטימאר, ניו יארק, דעטראיט און אנדערע שטעט. אומעטום געשטאנען מיט גרויס כבוד, ער באזיצט א שיינע טענאר שטימע און געפינט זיך איצט אין ניו=יארק.

מאיר פאזנער

באריםטער דיריזשאר און קאמפאזיטאר, געבוירן 1892 אין פלאצק, פוילן, באקומט א שטרייגנ רעליגיעזע דערציאונג, לערנט תלמוד און העברייאיש. די עלטערן ווילן אים מאכן פאר א רב, צו זיין 15=טן לעבנסיאר עמיגרירן זיינע עלטערן קיין איינגלאנד, וואו ער שטודירט מוזיק אין דער גילדהאל=קאנסערוואטאריע און באקומט אין 1914 זיין דיפלאם, ער איז דערנאך דיריזשאר אין דער ,,דיוקס פלעים" סינאגאג און דיריגירט דעם ,,הזמיר" און דעם לאנדאנער ארבעטער רינג כאר. ער שרייבט דא זיין אפערעטע ,,עזרא ונחמיה",

וועלכע ווערט אויפגעפירט מיט דערפאָלג. ער קומט קיין אמעריקע, ווערט דיריגענט פון ארבעטער רינג כאָר, שאַפט א סך ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס אויך פאָלקס לידער, פארפאסט א ,,האַרמאָניע-בוך" אין אידיש, שרייבט אָן א ריי אַנדערע מוזיקאַלישע שאפונגען און איז ביי היינטיגן טאָג פארערכנט פאר איינעם פון די אָנגעזעענסטע אידישע מוזיקער, פאר איינעם פון די פּייאָנסטע אידישע דירי-זשאָרן אין אַמעריקע.

אשר פּערלצוויג

א זון פון באַוואוסטן קרעמעניצער חזן ר' רפאל פערלצווייג, געבוירן אין קרעמעניץ וואָלינער גוב. (רוסלאנד) דעם 16-טן דע-צעמבער 1875. זינגט קינדווייז ביי זיין בארימטן פאָטער, שטודירט דערנאָך מוזיק אין דער ווינער קאָנסערוואטאָריע און אין דער לאָנ-דאָנער ראיעל אַקאַדעמי אָף מיוזיק און איז זינט 1896 חזן אין לאָנ-דאָן (7 יאר אין דער וויינקארט שול און די לעצטע 26 יאָר אין דער פינסבורי פארק סינאַגאָג). איז 11 יאָר געווען דער מוזיק דירעקטאָר פונם לאָנדאָנער חזנים-כאָר, פון וועלכן ער איז אויך געווען דער גרינ-דער, האָט אָנגעשריבן א ריי ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס אויך פאר-שיידענע לידער און איז אלזייטיג באַליבט און געאַכט.

מאיר פּאמיז

געבוירן 1890 אין וויטעבסק, רוסלאנד, זינגט סאפּראן ביי די חזנים: מאסטאָוו און גלושאק אין וויטעבסק, ביי ראזאָווסקין אין ריגע, ביי ראבינאָוויטשן אין דווינסק, ביי גריצהענדלערן און זארניצקין אין ווארשע. דאַוונט אינגלווייז מיט א אייגענעם איינגעשטודירטן כאָר אין פארשיידענע שולן אין ווארשע, לערנט אין דער ווארשעווער קאָנ-

סערוואטאָריע און אויך פּריוואט ביי בענסמאנען, קיפּניסן און ביי זאוול זילבערטס. איז דערנאָך דיריגענט און טענאָר ביי רוטמאַנען און ביי יוסף הירש כהן. שטודירט א געוויסע צייט אין מאָסקווע, קומט דערנאָך צוריק קיין ווארשע, וואו ער איז א לייגגערע צייט חזן אין דער שול אויף פּיענקנא גאַס, איז א מוזיק לערער אין פארשיי־דענע שולעס און איז זייט 1921 חזן אין גלאזגוי, סקאָטלאנד. אין דער מלחמה צייט איז ער געווען איינער פון די גרינדערס און סעקרע־טאר פונם ווארשעווער חזנים פארבאנד און איז אין גלאזגוי אויך טעטיג אין דער ציוניסטישער באוועגונג, איז דער האָנאָר־סעקרע־טאַר פון „מזרחי" און שטייט דאָרט מיט כבוד.

שלמה פוקס

געבוירן אין 1896 אין סוואליאווא, טשעכאָסלאָוואקיע, געזונ־גען ביי חזן אייבעשיץ אין אוהעל, אונגארן, ביי חזן וואָלפגאנג אין מישקאָלץ, ביי זיידל ראוונער אין לעמבערג און ביי בראווערמאַן אין מונקאַטש. לערנט אונטער הרה"ג ר' מאיר טענענבוים אין דער ישיבה אין פּוטנאַק (אונגארן) איז דערנאָך חזן אין קארשוי, קומט אין 1921 קיין אַמעריקע, איז 8 יאר חזן אין בעיאָן (ניו דזשורזי) איז איצט חזן אין „קהלת ישראל" קאָנגרעגיישן אין באָסטאָן, בא־זיצט א שיינע באריטאָן שטימע, איז מוזיקאַליש און דאַוונט מאָדערן־אידיש, האָט אָנגעשריבן א ווערק רעטשיטאַטיוון לכל השנה, אויך 20 רעטשיטאַטיוון מיט אָרגל באגליטונג און דאָס גלייכן.

מרדכי פיינזינגער

געבוירן אין אָדעס אין 1881, געזונגען ביי ראזומנין און געווען ביי אים 3 יאר חזן־שני אין שאלאשנער שוהל, שטודירט ביי קלימאָוון

אין אָדעס און ביי גאָבעלן אין פעטערבורג, קומט 1905 קיין אַמערי־קע, געוועזן חזן 4 יאָר אין ת״ת בית אברהם דבראָנקס, 5 יאָר אין סיאַטל וואַשינגטאָן, 4 יאָר אין „שערי צדק שול" אין סט. לואיס און נאָך אַנדערע, באַזיצט טענאָר שטימע.

יוסף פעלדין

געבוירן אין וואַרשע אין 1887, געזונגען ביי סיראָטען און אל־יעווסקין אין וואַרשע, ביי זיידל ראָוונער אין לעמבערג, געוועזן חזן אין דעברעצין (אונגאַרן) שטודירט 2 יאָר אין קלויזענבערגער קאָנסער־וואַטאָריע, קומט 1921 קיין אַמעריקע, איז 6 יאָר חזן אין באַלטימאָר און געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק, באַזיצט טענאָר שטימע.

ק.

אלתר יחיאל קאַרניאָל

חזן קאַרניאָל איז געווען א שם דבר צווישן די בארימטסטע חזנים פון דער 2־טער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט און האָט זיך נאָך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין ברייטער, ריזיגער שטימע און מתיקותדיגער אייננאַרטיגער תפלה.

געבוירן אין יאָר 1855 אין דזיאַלעשיץ, קעלצער גובערניע, האָט ער אין זיינע קינדער יאָרן געזונגען ביי די בארימטע חזנים: משה לויצ־קער, יחזקאל וויטמאַן און פסח כאַטינער. ער האָט דערנאָך אָן חזנות שטעלעס אין: סאָבאָטקא, מישקאָלץ, גראָסוואַרדיין און פינף־קירכען (אַלץ אין אונגאַרן). ער קומט דערנאָך אָן אין דער „אוהב צדק" שול אין ניו יאָרק, וואו ער פאַרבלייבט 5 יאָר, פאָרט קיין אָדעס, וואו ער איז

געשטאַנען ביז נאָכן באַרימטן פּאָגראָם און קומט צוריק קיין אַמע־ריקע, וואו ער איז אין לעצטן יאָר געשטאָרבן.

זבולון (זאַוול) קוואַרטין

איינער פון די פּאָפּולערסטע חזנים, וועלכער איז געוואָרן וועלט־באַרימט דורך זיינע אייגנאַרטיגע און אָריגינעלע גראַמאָפאָן־רעקאָרדס, איז זאַוול קוואַרטין. געבוירן אין 1874 אין נאָוואָ־אַרכאַנגעלסק, כערסאָנער גוב. און הגם ער האָט פון קינדוויז אָן געהאַט א גרויסע נטיה צו מוזיק און געזאַנג, האָט ער זיך אָבער ביז צו זיין 21־סטן יאָר אָפּגעגעבן בלויז מיט מסחר אין זיין פאָטערס מאַנופאַקטור גע־שעפט. ערשט נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן טיכטיג צו לערנען מוזיק, ער לערנט שטימע־בילדונג ביי מעדוועדיעוון אין כאַרקאָוו און ביי ווערארדי און מאַטיאַס אין קיעוו. ער פאָרט דערנאָך קיין אָדעס צו נאָוואַקאָווסקין און נאָכדעם קיין ווין, וואו ער לערנט שטימע־בילדונג ביי פּראָפ. שטיינעדער.

אין יאָר 1898 נעמט ער איבער די פאַרוואַלטונג פון זיין פע־טערס געשעפט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און גלייכצייטיג איז ער חזן אין דער סאָלדאַטסקער שול. אין 1903 ליקווידירט ער דעם מאַנופאַקטור געשעפט און מאַכט חזנות פאַר זיין פּראָפעסיע. ער ווערט חזן אין דער שניידערשער שול, באַשליסט ער אָבער זיינע פייאיגקייטן מער צו אַנטוויקלען און פאָרט קיין ווין שטודירן. ער האָט שוין דאַמאָלס גע־האַט 4 קינדער און דעריבער האָט ער זיך, פון דער אים פאָרגעלייג־טער אָפּערן־קאַריערע אָפּגעזאָגט. ער ווערט חזן אין ווין אינם עליזאַבעט־טעמפּל, איז דערנאָך א קורצע צייט חזן אין פּעטערבורג און שפּעטער 10 יאָר אינם טאַבאַק טעמפל אין בודאַפּעסט.

ער קומט 1919 קיין אַמעריקע און שטייט 6 יאָר מיט גרויס כבוד אינם עמנואל טעמפּל באָראָ־פּאַרק. ער פאָרט דערנאָך קיין ארץ ישראל, וואו ער טרעט אויף מיט גרויס דערפאָלג. ער טרעט

אויך אויף אין אנדערע אייראָפּייאישע שטעט און קומט צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער פאַרנעמט איצט די חזנות שטעלע אין נואַרק ניו־דזשוירזי אין דער בריסקער שול.

קוואַרטין האָט מיט א קורצער צייט צוריק אַרויסגעגעבן א רע־פּרעזענטאַטיוון ווערק פון זיינע גראַמאָפאָן רעקאָרדס אונטערן טיטול ,,זמירות זבולון'', וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַ־גייסטערונג.

אליהו קרעטשמאר

געבוירן אין כאַמשעוואַטע, פּאָדאָליער גוב., זינגט ער קינדווייז ביי משה הובערמאַן, פאָרט דערנאָך ארום מיט לייב שאַפּירא אויף זיינע קאָנצערט נסיעות, זינגט דערנאָך אין בערדיטשעוו ביי ניסן בעלזער און ווען ס'אַנטוויקלט זיך ביי אים א טענאָר שטימע שטודירט ער ביי באַרימטע געזאַנג־לערערס.

צו 20 יאר ווערט ער חזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דערנאָך אין אָדעס, שפּעטער אין כערסאָנער כאָר־שול און צולעצט אין דער גרוי־סער שול אין אָדעס. ער קומט מיט עטלאכע יאָר צוריק קיין אַמע־ריקע, איז חזן אין דער ,,וואַשינגטאָן האיטס קאָנגרעגיישן'', זיין טאַלאַנט ווערט באַלד אַנערקענט און ער איז אלזייטיג באַליבט.

ראובן קאַזימירסקי

באַרימטער דיריזשאָר, געבוירן 1887 אין נעשוויז, מינסקער גוב., געזונגען ביי מאיר לידער, דערנאָך ביי שפּילאַנסקין אין ביאַ־ליסטאָק, א געוויסע צייט ביי פּיניע מינקאָווסקין. לערנט מוזיק אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, שפּילט פּיאַנאָ און קאָנטראַבאַס ווען ס'באַווייזט זיך ביי אים א באַריטאָן אנלאַג, לערנט ער שטימע־

בילדונג ביי דזשוסטיניאנין און זינגט גלייכצייטיג ביי דאַוויד־אָוויטש אין נאַזשיקס שול. ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַפּולער אַלס פּייאיגער דיריזשאָר.

שמואל קאָוועצקי

באַוואוסטער חזן און קאָמפּאָזיטאָר. פאַרפאַסט און ארויסגעגעבן צוזאמען מיטן בארימטן חזן יהושע וויסער א חזנישע ווערק אונטערן טיטול „שירה חדשה". געבוירן אין ווינקאָוויץ, פּאָדאָליער גוב. געזונגען ביי שלמה וואָלאָטשיסקער, אברהם קאַלעכניק, שמואל וויינמאַן און אַנדערע. שטודירט א צייט אין ווין, געווען חזן אין דראָהביטש און נאָכדעם אין טאַרנאָפּאָל (ביידע אין גאַליציע), געפינט זיך זינט 1913 אין אַמעריקע, פארנומען פּראָמינענטע שטעלעס, אומעטום געשטאַנען מיט גרויס כבוד און איז ביי אַלעמען זייער באַליבט און געאַכט.

שמואל קויפמאַן

געבוירן אין בריגעל (ברזשעסקאָ) נעבן טאַרנאָוו (גאַליציע) אין יאר 1890. איז א שוואָגער פונם בארימטן חזן יאָסעלע ראזנבלאַט, ביי וועמען ער זינגט קינדרוויז עטלאַכע יאָר און נאַשט פון אים זייער א סך אין תפלה, ער לערנט אויך א סך תפלה ביי זיין שווער, דעם באוואוסטן מתפלל ר' יודל שוחט פון בריגעל. באַזיצט א שיינע טענאָר שטימע און קאָפּירט שטארק נאָך זיין וועלטבארימטן שוואָגער. האָט געדאַווענט עטלאַכע ימים הנוראים אין ניו יארק און פילאַדעלפיע מיט גרויס דערפאָלג. די לעצע 5 יאר חזן אין קראָקוי (אַלס ממלא מקום פונם בארימטן קראָקאָווער חזן ר' לייזערקע קרעמעניצער), וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד.

יצחק שמואל קאַצמאַן

געבוירן אין הלוסק, מינסקער גוב., אין 1887. ווייזט קינדווייז שוין ארויס גרויסע פייאיגקייטן צו מוזיק, דאַוונט שוין אינגלווייזביים עמוד און ווערט מיט זיין זיסער אַלט־שטימעלע פון אַלעמען באוואונדערט, ער זינגט ביי מאיר לידער און דערנאָך ביי מענדל באָברויסקער, לערנט אין באָברויסקער ישיבה תלמוד און פוסקים, לערנט דערנאָך אין קיעוו ביים באַרימטן פראפעסאָר טשערלין שטימע־בילדונג און כדי להחיות נפשו זינגט ער אין דער שניידער־שער שול אויף פאָדאָל. ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז חזן אין פארשיידענע קהלות און שטייט די לעצטע צייט מיט גרויס כבוד אינם „פלעטבוש דזשואיש סענטער״. — חזן קאַצמאַן האָט א שיינע טענאָר שטימע און איז אויך א שיינער משכיל און מנגן.

דוד קאַצמאַן

פארמאָגט א פרעכטיגע לירישע טענאָר־שטימע מיט אַ אומגעוויינלאך שיינער קאָלאָראטור. געזונגען קינדווייז ביי חזנים, שפעטער זיך פארנומען מיט מסחר און נאָך דער מלחמה אַנגעקומען פאר א חזן אין ביאַליסטאָק אין דער גרויסער שול, וואו געדאַוונט מיט גרויס דערפאָלג. איצט חזן אין מאָנטרעאל, קאנאדע, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד. געמאַכט אויך א שטאַרקן רושם מיט א קאָנצערטן־טורנע אין די פאריייניגטע שטאַטן.

דוד קרומסקי

געבוירן אין באנאפאָליע, באזיצט א שיינע לירישע טענאָר שטימע. איז א שיינער אידישער דאַוונער, געזונגען ביי ראזומניין אין

דער שאַלאשנער שול אין אָדעס, וואו ער איז אויך געווען חזן־שני, געווען חזן אין מאַהילעוו פּאָד. נאָכדעם אין דער שאַלאשנער שול אין אָדעס און איצט אין דער שול אויפן נייעם מארק.

גרשון לפּידות קעניגסמאַן

געבוירן אין בוילניק (א שטעטל נעבן ווילקאָמיר) קאָוונער גוב. געלערנט אין ווילקאָמירער ישיבה ש"ס און פּוסקים און גלייכ־צייטיג געזונגען ביים ווילקאָמירער חזן און געלערנט דאָרט מוזיק, צו 22 יאָר אָנגעקומען פאר חזן אין באָגוסלאַווסק, ווילנער גובערניע און שטודירט דאָ די ווערק און שאַפונגען פון אלע גרויסע חזנים פון יענער צייט. 1903 געקומען קיין אַמעריקע, געווען חזן אין: בינג־האַמטאָן־ניו־יארק, בעיאָן־ניו דזשוירזי, וואו געשטאַנען 19 יאר מיט גרויס כבוד. זינט 1923 חזן אין דער „אגודת שלום" קאָנגרעגיישן אין דזשוירזי סיטי, אלזייטיג באַליבט.

יצחק קירכנער

געבוירן אין בריינסק, גראָדנער גוב. אין 1890, געלערנט אין בריסקער ישיבה און געזונגען ביים חזן. זינגט דערנאָך ביי מאיר פּי־סאַק אין בערדיטשעוו, און שפּעטער אין דער בראָדער שול אין אָדעס ביי פּיניע מינקאָווסקין. שטודירט דערנאָך אין דער פּעטערבור־גער קאָנסערוואַטאָריע, קומט אין 1914 קיין אַמעריקע און שטייט 8 יאר אַלס חזן אין דער שערי צדק שול אין האַרלעם־ניו יארק מיט גרויס כבוד. איז דערנאָך געווען 5 יאר אין „אשעאַן פּאַרקוועי סענ־טער" אין ברוקלין. א געוויסע צייט אין דער אונגארישער קאָנגרע־גיישן „אוהב צדק". שטייט איצט מיט גרויס כבוד אין דעם „היברוי אינסטיטוט אָף יוניווערסיטי הייטס".

חזן קירכנער האָט זיך שטריינג ביים רעפּערטואר פון זולצער, ווײנטרויב און גורעוויטש, זאָגט זעלטן 2 מאָל א וואָרט און באַהאַנדלט זיין פאך שיין און מיט דער געהעריגער ווירדע.

ברוך קאַמעניעצקי

ד'ער געוועזענער חזן פון ביעלאָצערקאָוו ברוך קאַמענעצקי באַזיצט א ברייטע ריזיגע באריטאָן שטימע, איז זייער בארימט אין רוסלאנד און פוילן אלס א ערשטקלאסיגער דאַוונער. לעצטנס געשטאנען אין גראדנע מיט גרוים כבוד

בנימין דוד קימעל

געבוירן אן קראסנאָסטאוו, וואָלינער גוב. געזונגען ביי ניסן בעלזער, ביי ראבעצן אין קרעמענטשוג און ביי זיידל ראווגער. געוועזן חזן אין פילאדעלפיא, באָסטאָן און איז זינט 1925 חזן אין פיטסבורג.

אברהם קאַנטאר

געבוירן 1889 אין לעגין (פּאָלעסיע), וואו זיין פאָטער ר' ישראל חיים איז געוועזן חזן שו"ב, אויך זיין זיידע איז געוועזן א באַרימטער חזן, זיין ערשטע מוזיקאלישע דערציאונג באקומט ער ביי זיין פאָטער, ביי וועלכן ער זינגט אויך אין כאָר. ער זינגט א צייט ביי משה בער קורטיאנסקי און ביי מאיר פיסאק אין יעליסאוועטגראד און בערדיטשעוו, שטודירט אין דער „אימפעראטאָרסקער אומילישטשע" אין יעקאַטערינאָסלאוו און אויך אין דער ווארשעווער קאָנסערוואטאָריע.

ער לערנט אויך אין דער סלאָנימער ישיבה און אין דער קצבישער קלויז אין ווילנע (וואו ער זינגט אויך ביי בערנשטיינען). ער זינגט א גרויסע צייט ביי רוטמאַנען אין פּאָלטאַווע (וואו ער איז אויך חזן-שני). איז דערנאָך חזן אין קאָלאָ, קאַלישער גוב. אין ביע-לאָצערקאָוו און נאָך אַנדערע שטעט. קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז א גרויסע צייט אין באָסטאָן אין דער ספרדישער שול נאָרד רא-סעל, אין ביהמ"ד הגדול אין פּיטסבורג און די לעצטע 7 יאר אין קליוולאנד אינם אידישן סענטער.

באזיצט א שיינע טענאָר שטימע, איז מוזיקאַליש און אלזייטיג באַליבט און געאַכט.

ס'איז כדאי איבערצוגעבן דאָ א אינטערעסאנטן עפּיזאָד: ווען קאַנטאָר איז נאָך אַ קליין קינד געווען, איז ער אמאָל צוזאמען מיטן פאָטער איינגעלאַדן געוואָרן צום פריץ אגארקאָוו פונם שטעטל, און האָט דאָרט מיט זיין שיינער אלט שטימעלע אזוי פארכישופט דעם פריץ און זיין פאמיליע, אז דער פריץ באשליסט קאַנטאָרן צו לאָזן מוזיקאליש אויסבילדן אויף זיין חשבון, אַגאָרקאָוו האָט זיין הבטחה מקיים געווען און האָט די גאנצע צייט פון זיין סטודיום אים אונטערשטיצט.

שניאור קסיענדזאווסקי

געבוירן אין א שטעטל אין קיעווער גובערניע, באזיצט א גרויסע און שיינע טענאָר שטימע און זינגט זייער שיין, איז געווען חזן אין: אָדעס, אומאַן און יעקאַטערינאָסלאַוו, לעצטנס איז ער אין בוקאַרעסט.

משה קוסעוויצקי

דער איצטיגער בארימטער חזן פון דער טלאָמאַצקער שול

אין ווארשע, וועלכער איז א תּלמיד מובהק פון חזן אליהו זאלודקאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1900 אין סמאַרגאָן, ווילנער גובּ. לערנט ביי זיין זיידן שלום שולמאן (דער קרעווער מלמד) אויך אין דער שטאָטישער עלעמענטאר שולע. צו 8 יאר זינגט ער ביים שטאָטישן חזן אפרים שלעפּאק און באוואונדערט אלעמען מיט זיין שיינער אלט שטימעלע.

אין 1915 פארלאָזן זיינע עלטערן מיט דער פאמיליע סמארגאן (צוליבּ דער מלחמה), געפינען זיך אין: מינסק, פערם, קונגאר, כארקאָוו און קומען דערנאָך קיין ראסטאָוו. דאָ האָט משהלע זיך באַקענט מיטן חזן אליהו זאלודקאָווסקי, וועלכער נעמט אים אריין אין זיין דעמאָלט נאָר וואָס געגרינדעטן „הזמיר געזאנג־פאריין", נעמט אם דערנאָך אריין אויך אין זיין כאָר (פון וועלכן ס'איז דאַמאָלס געווען דיריזשאָר דער איצטיגער דיריגענט פון דער טלאָמאַצקער שול דוד אייזנשטאַט). אין 1919 איז זאלודקאָווסקי מסדר קדושין אויף זיין חתונה (קוסעוויצקי האָט זיך מיט זיין פרוי באַקענט אינם „הזמיר", וואו זי איז געווען אַקטיוו אלס סאָפּראן זינגערין), זאלודקאָווסקי גיט זיך מיט אים אָפּ ווי מיט א אייגענעם ברודער, לערנט אים מוזיק, שטימע־בילדונג און חזנות. און ווען זאלודקאָווסקי קומט אָן אלס אויבערקאַנטאָר קיין ווילנע (אין טהרת הקודש) נעמט ער קוסעוויצקין מיט זיך און דאָ דערלערנט קוסעוויצקי, זינגענדיג אין כאָר און טאָגנדיג און נעכטיגנדיג ביים חזן, די יסודות פון דער חזנישער קונסט און הויבּט אָן נאָכצוקאָפּירן זיין רבין. די שטימע הויבּט זיך אָן ביי קוסעוויצקין אַנטוויקלען און זאלודקאָווסקי גיט אים תּמיד צו מוט צום ווייטערדיגן שטודיום אזוי, אז נאָך איידער זאלודקאָווסקי פאָרט אַוועק קיין ליווערפּול, איינגלאנד, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס אויבערקאַנטאָר אין דער צענטראל סינאגאָגע, ווערט קוסעוויצקיס שטימע פון אלעמען שוין באוואונדערט.

ער מאַכט זיין קאַריערע אלס חזן, איז א געוויסע צייט אין ווילנע אין זאוולס קלויז, איז דערנאָך חזן אין ווילנער שטאָט־שול און פארנעמט די לעצטע 3 יאָר די שטעלע פון אויבערקאַנטאָר אין דער טלאָמאצקער

שול אין ווארשע, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד און איז אלזייטיג באליבט, ער שטודירט איצט ווייטער געזאנג און מוזיק און ס'שטייט אים פאָר א גלענצנדיגער עתיד.

אהרן קריץ

געבוירן 1886 אין קרעמעניץ, וואָלינער גוב. געזונגען ביי זיין פאָטער ביז 14 יאר. צו 18 יאר קומט ער אָן צום חזן משה פראגער (משה עפשטיין) קיין לאָנדאָן, איינגלאנד, וואו ער איבערראשט אלע־מען מיט זיינע באַריטאָן סאָלאָס, איז דערנאָך חזן אין דער פלאָצקער שול, קומט 1915 קיין שיקאַגאָ, וואו ער איז 3 יאר חזן אין דער לי־באַוויטשער שול, 4 יאָר אין בית ישראל, ענגלוואוד און די לעצטע 8 יאָר אין דער בית יצחק שול אין אלבאני פארק. איז אלזייטיג באַליבט.

ר.

שלמה ראַבעץ

געבוירן אין מייטשעט גראדנער גובערניע. געווען חזן אין שאוולי, לובלין, בערדיטשעוו, כארקאָוו און ריגע; באַרימטער אידי־שער דאַוונער, איז איצט חזן אין יאָהאניסבורג, (אפריקע).

יוסף ראָזנבלאט

יוסף — אָדער ווי מ'רופט אים „יאָסעלע" — ראָזנבלאט, איז אָן ספק דער פּאָפּולערסטער חזן פון דער איצטיגער צייט. א געבוי־

רענער פון בעלאָצערקאָוו, באקומט ער זיין ערשטע קולטורעלע און מוזיקאַלישע דערציאונג ביי זיין פאָטער (א גרויסער מתפלל), ביי וועמען ער דערלערנט די ערשטע יסודות פון נגינה און איינזאפּנ־דיג אין זיך שפּעטער (ווען זיינע עלטערן האָבן זיך ארויסגעצויגן קיין סאדאגורא) די חסידישע נגונים, ווייזט ער קינדוויז פון 9 יאר שוין ארויס גאונות אין תפלה. זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין מונ־קאַטש, (אונגארן). פון דאָרט קומט ער אָן קיין פרעשבורג און די וועלט הויבט אָן צו קלינגען מיט „יאָסעלע פרעשבורגער". ער קומט דערנאָך אָן אין דער האַמבורגער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע (באַרן־פלאַץ), וואו ער שטייט 6 יאָר מיט גרויס כבוד. קומט אָן קיין אמע־ריקע אין דער אוהב צדק שול (אונגארישע געמיינדע) אין ניו־יארק, וואו ער שטייט מיט גרויס כבוד 10 יאָר און באַגייסטערט אַלע־מען מיט זיין וואונדערבארער שטימע און אָריגינעלער תפלה, איז היינט אין דער ספרדישער שול אין בארא פּארק און פאר דער צייט וואָס ער איז אין אַמעריקע איז זיין פּאָפּולאריטעט געוואקסן פון טאָג צו טאָג. איז אלזייטיג באליבט אַלס שליח צבור הגון און אדם חשוב. זייער פּאָפּולער זיינען זיינע פּראכטפולע גראמאָפאָן־רעקאָרדס. די סך רעסיטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער האָט ביז היינטיגן טאָג אָנגעשריבן און אויך געדרוקט, צייכענען זיך אויס מיט זייער סטיל אינם טראדיציאָנעלן אַלט־אידישן גייסט און נוסח.

יעקב ראַפּאָפּאָרט

א געבוירענער אין בעסאראביע אין 1890, ווייזט ער אלס קליין קינד שוין ארויס א נטיה צו מוזיק. צו 9 יאר קומט אָן זיין פאָטער הרב ר' ישראל ראַפּאָפּאָרט אלס רב קיין טשאָרטקאָוו (גאַליציע) און דאָ ביים טשאָרטקאָווערס טיש זאפּט דער קליינער יעקבל אריין אין זיך די חסידישע נגונים, אזוי ווי ער האָט שוין דאמאָלס געלייענט נאָטן, פארשרייבט ער די נגונים און זינגט זיי ביי יעדער געלעגנהייט,

וואָס ס'מאַכט אים זייער באַליבט ביי אַלעמען. ער זינגט ביים באַ־ רימטן חזן יצחק שקאָלניק אין סטאַניסלאַוואָ און לערנט אין דער דאָרטיגער ישיבה. צו 20 יאר קומט ער קיין אַמערקע און איז דירי־ גענט ביי חזן ישעי' מייזעלס. ער ווערט דערנאָך חזן אין קאָנגרעגיישן „בית ישראל", שפּעטער אין „בית אל" בארא פּארק, אין דער „עדת ישראל" אין האַרטפאַרד. ער פאַרנעמט דערנאָך עטלאַכע אַנ־ דערע שטעלעס אין ניו יארק (וואו ער געפינט זיך אויך איצט). האָט אָנגעשריבן א ריי וואונדערבארע רעטשיטאַטיוון, וועלכע ער גרייט זיך ארויסצוגעבן אין א ווערק. ער איז זייער טעטיג פארן חזנים פאַר־ באנד, פון וועלכן ער איז דער לעצטער עקס־פּרעזידענט.

ארי' ליב רוטמאַן

חזן רוטמאן איז ניט קיין געוויינלאכער חזן. ער איז א גאנצער חזנישער „חדר", זיינע תּלמידים זיינען באקאנט אונטערן נאָמען „פון רוטמאַנס חדר", זיינע פריינט און פארערערס אין דער גאנצער וועלט רופט מען „די רוטמאַניסטן"... אליין איז ער אַ אָריגינעלער אידישער דאַווגער מיט אַ שיינער טענאָר שטימע, אימפּראוויזירט און מאָדולירט גאנץ אייגנאַרטיג און איז געניאל אינם אלט־אידישן „שטייגער זאָגעכץ".

א תּלמיד פון די באַרימטע חזנים יואל זעליג פינסקער, ברוך דוד קערטשער און ר' נח לידער, האָט ער פון יעדערן צו ביסלאך געגנאַשט און האָט נאָך אַלס בחור באוויזן וואונדער אויפן געביט פון אידישער תּפלה, איז געווען חזן אין באָברויסק, סלאָנים, אָדעס: אין דער קצבישער שול, אין העקערס שול, אין דער נייער קליינמאן שול און קומט דערנאָך אַן אין קרעמענטשוג, וואו מ'האָט ספּעציעל פאר אים אויפגעבויט א שול אונטערן נאָמען „רוטמאַנס שול". מיט אן ערך 14 יאר צוריק איז ער געקומען קיין אַמעריקע, און האָט דאָ

פארנומען אין פארשיידענע שטעט די שענסטע שטעלעס. איז איצט חזן פון דער „הדרת ישראל״ שול אין באָסטאָן מאס.

דוד רויטמאן

איינער פון די שענסטע און מתיקותדיגסטע דאַוונערס איז אָן ספק דוד רויטמאַן, וועלכער קען מיט רעכט אָנגערופן ווערן דער „נעים זמירות ישראל״. געזונגען אלס אַלט ביים באַרימטן יעקב סאָ־ראקער אין אומאַן און דערנאָך ביי די חזנים ליב שאפירא און משה הובערמאַן, קומט ער דערנאָך אָן צו זיידל ראוונער און צו 20 יאר איז ער שוין א זעלבסטשטענדיגער חזן אין „די בלויע שול״ אין יעליסאַ־וועטגראד, מיט 2 יאר שפעטער אין פעטראווסק (קאַווקאז), דערנאָך א געוויסע צייט אין באכמוט, פון באכמוט קומט ער אָן אין ווילנער שטאָט־שול, דערנאָך קיין פעטערבורג אין דער גרויסער כאָר־שול.

צוליב דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אָבער, איז ער געצוואונגען צו פארלאָזן פעטערבורג, קומט אָן קיין אָדעס, דערנאָך אין בעסאראביע, געפינט זיך פאר די לעצטע 7 יאָר אין אַמעריקע, איצט חזן אין קאָנגרעגיישן שערי צדק (איינע פון די שענסטע שולן אין ניו יארק). און איז ביי אלעמען באליבט, סיי אלס ערשטקלאַ־סיגער חזן אזוי אויך אַלס אָדם חשוב.

חזן רויטמאַן איז זייער אָריגינעל אין זיינע מוזיקאַלישע שאַ־פונגען און זיינע רעטשיטאַטיוון, וועלכע ער האָט ביז איצט שוין אָנגעשריבן אין די צענדליגער, זיינען א קאָסטבאַרער בייטראג צו דער חזניש־ליטורגישער ליטעראטור. ער באמיט זיך לעצטנס צו שאפן א ריי מעלאָדיעס פאר קאָנגרעגיישאָנעל סינגינג און איז דערמיט שטארק פארנומען.

בנציון ראבינאָוויטש

איז פון זייער פיינער אָפּשטאַמונג, א גרויסער משכיל און באַזיצער פון א שיינער, לירישער טענאָר שטימע. געווען (נאָך מינקאָווסקין) חזן אין דער בראָדער שול אין אָדעס, איצט חזן אין אַנטווערפּן.

ראַבינקאָוו

נאָוואקאָווסקיס א תלמיד, גרויסער מוזיקער און פייאיגער דיריזשאָר, איז געווען דער דיריזשאָר און אָרגאניסט פון דער בראָדער געמיינדע אין אָדעס. איצט צוזאמען מיט חזן בן ציון ראבינאָוויטש אין אַנטווערפּן.

אליעזר דוד רייכלין

געבוירן אין מאָהילעוו אויפן דניעפּר אין 1879. געזונגען אַלט ביי משה בערלין, שפּעטער ביי מאיר לידער. האָט חתונה צו 22 יאר, זינגט דערנאָך ביי משה בערן אין יעקאַטערינאָסלאוו און לערנט מוזיק ביים דיריזשאָר שארעגאראדסקי. געווען דערנאָך חזן אין פּאָלטאַווע אין דער סאָלדאַטסקער שול (3 יאר), קומט 1908 קיין שיקאגאָ אַמעריקע. געווען 8 יאר אין דער „תפארת ציון" שול, 5 יאר אין דער „אגודת אחים נאָרד־שאָר" קאָנגרעגיישן און נאָך אַנדערע איז איצט אין דער „כנסת ישראל" שול, נאָרד־וועסט. אויף אַלע שטעלעס געשטאַנען מיט גרויס כבוד, שטענדיג אנטייל גענומען אין אַלץ, וואָס ס'באַלאַנגט צו חזנות בפרט און אידנטום בכלל. געווען וויים פּרעזידענט פון שיקאַגער חזנים פאַרבאַנד און איז איצט סעקרעטאַר. ער איז אלזייטיג באַליבט.

מ. ראם

באַרימטער חזן, געבוירן אין נאַוואָ־אַלעקסאַנדראָווסק. ביז 18 יאָר געלערנט אין ישיבה. געזונגען טענאָר ביי קופּערן אין ווילנע, ביי יאָשע סלאָנימער, געווען דיריזשאָר ביי קאַהנען אין ווילנע און ביי סיראָטען אין מיטוי, קורלאַנד, געזונגען ביי ראַזומנין, ביי זיידל ראָוונער, געווען חזן אין פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע, אָנגעשריבן אַ ריי רעטשיטאַטיוון און ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס און געפינט זיך איצט אין ברוקלין ניו יאָרק.

יוסף רומשינסקי

איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע דיריזשאָרן, שעפער פון אידישער נגינה. געבוירן אין ווילנע, זינגט אינגלוויז ביי פאַרשיידענע חזנים אין שטאָט־שול, זינגט אַלט און איז גלייכצייטיג דיריזשאָר ביי בערנשטיינען אין „טהרת הקודש”, ביי יודל ראַבינאָוויטש אין דווינסק. געווען דאָרט 4 יאָר דיריזשאָר. דאָ האָט ער צוזאַמען מיט ראַבינאָוויטשן אויפגעפירט עטלעכע אָראַטאָריעס אין העברעיִש, גרינדעט דערנאָך צוזאַמען מיט אַ געוויסן שאַפּירא דעם „הזמיר” אין לאָדז, וואו ער פירט אויך אויף עטלעכע אָראַטאָריעס מיט אָרקעסטער. רומשינסקיס נאָמען קלינגט אָפּ ווייט איבער די גרעניצן פון רוסלאַנד און פּוילן. ער שטודירט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, פאַרפולקאָמט זיך אין קאָמפּאָזיציע, און שרייבט אָן אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע שאַפונגען.

קומענדיג קיין אַמעריקע האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום אידישן טעאַטער, וואו ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן און פאַרב אין דער אידישער אָפּערעטע־מוזיק. אין אַלע זיינע אָפּערעטן זעט מען דעם גרויסן פאַכמאַן, באַזונדערס בולט איז אין זיי די מאָ=

דערנע און געשמאַקפולע אָרקעסטראַציע. אלע זיינע שאַפונגען ווערן ביי זייער אויפפירונג אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.

רומשינסקי האָט אויך אָנגעשריבן א ריי ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס, פון וועלכע ס'צייכענען זיך גאָר באַזונדערס אויס דער „אז ישיר משה" און „ישמח משה", וועלכע ער האָט דיריגירט מיטן גרויסן חזנים פאַרבאַנד כאָר אויף זייער לעצטן קאָנצערט אין 1926.

ש.

אברהם שעכאָט

איז זיינע אלע יאָרן חזן אין טאַלנע, געהאַט גרויסע מוזיקאַלישע פייאיגקייטן, אָנגעשריבן א סך קאָמפּאָזיציעס אין אלטן טראַדיציאָנעלן סטיל.

דוד משה שטיינבערג

שטיינבערג דער בערדיטשעווער, שטיינבערג דער ווילנער, שטיינבערג דער אָדעסער; מיט אָט די דריי נעמען איז דער גרויסער מתפלל דוד משה שטיינבערג באַרימט אין דער אידיש-מוזיקאַלישער וועלט. געבוירן אין קישינעוו, וואו זיין פאָטער ר' אברהם דער חזן גיט זיין דוד משהלען א גרונטיגע קולטורעלע דערציאונג און האַלט פאַר אים די בעסטע מלמדים. זייענדיג אָבער געבוירן אין געזאַנג, ציט עס אים צום עמוד, זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין אהרעלעם שול אין אָדעס אין 1902. ער איז דערנאָך חזן אין בערדיטשעוו אין חיהם שול, איז שפּעטער שטאָט-חזן (נאָך סיראָטע) אין ווילנע און איז 14 יאָר אין דער גרויסער שול אין אָדעס. איז אויף

אַלע זיינע שטעלעס געשטאַנען מיט גרויס כבוד, און חוץ וואָס ער איז באַליבט געווען אלס ערשטקלאַסיגער מתפלל און וואונדערבארער זינ־גער מיטן כאָר, איז ער גאָר באַזונדערס ביי אַלעמען באַליבט געווען אלס מענטש.

ער קומט קיין לאָנדאָן, איז דאָרט מרעיש עולמים, און געפינט זיך די לעצטע עטלאכע יאר אין אַמעריקע, וואו ער איז אלזייטיג באַ־ליבט און שטייט אויף זיין איצטיגער שטעלע אין דארטשעסטער מאסס. מיט גרויס כבוד.

אפרים פישל שאולזאָן

געבוירן 1888 אין לובלין (פוילן). באַקומט א שטריינג רעלי־גיעזע דערציאונג ביי זיינע חסידישע עלטערן, און זאפט אלס קינד אריין אין זיך די זיסע תפלות פון זיין באַרימטן זיידן ר' פנחסל שוחט, וועלכער איז געווען א גרויסער מתפלל, זינגט דערנאָך ביי שלמה ראבעץ, שטודירט שפעטער אין דער בערלינער קאָנסערוואַ־טאָריע און קומט אָן אין 1908 אלס חזן אין וולאָצלאַוועק, וואו ער שטייט 15 יאר מיט גרויס כבוד. ער קומט דערנאָך קיין אַמעריקע, איז חזן א געוויסע צייט אין ביהמ"ד הג' נארפאלק סטריט און איז פאר די לעצטע צייט אין ריטשמאנד הילל, וואו ער איז זייער באַליבט סיי מיט זיין שיינער געשולטער מענאָר שטימע און מתיקותדיגע תפלות, אזוי גאָר באַזונדערס מיט זיין שיינער הנהגה אַלס שליח צבור הגון.

יוסף שאַפּיראָ

געבוירן אין 1890 אין דראזשנע פּאָדאָליער גוב. זיין ערשטע מוזיקאַלישע דערציאונג באַקומט ער ביי זיין פאָטער (אַ באַרימטער

בעל תפלה). צו 8 יאר זינגט ער שוין ביים שטאָטישן חזן ר׳ יודל, ער זינגט דערנאָך ביי לוי ליובערער, ביי דוד מעזשביזשער, ביי ניסן בעל־זער, ביי ליב שאפירא און ווערט באַרימט אלס יאסעלע דראזשנער, ער זינגט דערנאָך ביי זלמן ארענשטיין אין קאַמעניעץ, ביי הירש וויי־מאן אין טאַרנאָפּאָל און אַנדערע. שטודירט דערנאָך געזאַנג אין ווין, איז 2־טער קאַנטאָר אין 10־טן באַצירק, איז דערנאָך אויבערקאַנ־טאָר אין אלט־האפען, אונגארן. קומט אָן אין 1912 קיין אַמעריקע; איז 2 און האַלב יאר חזן אין דער „בית שלום״ שול און שטייט די לעצטע 14 יאָר מיט גרויס כבוד אין דער שול „בני ישראל ושארית יהודה״. ער איז אַלזייטיג באַליבט.

דוד שקאָלניק

געבוירן אין טשערקאַס, קיעווער גובערניע אין 1884. געזונ־גען קינדרווייז ביי משה קאַרעצקין אין קיעוו, ביי וולאדאָווסקין אין באַכ־מוט און יעקאַטערינאָסלאוו. צו 15 יאר שוין דיריגירט ביי פארשיידענע חזנים אין רוסלאנד, קומט 1904 קיין אַמעריקע, דיריגירט אין פילא־דעלפיא אין עטלאכע שולן, 2 יאר אין מאָנטרעאל, 2 יאר אין שי־קאגא, 5 יאר אין סט. פאול מינעאַפּאָלים. עפנט דערנאָך אין דעטראיט א פאָטאָגראפישע סטודיע, וואו ער גיט זיך אויך פון צייט צו צייט אָפּ מיט מוזיק, דיריגירט ביי דעטראיטער חזנים אלע ימים טובים און ימים הנוראים. ווען ס׳קומט א חזן א גאַסט, ווייס מען שוין, אַז אויב מ׳דאַרף אַ כאָר, וועט שוין שקאָלניק אלץ באַזאָרגן אויפן בעסטן אופן.

פנחס שערמאַן

געבוירן 1887 אין סמאשעוו, (פוילן). אין זיין קינדהייט געזונ־

גען בײם שטאָטישן חזן און דערנאָך בײ זײן ברודער דעם באװאוסטן בענדינער חזן (איצט אין שיקאַגאָ, אַמעריקע), אברהם יצחק שער־מאַן, צו 19 יאָר קומט ער אָן אַלס תּלמיד אין בירנבױמס חזנים שו־לע, װאו בירנבױם אינטערעסירט זיך זײער מיט אים און באַצײכנט אים פאַר זײנעם „אַ תּלמיד מובהק" און גיט אים אין די 3 יאָר פון זײן שטודיום אַ אַלגעמײנע מוזיקאַליש־קולטורעלע אױסבילדונג. צו 22 יאָר װערט ער אױפגענומען אין 1909 אַלס חזן־שני אין דער טלאָ־מאַצקער סינאַגאָגע אין װאַרשע, אױף װעלכער שטעלע ער שטײט ביזן הײנטיגן טאָג. ער האָט זיך פאַר דער גאַנצער צײט דערװאָרבן אַ סך פרײנט און פאַרערערס, באַזיצט אַ ברײטע באַריטאָן שטימע, איז מוזיקאַליש. זײן חזנות איז אַ קאָפּיע פונם באַרימטן חזן גרשון סיראָטע. (מיט װעלכן ער איז געשטאַנען צוזאַמען אַ סך יאָרן).

יוסף שװאַרצמאַן

געבױרן 1902 אין בענדערי, בעסאַראַביע, געזונגען בײ דוד רױטמאַן, בײ משה שטײנבערג און בײ אברהמל קאַלעכניק, געלערנט אין קישינעװ, װאו ער הױבט אָן צו 17 יאָר דאַװנען בײם עמוד, באַ־זיצט לירישע טענאָר שטימע, קומט 1921 קײן אַמעריקע, איז חזן אין דער ליבאַװיטשער שול (ברוקלין), איז 4 יאָר אין „האַנטס פּאָינט סענטער" אין בראָנקס און איצט אין „קינגס ברידזש סענטער".

יוסף שײנפעלד

געבױרן אין דראָהאָביטש, גאַליציע אין יאָר 1902, קומט 1912 קײן ניו יאָרק, אַמעריקע, זינגט אַלט בײ אברהם פראַכטענבערג, יעקב דײמאָנד און אַנדערע, לערנט מוזיק און געזאַנג בײ אָרטיגע לערערס, באַזיצט טענאָר שטימע, איז חזן פון דער זכרון אפרים שול.

יוסף שטערנבערג

געבוירן אין קארפאטש (ביים פרוט) בעסאראביע אין יאר 1884 געזונגען ביי משה קיעווסקי, ביי זיידל ראוונער, ביי ניסן בעלזער און ביי נאָוואקאָווסקין, קומט 1923 קיין אַמעריקע, איז חזן אין פראווי־דענס ראוד איילאנד, באַזיצט גרויסע באַס שטימע און איז מוזי־קאליש.

מנחם מענדל שאַפּיראָ

געבוירן אין לידע, ווילנער גוב. אין יאר 1885, געזונגען ביי יוסף צבי כהן אין ווילנע, ביי מאיר בורשטיין און ביי שטראמבערגן אין כערסאָן, ביי אברהמל קאָלעכניק אין אָדעס, ביי בערנשטיינען און ביי סיראָטען אין ווילנע. קומט 1902 קיין אַמעריקע, געווען חזן אין קאָל־וואריער שול (נאָך קופערן), אין „שערי צדק" שול, אין „שומרי אמונה" און אַנדערע באַקאַנטע קהלות אין ניו יארק און אומגעגנט, באַזיצט לירישע טענאָר שטימע, דאַוונט זייער שיין און איז אַלזוי־טיג באַליבט.

יצחק ליב שאַפּיראָ

געבוירן אין טיקטין, לאָמזער גוב. אין יאר 1885, געלערנט אין ווילנער און ביאַליסטאָקער ישיבות, לערנט אויך אונטער ר' זלמן סענדערן אין קרינקער ישיבה, זיין חזנות הויבט זיך אָן פון לערנען און זינגען ביים באוואוסטן טיקטינער חזן ר' יצחק יעקב הארלאַפּ, וואו ער דערלערנט אויך שחיטה. איז אַ צייט דיריזשאָר ביים סובאַל־קער חזן ר' ליב חסיד, אויך אַ געוויסע צייט ביי יעקב פראהמאַן אין סיעדלעץ. ער איז דערנאָך חזן אין ראַזיאַנקע, דיוויענישאַק און מיי־

טשעט, קומט 1920 קיין אמעריקע, וואו ער איז א קורצע צייט חזן אין טשעלסי, מאסס. און איז די לעצטע 8 יאר אין סיילעם מאסס. באַזיצט טענאָר שטימע, איז מוזיקאַליש און איז א בר אורין.

חיים ליב שאַפּיראָ

געבוירן אין דוניליאָוויטש, ווילנער גוב. געזונגען אַלס קינד ביי חזן אברהם ליב גאווסייעוו אין מאָטעלע, מינסקער גוב. נאָכדעם ביי קאַפּל זשעטלער אין וואָלקאָוויסק, ביי חייקל מלאווער און ביי שלמה חיים רעזניק אין גראיעווע, געווען חזן אין בערעסטאָוויץ און סאמ־פּאָלנע, געקומען 1912 קיין אַמעריקע, געווען 6 יאר אין טראי, 7 יאר אין קענטאן און געפינט זיך די לעצטע 4 יאר אין פּאָרטלאנד, מעין. ער איז נחום גאָניענדזערס אן איידים און א שוואָגער פון די באוואוסטע מנגנים חזן יעקב ליב וואסילקאָווסקי פון ניו יארק און אליהו קאַנטאָר פון באָסטאָן. איז א מנגן און באזיצט א ליריש־דראַ־מאַטישע טענאָר שטימע.

אברהם יצחק שערמאַן

איינער פון די באריםטעסטע חזנים אין פוילן, געבוירן 1881 אין סטאַשעוו, ראדאָמער גוב. זינגט ביי די חזנים ר׳ יאסעלע און ר׳ משה ליב חזן, צו 13 יאר דאַוונט ער שוין אַליין ביים עמוד. ניט קענענדיג קיין נאָטן, שאפט ער שוין עטלאכע אייגנאַרטיגע נגונים, צו 17 יאר האָט ער חתונה, ווערט א סוחר, פארלירט אָבער זיין געלט און נעמט זיך צו נגינה. ער פאָרט קיין טשענסטאָכאָוו צו בירנבוימען, וואו ער דערלערנט גרונטיג מוזיק און חזנות, איז דערנאָך חזן אין: סטאַב־ניץ, קראשיק, קוטנע, שידלאָוצי, בענדין און סטאַניסלאַוואָוו (גאַ־ליציע). צוליב דער וועלט־מלחמה קומט ער אָן אין דער רי דע פּאווע

שול אין פאריז, וואו ער דאַוונט שבועות מיט גרויס דערפאָלג. דאַוונט דערנאָך אין איינגלאנד: לאָנדאָן, ליווערפול, מאנשעסטער, לידז, איז דערנאָך חזן אין טאראנטא (קענעדע) אין דער בית יעקב שול. איז א צייט חזן אין ניו יאָרק, אין שיקאַגאָ, אין דעטראיט און געפינט זיך איצט אין שיקאגאָ. האָט אָפּגעדרוקט פאר דער צייט א ריי אינטערע- סאנטע רעסיטאַטיוון מיט פיאנא באגלייטונג און אויך עטלאכע מיט כאָר באגלייטונג.

יעקב שווארץ

געבוירן אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק אין יאר 1886, זינגט אלט ביי איציקל (יצחק) שקאָלניק. צו 17 יאר אַנטוויקלט זיך ביי אים א באַ- ריטאָן שטימע. ער פאָרט קיין ווין, שטודירט געזאנג ביי האַבּיגן און חזנות ביי יוסף וואסער. ער לערנט אויך חזנות פון די באַרימטע חזנים: חזן אייזשע אייבעשעס אין אוהעל און ביי חזן קלמן לעוו אין ניו יארק, זיין ערשטע חזנות איז געווען אין ווין, דערנאָך קומט ער קיין אַמעריקע, איז חזן 2 יאר אין נארפאלק, ווירדזשיניא, 1 יאר אין סטייט סטריט טעמפל און געפינט זיך איצט אַלס חזן פון דער קאָנגרעגיישן „בני ישורון" אין ניו יארק.

חזן שווארץ איז געווען סעקרעטאַר און דערנאָך אויך פּרעזי- דענט פון חזנים פארבאנד, איז זייער טעטיג אינם קאַמף צו דערהויבן דעם מצב החזנות, האָט געגרינדעט א חזנים אינסטיטוט, פון וועלכן ער איז אויך דער דירעקטאָר און ניט קוקנדיג, וואָס זיין טעמפל איז שטרייננג מאָדערן, באמיט ער זיך אָבער דאָרט דעם נוסח התפלה איינצוהאלטן. ער פּאָפּולאריזירט דאָרט טראדיציאָנעלע תפלות אין מאָדערנעם גייסט, איז זייער באליבט און פּאָפּולער, און א ריי פון זיינע תלמידים פארנעמען חזנות שטעלעס אין מאָדערנע טעמפלען.

קעגנווערטיגע חזנים
און דיריזשאָרן

לויטן „אלף־בית".

א.

אווערבאך א.
אדאָלף מארטין.
אשכנזי מיכאל.
אפפעל יודל.
ארקוש שמואל.
איידלין חיים יהושע.
איידלין אברהם יצחק.
אלער אברהם נ.
אלטער נפתלי.
אסטראף י.
אמיאם אַלעכסאנדער.
אָפּענהיים מ.
אפאליאן א.
אלמאַן שמואל.
אראָנס י.

ב.

בראסלאַווסקי צבי.
בראסלאווסקי שלמה.
בארקין אברהם.
ביינהאָרן שלמה.
בראונשטיין שלמה.
בלאכמאַן נחום.
בערעזאָווסקי אשר.
בערמאן א.
בראָדסקי דוד.
בראבינסקי דוב.
בינדער אַברהם ו.
בארסקי ישראל.
בוימאַן אלתר.
באָרנשטיין יחזקאל.
ברעטש.
באראנאָווער יוסף.
בורשטיין מאיר.
באיארס ג.
ברוין מ.
בערגין.
בלום.
בארנעט ס. ד.
בראדי ה.
באָיארסקי ר.
בלאקמאַן ס.
בינדמאן ב.
באטיסט א.
בראָדי י.
באך ס.

ג.

גאָטליב ישראל דוד.
גרינפעלד ישראל זאב.
גראפמאן שאול.
גאָלד יוסף.
גאָלדסמיט (מאלאצקי) יצחק.
געלבאָרט מ.
גאָלדשטיין וועלוול.
גאָלדשטיין ניסן.
גאָווויסייאָוו אַברהם ליב.

גרינבערג תורדוס.
גורוויץ
גאזינסקי ס.
גריבעץ מנחם מענדל.
גאנאפאלסקי (גאז) מ.
גריצהענדלער
גומעניוק אהרן.
גורמאן גדליה.
גליקמאן י.
גערסטאן א.
גידאנסקי א.
גראסמאן ב.
גאלדמאן פ.
גודמאן מ.
גרונדשטיין נחמיה.
גאלדשטיין י.
גארליק מ.
גריכטמאן ס.
גערסאן י.
געימאן וויליאם.
גרינבוים י.
גארטענהויז ל.
גאלדפינגער א.
גאלדבערג י.
גערטלער ה.
גאלדענבערג א.
גרוימאן א.
גאנטשאף מ.
גליק ב.
גאלדבערג ש.

ד.

דאפפעלט אשר הלוי.
דיימאנד משה.
דזשוליוס אסקאר.
דארגאזשאנסקי.
דאווידאוויטש יחיאל.
דאנציס יעקב.
דלין יהושע.
דיימאנד ס.
דזשוליוס א. פ.
דינקין א.
דייטש ס.

ה.

האלפערן צבי.
האלמץ אלעקסאנדער.
הירשין אליהו.
הערלאנדס יצחק.
הארטמאן.
הובערמאן משה.
האמבורג.
היללער י.
הייאמס ב.
העלבערג, א.
האפמאן מאקס.
האלענדער א.
האיט ל.

וו.

וויינראט ישראל.
וואלפיש חיים.
וואָלפסאָן חזקיה.
ווייזמאן אליהו.
ווֹלאדאָווסקי בערנארד.
וואָלפסאָן ד. (קאָוונע)
ווארשאָווסקי אברהם.
וואלמאן י.
וויקאָנסקי ס.
ווערניק ד.
וואליצקי א.
וואנדערער י.
וויין לואים.
וויינער י.
וואורף יצחק.

ז.

זינגער אברהם.
זינגער פסח (באטינער)
זעטלער קאָפּל (וואָלקאָוויסקער).
זילבערפעלד יוסף.
זשאלקאָווער (מאזער) ישראל.
זומערפויגל.
זאסלאווסקי קלמן.
זיטענבערג א.
זאלים הערמאן.
זאָממערשטיין י.
זאלצבערג מ.
זעליקאָוויטש ה.
זאלאטיסט א.
זאסלאווסקי א.

ח.

חסיד (סובאלקער) ליב.
חאטען מ.
הורין ה.

ט.

טקאטש ישראל ליב.
טשעני ש.
טשעסוואן מ.
טייטעלבוים חיים מאיר.
טישקאף אהרן.

י.

יאָסעלעוויטש שאול.
יודעלמאן משה בער.
יאקובאָוויטש יעקב.
יפה מאיר.
יפה ב.
יאסענפעלד פ.
יאססען א.
יבנה זלמן.

כ.

כאווקין נתן נטע.

ל.

לאָפּאטא נחמיה.

לוצקער אפרים (ווײמאן).
לײבאָװיטש אברהם.
ליפּיץ אהרן.
לעווין אלתר.
לעווין ישעי'.
לעוויצקי משה.
ליגעצקי.
לעווקאָוויץ לעאָפּאָלד.
לעוו קלמן.
לים משה.
לעווי משה ארי'.
ליובעצקי.
ליאכאָוויצקי יצחק מרדכי.
לעווין נח.
ליפּמאן אברהם בער (ריבניצער)
לוואָווסקי.
ליבערמאן זאב וואָלף.
לעווין א.
לואים א.
לעווין י.
לעשאווסקי י.
לעססין ס.
לעווקאָוויטש ה.
לינד יהושע.
ליעב י.
ליש י.

מ.

מינסקי רפאל.
מנשסתר ש. א.
מילקאָווסקי חיים אלי'.
מיללער דזשוליוס.
מיללער בערל.
מארכביין ארי' ליב.
מאנדעלבלאט אשר.
מיעסאָנדזשניק פּנחס.
מאקיעווסקי
מיללער י.
מיללער א.
מיכעלסאָן ש.
מוסקאט.
מענדראזא יוסף.
מיכלעוויטש ש.
מייערזאוויטש ה.
מאסלאָף מ.
מישקין יהודה.
מעשאלאָף מ.
מאן יוסף.
מאלאווסקי שמואל.
מארגאָלים ז.

נ.

נתנאלס משה.
נאגלער יעקב.
נײמאן (מאנטשעסטער).
נעמראל מ.

ס.

ספּיוואק יוסף.
ספּיוואק יודל.

ספיוואק זכריהו.
ספיוואק אפרים.
ספיוואק יעקב.
ספיוואק קלמן.
סיקער חיים.
סילווער מארק.
סרולעוויטש ישראל.
סאראווייסקי משה.
סענדלער יעקב קאפל.
סעגאלאָוויטש קלמן (פאלטאַווער).
סטאוויצקי.
סורקעס ליב (פון מעזשביעזש).
סיראטא בצלאל.
סיראטא יוסף.
סאלוואטאָר.
סיגנאיעווסקי מ.
סיגעל א.
סאמעט א.
סטאל ש.
סטויצקער א.
סאלאמאנס ס. י.
סאמועל י.
סטאלעוו וו.
סלוצקי מ.
סיגעל ה.
ספעקטאָר העברי.
סלעיטאן א.
סודערנער דזש.
סילווערמאן א.
סאנדלער ס.
סטאר מ.

ע.

ערשטלינג משה.
עסקאָוויץ זונדל.
עלשטיין אברהם.
עממערמאן פנחס.
עממערמאן אלעזר.
עלשטיין ה.

פ.

פאדען אברהם.
פרידמאן אברהם אליהו.
פוטערמאן דוד.
פיין שמעון.
פילעלסקי בערנארד.
פריעד מאיר.
פראהמאן לואים.
פערעצמאן פייבוש שמעון.
פלאָטקין דוד שלמה.
פינקאָסעוויטש שלמה.
פייסאכאָוויץ בנימין.
פאטשומאק.
פרידמאן שבתי.
פאלישוק שמואל.
פרידוואלד דוד.
פראמיסלאווסקי אלקנה.
פיין ס.

פעלדמאן.
פערלמאן י.
פעטער י.
פאקמאן.
פאלעטץ, ב.
פעקער נ.
פרימאן י.
פרידבערג ם.
פלאטאָוו פ.
פאסס א.
פראהמאן ד.
פיינגאָלד ל.
פעווני דוד.
פאָגעל מ.
פישבאַך ם.
פריד א.
פישר ג.
פראנק א.
פאסקעל ש.
פאָרגאַיעצקי י.
פאָלאק מ.
פערלמאן ע.
פאָלינסקי מ.
פאָרטנאָי ד.
פאָדראבינעק מ.

ק.

קאַנטאָר אברהם.
קאַנטאָר נחום.
קילעמניק יהודה ליב.
קעלמאַנסקי יעקב.
קראסנאָוו פסח.
קערנער מאיר.
קאַפּלאן דוד ליב.
קאץ יצחק.
קאטיליאַנסקי חיים.
קליינער צבי הירש.
קודרע יצחק ליב.
קופער שלמה.
קיעווסקי משה.
קאראטשיק.
קערנער אליהו.
קערנער מאיר.
קיבעל ם.
קאהאן א.
קאלעמאן אברהם ב.
קאָהען י.
קיבעל י.
קאץ א.
קליין, ה.
קליין ד.
קרעמער מ.
קאהאן י. ל.
קירש י.
קאַגנאָר א.
קאנוויסער מאיר.
קאנוויסער ע.
קאטשמאראָף מ.

קאַספּער י.
קאַפּלאַן ד.
קאַליש קלמן.
קאַטלאָוויץ מ.
קליינער ה.
קאַפּלאַן י.
קאַמינעטשער א.
קעניגסאָן י.
קאַמינסקי י.
קאַנעווסקי י.
קאַטשקאָ אַדאָלף.
קאַנטאָר ש.

ר.

רעזניצקי קלמן (ניעשאַווער).
ראָטשטיין שמאי.
ראָזענבליט ראובן.
ריוויל (בן אש).
ראַפּאָפּאָרט ב.
ראָזענבערג ג.
ראַבינאָוויטש מ.
רייזען ס.
רובינשטיין ה.
ראָקאָף ה. ל.
ראָז א. י.

ש.

שאַפּירא אברהם.
שאַפּירא יצחק.
שפּונד גרשון.
שלעגער ד.
שעכטער משה.
שעכטער דוד.
שטיינבערג יעקב (יאָהאַניסבורג).
שנורמאַכער מאַקס.
שולזינגער חיים.
שולמאַן.
שלעפּאַק אפרים.
שלאָם.
שיינוואַלד ישראל זאב ארי׳.
שעפּסעס דוד יהודה.
שקאָלניק שלמה.
שאַכטעל ברוך.
שעכטער אברהם.
שיינפעלד מ.
שלעזינגער גוסטאַוו.
שלעזינגער י.
שנורמאַכער מאַקס.
שוואַרץ ב.
שניפּילינסקי א.
שייפער א.
שילדקרויט ש.
שאָר א.
שיפּמאַן ל.
שיקאָף ב.
שיינפעלד י.
שעפּס ד.